STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00976

ZIKHROYNES FUN A YIDISHN PARTIZAN

Meilech Bakalczuk-Felin

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Carolyn Litwin & Gertrude Abrams
in memory of
Simon & Julia Sandstein Abrams

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מלך באַקאַלטשוק־פעלין

זכרונות פון
אַ יידישן פּאַרטיזאַן

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

135

רעדאַקטאָר:
מאַרק טורקאָוו

פֿאַרלאַגס-לייטער:
אַבֿרהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פון בוך.

מלך באַקאַלטשוק־פעלין

זכרונות פון
אַ יידישן פּאַרטיזאַן

*

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס איירעס, 1958 — תשי״ח

דעם

הייליק-הייליקסטן אָנדענק

פון

מיינע טייערסטע — דאָרע, פעלינקע, נעכע —

פון

מיינע אומפאַרגעסלעכע עלטערן — ברוך און שרה —

פון

מיינע געטרייע ברידער — הרב צבי-הירש און יהודה-לייב
מיט זייערע משפּחות

פון

מיינע האַרציקע שוועסטער — אסתר-גאָלדע און
ריוועלע מיט איר פאַמיליע

פון

מיין איבערגעגעבענער משפחה

פון

מיינע טראַגיש-אומגעקומענע שילער

פון

מיינע חברים און פריינד.

אינהאַלט

נאָך „שניט"... — 9

אין פעלד און אין וואַלד — 19

דער ערשטער באַגאַן — 29

דער איבערפאַל אויף וויסאָצק — 46

אין רעגנדיקע טעג — 57

דער נס פון סטאַלינגראַד — 64

די פּאַרטיזאַנער־זאָנע — 70

אין אָזיערסקער זעמליאַנקע — 79

„סוואָריטשעוויטש — די צווייטע מאָסקווע" — 89

די ברייסקער פּאַרטיזאַנער אין פּאָלעסיער וועלדער — 101

„זשיד־אָזיעראָ" — 111

„באַנדעראָווצעס" — 126

די אָבלאַוועס פון דייטשן — 137

די פּאַרטיזאַנער־קאָנפערענץ — 148

דער בלוטיקער דערנער־וועג פון יידישן פאַמיליע־לאַגער — 162

די שלאַכט אין פערעקאַליע — 177

בלוטיקע מאַי־טעג — 189

דער פראפאגאנדע־טור — 199
אַ פּאַרטיזאַניש לאַנד — 208
די רעדאַקציע פון „טשערוואָני פּראַפּאָר" — 215
אונדזערע פּובליקאַציעס אין לאַסיצקאַ — 222
אין לאַסיצקער וואַלד — 227
די זעקס־יאָריקע פּאַרטיזאַנקע — 232
קאַמפן מיט דייטשן אין ליטינסק — 245
אַזיערי — אַ גרויסער פּאַרטיזאַנישער צענטער — 250
אויף מזרח־פּאָלעסיע — 255
אין די דובניצקער וועלדער — 260
אין דער פראָנט־זאָנע — 267
אויף דער פראָנט־ליניע — 272
לעצטע קאַמפן פון אונדזער פּאַרטיזאַנקע — 279
מיר זענען אַרויס פון די פּאַרטיזאַנער־וועלדער... — 285
חורבן וואָלין — 290

נאָך „שנ״ט“...

אלול־טעג אין 1942. יידישע שטעט און שטעטלעך אויף פּ אַ ל ע ס י ע און וואָלין, אין קלעם פון די שטעכל־דראָטן און אין די נעגל פון נאַצי־פאַשיסטישע משחיתים און הענקער, האָבן אויסגעקוקט ווי שטאַרצנדיקע וויינענדיקע ווערבעס ביים אָפּגרונט. יידישע קהילות זענען דאַן געטריבן געוואָרן צו דער שחיטה. די געטאָס זענען הערמעטיש פאַרזיגלט געוואָרן און שוצלאָזע מענער און פרויען, זקנים און קינדער זענען געפירט געוואָרן אין קאָלאָנעס צו די ג ר י ב ע ר. יעדע קאָלאָנע איז געווען אַרומגערינגלט און באַוואַכט פון נאַצי־סאַדיסטישע רוצחים, וואָס זענען געווען באַוואָפנט מיט ביקסן, אויטאָמאַטן און קוילנוואַרפער.

דאָס שטעטל אויף וואָלין איז נאָך איינגעהילט געווען אין נאַכט־טונקלקייט, ווען יידן האָבן זיך דערוווסט, אַז פון אַלע זייטן איז די געטאָ אַרומגערינגלט, און ווער עס וועט פּרווון אַרויסלויפן פון אירע צוימען וועט דערשאָסן ווערן.

אין פריאיקן באַגינען, ווען דאָס טאָג־ליכט האָט זיך דאָ און דאָרט אָנגעהויבן אויסטיילן און די לבנה, האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן צונויפגיסן מיט דער אויפשפּראָצנדיקער בלויקייט פון פאַרטאָג, בין איך צוזאַמען מיט מיין פרוי, דאָרע, און איין־איינציקער טאָכטער, פעלינקע, אַרויסגעלאָפן פון געטאָ. אַ גרויסע שיסעריי פון מאַשינען־געווער און פולעמיאָטן האָט אונדז פונאַנדערגעשיידט, באַלד ביים אַריבערגיין די געטאָ־דראָטן. איך האָב מיינע פאַרצווייפלטע בליקן געוואָרפן אין אַלע זייטן, אויף די אַנטקעגנדיקע אָפּגעשניטענע פעלדער און לאָנקעס, געשפּיזט מיין בליק אומעטום, אין יעדער בייט און מעזשע און אין יעדן שטיקל פליין און טאָל. אָבער כ׳האָב זיי שוין נישט געזען, גלייך ווי אַ תהום, אַ טיפער אָפּגרונט, וואָלט זיי אין זיינע טיפעניש איינגעשלונגען.

ביי די ברעגעס פון גראַף פלאַטערס וואַלד, 4־5 ק״מ פון שטעטל דאָמבראָוויץ, בין איך געשטאַנען און אויסגעקוקט מיין קינד און פרוי,

טאָמער באַווייזן זיי זיך. מיט יעדער רגע און סעקונדע, איז מיין פאַר־צווייפלונג געוואָרן גרעסער און שטאַרקער און מיין זינען איז פול געוואָרן מיט געשפּענסטער און גרוילן פון א ו מ ק ו ם. עס האָט זיך מיר גע־דאַכט, אַז אָט־אָט ווערן זיי — מיין ליב און קלוג קינד און איידל־שיינע פרוי — געפּייניקט דורך די תלינים.

אויף צו־להכעיס זענען געשטאַנען שיינע טעג און אויסגעשטערנטע נעכט. די פעלדער און פליינען זענען שוין געווען נאַקעט און אַנטבלויזט, אָפּגעשניטן און אַרומגעקאָסיעט, ווי די פאַרשניטענע יידישע שטעטלעך און ישובים, וואָס זענען געשטאַנען אויסגעליידיקטע אָן אַ יידישן נפש, אויף הפקר צעכראַסטעט און חרוב. יענער טאָג איז געווען אַ זוניקער און די שטראַלן האָבן געבלענדט די אויגן און געשפּיזט אין יעדן אבר, ווי מאָנסטער־שפּינען, וואָס האָבן נאָך מערער צעאייטערט און געררייצט מיין טראַגעדיע.

מעכאַניש האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קוסט — אַנטקעגן אַן אָפענער פאָליאַנע. עס האָט זיך געזען דאָס שטעטל. אין מיר ווערט רייף דער געדאַנק לויפן צוריק אין געטאָ, אפשר וועל איך זיך נאָך טרעפן מיט ווייב און קינד און עס אַרט מיך נישט אויב עס וואָלטן געווען די לעצטע רגעס פון מיין לעבן, אָבער כ׳וואָלט דאָך דערפאַר געווען מיט זיי, און מיר וואָלטן צוזאַמען געטיילט דעם גורל פון אומקום.

אָבער גראָד דאַן, אין יענע רעזיגנאַציע־רגעס, האָב איך דערהערט טריט פון גאַנץ נאָענט. איך האָב דערזען די דריי קינדער פון מיין על־טערער שוועסטער אסתר־גאָלדע, וועלכע האָט אַרויסגעשיקט די קינדער פון געטאָ און אַליין האָט זי נישט באַוויזן אַרויסצולויפן. כ׳בין צוגע־לאָפן צו זיי. עס איז מיר באַלד דורכגעפלויגן אַ געדאַנק, אַז אפשר טאָר איך זיי נישט לאָזן אַליין אין וואַלד. עס האָבן זיך דערהערט טריט ביים ראַנד פון וואַלד און איך האָב דערזען נאָך אַ פּאָר יידן, צווישן זיי מיין קוזין, אפרים באַקאַלטשוק.

„לאָמיר אַריינגיין אין וואַלד!”, האָט אַ זאָג געטאָן אפרים. גאַנץ גלייכגילטיק זענען מיר דעם דאָזיקן רוף נאָכגעגאַנגען. דאָס געוויסן האָט אָבער געצופּט מיין יעדן אבר און מיט איטלעך טראָט איז מיר דאָס האַרץ פאַרלאָפן מיט בלוט, וואָס איך פאָלג נישט מיין געדאַנק צוריקצוקערן

זיך אין געטאָ, ווו כ׳וואָלט, אפשר, געקאָנט נאָך זען מיין פרוי און קינד — כאָטש אויף עטלעכע רגעס און סעקונדן.

מיר זענען אַריין טיפער אין וואַלד און זיך געלייגט אויף באַגראָזטע שטיקער ערד, אָנגעלענט די קעפּ אויף שטאַמען פון ביימער און קוסטעס. אין גרויסע יסורים איז יעדערער פון אונדז געלעגן און זיך געקאָרטשעט פון געוויסנמאַטערניש. מיר זענען געלעגן פאַרשטיינערטע אַ גאַנצן טאָג. איינער האָט צום צווייטן קיין וואָרט נישט גערעדט. עס איז שווער גע־ווען אַ וואָרט אויסצורעדן, נאָך שווערער ווי אויפהייבן אַ גרויסע משא. מען האָט שווייגנדיק זיך איבערגערעדט מיט דער שטים פון געוויסן, וואָס האָט אונדז געמאַטערט, און זיך אַריינגעטראַכט וועגן די זיגזאַגן פון בלינדן גורל.

און דער אָוונט איז צוגעפאַלן. דער וואַלד האָט זיך איינגעהילט מיט נאַכט און פינצטערניש. אַ געדיכטע שאָטנדיקייט האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער אַלע ביימער און קוסטעס. נאָר אויבן איז דער הימל געווען אויס־געשטערנט. די לבנה האָט זיך אויסגעטיילט מיט איר פולקייט און ליכ־טיקייט. עס האָט זיך אויסגעטיילט דער מילכוועג, ווי ער וואָלט געווען איינגעפּאַסט צווישן די שטערן און דער רונדער לבנה. קיין זאַך האָט זיך נישט געענדערט. דער סדר פון דער וועלט ענדערט זיך נישט.

מיר האָבן אַלץ ווייטער און טיפער געשפּרייזט אין וואַלד, מיט שווע־רע און האַמעטענע טריט, צווישן דיקע באַיאָרטע ביימער. הינט פון וואַלד־וועכטער האָבן דערשפּירט אונדזערע טריט און זיך צעבילט.

אַ קיילעכדיקע נאַכט זענען מיר געגאַנגען. דער פירער איז געווען א פ ר י ם און דער מילכוועג האָט אונדז אַלעמען געוויזן דעם וועג, ווי ער וואָלט באַגלייט די ברענענדיקע טריט פון אונדזערע מידע פיס. ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דער וואַלד און מילכוועג זענען מיט בלוט־פלעקן און קאַלוזשעס. ריטשקעס בלוט פון דער שחיטה אין שטעטל ציען זיך נאָך אונדזערע שאָטנס און פאַרלויפן דעם וועג.

מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען דערפער און כוטאָרס. אפרים האָט גע־ווּסט ווי פאַרבייצוגיין, מיט וואָסערע אומוועגן און סטעזשקעס, כדי מען זאָל אונדז נישט באַמערקן. פּאָליציי איז דאָך געווען אין אַלע דערפער און רוצחישע פויערים האָבן געלויערט אויף יידן.

עס איז נאָך געווען אַ פּאָר שעה צו טאָג, ווען מיר זענען צוגעקומען צום דאָרף ב ר אָ ד נ י צ ע, אויף פּאַלעסיע. שוין דער נאָמען פון דאָרף זאָגט אונדז פון בלאָטעס און טיפע קאַלוזשעס. אַרום דאָרף זענען געווען אייביק־שטייענדיקע זומפּן, וואָס זענען טיפּיש פאַר פּאַלעסיע. די הינט אין דאָרף האָבן די ערשטע דערשפּירט אונדזערע טריט און האָבן זיך גרויליק צעבילט. ווי זיי וואָלטן אויך קאָלאַבאָרירט מיט די דייטשן.

אפרים האָט גוט געקענט דאָס דאָרף, יעדע כאַטע און יעדן פויער. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ ריי שטאַלן און שייערן, וואָס זענען געשטאַנען האַרט ביי אַ װעלדל. די ביימער האָבן באַשאָטנט דאָס דאָזי־קע הויז, מיט אַלע אירע שייערן און שטעלכלעך. מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט, האָט אפרים געעפנט די קאַליטקע פון הויף, עס זאָל דעם מינדסטן גרילץ נישט געבן. אָבער דער אַלטיטשקער פויער, י ע ס י פ, האָט דערהערט ווי מען האָט מיט דעם פאַררוקער אָן עפן געגעבן דעם טויער, און איז אַרויס זען וואָס עס האָט פּאַסירט. ער איז שוין געווען אַ בן־שמונים און, אָנגעשפּאַרט אָן אַ סענקעוואַטן שטעקן, איז ער אַרויס פון זיין כאַטע. ווי ער האָט אונדז דערזען, האָט ער באַגריפן, אַז מיר זע־נען אַנטלאָפן פון געטאָ. אפרימען האָט ער דערקענט. ווען כ׳האָב אים געזאָגט, אַז איך בין פייגע־חיהס אַן אייניקל, האָט ער מיר געגעבן די האַנט און זי שטאַרק אַ דריק געטאָן. מיין באָבע ז״ל פלעגט האַנדלען מיט ש נ י ט איבער די דערפער און אין דאָרף בראָדניצע האָט זי געהאַט איר סטאַבילע קליענטעלע. אָט ביי דעם־אָ יעסיפן האָט זי געהאַט איר סטאַנציע. דאָס אַלץ האָט יעסיפּ געדענקט און ער האָט עס מיר געזאָגט ביי דער ערשטער באַגעגעניש. ער האָט אונדז אַריינגעפירט אין איינער פון זיינע סטאָדאָלעס און אונדז אָנגעזאָגט: „זיצט דאָ שטיל, רעביאַטאַ!״ דער דאָזיקער גוטהאַרציקער און נאָבעלער אַלטיטשקער פויער, האָט באַלד באַגריפן זיין עטיש־הומאַניטאַרע פליכט און האָט מיט זיין טאָט ריזי־קירט פּאַקטיש, זיין אייגן לעבן, ווייל די דייטשן וואָלטן אים דערשאָסן, ווען זיי דערוויסן זיך פון דעם.

מיר זענען געלעגן צוויי טעג אין יעסיפס שייער, מורא געהאַט אַ בליק צו טאָן אַפילו דורך די שפּאַרונעס פון די קיילעכדיקע דעמבענע קלעצער, פון וועלכע ס׳איז געבויט די פּאַלעסיער קליונע. אַ פּאָר מאָל

אין טאָג האָט אַ סקריפּע געגעבן דער טויער פון קליינע און יעסיפּ איז אַריינגעקומען, טראָגנדיק אונטער זיין צעדריבלטן אַלטן קאָזשוך ברויט און מילך, בוראַקעס־באַרשטש און געבאַקטע קאַרטאָפל.

מיר האָבן אויפן צווייטן טאָג, אין אָוונט, פאַרלאָזט זיין שייער. ער האָט אונדז מיט קיין איינציק וואָרט נישט אָנגעדייט, אַז מיר זאָלן אַוועק־גיין, נאָר מיר האָבן אָבער נישט געוואָלט שטעלן אין סכנה דאָס לעבן פון אַזאַ גוטן פויער. גראָד איז אין דאָרף אָנגעקומען זשאַנדאַרמעריע צו נעמען פּאָסטאַווקע ביי די פּויערים און פלעגן אויך אַרומגיין זוכן און נישטערן אין די הויפן. חוץ דעם, האָט אונדז געטריבן עפּעס אַן אומרו־איקייט צו גיין ווייטער, הגם מיר האָבן אַליין נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך און וווהין מיר זאָלן גיין.

די געטאָס אין אַלע אַרומיקע שטעטלעך האָבן שוין נישט עקזיסטירט. עס זענען שוין פאַרגעקומען די טאָטאַלע אַקציעס און פון שפּרודלדיקע יידישע קהילות זענען בלויז געבליבן ברידער־קברים. יעדע שטעטל יידן איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך דערשיסן זיי אין גריבער. עס האָט בלויז עקזיסטירט אַ געטאָ אין מיין געבוירן־שטעטעלע, סערניק. אויך אין פּינסק איז נאָך געווען אַ געטאָ. אין סערניקער געטאָ האָבן נאָך געלעבט וועלכע 900 יידן, מייסטן פרויען און קינדער, ווייל אַלע 80 פּראָצענט מענער זענען דערשאָסן געוואָרן בעת דער תשעה־באב־אַקציע, אין 1941. גלייך ווי איבערגעלאָזענע און פאַרגעסענע זאַנגען אויף אַ פעלד נאָך ש נ י ט, אַזוי האָבן געשטאַרצט אין טויטשרעק און אימה די איבערגעבליבענע יידן אין סערניקער געטאָ. אין פּינסק, די עיר ואם בישראל, זענען גע־בליבן אין געטאָ בלויז אַ פּאָר טויזנט יידן. באַלד ווי די דייטשן זענען אַריינגעקומען, האָבן זיי דערשאָסן 8.000 מענער לעבן דעם שטעטעלע איוואַניקע, און דערנאָך זענען פאַרגעקומען וויטערדיקע „אַקציעס“, ביז ס׳זענען פאַרבליבן אַ פּאָר טויזנט יידן.

סערניק איז 5־6 ק״מ פון בראָדניצע. הגם איך האָב געוווּסט, אַז אַ ליאַדע טאָג וועט די געטאָ ליקווידירט ווערן און דאָס שטעטל וועט בלייבן „יידנריין“, דאָך האָט מיך געצויגן צו גיין קיין סערניק, עס איז דאָך פּאַרט געווען מיין ה י ם, און דאָס דאָזיקע וואָרט האָט דעם זיסן און זאַנפטן קלאַנג, וואָס רופט ביי דיר אַרויס צוטרוי און אילוזאָריש־

קייט אַפילו אין דער סאַמע שווערסטער צייט, קלערנדיק צו געפינען אונ־טער די היימישע פליגלען כאָטש אַביסעלע שוץ און זיכערקייט.

אַנדריי, יעסיפּס זון, וואָס איז געווען הויך ווי אַ טאָפּאָל נעבן זייער הויז, און טויב ווי די שווייגנדיקע און שטומע פּאָלעסיער נאַכט, האָט אונדז אַרויסגעפירט פון דאָרף דורך סטעזשקעס און אומוועגן, גערטנער און הויפן. ער איז געגאַנגען פאָרויס און מיר נאָך אים. מיט לאַנגע סענ־קעוואַטע שטעקנס זענען מיר נאָך אים נאָכגעגאַנגען, טראָט נאָך טראָט און שטעג נאָך שטעג. ער האָט אונדז אַריבערגעפירט די בראָדניצער זומפּן, וואָס האָבן געהאַט אַ שם אין דער געגנט. זיי זענען געווען צעגאָסן ווי גע־דיכטע ראָשטשינעס, און איבער זיי זענען געלעגן זשערדיעס און לאַנ־גע קיילעכדיקע פּאָליאַנעס האָלץ. זייער גרינג האָט מען געקאָנט פאַר־לירן דאָס גלייכגעוויכט און זיך אַריינגליטשען אין זיי לעולם ועד. מיר זענען אַריבער די טיפע בלאָטעס און קאַלוזשעס, וועלכע זענען געווען אי־בערגעלייגט מיט קלאַדקעס.

נאָכן אַריבערגיין די בראָדניצער קלאַדקעס, האָב איך שוין גוט גע־ווּסט דעם וועג צו מיין היימיש שטעטל. עס איז שוין געווען מיטנאַכט און די לבנה איז געווען אַ ליכטיקע און אַ גרויסע. בעסער האָבן מיר גע־וואָלט, אַז עס זאָל זיין אַ שטאָק־פינצטערע נאַכט ווי אין כסלו. מיר זענען אַרויף אויף דער סערניקער גרעבליע, וועלכע פלעגט פרילינג־צייט און האַרבסט פאַרגאָסן ווערן מיט וואַסער פון די דערבייאיקע בלאָטעס און זומפּן. אויך אויף דער גרעבליע זענען געווען בריקלעך און קלאַדקעס. יעדע בריקל און קלאַדקע איז מיר געווען גוט באַקאַנט. אויף דער דאָזי־קער סערניקער גרעבליע האָבן געטראָטן דורות יידן.

דורך זייטיקע געסלעך, ווי נאַכט־רויבער, האָבן מיר זיך דערנענ־טערט צום שטעטל. מיר האָבן איבערגעבראָדיעט דעם פלאַכן טייך „סטור־בלא“ און זענען צוגעקומען צו די נאָענטסטע הייזער פון שטעטל. איט־לעך טראָט און שאָרך האָט ביי אונדז אַרויסגערופן אַ שרעק. עס האָבן אָפּגעהילכט די שווער־באַטשוועקטע שטיוול פון די אוקראַינישע פּאָלי־ציאַנטן און דייטשן.

מיר האָבן זיך אַריינגעגנבעט אין אַ פּויערישן הויף און דאָרט זיך פּאַרטייעט אייניקע רגעס ביז די טריט פון דער פיינטלעכער וואַך וועלן

זיך דערווייטערן. מיר האָבן זיך אַריינגעשלייכט אין אַ יידישן שטאַל. ער איז געווען גראָד אָפּן און אין דער גרעסטער שטילקייט האָבן מיר זיך געלייגט אויף דער גאָלער ערד. דער דאָזיקער שטאַל איז שוין געווען אין תחום פון געטאָ. פּאַרטאָג זענען אין שטאַל אַריין שלמהקע טורקעניטש און דער אייגנטימער איציק וואָראָנאָ. זיי האָבן אונדז דערציילט, אַז אין שטעטל ווייסט מען שוין פון דער דאָמבראָוויצער שחיטה, און האָבן אונדז פאַרזאָגט צו זיצן אין שטאַל, ווייל די פאַראָרדענונג פון געביט־קאָמיסאַר איז, אַז אויב אַ ייד אַנטלויפט פון אַן אַקציע, דאַרף ער דערשאָסן ווערן אַפילו דאָרט, ווו עס עקזיסטירט נאָך אַ געטאָ. די יידן אין שטעטל האָבן זיך באַלד דערוווסט פון אונדזער צוריקקומען און בגניבה פאַר פּאָליציי און דייטשן זענען זיי געקומען אין שטאַל. כ׳האָב שוין אין מיין היימיש שטעטל נישט געהאַט מיינע עלטערן, נישט מיין ברודער און קיינעם נישט פון מיין פאַרצווייגטער משפחה. מ׳יין אַלטער טאַטע, ברוך בן אהרן, אין עלטער פון עטלעכע אַכציק יאָר, און מיין מיטעלער ברודער, יהודה־לייב, זענען אומגעקומען אין דער תשעה־באב־אַקציע פון 1941, און מיין מאַמע, שרה בת מאיר, האָט אויסגעהויכט איר נשמה אין יאָר 1940. כ׳האָב שוין נישט געהאַט מיין טייערע און איידעלע שוועסטער ריוועלע מיט איר פאַמיליע.

מיר זענען געווען פאַרשטעקט אין שטאַל בלויז עטלעכע טעג. דערנאָך זענען מיר אַרויס. פאַרוואָרלאָזט און פאַרווינט האָט דאָס שטעטל אויסגעזען. די הייזער מיט די שינדל־דעכער און מיט שטרוי באַדעקט האָבן אויסגעזען אבלדיק, ווי זיי וואָלטן אויך געפילט דעם גזר־דין פון פ א ר ל ע נ ד ו נ ג. זיי זענען געשטאַנען פאַרוויקלט אין אימה און ציטערניש. די לעבנגעבליבענע מענער פון דער תשעה־באב־אַקציע האָבן אויסגעקוקט ווי אמתע סקעלעטן. זייערע אָדערן זענען געווען אָנגעדראָלן און האָבן קוים געשלעפּט די פיס פון צער און פון הונגער. כ׳האָב נישט דערקענט מיינע סערניקער יידן, וואָס זענען געווען געזונט פיזיש אין יאָרנלאַנג האָבן זיי געפראַצעוועט אין די וועלדער פון זשאלקין און סוואַריטשעוויטש, אין ניקאָלייעווע און דאָברויסק. זיי האָבן געהאַקט ביימער, זיי געזעגט און דערנאָך געקאָסטרעוועט. מען האָט גאַנצקעס פליטן געבונדן און מען האָט זיי געפירט צו נאָענטע און ווייטע טייכן, אַזש אויף

דער שטשאַרע און ניעמאַן, אויף דעם בוג און אויך אויפן ווייסל. דאָס גאַנצע שטעטל איז מערסטנס באַשטאַנען פון פרויען, וואָס זענען אומגע־גאַנגען מיט געלע געזיכטער, ווי פון פאַרמעט, און געקוקט מיט שטאַרע אויסגעלאָשענע אויגן. מען האָט רק גערעכנט די דיסטאַנץ פון איין שחיטה ביז דער צווייטער אין דער אומגעגנט, כדי פון דעם צו דרינגען וועפל טעג זענען נאָך דאָ צו לעבן.

קיין שום קלער אויף צו בלייבן לעבן איז דאָך נישט געווען, און דאָך פלעגט מאָמענטנווייז אויפבליצן אַ פונק, אַ שפּליטער פון אַ האָפע־נונג, אַז אפשר וועט קומען פלוצלינג אַ ישועה. דער דאָזיקער פונק האָט זיך באַלד אויסגעלאָשן, אָבער עס פלעגט ווידער אויפטויכן.

אַלערליי קלאַנגען האָבן זיך פאַרשפּרייט אין געטאָ. איינע האָט סותר געווען די צווייטע. אָט האָט זיך איבערגעגעבן אַ ידיעה פון איינעם צום צווייטן, אַז אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער וואַרטן אין בוטעווער וואַלד און וועלן פּאַרטיידיקן די יידן אין געטאָ, אויב עס וועט זיין אַן „אַקציע“. מען האָט אויך גערעדט, אַז די דייטשן פון פּינסק עוואַקואירן זיך, ווייל די פּאַר־טיזאַנער אין די דאָרטיקע וועלדער האָבן זיי געשטעלט אַן אולטימאַטום. אָט האָט מען איבערגעגעבן, אַז מען וועט שוין די יידן מער נישט הרגענען. אָבער אין דער זעלבער רגע כמימרא האָט מען געבראַכט אַ ידיעה. אַ שוואַרצע בשורה, אַז מען גראָבט שוין גריבער אויף די סולאָמירער כו־טאָרעס. מייסטנס פלעגן אַלע קלאַנגען אויפקומען ביים מ נ י ן, אין באַשע יאַנקלס הויז, די דריטע שטוב פון בריק.

די קאַטאַסטראָפע איז אָנגעקומען מיט די זעלביקע טריט און אין דעם אייגענעם נוסח און אופן, ווי אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך. די ערשטע קענצייכנס זענען געווען: מען האָט די יידן נישט גענומען צו צוואַנג־אַרבעט אין די הויפן און פאַלוואַרקעס; די באַשטעלונגען ביי יידי־שע בעלי־מלאכות און נייטאָרינס האָט מען צוריקגענומען; כאַפּטעס פויע־רים און פויערטעס האָבן זיך געשלעפט אָן אויפהער ביי די צוימען אין געטאָ, אַריינקוקנדיק מיט גרויסער רציחהשער נייגעריקייט און גיריקייט; יידישע קינדער זענען צוריקגעשיקט געוואָרן פון גויים, ווו זיי זענען גע־ווען פאַסטעכער. זיי זענען צוריקגעלאָפן אין געטאָ מיט אַ געוויין, פאַר־גיסנדיק טרערן ווי באַב. קינדערשע הערצער האָבן אַרויסגעפילט די אימה־

דיקייט פון זייער מזל. די געטאָ איז פאַרריגלט געוואָרן אויף זיבן שלעסער, באַוואַכט פון גזלנישע פּאָליציאַנטן. ווער עס האָט געוואַגט איבערשרייטן די געטאָ־תחומים, איז באַלד דערשאָסן געוואָרן.

עס איז צוגעפאַלן די אָוונט־דעמערונג. געפינענדיק זיך פּנים אל פּנים מיטן טויט, האָבן יידן אָנגעהויבן לויפן פון געטאָ. ביי יעדערן איז קלאָר געוואָרן די לאַגע, נישט געווען שוין קיין פּלאַץ פון אַ שמץ אילוזיע. נישט געקוקט אויף דער שטאַרקער שיסעריי, איז מען געלאָפן אָן אָטעם. דער סטובלאַ איז באַפאַרבט געוואָרן מיט יידיש בלוט. עס פאַלן קרבנות, אָבער מען לויפט, ווייל יעדערער האָט זיך געטראַכט, אַז בעסער זאָל ער דערשאָסן ווערן לויפנדיק, איידער געפירט ווערן צו די גריבער. עס לויפן מענער מיט פרויען און קינדער, פרויען און קינדער, און קינדער אַליין.

די פאָלגנדיקע פעסטגעשטעלטע ציפערן קאָנען עדות זאָגן ווי גרויס איז געווען דאָס געלויף פון סערניקער געטאָ:

מענער פון 8־40 יאָר	127
מענער פון 40 יאָר און העכער	20
פרויען און מיידלעך פון 18־40 יאָר	74
פרויען פון 40 יאָר און העכער	15
יינגלעך פון 8־18 יאָר	19
מיידלעך פון 8־18 יאָר	12
גאָר קליינע קינדער און עופהלעך אויף די הענט פון אַ פאָטער אָדער אַ מוטער	5
צוזאַמען	272 נפשות

כמעט אַ פולער דריט־חלק איז אַרויסגעלאָפן פון סערניקער געטאָ. מ'יר דאַכט זיך, אַז דאָס איז אַ רעקאָרד־ציפער לגבי אַ סך געטאָס. באַלערנדיק איז די אויבן געבראַכטע טאַבעלע. די צאָל אַנטלאָפענע מענער איז גרעסער באַדייטנדיק ווי די צאָל אַנטלאָפענע מיידלעך און פרויען. דער גרעסטער ציפער באַציט זיך צו יוגנטלעכע, וועלכע זענען מערער געוואַגט און פלינקער. דער מינדסטער ציפער באַציט זיך צו קינדער.

אַ סך פון די, וואָס האָבן געוואַגט צו אַנטלויפן, זענען דערשאָסן גע־וואָרן, הויפּטזעכלעך ביים אַריבערגיין די בריק און בעת אַריבערבראָדיען דעם „סטובלאַ״. די איבעריקע זענען אומגעקומען אויף מאָרגן, דריי טעג פאַר ראש השנה תש״ב.

די געסטאַפּאָ, אוניפאָרמירט אין שוואַרצע טויט־מונדירן, זענען אָנ־געקומען ביינאַכט. די תלינים האָבן ביים אַריינפאָר אין שטעטל נאָך אויף וויטשעווקער זאַמדן, אויסגעלאָשן דאָס אויטאָ־ליכט, כדי מען זאָל אין געטאָ נישט קאָנען וויסן פון זייער אַריינפאָר. זיי זענען געקומען אויף גרויסע אויטאָ־מאַשינעס. די יידן זענען שוין אין יענער נאַכט נישט גע־שלאָפן און האָבן גוט געהערט זייער אָנקום. אייניקע יידן האָבן אין די לעצטע מינוטן אָנגעהויבן לויפן. נאָר יחידים איז דאַן געלונגען אַרויסצו־לויפן פון געטאָ, וואָס איז שוין בוכשטעבלעך געווען הערמעטיש פאַר־זיגלט.

גאַנץ פאַרטאָג האָט מען די יידן געוועקט, אָבער דאָס איז נישט גע־גאַנגען דער שמש צו וועקן צו סליחות. מיט גיריקער רציחה זענען אומ־געלאָפן אוקראַינישע פּאָליציאַנטן, פּויערים און דייטשן פון שטוב צו שטוב. מען האָט געגישטערט און געזוכט אין יעדן ווינקל, שטאָל און שייער, אין יעדער אויוון, קעלער, אויף בוידעמער און אונטער יאַרוסן האָלץ און קלעצער, טאָמער האָט זיך באַהאַלטן אַ יידישער נפש. אַלעמען האָט מען געטריבן אויפן „פּאַגוראַק״, דער צענטראַלער פּונקט אין שטעטל, און מען האָט זיי אָנגעלאָדן אויף די לאַסטמאַשינען ערגער ווי כודאָבע. אַ סך זענען אַוועקגעלאָפן פון די אויטאָס, אָבער מען האָט זיי באַלד גע־כאַפּט און דערשאָסן אויפן אָרט.

אויף סולאַמיר זענען געווען אויסגעגראָבן גרויסע גריבער. די דאָזיקע ידיעה אין געטאָ איז געווען אַ ריכטיקע. די איבעריקע קלאַנגען פון אַ ישועה זע־נען נישט מקוים געוואָרן. מען האָט אַלעמען געטריבן אָדער אַוועקגעפירט צו די גריבער אויף סולאַמיר, 4־5 ק״מ פון סערניק.

פאַר דער עקזעקוציע האָט דער געסטאַפּאָ־שעף געהאַלטן אַ רעדע פאַר די צונויפגעלאָפענע מענגעס פּויערים, וואָס זענען געקומען זען דעם דאָ־זיקן ספּעקטאַקל איבער דעם „אייביקן ייד״. ער האָט די פּויערים געזאָגט מוסר הלמאי האָבן זיי נישט באַוואַכט גוט די געטאָ און צוליב דעם זענען

סך יידן אַנטלאָפן אין וואַלד. ער האָט אויך באַטאָנט, אַז דער פּ י־ ר ע ר פון דריטן רייך וועט נישט זיין צופרידן פון דער דאָזיקער אַקציע איבער די יידן, ווייל עס טאָר נישט איבערבלייבן קיין איין איינציקער ייד אויף דער וועלט.

די יידן זענען געשטאַנען געוויקלט אין שטומען צער. די זקנים האָבן אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, זיי האָבן אפשר אין די לעצטע רגעס גע־וואַרט אויף אַ נס מן השמים.

דער סטאָלינער חסיד, מאיר ווינער, האָט גלייך נאָך דער רעדע פון געסטאַפּאָ־קאָמענדאַנט, געזאָגט ווידוי מיטן עולם יידן, אַז אַפילו קליינע קינדער האָבן וואָרט נאָך וואָרט נאָכגעזאָגט.

מיט אַ שיסעריי און אַ הוראַגאַן קוילן פון ביקסן, אויטאָמאַטן, קוילנ־וואַרפער און פּיסטאָלעטן זענען די יידן געטריבן געוואָרן אין די גריבער, וואָס האָבן געהאַט טרעפּ. אַ סך פון זיי זענען לעבעדיקערהייט פאַרשאָטן געוואָרן.

בלויז איין ייד, דער קצב לייבל פּיאַלקאָוו, האָט זיך אַ נאַקעטער אַרויסגעקאַראַבקעט פון אַ גרוב, אין וועלכער ער איז פאַרשאָטן געוואָרן לעבעדיקערהייט, בעת די געסטאַפּאָ מיט אַלע רוצחים פויערים זענען שוין געווען פונאַנדערגעפּאַרן. ער איז געקומען ביינאַכט צו לויפן אין וואַלד אַ נאַקעטער, איבערגעבנדיק אונדז אַלע גרוילן פון א ו מ ק ו ם. אַז קיין שום מענטשלעכע פּעדער איז עס נישט אימשטאַנד צו באַשרייבן.

אין פעלד און אין וואַלד

אין יענעם אָוונט, ערב דער סאַרניקער שחיטה, בין איך אויך געווען אַנטשיידן און געוואַגט, און אַרויסגעלאָפן פון די געטאָ־צוימען. אויך די קינדער פון מיין שוועסטער זענען מיטגעלאָפן. איידער כ׳בין אַרויסגע־לאָפן, בין איך אַריינגעגאַנגען אין מיין טאַטע־מאַמעס הויז, וווּ ס׳האָט געוווינט מיין ברודערס פרוי, חיה, מיט די קינדער. כ׳האָב איר געזאָגט, אַז כ׳לויף אַרויס פון געטאָ, און זי זאָל מיר נאָכפאָלגן מיט די קינדער. אָבער זי איז געווען אַפּאַטיש און נישט געוואָלט איינשטעלן דאָס לעבן

פון די קינדער אין געפּאַר. פּאַר מיין אַרויסלויפן פון שטוב, האָב איך גע־וואָרפן מיינע לעצטע בליקן אויף זיי, ווי כ׳וואָלט פאָרויס וויסן, אַז מיר שיידן זיך אויף אייביק. כ׳האָב אין זיך איינגעקריצט זייערע געזיכטער און כ׳טראָג עס אין זיך עד היום.

איך בין מיט די קינדער פון מיין שוועסטער און מיט נאָך אייניקע יידן אַרויסגעלאָפן דורך דעם זעלביקן געסל, דורך וועלכן מיר האָבן זיך אַריינגעגנבעט אין סערניקער געטאָ מיט אייניקע טעג צוריק. אָן אָטעם זע־נען מיר געלאָפן און אונטער אַ שטאַרקער שיסעריי. אויך דאָס מאָל האָט מיך און די קינדער דער מזל באַשירעמט פון טויט.

אויף יענער זייט געטאָ איז אויך געווען די געפאַר גרויס. מיר האָבן דעריבער געזען נישט צו לויפן מיט די אָפענע געסלעך, נאָר דורך די הויפן, קלעטערנדיק איבער הויכע שפּיציקע פּלויטן און טרעטנדיק אין געדיכטע בלאָטעס, וואָס האָבן זיך נישט אויסגעטריקנט אין לויף פון זומער.

הינטערן שטעטל האָט מען זיך געטראָפן מיט נאָך יידן און צוזאַמען איבערגעבראָדזיעט דעם טייך און זיך געלאָזט אין פעלד און אין וואַלד.

אין אַן אלעשניק פון שיטערעביימלעך און קוסטעס האָבן מיר זיך אָוועקגעזעצט. עס האָבן אָפּגעהילכט פון שטעטל זאַלפן־שאָסן. פון מיד־קייט און איבערמאַטערטקייט זענען מיר איינגעשלאָפן, זיך אויפכאַפּנדיק ווען ס׳איז שוין געווען גוט ליכטיק.

ס׳איז נישט געווען קיין אָרט ווו זיך פאַרשטעקן, און וווהין ווייטער גיין האָט קיינער פון אונדז נישט געוווּסט. מען האָט אָנגעהויבן בלאָנקען פון פעלד צו פעלד און פון איין וועלדל צום צווייטן וועלדל. אייניקע פון אונדזער גרופּע האָבן זיך סעפּאַרירט און אַוועק אויף כוטאָ־רעס, ווו זיי האָבן געהאַט באַקאַנטע פּויערים. מיר זענען פאַרבליבן זאַלבע צוועלף: איך מיט דער שוועסטערס קינדער; דער שיפער משה אהרון קרי־ניוק מיט אַ פרוי און פיר קינדער; ניסן באַבראָוו מיט זיין 7־יעריקן זונע־לע; דער יוגנטלעכער זעליק וואָראָנאַ. מיר האָבן אַרומגעבלאָנקעט אַ פּאָר טעג אין די וועלדלעך, נאָענט צו סערניק. פון אַ פּויער, אַ באַפּטיסט, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז יידן זענען אַוועקגעלאָפן אין די לעצטע רגעס פאַר און נאָך דעם אָנקום פון דער געסטאַפּאָ, אָבער אייניקע פון זיי זע־

בען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון פאַשיסטישע פּויערים, וואָס לויערן אויף די וועגן. ער האָט אונדז גערעטן, אַז מיר זאָלן אַוועקגיין אין ניקאָ־לייעווער וואַלד, וווהין עס זענען אַנטלאָפן אַ סך יידן.

מיר זענען אויך געגאַנגען אין דער ריכטונג צו ניקאָלייעווער וואַלד, ווו עס האָבן זיך געפונען כוטאָרעס פון פּוילישע אָסאַדניקעס (קאָלאָ־ניסטן), קלערנדיק, אַז זיי זענען דאָך אויך געליטענע פון דייטש, וועלן זיי דאָך אַרויסווייזן מער מיטלייד צו אונדז, ווי די פּויערים אין די דערפער.

גאַנץ נאָענט פון די כוטאָרעס אויף ניקאָלייעווע, אין אַ קליינעם וועלדל, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף עטלעכע צענדליק יידן, צווישן וועלכע ס'איז אַרומגעגאַנגען אַ מימרא, אַז די דייטשן וועלן אין אייניקע טעג אַרום דערלויבן די אַנטלאָפענע יידן צוריקקומען קיין סערניק, און מען וועט זיי שוין שענקען דאָס לעבן. די אַלע קלאַנגען זענען פאַרשפּרייט געוואָרן אויפן סמך פון דעם, וואָס אין אייניקע ערטער האָבן טאַקע די דייטשן אַזוי געטאָן, פאַרנאַרנדיק מיט דעם די יידן צו קומען אין די געָ־טאָס און דערנאָך, נאָכן אָפּזיין דאָרט אייניקע טעג, האָט מען זיי אומ־געבראַכט.

אין פּ י נ ס ק איז נאָך געווען אַ געטאָ, און מען האָט עס אויס־געטייטשט דערמיט, אַז היות אַזאַ לאַנגע צייט האָט מען די פּינסקער יידן נאָך נישט פּאַרטיליקט אינגאַנצן, וועלן זיי שוין בלייבן לעבן. אייניקע יידן האָבן אַפילו אונטערהאַנדלט מיט אַ פּוילישן אָסאַדניק, ער זאָל זיי אויף אַ קליין שיפל אַוועקפירן קיין פּינסק, צוזאָגנדיק אים באַצאָלן מיט די לעצטע זאַכן און די פּאָר גילדערנע חפצים, וואָס זיי האָבן מיט זיך גענומעןביים אַרויסלויפן פון געטאָ.

עס זענען געווען אַ פּאָר פאַלן, ווען יידן, דער עיקר פרויען, וואָס איז זיי געווען איבלדיק און שווער זיך צו וואַלגערן אין וואַלד, זענען אַוועק קיין פּינסק, איבערטועענדיק זיך אין קליידער פון פּויערטעס. עס האָבן זיך באַקומען ידיעות, אַז די דייטשן לאָזן אַלעמען אַריין אין פּינסקער געטאָ, אָבער חוץ געציילטע, איז קיינער נישט געגאַנגען קיין פּינסק, ווויסנדיק, אַז סוף־סוף וועט אויך דאָרט פּאָרקומען די טאָטאַלע אַקציע.

מען האָט זיך צעטיילט אין קליינע גרופּעס, קלערנדיק אַז מען וועט נישט אַזוי שטאַרק ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די פּויערים, ווען מען

וועט זיך באַווייזן ביינאַכט אין אַ דאָרף אויסצובעטלען אַ שטיקל ברויט אָדער אַ נאַשקע קאַרטאָפל. מען האָט אויך געטראַכט, אַז וואָס די גרופּע איז קלענער איז גרינגער זיך באַהאַלטן אַפילו אין וואַלד.

אונדזער אויבן־דערמאָנטע גרופּע, אין איר פולן צוזאַמענשטעל, האָט זיך פאַרשטעקט אין אַ וואַלד־דיליאַנקע, 10 ק״מ פון די ניקאָלייעווער כור־טאַרעס. דער באָדן איז געווען זומפּיק און פייכט. דער הונגער האָט אונדז שטאַרק געמאַטערט, געגאַגט דאָס געביין. מיר האָבן בייטאָג באַטעמט די גומענס מיט רויטע יאַגדעס, זשוראַווינעס, וואָס האָבן אַרויסגעבלינצלט פון די מאָכיקע קוסטעס. אין די נעכט האָבן מיר זיך געלאָזט גיין צו פעל־דער, וואָס זענען געלעגן ביים ראַנד פון וואַלד און נאָענט צו די כוטאָ־רעס. דאָרט אויף די פעלדער האָבן מיר נאָך געפונען אַ קעפּל קרויט און געקאָנט אויסגראָבן אַ נאַשקע קאַרטאָפל. מיר האָבן זוכה געווען פון הפקר, ווי די נמושות אין די תלמוד־צייטן, וואָס האָבן געהאַט דאָס רעכט זוכה צו זיין פון לקט, שכחה און פאה.

אָבער נישט יעדן אָוונט אָדער נאַכט האָבן מיר געקאָנט וואַגן אַרויס־צו גיין פון וואַלד, צוליב די באַנדעס פויערים, וואָס האָבן גראַסירט צו באַפּאַלן די שוצלאָזע יידן. באַלד נאָך יעדער עקזעקוציע אין אַ געטאָ האָבן דאָך די דייטשן קאָמפּלעטירט באַנדעס פויערים, וואָס האָבן זיך געלאָזט גיין מיט דרענגענער, שאַרפע העק און קינזשאַלן, מיט יעגער־ביקסן און מיט פּיסטאָלעטן צו לויערן אין וועלדער און ביי די ראַנדן פון דערפער און כוטאַרעס, אויף יידן. יעדע פויערים־באַנדע האָט געהאַט איר אַטאַ־מאַן. זיי האָבן פאַר זייער אַרבעט באַקומען פּרעמיעס פון די דייטשן. פאַר יעדן יידישן קאָפּ האָבן זיי באַקומען: איין פוד זאַלץ, אַ ליטער קעראָסין און צוויי צענדליק שוועבעלעך.

אונדזער קליינע גרופּע איז אויך באַפאַלן געוואָרן פון אַ באַנדע פויע־רים, וואָס זייער אַטאַמאַן האָט געהייסן דאַנילאָ, אַ פויערל פון נידעריקן וווקס, מיט גזלנישע אויגעלעך. ער איז אַלע יאָרן געווען אַ געהילף־סטראַזשניק אין וואַלד.

ס׳איז געווען יום־כיפור תש״ג. מיר זענען נאָר־וואָס אויפגעשטאַנען פון אונדזערע געלעגערס אויף האַרטע קוסטעס און גאַלער ערד, און זיך געזעצט פונאַנדערלייגן אַ פייער, כדי אַריינלייגן אין אַש קאַרטאָפל, צו

דריי שטיק אויף אַ פּערזאָן. דאָס האָט געדאַרפט זיין מיט וואָס צו פּאַר־פּאַסטן. פּלוצלינג דערהערן מיר טריט און עס ברעכן זיך נאָענט צווייגן. דורך דעםביימער־געצווייג האָט אַ פּראַל געטאָן אַ שאָס. מיר האָבן אָנ־געהויבן לויפן אין אַלע זייטן. איך בין אַרויסגעלאָפן אויף אַ פּליין, אויף וועלכן עס זענען געשטאַנען עטלעכע סטויגלעך היי. נאָך מיר זענען גע־לאָפן אַלע 8 קינדער. מיר זענען אַריינגעלאָפן אין אַ קליינטשינקן וועלדל און זיך אויסגעלייגט אויף דער ערד און זיך באַמיט צו זיין שטילער פון וואַסער און נידעריקער פון גראָז.

מיר זענען געלעגן אַ גאַנצן טאָג. ערשט ווען ס׳איז צוגעפאַלן דער אָוונט, האָבן מיר זיך אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן אַרויסגיין פון וועלדל, פון די דערבייאיקע כוטאָרעס האָבן אַרויסגעשימערט פייערלעך, וואָס האָבן אונדז געשראָקן, טאָמער געפינען זיך דאָרט דאַניעלס פויערים. מיר האָבן געבלאָנדזשעט אַ פּאָר שעה. די קינדער זענען געגאַנגען מיט די לעצטע כוחות. איך האָב זיי אַרויפגעפירט אויף אַ בערגל, אויף וועלכן עס זענען געווען עטלעכע נאָדל־ביימער. די קינדער האָבן זיך אָנגעלענט אָן די שטאַמען און פון מידקייט איינגעשלאָפן. איך בין געזעסן נעבן זיי מיט מיין איינציקן כלי־זין — אַ וואַלד־שטעקן מיט גרויסע סענקעס. עד היום קאָן איך נישט פאַרגעסן מיין דעמאָלטיקע פאַרצווייפלונג. איך בין געווען מיט שוצלאָזע קינדער און דערצו געווען הילפלאָז, אָן געווער, נישט קענענדיק די געגנט.

זיצנדיק אַזוי פאַרצווייפלט, הער איך ווי מען גייט. עפּעס אַ געהיי־מער פאַרגעפיל האָט מיך אַ שטויס געטאָן צו גיין אַקעגן די צוויי מענטש־לעכע סילועטן, וואָס האָבן זיך אויסגעטיילט אין דער שיין פון דער לבנה. דאָס זענען געגאַנגען משה אהרון קריניוק און אַ פּויער אין אַ לאַנגן פּעלץ. כ׳האָב קריניוקן אָנגעזאָגט, אַז זיינע קינדער זענען געלאָפן נאָך מיר און זיי שלאָפן אויפן בערגל. מיר האָבן די קינדער אויפגעוועקט און זיי האָבן זיך דערפרייט וואָס זיי זענען ווידער מיטן טאַטן. ער האָט אונדז איבער־געגעבן, אַז זיין ווייב איז געכאַפּט געוואָרן דורך דאַנילאָן און זי איז שוין דערשאָסן געוואָרן אין סערניקער פּאָליציי־אַמט. כאַראַקטעריסטיש איז פאַר יענער צייט דאָס, וואָס די קינדער האָבן נישט רעאַגירט מיט אַ גע־וויין, ווען זיי האָבן געהערט פון דעם אומקום פון זייער מוטער.

די דאָזיקע באַגעגעניש איז געווען אַ פּאַטאַלע. גראָד זענען זיי פּאַר־בייגעגאַנגען נאָענט צום בערגל און גראָד זענען מיר פריער געגאַנגען אין דער ריכטונג צום בערגל.

דער פויער האָט געהייסן גריץ פּאַליוכאָוויטש און האָט געווינט אויף אַ כוטער, נישט ווייט פון אַלעקסאַנדראָווע, אַ געוועזענע דייטשישע קאָלאָניע, וועלכע איז צעשטערט געוואָרן בעת דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע און די פויערים האָבן דאַן די גרעסטע צאָל דייטשישע קאָלאָניסטן אויסגעהרגעט. דאָרט אין יענער אומגעבונג האָט גראַסירט די פויערים־באַנדע אונטער דער אָנפירונג פון יונגן פויער איוואַנעטשקאָ, וואָס האָט שרעקלעך געפּייניקט די געכאַפּטע יידן, איידער מען האָט זיי דערשאָסן. דער דאָזיקער גזלן איז געווען אַ זון פון טימוך דעם מוליאַר, און זייער הויז אין סערניק איז געשטאַנען אין איין ריי מיט אַלע יידישע הייזער און דאָס גאַנצע הויזגעזינד האָט גערעדט יידיש ווי אַ וואַסער.

מיר האָבן דאָך נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה, און ווען גריץ האָט אונדז פאַרגעלייגט צו גיין מיט אים אויף זיין כוטער, זענען מיר אויך מיטגעגאַנגען. דער וועג צו זיין נחלה איז געווען אַ שווערער און אַ גאַנץ ווייטער. דערצו בין איך געווען בוכשטעבלעך באָרוועס, די זוילן פון די שיך זענען געווען אָפּגעריסן פון דעם לעדער אַזש ביזן סאַמע אָפּצאַס, און כ׳האָב זיי נישט געקאָנט ניצן. די לאָנקעס זענען געווען אָפּגעקאָסיעט און גיין באָרוועס איז געווען ממש חיבוט הקבר.

ערשט פּאַרטאָג זענען מיר געקומען צום כוטער. עס איז מיר נישט געווען צום האַרצן וואָס ער האָט קריניוקן מיט די קינדער סעפּאַרירט פון מיר מיט די קינדער, און דערצו האָט ער אונדז אַריינגעפירט אין אַ שי־טערן וועלדל, וווּ עס האָבן זיך געדרייט פּאַסטעכער, פּיטערנדיק די פּי, נישט ווייט האָט געווינט איוואַנעטשקאָ און די פּאַסטעכער האָבן דאָך געקאָנט אים איבערגעבן וועגן אונדז.

מיר זענען געזעסן ווי אויף ברענענדיקע קוילן. גריץ האָט זיך צו אונדז נישט באַוויזן. דערצו האָט אָנגעהויבן רעגענען. מיר זענען געזעסן אין די קוסטעס, אונטערן פרייען הימל. דער באָדן איז געווען אַ זומפּי־קער און באַדעקט מיט אַ גרינעם קאַליר. די סאָוועס האָבן נאָכאַנאַנד גע־

קראקעט און געפּלאַטערט איבער אונדזערע קעפּ, ווי זיי וואַלטן אונדז פאַרזאָגן דעם טויט.

עס איז אַוועק דער טאָג, וואָס האָט זיך געצויגן פאַר אונדז זייער לאַנג און מיר האָבן קוים דערוואַרט דעם אָוונט. דער רעגן האָט אַלץ געגאָסן. מיר זענען אַרויס פון וועלדל און זיך געשטעלט אונטער אַ סטויג היי, כדי זיך כאָטש אַביסל צו באַשיצן פון רעגן, וואָס האָט אונדז דורך און דורך דורכגעווייקט. די קינדער האָבן רעוואָלטירט און געוואָלט אַריינגיין אין די אָקעגנדיקע הייזער פון כוטער. כ׳האָב זיי קוים, קוים איינגעהאַלטן. זיי האָבן געטענהט, אַז זיי קאָנען מער נישט ליידן קיין הונגער און קעלט, און זאָל שוין ליבערשט קומען דער טויט.

גאָר שפּעט אין אָוונט האָט זיך ענדלעך געוויזן ג ר י ץ, גייענדיק אין זיין קאָזשוך, מיט לאַנגזאַמע טריט, ווי ער וואָלט געגאַנגען פון שענק. ער האָט אונדז אַוועקגעפירט צו זיך אין הויז און האָט אונדז געגעבן עסן געבאַקטע קאַרטאָפל מיט געזאַלצענע אוגערקעס, דערלויבנדיק אונדז איבערצונעכטיקן ביי אים. די קינדער האָט ער געהייסן זיך לייגן אויפן אויוון און פאַר מיר האָט ער געמאַכט אַן אָרט אויף אַ האַרטער באַנק.

עס איז נאָך געווען ווייט צו טאָג, האָט ער מיך אויפגעוועקט, מעלדנדיק, אַז מיר זאָלן תיכף ומיד פאַרלאָזן זיין שטוב און אויך דעם כוטער, ווייל סיי ער און סיי די פרוי האָבן מורא פאַר דייטשן און פאַר איוואַנטשענקאָן, וואָס קאָן זיי אויך טויטן, הלמאי זיי באַהאַלטן אויס יידן. כ׳האָב גלייך אויפגעוועקט די קינדער, און מיט דער שענסטער מענטשלעכער שפּראַך האָב איך ביי אים געבעטן, ער זאָל אונדז כאָטש אַוועקפירן אין אַ וועלדל, וואָס איז טרוקן, אָן זומפּן, און ווו פאַסטעכער דרייען זיך נישט. כ׳האָב זיך בעת מעשה פאַררופן אויף דעם, וואָס ער האָט דאָך גוט געקענט מיינע עלטערן און ברידער, און ער דאַרף האָבן מיטלייד אויף די קינדער, וואָס זענען מיט מיר.

מיינע רייד האָבן געווירקט און ער האָט אונדז אַוועקגעפירט אין אַ וועלדל, ווו ס׳איז געווען אַ טרוקענער באָדן. דאָרט, אין וועלדל, האָב איך אים פאַרטרויט, אַז די טאָכטער פון מיין שוועסטער האָט ביי זיך איר מאַמעס גאָלדן זייגערל מיט צוויי פינגערלעך, און כ׳בין אים גרייט עס אַוועקגעבן בתנאי, ער זאָל אונדז אויסבאַהאַלטן אַ שטיקל צייט. לפנים־וועגן

האָט ער זיך געוואַקלט, אָבער ער האָט עס צוגענומען, צוזאָגנדיק אויסצו־פּילן אַלץ וואָס כ׳האָב אים געבעטן.

אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך צו אונדז נישט געוויזן, נאָר אין אָוונט איז ער געקומען אונדז נעמען צו זיך, געבנדיק אונדז געבאַקטע קאַרטאָפל, גע־זאַלצענע אוגערקעס און צו קליינע פּענעצער ברויט. אויף מאָרגן האָט ער זיך נישט באַוויזן, אַפילו אין אָוונט אויך נישט, און אויך דעם דריטן טאָג פון אונדזער ז יי ן אין וועלדל, איז ער צו אונדז נישט געקומען. ביי אַ פּאַסטושקע פון 9־10 יאָר, אָנגעטאָן אין אַ סוויטקע און פאַרגאַרטלט מיט אַ רויטן גאַרטל, האָבן מיר אויסגעבעטלט צו שטיקלעך ברויט. ווען כ׳האָב איר געזאָגט, אַז זי זאָל נישט דערציילן קיינעם וואָס מיר, יידן, געפינען זיך דאָ, האָט זי מיר געענטפערט, אַז זי וועט איר טאַטע־מאַמע אויך נישט דערציילן.

אין אָוונט בין איך אַוועק צו גריצן אין שטוב, אָבער ס׳איז דאָרט גע־ווען פינצטער. כ׳האָב אָנגעקלאַפּט אין טיר און פענצטער, אָבער קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן כ׳בין אַריין אין אַ אַקעגנאיבערדיקן חזירים־שטעלכל אָפּצוואַרטן, אפשר וועט באַלד עמעצער קומען. עס האָט לאַנג נישט גע־דויערט, און אין שטוב האָט זיך באַוויזן אַ שיין פון אַ לעמפּל. כ׳בין אַרויס פון שטעלכל און צוגעגאַנגען צום טיר, אָנקלאַפּנדיק מיט קוראַזש. די טיר האָט זיך געעפנט, און גריץ איז אַרויסגעקומען מיט פאַרכמורעטע בייזע אויגן. ער האָט זיך אויף מיר פונאַנדערגעשריגן הלמאי כ׳שטער זיין שלאָף, דראָענדיק, אַז ער וועט ברענגען איוואַנעטשקאָן, אויב כ׳וועל זיך באַלד נישט אָפּטראָגן פון דאַנען. אין שטוב האָט זיך אומגעדרייט אַ פאַרדעכטיקע פּערזאָן, און כ׳האָב זיך באַלד אָנגעהויבן דערווייטערן פון הויז, מיט האַס־טיקע טריט. די קינדער האָבן שוין געוואַרט ביים ראַנד פון וועלדל, אויס־קוקנדיק מיך. מיט איין ווונק האָבן זיי אויך פאַרשטאַנען די לאַגע, און אַלע האָבן מיר אָנגעהויבן לויפן, נישט ווויסנדיק אין וועלכער ריכטונג און וווהין מיר לויפן. מיר זענען געלאָפן איבער פעלדער און וועלדלעך, געבראָדיעט אין קאַנאַוועס און אין זומפּן.

ס׳איז שוין געווען טיף אין נאַכט, ווען מיר זענען צוגעקומען צו דאָרף בראָדניצע. די הינט האָבן זיך גוואַלדיק צעבילט, און כדי זיי אויס־

מיידן האָבן מיר זיך געלאָזט גיין אין אַן אַנדער ריכטונג, ביז מיר זענען געקומען צו די ברעגעס פון סוואַריטשעוויטשער וואַלד.

ווידער האָבן מיר געהאַט אַ פּאַטאַלע באַגעגעניש, עס איז אָנגעגאַנגען אַ יונגער שלאָנקער פויער. ער האָט געהייסן מאַיסיי. כ׳האָב אים געפרעגט, אפשר ווייסט ער וווּ עס געפינען זיך יידן און אין וועלכן וואַלד. אויף דעם האָט ער געענטפערט, אַז ער ווייסט טאַקע, אָבער ער וויל געצאָלט. כ׳האָב ביי זיך געהאַט אוקראַינישע קאַרבאָוואַנצעס — אַ פּאַפּירענע מטבע פון 20 רובל, — און כ׳האָב אים עס גלייך אָוועקגעגעבן. ער איז אָבער נישט געווען צופרידן פון דער נתינה, און האָט פאַרלאַנגט נאָך עפּעס. איינס פון מיין שוועסטערס קינדער האָט אויסגעטאָן זיין מאַרינאַרקע און אָפּגעגעבן מאַיסייען. די דאָזיקע נתינה האָט אים צופרידנגעשטעלט.

מאַיסיי האָט אונדז אַריינגעפירט אין סוואַריטשעוויטשער וואַלד, וואָס איז געווען איינער פון די גרעסטע וועלדער אין געגנט און מיט מחיצות פון דערפער און ישובים האָט ער זיך געראַעמט מיט וועלדער, וועלכע האָבן זיך געצויגן — אויף מזרח — צו טוראָוו און מאָזיר, און אויף מערב — צו פינסק. דער וואַלד איז געווען געדיכט און געבערגלט, פול מיט טאָלן, מיט נידערונגען. עס זענען געווען צעגאָסענע זומפּן און אייביק־שטייענדיקע בלאָטעס. דאָרט איז געווען די היים פון ביבערס און ווילדע קאַטשקעס. איבער די וואַלד־טונדרעס האָבן שפּאַצירט ווילדע חזירים, מיט זייערע גוואַלדאָוונע ציין און עס זענען אַרומגעלאָפן טאַבונעס וועלף. אין די היילן האָבן זיך געפּרוכפּערט טכוירן און מאַרדערס, בורשעלס און צאַפּלען האָבן געהאַט אין וואַלד זייערע נעסטן, אויך דער טאָרף־פוקס און דער סיווער וואָלף האָבן דאָרט געהאַט זייערע נאָרעס.

מיר האָבן שוין דעמאָלט נישט געהאַט קיין פּחד פאַר די פאַרשיידענע חיות און עס האָבן אונדז נישט געשווידערט די העזלעך און ווערקעס, וואָס זענען פאַרבייגעלאָפן און אויך נישט די פייערדיקע אויגן פון די וועלף, וועלכע האָבן דורכגעשפּיזט די ביימער־געצווייגן.

מיר זענען נאָכגעגאַנגען טראָט נאָך טראָט נאָך מאַיסייען. דער גאַנג איז געווען אַ שווערער, בפרט כ׳בין געווען באָרוועס און מיינע פיס האָבן

זיך צעבלוטיקט, פול מיט וווּנדן פון טרעטן איבער שישקעס און שטעכעלקעס. עס איז מיר אויסגעקומען אַזוי שווער ווי חיבוט הקבר און שרעקלעכער ווי עס ווערט באַשריבן דער גיהנום אין די מוסר־ספרים.

ער פירט אונדז אַלץ טיפער און טיפער אין וואַלד. ביי מיר איז שוין געווען אַ פאַרדאַכט, טאָמער וועט ער דאָ אין דער געדיכטעניש, צווישן די קוסטעס, אונדז דערהרגענען. נאָר איינס האָט מיך באַרואיקט, אַז ער וועט עס נישט טאָן, ווייל אויב ער וואָלט אונדז וועלן הרגענען, האָט ער דאָך נישט געדאַרפט אונדז אַזוי ווייט פירן אין וואַלד.

איך און די קינדער זענען געגאַנגען שוין מיט די לעצטע כוחות. וואָס ווייטער איז דער וואַלד געווען אַלץ מער געדיכטער און געדיכטער. כ'האָב אין יענע רגעס באַוווּנדערט ווי ער, מאַיסיי, קען דעם וואַלד, אַלע וועגן און אומוועגן, אַלע פּראָסיעקעס און ווילדערנישן, פּונקט ווי זיינע אור־אור־זיידעס די פּאַלעשוקעס, וועלכע האָבן אין דער געצנדינערישער תקופה, גלייבנדיק אין אָפּגאָט דעם דונער, זיך געשלעפּט מיט זייערע גרויסע לייוונטענע בוידן, אָנגעלאָדענע מיט ווייבער און קינדער, מיט באַלעבאַטישקייט און פּרימיטיווע כלי־זין, איבער די פּאַלעסיער וועלדער, דזשונגלעס, פּאַליאַנעס און ווילדערנישן.

ענדלעך זענען מיר פאַרבייגעגאַנגען אַביידל פון ריטלעך, אָבער קיינער איז דאָרט נישט געווען. מיר גייען ווייטער אַלץ טיפער און טיפער אין דער וואַלד־געדיכטעניש, און פאַר אונדז האָט אַ שימער געגעבן אַ פייערל. הגם ס'האָט נאָך היפּש געדויערט אונדזער גאַנג, אָבער דאָס פייערל האָט דאָך פאָרט געפינקלט אין דער וואַלד־פינצטערניש און דאָס האָט אונדז צוגעגעבן כוחות נאָכצוגיין מאַיסייען.

סוף־סוף האָבן מיר זיך דערנעענטערט צו אַ ביידל, ווו עס האָבן זיך געפונען ביי אַ דריי מנינים סערניקער יידן. אַ קאָסטיאָר האָט געברענט און אַלע זענען געלעגן אויף דער גאָלער ערד אַרום פייער, וואָס אין די ספּיראַלן פון דיקן רויך האָט זיך נישט געזען קיין צורת־אדם, צונויפגיסנדיק אַלעמען אין איין טונקעלער מאַסע. זיי זענען געווען ווי די אָפּגעסמאַליעטע האַלעוועשקעס, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט נעבן זייערע פּיס, און זייערע פּנימער האָבן אויסגעזען שוואַרץ און פינצטער, ווי די חשכות פון דער נאַכט אין ווילדן סוואַריטשעוויטשער וואַלד.

איך האָב פון זייערע פּנימער אַרויסגעלייענט די פולע רעזיגנאַציע און גרייטקייט אויפצונעמען דעם טויט, ווייל ביי יעדן האָט זיך געגורעט און רייף געוואָרן דער געדאַנק, אַז „ליבערשט זאָל שוין קומען אַ סוף צו אַזאַ משונהדיק לעבן, אַ לעבן נישט פון קיין מענטש און נישט פון קיין חיה...״

דער ערשטער נאַגאַן

דער דאָזיקער סוואַריטשעווישער וואַלד איז אויך געוואָרן די היים פון די, פון טויט־אַנטרונענע, סערניקער יידן, וואָס האָבן אָנגעהויבן זיך גוט אָריענטירן אין דער וואַלד־ווילדערניש. אַ סך פון זיי האָבן יאָרנלאַנג געהאַקט אין דאָזיקן וואַלד ביימער און געקאַסטרעוועט יאַרוסן געהילץ.

אַ היפּשע צאָל יאָרן האָט מען דעם וואַלד געקרישלט און געהאַקט, פון דעסטוועגן זענען אין אים נאָך געווען גענוג פּלעצער, וואָס האָבן נישט געוווסט פון קיין האַק און קיין זעג. עס האָבן זיך געצויגן אויף לאַנגע רו־סישע וויאָרסטן שורות אָלכע־ביימער און גרייז־אַלטע דעמבעס, צווישן וועלכע עס האָבן שפּאַצירט, ווי אין אין אַן אייגענער קעניגרייך, סטייעס וועלף, וואָס האָבן אין די דזשונגלעס און אין נאָרעס פון וואַלד, אומגע־שטערט געוווינט.

אָט, אין דאָזיקן וואַלד, האָבן מיר זיך וויניקער געשראָקן פאַר די פיר־פיסיקע חיות איידער פאַר די דייטשע־פאַשיסטישע מענטשן־חיות. מיר זענען דאָך געווען דורך זיי אַרומגערינגלט, ווי אַ שאָף צווישן זיבע־ציק וועלף.

גאַנצע טעג זענען מיר געלעגן הונגעריק אויף דער הוילער ערד, אויף אָפּפאַל־צווייגן און שטיקער קאָרע, אָדער אָנגעלענט אָן די ביימער־שטאַ־מען, זיך שרעקנדיק פאַר יעדן שאָרך און עכאָ. דער יאוש איז געווען גרויס און די רעזיגנאַציע פון לעבן איז געווען אויסגעקריצט אויף יעדערנס גע־זיכט. דאָך טיף אין האַרצן האָט מען מקנא געווען דעם יעניקן, צו וועמען עס האָט זיך געטוליעט אַ קינד, אַ פרוי, אַ שוועסטער, אַ ברודער אָדער אַפילו אַ ווייטער קרוב. די מערהייט איז דאָך געווען אָן קיין לייבלעכן

פריינד געבן זיך. ווי אָפּגעסמאַליעטע האָלעוועשקעס זענען מיר געווען.

ערשט ווען דער אָוונט איז צוגעפאַלן, איז מען געוואָרן באַוועגלעכער. מ׳האָט פונאַנדערגעלייגט אַ גרויסן שייטער אָנצושרעקן די וועלף, וואָס האָבן געוואָיעט אַרום אונדז, און מען האָט זיך געשטעלט ביים פייער דאַוונען מעריב, און אַלע מענער פון קליין ביז גרויס, אויך די פּאָר פרויען, האָבן אין איין קול געזאָגט קדיש. עס איז נישטאָ אַזאַ קינסטלערישע פּעדער, וועלכע זאָל קאָנען שילדערן די דאַוונענדיקע יידן אין ווילדן וואַלד ביי די פלאַמען פון שייטער, וואָס האָבן אויסגעזען ווי סקעלעטן אויפן פאָן פון דער פּאָלעסיער וואַלד־פּאַנאָראַמע.

אין שפּעטן אָוונט האָט מען אין סכך־ביידל און צווישן די קוסטעס אויפגעזוכט די לייוונטענע טאָרבעס, וואָס זענען געווען ברודיק און שוואַרץ ווי די אויסגעברענטע קוילן. באָרוועס, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן האָט מען זיך געלאָזט גיין אויף גאָטס באַראָט צו זוכן אין פעלדער און אין גערטנער קאַרטאָפל און אפשר אַ פּאָר קעפּלעך קרויט. מער־געוואַגטע האָבן ריזיקירט אויפצוזוכן אַ באַקאַנטן פּויער און אויסבעטלען אַ ברויט און אַביסל קאַרטאָפל. דער גאַנג איז געווען אַ קאָמפּליצירטער און געפערלעך, ווייל טשאַטעס פּויערים, יידנכאַפּער, האָבן געלויערט ביי די ברעגעס פון וואַלד און ביי די ראַנדן פון דערפער און כוטאָרעס. חוץ דער טויט־געפאַר, איז דער מהלך אַן און פאַר זיך געווען אַ שווערער. נישט אַלע האָבן זיך אָריענטירט אין לאַבירינט פון די געדיכטע צעצווייגטע און באַבלעטערטע ביימער און קוסטעס, פון די משופּעדיקע בערגלעך און היגלען, בלאָטעס און זומפּן. הין און צוריק האָט געדויערט אַ קיילעכדיקע נאַכט. ערשט פאַרטאָג האָט מען זיך צוריקגעקערט מיט נאָשקעס קאַרטאָפל און מיט שטיקלעך ברויט. אין צעריסענעם באָרוועסן הילוך, מיט די וואַלד־שטעקנס אין די הענט און מיט די קלימפּערנדיקע טאָרבעס אויף די אַקסלען, האָט מען אויסגעזען ווי קינדער פון שוואַרצן טייוול, אַדער ווי וואַלד־גזלנים.

עס האָט פיל מאָל פּאַסירט, אַז נישט אַלע זענען צוריקגעקומען בשלום. מען איז געווען זיכער, אַז פּאָליצייַ אָדער דייטשן האָבן זיי פאַרכאַפּט. אין געאייל האָט מען פאַרלאָשן דאָס פייער, פונאַנדערגעוואָרפן דאָס ביידל און באַדעקט דאָס אָרט מיט דערנער און מיט געצווייג. מען

האָט אָנגעוואָרפן דערנער און שטעכעלקעס אויפן אָרט פון שייטער און אויף אויסגעטראָטענע סליאַדן און סטעזשקעס, וואָס האָבן געפירט צום וואַסער־גרוב און צוםביידל, מחמת מורא טאָמער האָבן די רוצחים אויסגעפרעסט ביי די אַריינגעפאַלענע יידן אינפאָרמאַציעס פון אונדזער פּלאַץ אין וואַלד, האָט מען זיך געלאָזט גיין אויפצוזוכן אַן אַנדער אָרט, אָדער אַן אַנדער וואַלד.

ביי ראַנדן פון וועלדער, אויף פליינען און פעלדער, אויף וועגן און אומוועגן האָט מען זיך אָנגעטראָפן מיט יידן פון אויסגעשאָכטענע שכנות־דיקע קהילות. בעת אַזעלכע צוזאַמענטרעפן, האָט איינער דעם צווייטן אָנגעקוקט מיט שפלות, בושה און חרטה, וואָס מ׳האָט נישט געטיילט דעם גורל פון אומקום צוזאַמען מיט ווייב און קינדער; וואָס מען בלאָנקעט נאָך אום אין אַזאַ אָנרחמנותדיקער און גרויזאַמער וועלט; וואָס מען זוכט נאָך אַ וועג צו בלייבן לעבן. קעגנזייטיק האָט מען זיך דערוווּסט פאַר־שיידענע גרוילן און פאַזן פון אומקום: ווי די געסלעך און וועגן צו די גריבער זענען געווען פול מיט הרוגים און ווי יידן האָבן ליבערשט זיך געוואָרפן אין די וואַסערן פון „הארין" און אין „סטיר". אויך האָט מען זיך דערוווּסט וועלכע משפחה האָט זיך צוריקגעקערט אין די שטעט־לעך צו די תלינים אין די הענט, נישט קאָנענדיק צוזען דיליידן פון די קינדער אין הונגער און קעלט.

אייגענע און פרעמדע גרוילן האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן און ס׳איז געוואָרן איין קנויל פון דער גרעסטער טראַגיק אין דער יידישער געשיכ־טע. אַלעמענס אויספיר פון דער־דאָזיקער לאַגע איז געווען, אַז סיי־ווי פריער אָדער שפּעטער וועט מען די יידן אין די וועלדער אויסהרגענען און אַ סך וועלן אויסשטאַרבן פון הונגער און קעלט, טאָ זאָל מען כאָטש דעראָבערן אַ ביקס אָדער אַ נאַגאַן, וועלכע ס׳איז געווער־שטיק, כדי קאָ־נען זיך אַליין דערשיסן אָדער פאַלן אין קאַמף מיטן פיינד, און ווירדיקער שטאַרבן ווי די יידן אין די גריבער.

אויף אַ קליינעם בערגל, אַרומגערינגלט מיט גרינע זומפּן, האָט זיך באַזעצט אַ גרופּע יידן, וואָס האָבן באַשלאָסן צו שטאַרבן ווירדיק אין קאַמף מיטן דייטש־פאַשיסטישן שונא. נישט גרויס איז געווען די צאָל יידן אין דער גרופּע, אָבער ס׳איז געווען שטאַרק דער דראַנג נוקם צו זיין

זיך אַן די רוצחים. צו דער־דאָזיקער גרופּע האָב איך אויך זיך אָנגע־שלאָסן. מען האָט צוערשט מיט העק אויסגעטעסעט סקעלעטן פון ביקסן. ביים פייער האָבן מיר זיי אַביסל פאַרברוינט און צוגעבונדן צו זיי די רימענס פון די הויזן. אין די חשוון־נעכט, ווען ס'איז שטאָק־פינצטער אין דרויסן, פלעגן מיר אַרומרינגלען אַ הויז פון אַ וואַלד־שומר, וואָס האָט צוליב דער נאַכט־חשכות נישט געקאָנט זען גוט אויב דאָס איז נישט קיין ביקס, און מחמת מורא האָט ער אונדז, דורכן פענצטער, דערלאַנגט ברויט און שפּייז. מיטן כוח פון די־דאָזיקע „ביקסן" האָבן מיר באַקומען עסן אויף אַזויפיל, אַז מיר האָבן שוין נישט געהונגערט.

עס זענען געווען פאַלן, ווען וואַלד־וועכטער און פויערים האָבן אונדז באַשאָסן. דעמאָלט זענען מיר זיך פונאַנדערגעלאָפן אין פאַרשיידענע ריכ־טונגען, פאַרלירנדיק איינער דעם צווייטן. עס האָט לאַנג געדויערט ביז מיר האָבן זיך אויפגעזוכט. מיר האָבן געהאַט אַ פאַראַל — פינף מאָל אויספייפן מיט די פינגער, — וואָס דאָס האָט געהאָלפן איינער דעם צווייטן צו געפינען.

שנעל האָבן מיר זיך איינגעאיבט אין אַזוינע נאַכט־איבערפאַלן, צו־ריקקערנדיק זיך מיט טראָפייען, און אַמאָל אויך מיט אַ באַראַן אויף די פּלייצעס. אַ סך האָט אונדז געהאָלפן אין דער דאָזיקער אַרבעט דער יונ־גער פויער, וואַסיל טשירוק, וואָס האָט געוווינט ביים עק דאָרף בראָדניצע. ער אַליין איז געווען אַ גרויסער ספּעציאַליסט צו גנבענען עופות פון די שטייגן, קאַרטאָפל פון די גריבער און שאָף פון טשערעדעס. בעת דער פּוי־לישער הערשאַפט איז ער פאַר גניבות געזעסן אין פינסקער תפיסה. אויך לעצטנס האָט ער זיך פאַרנומען מיט דער־דאָזיקער פּראָפעסיע. זיין מאַמע, וואָס האָט געהאַט אַ געשטופּלט פּנים און פלאַקסענע האָר, וואָס זענען געווען צעשויבערט ווי ביי אַ מכשפה, האָט אים געהאָלפן אין אַלע אונ־טערנעמונגען. דאָס איז געווען פאַקטיש זייער איינציקער מקור פון חיונה, ווייל קיין ערד און גערטנער האָבן זיי נישט געהאַט. זייער איינציקער פאַרמעגן איז געווען בלויז אַ כאַטע ביים ראַנד פון דאָרף.

וואַסיל האָט אונדז צופעליק אָנגעטראָפן אין וואַלד, בעת ער איז אַנטלאָפן פון דאָרף פאַר אַ גרויסע גניבה. ער האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט אין סוואַריטשעוויטשער וואַלד און האָט געזען דאָס סכך־ביידל און אויך

אונדז. דעמאָלט האָט ער מיט אונדז געשלאָסן גוטברודערשאַפט, פאַר־זיכערנדיק מיט אַלע שבועות אַז ער וועט קיינעם נישט דערציילן ווו מיר געפינען זיך. ער פלעגט שוין קומען, דערנאָך, צו אונדז זייער אָפט. פריער האָט זיך באַוויזן זיין קודלאַטער הונט און דערנאָך האָט זיך אויסגעטיילט זיין גראָע סוקמאַנע און זיין קיילעכדיקע פיגור.

אין אַ פאַרנאַכט איז ער, מיט קוראַזש, געקומען צולויפן, אָנזאָגנדיק, אַז דייטשן און פּאָליציי זענען אין זייער דאָרף און זוכן אין הייזער, אויף בוידעמער, אין שטאַלן און שייערן — יידן. זיי האָבן אויך פונאַנדערגע־קלעפּט גרויסע פּלאַקאַטן, אַז זיי וועלן פאַרברענען דאָס דאָרף, אויב מען וועט אַפילו געפינען איין־איינציקן ייד.

מיר האָבן שוין יענעם אָוונט קיין שייטער נישט אָנגעצונדן און יע־נע נאַכט נישט אַרויסגעגאַנגען פון וואַלד. מיר זענען אַלע געווען וואַך. אויך וואַסיל איז געזעסן מיט אונדז. מיר האָבן אַלע זיך צוגעהערט צום געוואָי פון וועלף, וואָס האָט אָפּגעהילכט ווי אַ מענטשלעך געזאַנג. וואַסיל האָט דערקלערט, אַז אין סעפּטעמבער פּאָרן זיך די וועלף און דעריבער וואָיען זיי מיט אַ מענטשלעכן אויסקלאַנג.

מיר זיצן אַלע און הערן זיך צו צו יעדן שאָרך און קלאַנג. פּלוצלינג דערהערן מיר טריט, וואָס ווערן אַלץ נענטער און נענטער.

— ווער קאָן עס זיין? — פרעגן מיר אַלע מיט איין מאָל. מיר זוכן אונדזערע פרימיטיווע כלי־זין און באַוואָפענען זיך מיט די סקעלעט־ביקסן.

„אפשר איז עס אַ בלאָנדזשענדיקער ייד?“, בליצט ביי אונדז אַלע־מען אויף איין און דער זעלבער געדאַנק.

די טריט הערן זיך שוין גאַנץ נאָענט, נישט ווייט פון ביידל. עס הערט זיך ווי די צווייגן ברעכן זיך און ווי די פיס זינקען אין בלאָטע.

מיר זענען, מיט אַלע אונדזערע חושים, אָנגעשטרענגט... אָט דער־הערט זיך דאָס וואָרט: „סוואָי!“ (אַן אייגענער).

עס טיילט זיך אויס אין דער פינצטער דאָס געשטאַלט פון מאַקסים מיסיורא, אָנגעטאָן אין אַ ברוינע טוזשורקע און אין אַ פּילאָטקע. זיינע לייוונטענע הויזן זענען פייכט איינגעשמירט פון בראָדיען אין די זומפּן.

— כ'האָב אייך קוים אויפגעזוכט — זאָגט מאַקסים, וועלכער איז אונדז אַלעמען באַקאַנט. ער איז געווען באַפריינדעט מיט אַלעמען. אַ

באַזונדערע פריינדשאַפט איז געווען צווישן אים מיט מיין קוזין, אפרים, וואָס האָבן צוזאַמען געדינט אין סאָוויעטישן מיליטער און זענען אַריינ־געפאַלן צו די דייטשן אין געפאַנגענשאַפט, אין יאָר 1941, ביי פּאָל־טאַווע. ביידע זענען זיי אַנטלאָפן פון אַ דייטשישן לאַגער. זיי זענען גע־גאַנגען אין די נעכט און אין די טעג זענען זיי געווען פאַרשטעקט אין סטויגן היי און אין טשערעט. אויף אַ קליינעם שיפל האָבן זיי, ביינאַכט, זיך אַריבערגעשיפט דעם דניעפּר. ווען זיי זענען געקומען נאָענט צום דאָרף וויטשעווקע, האָבן זיי זיך פונאַנדערגעשיידט. מיסיורא איז אַוועק צו זיינע דיאַדקעס אויף די כוטאָרעס, ווו זיי האָבן אים אויסבאַהאַלטן. אפרים איז אַוועק אין דאָמבראָוויצער געטאָ, פון וואַנען ער איז אַנטלאָפן ערב דער שחיטה.

מאַקסים מיסיורא איז געווען אַ באַוווסטזיניקער אוקראַינער, מיט אַ פראָסאָוועטישער אָנשויאונג. ער איז געווען אַנאַלפאַבעט, געווען אַ פּאַס־טעך ביי זיין טאַטנס שאָף און בהמות. ער האָט איינמאָל איבערגע־לאָזט די כודאָבע אויף הפקר און אַנטלאָפן צו דער סאָוויעטישער גרענעץ, וועלנדיק אַריבערגיין אין ראַטנפאַרבאַנד. אויפן גרענעץ האָט אים די פּוי־לישע מאַכט אַרעסטירט. ער איז שטאַרק צעממיתט געוואָרן דורך דער פּוילישער גרענעץ־זשאַנדאַרמעריע און איז אָפּגעשיקט געוואָרן צוריק אין די וויטשעווקער כוטאָרעס, ווו ס׳איז געווען זיין היים. אָבער ער איז גע־וואָרן פּאָליטיש־אַקטיוו אין דער ווייסרוסישער הראָמאַדע.

מיר האָבן זיך דערפרייט מיט זיין קומען צו אונדז. ער האָט אונדז דערקלערט, אַז ער האָט נאָך געקענט זיצן ביי זיינע דיאַדקעס, אַז קיין פויגל זאָל נישט וויסן, אָבער ער וויל צוזאַמען מיט אונדז קעמפן קעגן דייטשישן פאַשיזם.

עס האָט זיך פאַרקניפּט צווישן אונדז אַ געשפרעך וועגן געווער. שמואל פורים האָט אינפאָרמירט, אַז זיין טאַטע האָט פאַרשטעקט אַ נייעם נאַגאַן אין קראָקווע פון דאַך, פון יאַקאָבס שטאַלן אויפן ניי־דאָרף, און ער ווייסט גוט דאָס אָרט. אַז וואַקלונג האָט מען באַשלאָסן צו גיין קיין סערניק.

אויף מאָרגן ביינאַכט זענען אייניקע פון אונדזער גרופּע אַוועק קיין סערניק, אויפן ניי־דאָרף. דורך גערטנער און פאַרקאַנעס איז מען צוגע־

קומען צו יאַקאָבס שטאַלן און אויך צו דעם שטאַל, ווו ס'איז געווען באַ־האַלטן פורימס נאַגאַן. שמואל איז אַריינגעקומען אין שטאַל און האָט דעם נאַגאַן געפונען.

ביים שיין פון דער לבנה האָבן אַלע באַקוקט דעם נאַגאַן, אָפּשאַצנ־דיק דאָס ווי דעם גרעסטן אוצר און אפשר נאָך מערער. אינעווייניק, אין מאַגאַזין, זענען געווען פינף קוילן.

אין דער זעלביקער נאַכט האָבן געברענט די הייזער, שטאַלן און שייערן פון די יידנבאַפּער איוואַנעטשקאַ, מאַטאַרקאַ און פון גריץ פּאַ־לוכאָוויטש. דער הימל איז געוואָרן צונטער־רויט און גרויסע פלאַמען האָבן זיך אויסגעשפּרייט איבער דערפער, כוטאָרעס, איבער דעם סוואַרי־טשעוויטשער וואַלד און איבער די גריבער אויף די סולאַמירער כוטאָ־רעס, אָנזאָגנדיק, אַז דער קאַמף קעגן די פאַרטיליקער פון יידישן פאָלק האָט זיך — דורך יידישע נקמה־נעמער — אָנגעהויבן...

צוועלף

אין אָקטאָבער 1942 האָט זיך פאָרמירט אונדזער פאַרטיזאַנער־גרו־פּע. זאַלבע־צוועלף זענען מיר דאַן געווען, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַן אַק־טיווע פאַרטיזאַנישע טעטיקייט אויפן שטח פון 50 קוואַדראַט־קילאָמע־טער, וואָס שפּרייטן זיך אויס צווישן די טייכן „סטיר" און „האָרין". עס קאָן קלינגען לעגענדאַריש דער־דאָזיקער פאַקט, וואָס אַזאַ קליינע גרו־פּע האָט זיך אַנגאַזשירט צו פירן אַ קאַמף קעגן דער גרעסטער אכזריות־דיקער מאַכט אין דער מענטשלעכער געשיכטע, וואָס איר הערשאַפט האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער אייראָפּע און איבער קאָלאָסאַלע שטחים פון ראַטנפאַרבאַנד. דערצו זענען מיר געווען באַוואָפנט, בלויז מיט הילצער־נע ביקסן און מיט איין אייציקן נאַגאַן.

מיטן כוח און דראַנג נוקם צו זיין אַן די שונאים, זענען מיר געווען באַהערשט, נישט איניצירט דורך לאָגישער אויסרעכענונג. כל־זמן דאָס לעבן איז נאָך נישט געווען אָוועקגערויבט פון אונדז, האָבן מיר געוואָלט אויסלאָדן אונדזער נקמה־גלות, וואָס האָט מיט שטאַרקן אייפער געגליט אין אַלע צעלן פון האַרץ.

איך פאַרצייכן דאָ די מיטגלידער וועלכע האָבן אויפגעהויבן די פאָן פון קאַמף, און נאָר אַדאַנק דעם זענען יידן אין וועלדער געבליבן לעבן און נישט אומגעקומען פון דער דייטשיש־פאַשיסטישער טיראַניע, נישט אויסגעשטאָרבן אין די וועלדער פון הונגער און קעלט. מיר זענען געווען 11 יידן און 1 אוקראַינער: משה בראָמבערג, בערל באַבראָוו, פייוול גלעזער, אפרים באַקאַלטשוק, מלך באַקאַלטשוק, שואל גאלעצקי, נחמן זילבערפאַרב, ראובן טורקעניטש, אברהם־מאיר טורקעניטש, מאַקסים מיסיורא, שמואל פורים, פרץ שוכמאַן. די מערהייט זענען געווען מיטגלידער פון „החלוץ" אין סערניק.

מיר זענען געווען די ערשטע פאַרטיזאַנער־גרופּע אין דער געגנט. די ערשטע באַראַטונג איז פאָרגעקומען אונטער אַ סטויגל היי אויפן כוטער „פרוד", וואָס כשמו כן הוא. אַרום דעם כוטער זענען געווען אייביק־שטייענדיקע זומפּן, ריטשקעס און קאַנאַוועס, וואָס גייען אַרויס פון די ברעגעס אין פרילינג־צייט און פאַרגיסן די לאַנקעס און פעלדער. מיר האָבן דאָרט אויסגעאַרבעט אַ טעטיקייט־פּראָגראַם און אַנגעטרויט מיסיוראַן, ער זאָל זיין דער קאָמאַנדיר. דער אייגנטימער פון כוטער, טשוגאַי, איז געוואָרן אַ פאַרבינדלער. ער איז געווען אין דער צאַרישער אַרמיי אין ראַנג פון אַ פעלדפעבל און עד־היום האָט ער געטראָגן גרויסע וואָנצעס, ווי אין דער צאַרישער קאַזאַרמע. טשוגאַי, וואָס איז געווען באַוווסט מיט זיין צונאָמען „יאַנעטשקאָ", האָט פיינט געהאַט די דייטשן נאָך פון ערשטן וועלט־קריג, און דעריבער האָט ער זיך אַנגאַזשירט אונדז צו העלפן מיט אינפאָרמאַציעס. ער האָט פאַר אונדז ווערבירט אַ צווייטן פאַרבינדלער, דעם פאַסטעך פיאָטער דראַקא, וואָס איז געווען זייער אַ פאַרלעסלעכער מענטש און איז געווען איבערגעגעבן דער פאַרטיזאַנישער אידייע. ער פלעגט יעדן בלאָנקענדיקן יידן אין וואַלד אָדער אין סטעפּ העלפן מיט געבן עסן און ער האָט אים אַוועקגעפירט צו די יידן אין וואַלד.

די דאָזיקע פאַרבינדלער האָבן אונדז אינפאָרמירט וועלכע פויערים עס האָבן באַהאַלטן ביקסן און וועלכער פויער האָט קאָלאַבאָרירט מיט די דייטשן בעת די אַקציעס אויף יידן.

מיר האָבן אין משך פון עטלעכע נעכט דעראָבערט צוויי רוסישע ווינטאָווקעס, דריי יעגער־ביקסן, איין אַרטילעריע־ביקס, איין רעוואָלווער,

איין „אַטרעז" (אַ קורץ־ביקסל) און אַ קליינעם אינווענטאַר פון אויפרייס־מאַטעריאַלן ווי אויך אַ סכום קוילן.

אונדזערע ערשטע פּאַרטיזאַנישע אַקטיוויטעטן זענען געווען איבער־ראַשנדיקע פאַר די דייטשן און פאַר דער באַפעלקערונג. עס איז נאָך אין יענער צייט ביז אונדזער אַנטשטייאונג נישט געווען, אין דער דאָזיקער געגנט, קיין אַקטיווע פּאַרטיזאַנישע טעטיקייט. עס פלעגן דורכשלייכן איינצלנע פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן זיך געצויגן אויף מזרח, וועלנדיק צו־קומען צו דער פראָנט־סטרעפע, כדי צו זוכן אַ וועג און אַ געלעגנהייט, אויב די דייטשן טרעטן אָפּ כאָטש אויף עטלעכע קילאָמעטערס, זיך צו געפינען אויף דער סאָוויעטישער זייט.

די פּאַרטיזאַנער־יחידים האָבן דעראָבערט געווער מיט בלויזע הענט. זיי זענען, מייסטנס, אַנטלאָפן פון געפאַנגענשאַפט, פון די דייטשישע לאַ־גערן אין פּוילן, אויף יענער זייט „בוג". זיי פלעגן באַפאַלן די איינצלנע דייטשן אויף דער וואַך אָדער פּאָליציסטן אויף די וועגן.

נישט ווייניק פון זיי זענען דערשאָסן געוואָרן דורך דער דייטשישער זשאַנדאַרמעריע אָדער דערטרונקען געוואָרן אין די וואַסערן פון „בוג", בעת זיי האָבן געוואָלט אַריבערשווימען דעם טייך.

פון די אַנטלאָפענע סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע האָבן זיך שפּעטער אויסגעבילדעט גאַנץ באַדייטנדיקע פּאַרטיזאַנער־גרופּעס אין די וועלדער פון ביעלאָוועזש, סלאָנים, ניעסוויזש, נאָך אין די פרילינג־חדשים פון יאָר 1942. די פּיאָנערישע פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג אין ווייסרוסלאַנד איז אויפגעקומען דורך די אַרויסגעלאָפענע יידן פון די געטאָס, וואָס האָבן זיך געפונען נאָענט צו די אויבן־דערמאָנטע ערטער, ווו די טאָטאַלע שחי־טות האָבן זיך אָנגעהויבן פריער ווי אויף וואָלין און פּאָלעסיע.

וועגן די קאַמפן צווישן די דייטשן און פּאַרטיזאַנער אין די ביעלאָ־וועזשער וועלדער האָט געשריבן די דייטשישע פּרעסע אין מאַי 1942, ווען כ'בין נאָך געווען אין געטאָ. זי האָט זייער געניי באַשריבן די קאַמפן מיט די פּאַרטיזאַנער, אונטערשטרייכנדיק, אַז „עס האָבן זיך אין די ביעלאָ־וועזשער וועלדער קאָנצענטרירט מחנות פּאַרטיזאַנער־באַנדיטן, אונטער דער אָנפירונג פון יידישע קאָמיסאַרן". עס האָט מיך דאַן שטאַרק גע־

וווּנדערט ווי אַזוי די „אומבאַזיגטע" דייטשן האָבן געשריבן אָפן וועגן דעם אַז עס זענען דאָ מחנות פּאַרטיזאַנער.

מיר האָבן אין די געטאָס אויף וואָלין און פּאָלעסיע זיך דערוווּסט וועגן פּאַרטיזאַנישע אַקטיוויטעטן אויף די באַן־ליניעס בריסק־באַראַנאָ־וויטש, באַראַנאָוויטש־ווילנע, קאָראָסטען־קיעוו, ראָקיטנע־אָלעווסק, אָבער מיר זענען געווען הערמעטיש־פאַרזיגלט אין די געטאָס און די קאָלעקטי־ווע אחריות טאָמער וועט מען אויסשעכטן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג. פאַר אַנשליסן זיך אין אַ פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד, האָט געלײמט די איני־ציאַטיוו אַפילו פון יחידים. חוץ דעם דאָזיקן מאָטיוו זענען נישט געווען קיין פּאַרטיזאַנער־גרופּעס אין די וועלדער פון אונדזער געגנט, ביז מיר האָבן אָנגעהויבן פירן אונדזער פּאַרטיזאַנער־קאַמף. נאָר ווען־נישט־ווען זענען פאָרגעקומען ספּאָראַדישע דיווערסיע־אַקטן קעגן דייטשן און פּאָלי־ציי־אַמטן. די סאָוויעטישע מאַכט האָט, ערב איר עוואַקואַציע, אין יעדן ראַיאָן און יעדער אָבלאַסט (געגנט) איבערגעלאָזט קאָמוניסטישע טוער, וואָס האָבן געפירט קאָנספּיראַטיווע טעטיקייט און אַ סך פון זיי האָבן געוווינט אין „זעמליאַנקעס", אין די וועלדער. אויך פלעגט די סאָוויע־טישע רעגירונג אַראָפּלאָזן פּאַראַשוטיסטן אין די וועלדער, וואָס האָבן זיך פאַרבונדן מיט געוועזענע סאָוויעטישע אַקטיוויסטן אין די דערפער. אָבער עס זענען געווען אַ סך פאַלן, ווען די זעלבע פּויערים, וועלכע זענען גע־ווען אַקטיוויסטן בשעת דער סאָוויעטישער מאַכט, האָבן קאָלאַבאָרירט מיט די דייטשן און האָבן אַרויסגעגעבן די פּאַראַשוטיסטן און די קאָנס־פּיראַטיווע קאָמוניסטישע טוער אין די הענט פון דער דייטשישער מאַכט. עס זענען מיר באַוווּסט אַ סך אַזוינע פאַלן. לשם אילוסטראַציע וועל איך איבערגעבן די־דאָזיקע פּאַסירונג.

אין יאַנואַר 1942 איז אין פּאָליציי־אַמט פון דאָרף אָזיערסק, אויף וואָלין, אַריינגעקומען אַ סאָוויעטישער פּאַראַשוטיסט, אָנגעטאָן אין אַ לע־דערנער טוזשורקע, און געמאַכט אַן איבערפאַל. ער איז אַרויסגעקומען פון וואַלד, וואָס איז פאַזע דעם דאָרף. ס'איז געווען אַ שטאַרקער פראָס־טיקער באַגינען, מיט אַ שניי־זאַווערוכע. אין פּאָליציי־אַמט האָבן זיך גע־פונען אַ צענדליק פּאָליציסטן און דריי דייטשן, אויך אייניקע פּויערים פון דאָרף. באַלד ווי דער פּאַראַשוטיסט איז אַריינגעקומען, איז ער אַרומ־

געריגגלט געוואָרן דורך די דייטשן און פּאָליציי, אויפפּאָדערנדיק אים זיך צו לעגיטימירן. ער האָט אָנגעהויבן פונאַנדערשפּילען די לעדערנע טוזשור־קע, כדי, כלומרשט, אַרויסנעמען דעם דאָקומענט, אָבער ער האָט שנעל אַרויסגעכאַפּט זיין נאַגאַן און אָנגעהויבן שיסן. גראָד זענען דערשאָסן גע־וואָרן די דריי דייטשן און צוויי פּאָליציסטן. די איבעריקע זענען אַרויס־געלאָפן דורך די פענצטער, פון שרעק און פּאַניק. דער פּאַראַשוטיסט, וואָס זיין נאָמען איז געווען קראַווטשענקאָ, אַן אָפּשטאַמיקער פון כאַר־קאָווער געגנט, איז אַוועק צוריק אין וואַלד. דאָרט, אין אָזיערסקער וואַלד, האָט ער געהאַט אַ „זעמליאַנקע", ווו ער האָט געוווינט. ער איז געווען אין פאַרבינדונג מיט אַ סאָוויעטישן אַקטיוויסט, אַ פויער פון דאָרף, וואָס האָט אים געליפערט שפּייז און געוויסע אינפאָרמאַציעס. אָבער נאָך דעם דאָזיקן דיווערסיע־אַקט האָט דער פויער, וואָס האָט געהייסן דאַנילאָ, אַרויסגעגעבן די דייטשן דאָס אָרט, ווו עס געפינט זיך קראַווטשענקאָס „זעמליאַנקע" און מען האָט אים געכאַפּט אַ לעבעדיקן, בעת ער איז גע־שלאָפן. דער פאַררעטער, דאַנילאָ, האָט פון די דייטשן באַקומען פאַר זיין אַרבעט גוט־באַצאָלט. דער־דאָזיקער דאַנילאָ איז דערנאָך דערשאָסן גע־וואָרן דורך איינעם פון אונדזערע פּאַרטיזאַנער, קאָליאַ פּאַנטשענקאָוו, אַן אָפּשטאַמיקער פון אָריאָל.

אָבער די איינצלנע דיווערסיע־אַקטן זענען פאָרגעקומען זעלטן און קיין רעגולערע פּאַרטיזאַנישע טעטיקייט איז נישט פאָרגעקומען אין די אַלע ערטער, ווו מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזערע פּערמאַנענטע דיווערסיע־אַקטיוויטעטן, וואָס זענען פאָרגעקומען אָן איבעררייס. יעדע נאַכט זענען געמאַכט געוואָרן איבערפאַלן אויף פויערים, וואָס האָבן קאָלאַבאָרירט מיט די דייטשן און האָבן געהאָלפן אויסראָטן די יידן. זייער האָב און גוטס איז קאָנפיסקירט געוואָרן און די הייזער און שטאַלן, אָנגעפּראָפּט מיט כל־טוב, וואָס עס איז דורך זיי גערויבט געוואָרן, זענען אונטערגע־צונדן געוואָרן. אַ סך פון זיי זענען אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט און די שולדיקע פויערים האָבן באַקומען זייער פאַרדינטן טויט.

דאָס איז געווען די ערשטע פאַזע פון דער טעטיקייט פון אונדזער פּאַרטיזאַנער־גרופּע. דערנאָך האָבן מיר אָנגעהויבן צו באַפאַלן די דאָר־פישע קאָאָפּעראַטיוון און מעלקערייען. די־דאָזיקע דיווערסיע־אַקטן זענען

געמאַכט געוואָרן אין די נעכט. אין אָנהייב זענען די דערפער נישט גע־וועזן אַזוי גוט באַוואַכט, ווייל קיין פּאַרטיזאַנישע טעטיקייט איז אין דער געגנט ווו מיר האָבן זיך געפונען, נישט געפירט געוואָרן. דערצו האָבן מיר אויסגעפירט די איבערפאַלן יעדע נאַכט אין אַן אַנדער דאָרף און אָרט, אויף עטלעכע קילאָמעטערס ווייטער פון איין פּלאַץ ביזן צווייטן, כדי צו דעזאָריענטירן די דייטשן, אַז זיי זאָלן נישט וויסן אין וועלכן וואַלד מיר געפינען זיך.

איינע פון אונדזערע גרעסטע דיווערסיעס, אין יענער פּיאָנערישער פאַזע, איז געווען דאָס אונטערצינדן די גרויסע סמאָליאַרנע נעבן דאָרף אזיערסק. דאָרט זענען געווען גרויסע זאַפּאַסן פון פעסער סמאָלע, טער־פּענטין און אויך פעסער בענזין. עס האָט אויפגעפלאַמט אַ קאָלאָסאַל־גרויסער פלאַקער און דאָס פייער האָט זיך צעגאָסן איבערן הימל, אַז די צונטערדיקע רויטקייט האָט זיך געזען אויף אַ ווייטער דיסטאַנץ, איבער דערפער און ישובים.

די פּויערים זענען געווען שטאַרק נישט צופרידן און עס האָט זיי באַאומרואיקט די־דאָזיקע פּאַרטיזאַנישע טעטיקייט, מורא האָבנדיק פאַר די דייטשן, וועלכע פלעגן אונטערצינדן די דערפער, אויב אַפילו נאָענט צום דאָרף איז פאָרגעקומען אַן איבערפאַל אויף דייטשן אָדער פּאָליציי, און אויב ס׳איז דאָרט געשען אַ דיווערסיע־אַקט. זיי פלעגן ציטערן אימת־מוות נאָך יעדן איבערפאַל און דיווערסיע. זיי זענען דעריבער געזעסן אויף דער וואַך גאַנצע נעכט, קוקנדיק אין די פענצטערלעך פון זייערע כאַטעס, אויב עס פאַרט נישט די געסטאַפּאָ, כמעט פונקט ווי יידן אין די געטאָס.

תחילת האָבן די פּויערים געקלערט, אַז די אַלע פּאַרטיזאַנישע מעשים טוען סאָוויעטישע פּאַראַשוטיסטן און פּאַרטיזאַנער. מיר האָבן זיך באַ־מיט צו פאַרהוילן אונדזער יידישן אָפּשטאַם, ווייל יי ד ן זענען פאַר זיי געווען אָנשרעקנדיק, טאָמער וועט מען זיך נוקם זיין אַן זיי צוליב זייער קאָלאַבאָראַציע מיט די דייטשן. מיר האָבן זיך אָנגעטאָן אין פעלצן, און קוטשמעס און פּאָסטעלעס, און נעמען האָבן מיר זיך געגעבן רוסישע. אָבער סוף־סוף האָט מען זיך דערוווסט, דערקענענדיק לויט דער אויס־שפּראַך פון אייניקע פון אונדז, וואָס האָבן גערעדט גויאיש און נישט קיין

ריינעם רוסיש, און דערצו מיט אַ יידישן אַקצענט. חוצדעם האָבן פּויערים פון די דערפער נעבן ס ע ר נ י ק אַנגעהויבן אונדז צו דערקענען, אַזוי אַז איבער דער געגנט איז באַוווסט געוואָרן, אַז די יידן אין סוואַריטשעווויטשער וואַלד גייען אַרום מיט געווער און שטעלן אין סכנה די דערפער. בדי זיך ריינוואַשן פון וועלכער ס׳איז שייכות מיט פּאַרטיזאַנער, זענען פּויערים אַוועקגעפאָרן צום דייטשישן געביט־קאָמיסאַר אין ס ט אָ ל י ן און צו דער דייטשישער זשאַנדאַרמעריע, וועלכע איז געווען אין אַ גרויסער צאָל אין שטעטעלע וויסאָצק, וואָס ס׳איז געווען דער ראַיאָניקער צענטער פון דער דייטשישער מאַכט. זיי האָבן זיך דערשלאָגן צו אַן אוידיענץ ביים געביט־קאָמיסאַר אַליין און הכנעהדיק פאַר אים און פאַרן שעף פון דער זשאַנדאַרמעריע האָבן זיי דערציילט, אַז יידן רויבן און מאָרדן די באַפעלקערונג, צינדן אונטער די קאָאָפּעראַטיוון, וואַרפן אום די טעלעגראַפישע סלופּעס און מאַכן אָן חורבן אין די דערפער. נאָר ביי־טאָג זענען מיר רואיקער, אָבער די נעכט זענען פאַר אונדז שרעקלעכע. מיר האָבן מורא איינצושלאָפן אויף אַ ווייל און שרעקן זיך אָנצינדן אַפילו קינעלעך (קליינע העלצעלעך). זיי האָבן בעת מעשה דערקלערט און געשוואָרן — דורך צלמען זיך —, אַז זיי זענען געהאַרכזאַם דעם פּ י ־ ר ע ר און דעם דריטן רייך.

אַ פּויערל אויף אַ כוטער, נישט ווייט פון די בוטעווער כוטאָרעס, איז געווען שטאַרק אין צאָרן אויף די וואַלד־יידן הלמאי מען האָט ביי אים פון אַ גרוב אַרויסגענומען קאַרטאָפל אין איין נאַכט. ער איז אויך געווען אַ מיטהעלפער פון די דייטשן בעת זייערע אַקציעס אין סערניק און אויף די עטלעכע יידישע משפחות אין דאָרף וויטשעוווקע. ער איז אויך אַוועק צו דער דייטשישער מאַכט אין סטאָלין און האָט אויף זיך גענומען די אַרבעט צו שפּיאָנירן די יידן אין די וועלדער און דער עיקר פעסטשטעלן וויפל פון זיי זענען באַוואָפנט און ווו און אין וואָסער ווינקל פון וואַלד זיי זענען.

דער דאָזיקער פויער האָט גוט שפּיאָנירט און געוווסט ווו עס געפינען זיך יידן און האָט זיך אויך דערוווסט, אַז נאָר געציילטע יידן גייען אַרום מיט געווער. ער האָט אַלץ אינפאָרמירט די דייטשן אין סטאָלין און האָט אויף זיך גענומען די הייליקע אַרבעט צו זיין דער „פּראָוואָדניק״

— צו פירן אַ דייטשישע שטראַף־עקספּעדיציע פון 40 ס״ס־לייט, מיטן וויצע־געביט־קאָמיסאַר בראש.

עס איז געווען גאַנץ פרי. דער באַגינען האָט נאָרוואָס אויפגעשפּראָצט. אין דער געדיכטעניש פון די קוסטעס האָבן מיר דערהערט אַ געריוש פון אויטאָמאָבילן, נאָענט צום וואַלד. די רעפלעקטאָרן פון די אויטאָ־מאַשינעס האָבן אַריינגעלויכטן אין די געצווייגן פון די באַבלעטערטע ביימער. אָט האָבן די מאַשינעס זיך אָפּגעשטעלט. אַ גרויסע פּאַניק איז אַנטשטאַנען צווישן אונדז. מען איז געלאָפן פון איין אָרט צום צווייטן, אַלץ טיפער אין וואַלד, אויפגעזוכט היילן און נאָרעס, זומפּן און קאַנאַוועס. אונדזער גרופּע מיט איר בידנעם געווער האָט דאָך נישט געקאָנט פאַרטיידיקן זיך און אַפילו נישט שטעלן דעם מינדסטן ווידערשטאַנד.

דעמאָלט איז געשען אַן אויסטערלישע פּאַסירונג, אַן אמתער נס מן השמים. גראָד, ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין וואַלד, איז פאַרבייגעגאַנגען אַ פּאַרטיזאַנישער קליינער אָטריאַד פון 29 פּערזאָן. דער קאָמאַנדיר איז געווען פּאַפּאָוו און דער קאָמיסאַר — קאָרטשעוו. סיי דער קאָמאַנדיר און קאָמיסאַר און סיי די פּאַרטיזאַנער אין אָטריאַד זענען געווען דערפאַרן אין קאַמפּן מיט דייטשן. זיי זענען געווען באַוואָפנט מיט גוטע רוסישע און דייטשישע ווינטאָווקעס און אויטאָמאַטן, מיט פּיסטאָלעטן און גראַנאַטן. זיי האָבן אויך געהאַט קוילנוואַרפער.

די דייטשן זענען געווען איבערראַשט און זיך באַלד, אין אָנהייב, דעזאָריענטירט. די פּאַרטיזאַנער האָבן באַלד אָנגעהויבן באַשיסן די דייטשן און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שווערער קאַמף. די איניציאַטיוו איז געווען אויף דער זייט פון די פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן גוט מאַנעווורירט דעם אָנגריף, פאַרנעמענדיק בייביידע זייטן גרעבליע גוטע פּאַרטיידיקונג־פּאָזיציעס. עס זענען שוין אין אָנהייב געפאַלן אַ צענדליק דייטשן מיט דעם וויצע־געביט־קאָמיסאַר. אַ פּאַניק האָט די דייטשן באַהערשט און זענען אַזוי דעזאָריענטירט געוואָרן, אַז איינער האָט נישט געוווסט פון צווייטן, לויפנדיק אין אַלע ריכטונגען. די אויטאָ־מאַשינעס זענען דורך גראַנאַטן אויפגעריסן געוואָרן. נאָך אַ האַלב־שעהדיקן קאַמף זענען די דייטשן זיך פונאַנדערגעלאָפן, קוים מיט דער נשמה. אויך דער פּראַוואָדניק איז אַוועקגעלאָפן אין דער ריכטונג צו סטאָלין. דאָרט האָבן די דייטשן אים עפּנט־

לעך אויפגעהאנגען. זיי האָבן אים באַשולדיקט אין דער מפלה פון די דייטשן, זאָגנדיק, אַז ער האָט זיי אָפּגענאַרט ספּעציעל, כדי די פּאַרטיזאַנער זאָלן האָבן איבער זיי אַ גרויסן זיג און ער האָט דערפאַר נישט געזאָגט, אַז די יידן זענען גוט באַוואָפנט. די דייטשן האָבן דעם פּראָוואָדניק אָנגענומען אויך פאַר אַ פּאַרטיזאַן און אַז ער איז געווען יד־אחת מיט אונדז.

די יידן אין וואַלד און אויך אונדזער גרופּע האָבן אַבסאָלוט נישט באַגריפן וואָס עס איז פאָרגעקומען אויף דער גרעבליע. אַ שטאַרקע שיסעריי האָט אויפגעטרייסלט די ערד און דיביימער אין וואַלד. ערשט נאָך דעם, ווען די שלאַכט האָט זיך איינגעשטילט, איז מען אַרויס צום ראַנד פון וואַלד, ווו די שיסעריי איז נאָרוואָס געווען אַזוי שטאַרק. דאַן האָט מען זיך אָנבאַגעגנט מיט ברידער־פּאַרטיזאַנער, צווישן וועלכע עס זענען געווען דריי יידן: יאָסקע, ברוך פליישמאַן און אַלעק אבוגאָוו.

יעדערער פון די דאָזיקע יידישע פּאַרטיזאַנער איז געווען אין די נעגל פון נאַצי־פאַשיסטישן מחבל. וועגן פּאַרטיזאַן יאָסקען ווייס איך בלויז זיין נאָמען. ער איז געווען אין מאַראָטשנער געטאָ, אַ קליינער ישוב נישט ווייט פון פינסק. ער איז געווען אַן אָפּשטאַמיקער פון פוילן און מיטן אויסברוך פון פויליש־דייטשישן קריג איז ער פון דאָרט אַנטלאָפן. געקומען איז ער אין מאַראָטשנע. ער איז געבליבן אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע. ערב דער שחיטה אין געטאָ איז ער אַנטלאָפן אין די וועלדער פון ליבאשיי און זאווישע — אין דער אומגעגנט פון די שטעט קאָמיען־קאַשירסק און פינסק. אין דער פאָרגעקומענער שלאַכט האָט ער אַרויסגעוויזן העראָאישקייט. ברוך פליישמאַן האָט געשטאַמט פון יאַנאָוו נעבן פינסק און איז אַנטלאָפן פון דער דאָרטיקער געטאָ אין וואַלד מיט אַ קצבישן מעסער. דאָרט האָט ער זיך אָנבאַגעגנט מיט פּאַפּאָווס פּאַרטיזאַנער און זיי האָבן אים מיטגעבראַכט צו זייער וואַלד־באַזע. שווער איז געווען אַריינצוטרעטן אין יעדער פּאַרטיזאַנער־גרופּע, אויב מען איז נישט געווען באַוואָפנט. דער שטאַב אָדער די אָנפירונג פון אַ גרופּע אָדער אַן אָטריאַד האָט געפאָדערט אומבאַדינגט צו האָבן בעת־מעשה אַ ביקס אָדער אַ נאַגאַן. היות פליישמאַן האָט בלויז געהאַט אַ קצביש מעסער, האָט מען אים נישט געוואָלט צונעמען. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט דער קאָמאַנדיר

איינגעשטימט אים איינצוגלידערן אין זיין גרופּע, מיט דער פּאַרפליכ־טונג, אַז ער דאַרף מיט בלויזע פויסטן דעראָבערן זיך אַ ביקס אָדער וועל־כע ס׳איז אַנדערע געווער־שטיק. אין דער דאָזיקער שלאַכט האָט פלייש־מאַן דעראָבערט זיך אַ ביקס און אויך אַ פּיסטאָלעט. ער האָט מיטן קצבישן מעסער זיך געוואָרפן אויף אַן אַנטלויפנדיקן דייטש און האָט אים דער־שטאָכן. ער האָט ביי אים צוגענומען זיין ביקס און פּיסטאָלעט. דאָס איז געווען אַ גרויסע גבורה צו באַפאַלן אַ באַוואָפנטן ס״ס־מאַן. אַ באַזונדערע אייגנאַרטיקע מאַרטיראָלאָגיע איז דורכגעגאַנגען דער דריטער יידישער פּאַרטיזאַן, אַלעק אבוגאָוו. ער איז געווען פון אָדעס און פרייוויליק איז ער אַוועק אין דער רויטער אַרמיי. ביים אָנהייב פון קריג צווישן די דייטשן און סאָוויעטן, ער איז אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. ווען דער דייטשישער אָפיציר האָט באַפוילן אַלע יידישע געפאַנגענע זיך סעפּאַרירן, האָט אבוגאָוו באַגריפן זייער מיין און ער איז געבליבן שטיין צווישן די קריסטלעכע געפאַנגענע. דאָס האָט אים געראַטעוועט פון טויט, ווייל אַלע יידישע געפאַנגענע זענען באַלד דערשאָסן געוואָרן. אלעק אבוגאָוו איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אין אַ לאַגער פאַר קריג־געפאַנגענע אין קאָוועל. פון דאָרט איז ער אין אייניקע טעג אַרום, אין סעפּטעמבער 1941, אַנט־לאָפן פון לאַגער, צוזאַמען מיט נאָך אַ רוסישן געפאַנגענעם, פּעדקאָ ני־קאָנאָר. זיי האָבן זיך אונטערגעגראָבן אונטער די שטעכל־דראָטן און זע־נען פאַרשוווּנדן אין וואַלד. אַ שטיק צייט האָבן זיי געבלאָנקעט נישט באַוואָפנט. מיט בלויזע פויסטן זענען זיי באַפאַלן אַן אוקראַיִנישן פּאָלי־ציאַנט און האָבן דעראָבערט אַ ביקס מיט אַ רעוואָלווער. זיי האָבן זיך דערנאָך אָנגעשלאָסן אַן פּאַפּאָווס אָטריאַד, וואָס האָט אַנטוויקלט אַ פּאַר־טיזאַנישע טעטיקייט אין אומגעגנט פון ליבאשיי, פּניעוונע און קאַמיען־קאַשירסק.

דער אָטריאַד פון פּאַפּאָוון איז גאַנץ צופעליק פאַרבייגעגאַנגען נעבן אונדזער וואַלד און זיך אַזוי אַרום אָנגעשטויסן מיט דער דייטשישער עקספּעדיציע. דאָס איז עפּעס ווונדערלעכעס געשען. די דייטשן וואָלטן געוויס דאַן פאַרניכטעט דעם איבערבלייב פון די יידן, וועלכע זענען אַנט־לאָפן פון סערניקער געטאָ.

אייניקע טעג האָבן די פּאַרטיזאַנער זיך פאַרהאַלטן מיט אונדז. אונ־

דזער גרופּע האָט צוזאַמען מיט זיי דורכגעפירט געלונגענע איבערפאַלן אויף פּאָליציי־אַמטן און דייטשישע פּאָלוואַרקעס אין די אַרומיקע דער־פער. יעדע נאַכט איז דער הימל געווען באַגאָסן מיט פייערדיקע פלאַמען און רויכן פון אונטערגעצונדענע דייטשישעווירטשאַפט־פּונקטן. מען האָט אין די דערפער צונויפגענומען ביי די פּויערים זעק ברויט און קליידונג און לייוונטענע וועש. מען איז דאַך אַרויסגעלאָפן פון געטאָ מיט דאָס, וואָס מען האָט געטראָגן אויף זיך, נישט מיטנעמענדיק קיין איינציקע פּאָר וועש. דער ענין פון בייטן אַ העמד איז דאַך געווען אַזוי נויטווענדיק ווי שפּייז. פון דעם וואָס מען האָט געליטן בוכשטעבלעך הונגער איז מען געווען פאַרלייזיקט און דאָס איז געווען אַ גרויסער שונא, עס האָט נישט געהאָלפן וואָס מען האָט ביים פייער פון שייטער געבאַקט דאָס לייב און מען האָט אונטער די קוסטעס אויסגעלויזט דאָס העמד עטלעכע מאָל אין טאָג. אין אייניקע רגעס איז דאָס לייב געוואָרן ווידער פול מיט גרויסע כנים.

סימפּאַטישע פּאַרטיזאַנער זענען געווען אין פּאָפּאָווס אָטריאַד, און צווישן זיי האָט זיך באַזונדערס אויסגעטיילט מיט גרויסער יידנפריינד־שאַפט דער פּאַרטיזאַן נ א ד ע ל י ן, וואָס האָט צום סוף פון דער פּאַר־טיזאַנקע באַקומען פון מאָסקווער פּאַרטיזאַנער־שטאַב דעם לענין־אָרדען.

דער אָטריאַד איז דערנאָך אַוועק אויף מזרח. דער פּלאַן זייערער איז געווען: זיך געפינען נאָענט צו דער פראָנט־זאָנע, כדי ביי דער ערשטער געלעגנהייט צו דערגרייכן אויף דער סאָוויעטישער זייט. אונדזער גרופּע האָט זיי באַגלייט ביז דעם טייך „הארין״.

פון דאָזיקן אָטריאַד זענען מיט אונדז פאַרבליבן אלעק אבוגאָוו, אַנאַ־טאָלי קוראטשקין און העניק מוזיטשקא. די דאָזיקע דריי פּאַרטיזאַנער זע־נען געווען דערפאַרן אין פּאַרטיזאַניש־דייטשישן קריג.

דער וווּנדערלעכער נס אין וואַלד און די דריי צוגעקומענע פּאַרטי־זאַנער האָבן דערמוטיקט אונדזער גרופּע פון צוועלף פּאַרטיזאַנער צו ווייַ־טערדיקע פּאַרטיזאַנישע מעשים.

מלך באַקאַלטשוק־פּעלין

דער איבערפאַל אויף וויסאָצק

אין נאָוועמבער 1942, זענען אויסגעפּאַלן אויף פּאַלעסיער ערד שיי־נע טעג און אויסגעשטערנטע נעכט, פּונקט ווי אין די סליחות־טעג ערב דער סערניקער שחיטה. די יידן אין וואַלד האָבן אין דעם געזען גאָטס לייטזעליקייט, אַז דאָס אויג פון בורא־עולם האָט זיך פון זיין אויסדער־ווײלטן פאָלק נישט אָפּגעקערט.

אויף דאָרפישע פּריזבעס, אין שייערן און גומנעס האָבן עוואַנגע־ליסטן און פרומע גויים באַוואונדערט דעם טרוקענעם האַרבסט, וואָס זינט זיי געדענקען איז נאָך אַזאַ נישט געווען. זיי האָבן אַריינגעקוקט אין די פאַרגעלבטע בלעטלעך פון נייעם טעסטאַמענט און אויפגעזוכט שטעלן און רמזים, אַז דער איבערבלייב פון יידישן שטאַם וועט נישט פאַרטי־ליקט ווערן, גלייבנדיק אַז די שיינע וועטערן אין שפּעטן האַרבסט זענען געשענקט די יידנס וועגן, זיי זאָלן נישט אונטערגיין אין די וועלדער, פון רעגנס און קעלט.

עס איז באמת געווען אַ גליק וואָס די הימלען זענען געווען אַן כמאַ־רעס, די טעג און נעכט שיינע און ליכטיקע. אָבער מען האָט געבויט בייד־לעך ווי אין מדבר. מ'האָט אין די אָוונטן און נעכט געמייסטרעוועט און אויפגעשטעלט וואַכבודן פון ריטלעך, באַדעקט מיט דערנער און פלאַכ־טעס באַגראָזטער ערד, ווייל אַ ליאַדע שעה האָט דער הימל געקאָנט פאַר־צויגן ווערן מיט וואָלקנס און עס וועלן זיך אָנהייבן די רעגנדיקע מעת־לעתן.

די צאָל יידן אין סוואַריטשעוויטשער וואַלד האָט זיך פאַרגרעסערט. פון דריי מנינים יידן איז די צאָל געוואָרן לערך 200 נפשות. יידן אין קליינע און איזאָלירטע גרופּעס האָבן זיך געלאָזט אין די נעכט גיין צום סוואַריטשעוויטשער וואַלד, באַגרייפנדיק, אַז זייענדיק איזאָלירט קאָן מען גיכער אומקומען.

מיט יעדן טאָג איז מער באַוווסט געוואָרן דער סוואַריטשעוויטשער וואַלד. נאָכן נצחון איבער די דייטשן אויף די בוטעווער כוטאָרעס האָבן יידן אין פאַרשטעקטע ערטער אָפּגעשאַצט אונדזערע קאַמף־מעגלעכקייטן, קלערנדיק אַז מיר האָבן אַ סך געווער. אויך די פּויערים האָבן געקלערט,

אַז די יידן אין וואַלד האָבן באַזיגט די סטאַלינער דייטשן. דער מיאוסער דורכפאַל פון דער דייטשישער שטראָף־עקספּעדיציע איז צוגעשריבן געוואָרן אויף אונדזער קאָנטע.

מיר האָבן דאַן פאַרצווייגט אונדזער טעטיקייט און געשטערט די פּויערים צו שיקן די קאָנטינגענטן תבואה (פּאָסטאָווקעס) פאַר די דייטשן אין וויסאָצק, אין ראַיאָן־צענטער. און מיר האָבן אויך געשטערט דער ווערבירונג־אַקציע — צו שיקן די יוגנט פון די דערפער קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט. אין מיטן טאָג האָט מען געוואָגט אַרויסגיין אויף די וועגן, און פאַרהאַלטן די פּויערישע פורן מיט די פּאָסטאָווקעס, צונעמענדיק עס. לפנים־וועגן האָט מען די פּויערים געגעבן אַ קוויטונג, אַז די פּאָסטאָווקעס זענען קאָנפיסקירט געוואָרן דורך דער סאָוויעטישער פּאַרטיזאַנער־איינהייט. עס זענען פאַרהאַלטן געוואָרן פורן מיט יוגנטלעכע, וועלכע זענען געפאָרן צום ווערביר־פּונקט קיין וויסאָצק אָפּגעשיקט צו ווערן אין די שאַכטן פון טיף־דייטשלאַנד. מיר האָבן געדראָט די פּויערים, אַז אויב זיי וועלן געבן פּאָסטאָווקעס תבואה און פי פאַר די דייטשן, אָדער זיי וועלן אויספאָלגן די אינסטרוקציעס פון דייטשישן געביט־קאָמיסאַר, וועלן מיר, לויטן פּאַרטיזאַנישן געזעץ, שווער באַשטראָפן די־יעניקע, וואָס פירן נישט אויס אונדזער באַפעל.

מען האָט אויך אַרויסגעראָבן און פונאַנדערגעוואָרפן די טעלעגראַפישע סלופּעס אויף אַ גרויסער דיסטאַנץ.

די־דאָזיקע מאַסנאַמען האָבן אָנגעשראָקן די פּויערים, וואָס זענען געווען אין פאַרצווייפלונג, נישט וויסנדיק וועמענס מאַכט צו אָנערקענען. זיי האָבן געזאָגט: „בייטאָג האָבן מיר אַ דייטשישע מאַכט און ביינאַכט האָבן מיר אַ פּאַרטיזאַנישע מאַכט“.

דורך פאַרבינדלער האָט מען זיך דערוווסט, אַז די דייטשן האָבן אָרגאַניזירט אַ גרויסע שטראָף־עקספּעדיציע צו פאַרניכטן די „יידישע פּאַרטיזאַנער־באַנדיטן“ אין סוואַריטשעווישער וואַלד. אויך האָט מען זיך אינפאָרמירט וועגן דעם, אַז די וואַלד־וועכטער זענען אויפגעפאָדערט געוואָרן צו פאַרברענען די הייזער אין שכנהשאַפט מיטן וואַלד און אויף די כוטאָרעס, און אַלס פאַרגיטיקונג וועט מען די געליטענע אָפּגעבן דערפאַר די יידישע הייזער אין די שטעטלעך. די דייטשן האָבן מיט דער־דאָזיקער

פאַראָרדענונג געצילט, אַז די יידן אין וואַלד זאָלן נישט האָבן די מעג־לעכקייט צו קריגן אָדער אויספּרעסן ביי די פּויערים עסנוואַרג.

די דייטשן האָבן אָנגעהויבן צו אַקטיוויזירן די פּויערים־באַנדעס, וואָס זענען איינגעשטילט געוואָרן מחמת מורא פאַר אונדז. אין ניקאָלאַיעווער וואַלד האָבן פּויערים דערמאָרדעט די סערניקער פאַמיליע פון אַדל יאַש־פע, אין אַביידל. פון אַזיערסקער וואַלד איז געקומען צולויפן אַ פאַר־וואונדעט ייִנגל, צעקאַליעטשעט מיט מעסערס. ער איז געזעסן מיט זיין ברודער און מיט עטלעכע יידן אין אַ ביידל. די יידן זענען אַוועק ביינאַכט זוכן עסן אין דאָרף, און זיי זענען געבליבן אַליין. דאַן איז אַ פּויער באַ־פאַלן די קינדער: איינעם האָבן זיי דערהרגעט מיט מעסערס און דער צווייטער — אַ פאַרוואונדעטער — איז אַנטלאָפן צו אונדז אין וואַלד. ביי־דע ייִנגלעך זענען אַנטלאָפן פון געטאָ אין האָראָדנאַיע, אַ שטעטל אויפן שליאַך סטאָלין־סערניק.

דער יידישער פּאַרטיזאַן, אלעק אבוגאָוו, איז גלייך אַוועק אין דאָרף אַזיערסק און האָט זיך דערוווּסט פון אַ פּויער דעם נאָמען פון דעם רוצח. ער האָט זיי ביידן גראָד געפונען אין איין כאַטע און האָט זיי דערשאָסן. דערנאָך האָט ער פאַרברענט זייערע הייזער. ער האָט דאָס אַלץ געטאָן אין מיטן העלן טאָג. דאָס איז געווען פאַר די פּויערים אין אַזיערסק און אין דער שכנישער אומגעגנט אַ באַלערנדיקע לעקציע, אַז ס׳איז דאָ אַ שטראָפנדיקע האַנט, און מען קאָן באַצאָלן מיט ט ו י ט פאַר ט ו י ט.

אונדזער גרופּע — זאַלבע־צוועלף — האָט זיך גענומען גרייטן צו מאַכן אַן איבערפאַל אויף וויסאָצק, וואָס עס איז געווען אַ ראַיאָן־צענטער. דאָרט האָבן זיך געפונען 30־40 זשאַנדאַרן און 120 אוקראַינישע פּאָלי־ציסטן. דאָס איז געווען אַ קליין יידיש שטעטל, פון 30 ביז 40 קילאָמעטער פון אונדזער ביידל אין וואַלד. יעדערער פון אונדז האָט באַגריפן די גרוי־סע באַפאָרשטייענדיקע סכנה. אָבער אין אַזאַ מאוימדיקער צייט האָט מען קיין זאַך נישט אַנאַליזירט לאָגיש, נאָר עס האָט דיריגירט אַן אַנדער כוח, אַ גייסט פון אייפעריקער נקמה.

דעם 16טן נאָוועמבער 1942 האָבן מיר זיך געלאָזט אויף דער־דאָ־זיקער דיווערסיע, וועלכע איז געווען זייער און זייער אַ קאָמפּליצירטע. עס האָט גראָד אָנגעהויבן צו רעגענען, ווען מיר זענען פאַרנאַכט

אַרויס פון סוואַריטשעוויטשער וואַלד. די איבערגעבליבענע האָבן אונדז באַגלייט מיט גרויסער אומרואיקייט, טראַכטנדיק ווער ווייסט, צי מיר וועלן זיך בשלום צוריקקערן.

צוערשט זענען מיר געגאַנגען אין סוואַריטשעוויטשער ה ו י ף, וווּ מיר האָבן געדאַרפט מיטן כוח פון וואָפן אַרויסנעמען צוויי פּאָר פערד אין פולן געשפּאַן. מיר האָבן אַרומגערינגלט דעם הויף און פונאַנדערגעיאָגט די וואַך. מיר זענען דאַן אַריין אין די שטאַלן און האָבן אַרויסגענומען 4 גניאַדע פערד און זיי איינגעשפּאַנט אין לאַנגע הויפישע וועגענער, וואָס האָבן געהאַט הויכע וואַלינער סטראַמינעס.

ווען מיר זענען אַרויסגעפאָרן אויפן טראַקט, וואָס פאַרבינדט וואָלין מיט פּאָלעסיע, איז שוין געוואָרן פינצטער. די פערד טרייבן מיר מיטן גרעסטן אימפּעט, ווייל מיר האָבן אויסגערעכנט אין משך פון דער נאַכט צוריקצוקערן זיך אין וואַלד, הגם קיינער האָט נישט געגלייבט, אַז מיר וועלן פון וויסאָצק אַרויסגיין מיטן לעבן. עס האָט אָנגעהויבן שטאַרקער צו רעגענען און שנייען. אַלץ אַרום ווערט באַווייסט און מיר אין די וועגענער זענען געוואָרן באַשנייט, אַזש די אויגן קלעפּן זיך צו. מיר נורען זיך איין אין שטרוי פון וואָגן, און יעדער איז פאַרזונקען אין טראַכטונגען, נישט ריידנדיק צווישן זיך קיין איינציק וואָרט. אַלעמען האָט געשראָקן דער ווייסינקער שניי, וואָס גיט דעם שונא די מעגלעכקייט צו דערקענען גאַנץ גרינג די סליאַדן פון אונדזער מאַרשרוט. אויך האָט דאָך געקענט געמאָלט זיין, אַז פון ה ו י ף האָט מען געגעבן צו וויסן וועגן אונדזער ווי ז י ט און אַז מיר האָבן אין געאייל צוגענומען פערד מיט וועגענער אין פולן געשפּאַן.

מיר פאָרן האַסטיק פאַרביי כוטאָרעס. אַלץ אַרום איז טויט־שטום. עס זעט זיך נישט קיין לעבעדיקער נפש. קיין פור פאָרט נישט פאַרביי. די קללה פון קריג און פון דער היטלעריסטישער פאַרוויסטונג הויזעט אין דער גאַנצער אַרומיקייט. מען זעט נישט קיין פייערל, וואָס זאָל אַרויסשימערן פון אַ פאַרבייפאָרנדיקער כאַטע. דער וויים־באַשנייטער שליאַך, וואָס תמיד איז אויף אים געווען אַ באַוועגונג און דער „וויאָ־וויאָ" פון די וואָלינער פויערים האָט זיך געהערט פון גאַנץ ווייט, איז איצט אבלדיק. דער־דאָזיקער טראַקט האָט פאַרבונדן די שטעטלעך פון פּאָלעסיע און

וואָלין, ווו יידן זענען געפאָרן אויף חתונות און שמחות, אויף מערק און ירידים. אין זאַמרוטשעניע, אַ דאָרף אין מיטן וועג, על אם הדרך, פלעגט מען זיך אָפּשטעלן אין דעם איינציקן יידישן הויז, ביי יאָסל דעם זאַמ־רוטשעניער, ווו מען פלעגט, מיט ברייטהאַרציקייט און וואָלינישער רחבות, אויפנעמען יידישע און קריסטלעכע דורכפאָרער. מען האָט בחנם מכבד געווען מיט עסן און מען האָט אפילו אין מיטן נאַכט אויפגעזאָדן די ברייטבייכיקע קופּערנע סאַמאָוואָרן.

ליגנדיק אין וואָגן איינגעגנורעט אין שטרוי, דעראינערסט זיך אין אַ מענגע גאַסטפריינדלעכע ישובניקעס, וואָס זענען שוין אויפן עולם־האמת און די וואָס די היטלעריסטישע שווערד האָט זיי אומגעבראַכט. עס שוועבן דיר פאַרביי די פּנימער, געשטאַלטן פון דיינע טייערסטע און נאָענטסטע, וואָס זענען בלויז מיט געציילטע וואָכן געווען מיט דיר צוזאַמען. אַט דאַכט זיך דיר, אַז עס איז אַ בייזער וויסטער חלום, אָבער דאָס איז דאָך פאַרט געווען די גרויזאַמעווירקלעכקייט, און עס ווערט דיר צונויפגע־פּרעסט און צוזאַמענגעדריקט דאָס האַרץ, וואָס אין אַזאַ קורצער צייט איז דיין וועלט אונטערגעגאַנגען און דו אַליין, מיט אַלע דיינע רמ״ח אברים, הענגסט איצט צווישן לעבן און טויט...

אין דאָרף זאַמרוטשעניע האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט, כדי צו געבן די פערד אַ פּאַפּאַסקע־קאַנישינע און האָבער, און אַליין גייען מיר אַריין אין אַ גויאישער כאַטע. דער פּויער, אַ דערשראָקענער, גיט אונדז האָניק מיט ברויט און מיר זיצן אין שטוב אַ שעה, און בעת־מעשה טראַכט יע־דערער ביי זיך, אַז אפשר זאָל מען זיך צוריקקערן אין וואַלד, ווייל אין דרויסן איז געוואָרן אַ גרויסע שניי־זאַווערוכע, און דער שניי אָן און פאַר זיך איז נישט גינסטיק פאַר אונדזער דיווערסיע־פּלאַן.

מיר גייען אַרויס אין דרויסן און דער שניי שיט און שיט. דאָך קערן מיר זיך נישט צוריק. מיר פאָרן אַריין אין די וועלדער פון גראַף פּ ל א־ ט ע ר. אַ תכריכים־ווייסקייט בלענדט פון די קוסטעס אוןביימער. אַלץ איז באַשאָטן מיט שניי.

רחבותדיק איז די וואָלינער ערד, די פעלדער און פליינען. גרויס און געדיכט זענען די וועלדער. באַרימט אויף וואָלין איז דער דאַזיקער וואַלד

פון גראָף פּלאַטער. אַ מורא און געשפּענסט יאָגט איצט פון די קוסטעס און אַלייען.

מיר פאָרן אַריין אַלץ טיפער און ווייטער. די וועגן און סטעזשקעס זענען באַשאָטן מיט שניי. עס ציען זיך לאַנגע שורות פון ביימער. דאָס האָבן לייב־פּויערים אין פריערדיקע דורות געשניטן און געזעגט ביימער בדי צו קולטיווירן דעם וואַלד און אים געבן אַ עסטעטישן אויסזען.

אָט פאַרקירעווען מיר זיך אויפן טראַקט, וואָס פירט צום קליינעם שטעטל וויסאָצק. דער וועג איז איינגעזאַנצן פאַרשאָטנט פון די דיקע און באַבלעטערטע ביימער. אַ צוויטשער, אַ שאַרך רופט ביי דיר אַרויס אַ שאַרפע וואַכעדיקייט. אַ פאַרביילויפנדיקע וועווערקע און אַ שפּרונג פון אַ העזל רייסן איבער די טויט־שטומע שטילקייט און דו גיסט זיך אַ טרייסל ווי פון אַ שווערן ביינאַכטיקן חלום.

נאָר געציילטע קילאָמעטערס טיילן אונדז אָפּ פון וויסאָצק. גראָד באַ־פאַלט דיך אַ מידקייט, וואָס צעגיסט זיך אין אַלע גלידער... דו טראַכסט ביי זיך, אַז עס וואָלט געווען גוט, ווען דער וואַלד ענדיקט זיך נישט און די נאַכט פאַרציט זיך כאָטש נאָך אויף עטלעכע שעה...

אָט ווערט דער וואַלד שיטערער. דאָ און דאָרט שטייען יונגינקע בער־ריאָזקעס. די ווייסינקע בעריאָזע־ביימלעך מאַכן אונדז נאָך העלער דעם וועג, פון וועלכן מיר פאָרן אַרויס. עס שפּרייטן זיך פאַר דיר אויס די וויסאָצקער פעלדער און פליינען. אַלץ אַרום איז איינגעהילט אין ווייס־קייט. יעטוועדער פלעק אויף דעם פליינינקן שטח רופט אַרויס חשד.

אַ גרויסער פליין ציט זיך אויס. דער שניי איז איינגעשטילט. מיר פאָרן מיט דער גרעסטער וואַכזאַמקייט. יעדער איינער פון אונדז קוקט אין אַלע זייטן און שטרענגט גוואַלדיק אָן זיינע זע־חושים. מיר לאָזן די פערד לאַנגזאַם גיין, טראָט נאָך טראָט.

דער טייך „הארין", וואָס איז די ברכה פון וואָלין, ווי דער דניעפּר פאַר קיעווער ערד און דער ווייסל פאַר פּוילן, האָט דורכגעשניטן דעם פליינינקן שטח, און מיר פאָרן אים אַריבער. ביים בריק שטעלן מיר זיך אָפּ. מיר זעען פון ווייטן וויסאָצק, איינגעהילט אין שניי ווי איין מאַסע. מיסיוראַ און אפרים באַקאַלטשוק גייען אַוועק צום נאָענטן כוטאָר זיך דערוויסן, אויב די דייטשישע וואַך איז איצט ביינאַכט אין אַ גרויסער

צאָל און וועלכע גאַסן און געסלעך זענען נישט אַזוי באַוואַכט. דער פויער פון כוטער איז אַ געוועזענער סאָוויעטישער אַקטיוויסט. מיר גייען אַרויף אויף דער בריק און לענען זיך אָן אָן די פּאַרענטשעס און מען איז וואַכעדיק ביזן העכסטן גראַד. עס פאַלט מיין בליק אויף די טונקעלע כוואַליעס פון טייך, וואָס פליסן איצט ווי מיט רוגזה און שטראָמען ווו האַסטיק אַוועק. דאָס וואַסער איז שוואַרץ און איז נישט אַזוי מילד ווי תמיד. עס יאָגט פון זיי גרויל און טויט. אין זיינע וואַסערן האָבן זיך געוואָרפן ווי־סאַצקער יידן, אַט טאַקע פון די דאָזיקע פּאַרענטשעס אָן וועלכע מיר זענען אָנגעלענט. דורך אָט דער בריק האָט מען זיי געפירט צו דער שחיטה. זיי האָבן בעסער זיך געוואָרפן „אין הארין" איידער אומצוקומען אין די ג ר י ב ע ר. עס האָט מיר אויסגעוויזן אַז דאָס וואַסער כוואַליעט זיך כעסיק און מיט שטאַרקן גרימצאָרן.

אונדזערע שליחים האָבן זיך צוריקגעקערט פון כוטער. זיי גיבן אונדז איבער, אַז אַרום וויסאָצק זענען נאָך קיין פּאַרטיזאַנער נישט געווען און קיין שום דיווערסיע־אָנפאַל איז די גאַנצע צייט נישט פּאַרגעקומען. די אוקראַאינישע אַדמיניסטראַציע און די פּאָליציי זענען זיכער און עס טרעפט אַז קיין שום וואַך גייט נישט אַרום. אַמאָל איז זי דאָ אויף איר פּאָסט און אַמאָל נישט. דער דאָזיקער גרוס גיט אונדז צו קוראַזש און דער גייסט פון נקמה באַקרעפטיקט די דעציזיע צו גיין אין קאַמף אויף לעבן און טויט. די יאָגנדיקע געשפּענסטער פון די דערטרונקענע יידן אין טייך און פון דער צעשאָסענער קהילה אין די גריבער מאַכט דרינגענדיק אונדזער שלי־חות און זי ווערט גלוטיק און הייליק.

מיר פּאַרלאָזן די בריק און מיט פּאַרטייעטע אָטעמס דערנעענטערן מיר זיך צו די ערשטע פּאַרקאַנעס פון שטעטל. עס ווערן קאָנטראָלירט די ביקסן. יעדער איינער פּאַרבאַהאַלט אין דער אייבערשטער קעשענע איין איינציקן קויל, קלערנדיק: זאָל זיין אָן איינציקע קויל פאַר דער לעצטער רגע, כדי נישט אַריינצופאַלן לעבעדיק אין די הענט פון שונא.

ביי די פלויטן בינדן מיר צו די פערד און גיבן זיי געגוג עסן, כדי זיי זאָלן נישט הירזשען אין דער פוסטער נאַכט. מיר שלייכן אַריין אין די ערשטע געסלעך. די ביקסן גרייטע אין די הענט און שאַרן זיך ביי די

וועגט פון שטאַלן און כאַטעס. אין דער גרעסטער שווייגנדיקייט און אין טויטער שטילקייט שפּרייזן מיר פון הויף צו הויף.

אַט קומען מיר צו צום געסל וואָס שליסט זיך מיטן צענטער פון שטעטל. מיר פילן אַז מיר זענען אין נעץ פון טויט־סכנה און די ערנסטע שעה פון טאַט און קאַמף דערנענטערט זיך מיט יעדן טראַט און מיט יעדער סעקונדע. קיינער פון אונדז האָט נישט דעם מינדסטן שמץ פון האַ־פענונג אויף אַרויסצוגיין לעבעדיק פון די דאָזיקע געסלעך און ליקן.

מיר גייען דורך שנעל די גאַס, וועלכע פירט צו דער אופּראַווע. דאָס איז די מוניציפּאַלע אינסטיטוציע פון שטעטל. נעבן אופּראַווע איז דער דייטשישער אַרבעט־אַמט, וואָס שיקט אויף אַרבעט די איינוווינער און די פּויערים פון ווינאַצק און אומגעגנט. אין זעלבן הויז האָט די ס״ס איר צימער.

מיר קומען צו צו דער דאָזיקער אופּראַווע. קיין וואַך זעט זיך נישט. נישט מ'זעט קיין שמירהביים אַרבעט־אַמט. מאָיסיי (משה בראַמבערג), ראַמאַן (ראובן טורקעניטש), באָריס (בערל באַבראָוו) גייען אַריין אין קרום־ווינקלדיקן געהעפט. דאָס הויז ווערט אַרומגערינגלט דורך אונדז. מאָיסיי גייט אַריין אין הויז פון דער קיך־טיר און האַלט אין איין האַנט דעם נאַגאַן און אין דער צווייטער — אַ צייט־באָמבע. עס באַגלייטן אים ראַמאַן און באָריס. אַ שטאַרקע דענערווירונג ביי אונדז. אין דרויסן. אַ רגע — אַ יאָר, אַ סעקונדע — אַ יאָר.

עס דערהערן זיך טריט. זיי קומען אַרויס. מיר רוקן זיך אָפּ פון די ווענט פון הויז אין דער ריכטונג צום גאָרטן. פון וואַנען עס צעבילט זיך אַ הונט. יעדער טראָט איז אָנגעלאָדן מיט בליי. מיר זענען שוין אַרויס פון גאָרטן און ווידער קומען מיר אַריין אין די געסלעך. עס דערהערט זיך אַ סקריפּעריי פון דורכפאָרנדיקע רעדער. און מיר שטעלן זיך אונטער אַ שטעלכל. די פור איז פאַרבייגעפאָרן. מיר שאַרן זיך ווידער, ווי שטומע שאָטנס, ביי די ווענט פון כאַטעס, נידעריקע הייזקעס. מאָיסיי שעפּטשעט אַריין אַז ער האָט פאַרלייגט די מינע אין צימער ווו עס אַמטירן די ס״ס.

דאָס איז געווען איין פאַרגעב. אָבער מיר האָבן געדאַרפט מאַכן אַ באַזוך ביים האָלאָווא, טכורזשעווסקי. מיר קלעטערן איבער פּאַרקאַנעס, דורך די הינטערשטע געסלעך פון שטעטל.

עס איז שוין געווען חצות, ווען מיר זענען צוגעקומען צום גרויסן גלחישן הויז, אַרומגערינגלט פון אַ גרויסן גאָרטן. טכורזשעווסקי איז יאָרנלאַנג געווען גלח אין וויסאָצק. צוליב דעם וואָס ער איז געווען אַן אוקראַינער פּאַטריאָט, האָט אים די פּוילישע מאַכט באַזייטיקט פון זיין גלחישער שטעלע.

מיר זענען דאָ אַ סך דרייסטער. קלאַפּן אַן הילכיק און מיט קוראַזש, עס רופט זיך אָפּ אַ הייזעריק קול: כטאָ טאַם? (ווער איז דאָרט?). ענטפערן מיר אים אין אוקראַיניש, אַז רויטע פּאַרטיזאַנער האָבן זיין הויז אַרומגערינגלט און ער מוז באַלד עפענען. מיט שרעק און ציטערניש הילכן אָפּ זיינע אַלטע גלחישע שריט. ער עפנט און עס קומען אַריין איי־נעווייניק: מיסיורא, באַבראָוו, מאַיסיי, אפרים באַקאַלטשוק (יעפים); נאָום (נחמן זילבערפאַרב) און איך. אין אונדזערע פאַרשנייטע פעלצן און קוטש־מעס האָבן מיר אויסגעזען ווי וואַלד־גזלנים.

טכורזשעווסקי האָט געציטערט פון שרעק. עס האָבן זיך געטרייסלט זיינע הענט. ער גייט אונדז נאָך. מיר גייען דורך אַלע זיינע צימערן. אין דער סאַליע הענגט היטלערס פּאָרטרעט. מיר באַפעלן אים זיך שטעלן אויף אַ שטול און אַראָפּנעמען דאָס בילד. דערנאָך הייסן מיר אים עס צערייסן אויף פּיק־פּיצלעך און באַפוילן זיין ווייב, זי זאָל זאָל עס באַלד פאַרברענען.

דערנאָך קומט פאָר צווישן אונדז און אים אַ קורצער שמועס און רעכענען אויס אַ צעטל פון זיינע חטאים לגבי די יידן און ווייזן אים אָן, אַז ער האָט געהאָלפן די אַלע פאַרברעכנס פון די דייטשן און צו די אַקציעס אויף יידן. ער האָט זיך פאַרטיידיקט און געשוואָרן מיט כל השבועות, אַז ער האָט געהאָלפן די יידן ביז דער שחיטה. ער האָט אנגע־הויבן ריידן און צוזאָגן, אַז ער וועט קאָנען איצט מיט אַ סך העלפן די פּאַרטיזאַנער. נאָך מיר זאָלן רחמנות האָבן אויף זיין עלטער און אים נישט טויטן.

טכורזשעווסקי האָט זיך גערעכנט פאַר איינעם פון די גרעסטע טוער אין דער אוקראַינישער באַוועגונג, אונטער דער פּוילישער הערשאַפט. ער איז שוין געזעסן אין דער פּוילישער תפיסה. אַ געוויסע צייט האָט אַ דאָמ־בראָוויצער ייד, זיינער אַ ידיד לייבעטשקע, אים אויסבאַהאַלטן. ביי דער

יידישער באַפעלקערונג איז ער געווען פאַררעכנט פאַר אַ בעסערן אוק־ראַינער און נישט קיין יידנפיינד. ווען די דייטשן זענען געקומען איז ער געוואָרן זייער גאַלאַוואַ און עס זענען געווען פאַלן, ווען ער האָט פאַרזוכט צו מילדערן די שלעכטע לאַגע פון די יידן. דאָס איז אַלץ געווען אין אָנ־הייב פון דער דייטשישער אָקופּאַציע. אָבער דערנאָך איז ער געווען דער זעלבער דייטשישער גאַלאַוואַ, ווי אַנדערע דייטשישע גאַלאַוואַס.

נאָך איבערטראַכטונגען און אַ ישוב הדעת האָבן מיר באַשלאָסן אים לאָזן לעבן, מיטן באַדינג, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון צו זיין אַ גאַלאַוואַ און זיין אונדזער פאַרבינדלער. ער האָט די באַדינגונגען אָנגענומען. (אָבער ער האָט נאָך אונדזער אַוועקפאָר זיי נישט אויסגעפילט. אַ פּוילישער פּאַרטי־זאַן, דאַבושינסקי, האָט אים דערנאָך דערשאָסן).

מיר האָבן פאַרלאָזן טכורזשעווסקיס הויז אַרום 5 אַזייגער פאַרטאָג. מיר האָבן ביי אים געקראָגן אייניקע טראָפייען, אַ רעוואָלווער, און אַ ראַדיאָ אין פולן קאָמפּלעט, מיט אַלע אַקצעסאַריעס.

אין געאייל זענען מיר אַרויס פון שטעטל. די זעלבע טויטע שטיל־קייט. דאָ און דאָרט האָט זיך צעבילט אַ הונט. אין געציילטע מינוטן זענען מיר געווען ביי די פּלויטן. די פערד זענען געשטאַנען צוגעבונדן און האָבן געהירזשעט און גענישטערט דעם שניי.

מיר זעצן זיך אַוועק אין די ליידיקע וועגענער און טרייבן די פערד מיט גרויסער האַסטיקייט כדי אַריינצופאָרן וואָס גיכער אין וואַלד, וואָס איז פאַר אַ פּאַרטיזאַן ווי אַן אייגענע היים און פילט זיך דאָרט ווי אַ פיש אין וואַסער. דער שניי איז שוין געווען צוגעפרוירן און ווי אַ ווייסע דעקע האָט ער אויסגעזען. די אינעווייניקסטע פרייד האָט נאָך מערער באַהעלט די שניי־ווייסקייט.

איבער די זעלבע וועלדער און פעלדער פאָרן מיר צוריק. עס לויפן די פערד אויך מער זיכערער און מיט מער קוראַזש אין די וועלדער. אונ־דזער געמיט רוט און שוועבט אויך אויף זיי. פון די פאַרבייפאָרנדיקע כוטאָרעס האָבן שוין אַרויסגעפינקלט פייערלעך. דאָס זענען די פויערים מיט זייערע ווייבער אויפגעשטאַנען פאַרטאָג צו טאָן אַרבעט און צו שפּי־

נען וואַל. אייניקע פון אונדז פון שמחה, וואָס די נאַכט האָט אונדז געדינט אין אַלע פּרטים, האָבן אָנגעהויבן זינגען דאָס רוסישע ליד „בעי ווינ־טאָווקאַ!“. אין יידיש זינגט זיך עס — שלאָג, מיין חבר, ביקסל בראַ־ווער!

מיט אַמאָל איז צוגעשפּרונגען דער באַגינען. מיר האָבן נאָך אַ האַלב וועג צו פאָרן. עס שרעקט אונדז שוין נישט די ליכטיקייט פון טאָג. מיר פאָרן ווי אין אַלטע גוטע צייטן, פאַרגעסנדיק, אַז יעדע רגע קאָן מען זיך באַגעגענען מיט דייטשן און פּאָליציי.

ערשט, אין די נאָכמיטאָג־שעהן, האָבן מיר זיך צוריקגעקערט אין סוואַריטשעוויטשער וואַלד, מיט זיג און פרייד. די יידן אין וואַלד האָבן אַרומגערינגלט אונדזער ביידל און יעדן איינעם פון אונדז רירנדיק באַגעגנט. מיר האָבן זיי דערציילט פון אונדזער איבערפאַל און מיט דעם געבראַכט זיי אַ ביסעלע טרייסט, בלויז טראָפּנס פון נחמה...

די מינע האָט אין די פרימאָרגן־שעהן אויפגעריסן... עס זענען צע־שאָטן געוואָרן די ווענט פון הויז און די נאָענטע הייזקעס און עס זענען געטויט געוואָרן עטלעכע ס״ס־מענער מיט זייער שעף. דער געביט־קאָ־מיסאַר פון סטאָלין איז געקומען קיין וויסאָצק מיט אַ סוויטע געסטאַפּאָ און ס״ס.

אין אייניקע טעג אַרום האָבן אונדזערע פאַרבינדלער געבראַכט אַ צייטונג פון סאַרני, געשריבן אין אוקראַיניש, אין וועלכער ס׳איז געווען די פאָלגנדיקע נאָטיץ פון געביט־קאָמיסאַר:

„ביינאַכט, דעם 17טן נאָוועמבער, 1942, האָבן אין וויסאָצקער וועל־דער דעסאַנטירט גרויסע גרופּעס סאָוועטישע פאַראַשוטיסטן, וואָס האָבן דורכגעפירט אין און אַרום וויסאָצק דיווערסיע־אַקטן. דער גרעסטער טייל איז געכאַפּט און דערשאָסן געוואָרן. די באַפעלקערונג דאַרף העלפן צו כאַפּן די איבעריקע פאַראַשוטיסטן און זיי דאַרפן אויך געטויט ווערן“.

די דאָזיקע נאָטיץ איז געווען אויסן צו פאַרדעקן זייערע פאַרלוסטן און זיך רעהאַביליטירן אין דער געגנט.

אין רעגנדיקע טעג

אין דער צווייטער העלפט פון נאָוועמבער 1942, האָט דער שיינער האַרבסט פאַרענדיקט זיין קאַפּיטל פון מילדע און שיינע טעג. דער הימל האָט זיך פאַרצויגן מיט כמאַרעס, וואָס זענען געהאנגען איבערן הימל, ווי שטיקער קויטיקע גרעט און האָבן געפּרעסט די געמיטער ווי מיט רייפן. עס האָבן אָנגעהויבן גיסן רעגנס מיט שנייען און רעגנדיקע טעג זענען אָנגעקומען. דערצו איז דאָך דער ווינטער געשטאַנען אויפן שוועל. מען האָט זיך געשראָקן פאַר אים ווי פאַרן מלאך המות. בוכשטעבלעך באַר־וועס איז מען געווען און די לייבער זענען געווען באַדעקט מיט צעריסענע שטיקער הלבשה. עס איז מיט די וואַלד־יידן נישט פאָרגעקומען קיין שום נס ווי מיט די יידן אין דער מדבר, וואָס „זייערע קליידער זענען נישט געוואָרן אָפּגעטראָגן אויפן לייב און די שיך זענען נישט אָפּגעטראָגן געוואָרן אויפן פוס".

ערגער איז געווען אין רעגנדיקע טעג, אָבער מען האָט דאָך אויך זיך געשראָקן פאַרן ווינטער נישט נאָר צוליב די קעלטן, נאָר אויך צוליב דעם ווייסינקן שניי. פון יעדן טראָט אויפן שניי וועט דאָך בלייבן אַ סליאַד און דער גיריקער שונא קאָן נאָכגיין די דאָזיקע שפּורן.

שליימיק איז די פּאָלעסיער ערד און נאָך שליימיקער איז זי געוואָרן בעת די רעגנס. די סכך־ביידלעך פון געטעסעטע ביימער מיט שפּיצן אין דער הויך, האָט מען באַדעקט מיט גרויסע פּלאַכטעס שטיקער ערד, מיט דערנער. אַלע האָבן געזוכט אַ האַרטן באָדן, וועלכע ס'איז דערהייבונג אויף אַ זאַמד, כדי דאָס וואַסער פון די בלאָטעס און פון די רעגנס זאָל די בידנע געצעלטן נישט פאַרשווענקען.

אין די ביידלעך האָט מען פונאַנדערגעלייגט פייער און מען האָט עס געהיט ווי אין די אוראַלטע צייטן, צולייגנדיק אָפּט פרישע זשמעניעס דיקע צווייגן און שייטלעך האָלץ. עס האָט נישט איינמאָל פּאַסירט, אַז דאָס פייער האָט די ביידלעך אָנגעצונדן און אויך דאַן ווען מען איז איינ־געשלאָפן, אַז מען איז קוים מיטן לעבן ניצול געוואָרן.

עס האָבן ווידער אָנגעהויבן זיך באַווייזן איבער די וועגן באַנדעס פּויערים, וואָס פלעגן אַריינדרינגען אין וועלדער, ווו יידן זענען געווען

אין קליינינקע גרופּעס. מען האָט געטשאַטעוועט די יידן בייטאָג און אין די נעכט. גרויזאַמע פאַרפאַלן זענען אין יענע רעגנדיקע טעג פאָרגעקומען. איך וויל פאַרצייכענען אייניקע פון זיי, וואָס זענען מיר באַוווסט מיט אַלע פּרטים.

אויף די וויטשעווקער כוטאָרעס זענען אַריינגעפאַלן אין די הענט די סערניקער משפחה — מאיר און חנה קויפמאַן מיט זייערע קינדער, אויך אברהמל באקאלטשוק מיט פרוי און קינדער. מען האָט זיי שטאַרק געפּייניקט פאַרן טויט. באַזונדערס שטאַרק זענען געפּייניקט געוואָרן מאיר און חנה קויפמאַן. מען האָט קעגן זיי אָנגעווענדט שרעקלעכע טאָר־טורן, כדי ביי זיי אויספּרעסן אינפאָרמאַציעס וועגן די יידן אין וואַלד און ווי גרויס איז אונדזער פּאַרטיזאַנער־גרופּע, און ווער געוועזן איר קאָמאַנדיר איז. אָבער די דאָזיקע קדושים האָבן פאַרשלאָסן זייערע מיילער אויף זיבן שלעסער און זענען אומגעקומען ווי די גרעסטע העלדן אין אונדזער געשיכטע.

אַ צווייטער גרויזאַמער פאַרפאַל איז פאָרגעקומען מיט דעם זעכצן־יאָריקן ס אַ נ י ע פּ י אַ ל ק אָ ו. ער איז געווען אַן אָפּשטאַמיקער פון דאָרף וויטשעווקע. ער איז געווען דער בעסטער פאַרבינדלער פון אונדזער גרופּע און פלעגט זיך איבערטאָן אין פּויערישע קליידער און האָט פאַר אונדז געליפערט וויכטיקע אינפאָרמאַציעס ווו עס געפינען זיך דייטשן און פּאָליציי. ער האָט גוט גערעדט גויאיש, דערצו איז ער געווען געקליידט ווי אַ יונגער פּאַסטעך־שייגעץ, אַז ס'איז געווען שווער צו דער־קענען, אויב ער איז אַ יידיש קינד.

איינמאָל איז ער אַוועק אין דאָרף זשאַקלין, זיך צו דערוויסן וועגן דאָרטיקן קאָאָפּעראַטיוו און מעלקעריי, אויב זיי זענען באַוואַכט אין די נעכט און ווי גרויס איז די וואַך. ער איז געגאַנגען אַהינצו מיט נאָך אַ פּויער, וועלכער איז געווען אַן אַקטיוויסט, בעת עס איז געווען די סאָ־וועטישע מאַכט. זיי זענען געווען אין דאָרף אַ פּאָר טעג און האָבן אַלץ גענוי זיך דערוווסט. דערנאָך זענען זיי געגאַנגען צו אונדזער באַזע אין וואַלד, כדי דאָס אַלץ צו אינפאָרמירן. זיי האָבן געדאַרפט דורכגיין דאָס דאָרף וויטשעווקע און פּויערים־פאַשיסטן האָבן דערקענט סאַניען. זיי האָבן אים פאַרהאַלטן מיט זיין באַגלייטער. גראָד איז געווען אין דאָרף די

געסטאַפּאָ און זיי זענען אָוועקגעפירט געוואָרן צום שעף פון די געסטאַ־פּאָווצעס. דעם פויער האָט מען דערשאָסן און סאַניען האָט מען אָנגעגהויבן צו פייניקן, וועלנדיק ביי אים אויספרעסן ידיעות פון די פּאַרטיזאַנער און יידן. אויך סאַניע האָט פאַרזיגלט זיין מויל און קיינע אינפּאָרמאַציעס זיי נישט געגעבן. דעמאָלט האָבן זיי קעגן אים אָנגעווענדט אַ שרעקלעכן טאָרטור. זיי האָבן זיינע שיינע שוואַרץ־געקרייזלטע לאָקן צוגעבונדן צום ווידל פון אַ פערד און אַ געסטאַפּאָ־מאַן האָט זיך געזעצט רייטנדיק און אָנגעהויבן טרייבן דאָס פערד אין גאַלאָפּ, ווי אויף אַ פערד־געיעג. אָבער סאַניע האָט קיין זאַך זיי נישט דערציילט און איז אומגעקומען מיט דעם דאָזיקן גרויזאַמען טויט.

אַזוינע פּאַסירונגען זענען פאָרגעקומען אייניקע. יידן האָבן אויסגעקליבן דעם וועג פון קידוש־השם, פון מסירת־נפש, אָבער זיי האָבן דעם שונא נישט אויסגעגעבן קיין סודות.

נישט געקוקט אויף די אַלע ביטערע שווערע דורכפאַלן זענען אָפּגעמערקט געווען ווייטערדיקע פאַלן, ווען יידן האָבן זייערע לעבנס אָנגעטרויט „באַקאַנטע פויערים“ און געזוכט ביי זיי שוץ און אַ ווינקל אויף צו קאַנען איבערווינטערן. קיינער פון אונדז האָט פּאַקטיש נישט געקאַנט קלערן, אַז מען וועט קאַנען ווינטער לעבן אין וואַלד. עס האָט געהערשט ביי די יידן אַ שטאַרקע אַפּאַטיע און מען איז געווען פּעסימיסטיש אויף דעם העכסטן גראַד.

מיר, די פּאַרטיזאַנער־גרופּע, האָבן דאַן צוזאַמענגערופן אַ פאַרזאַמלונג פון דער עדה וואַלד־יידן. דער ציל פון דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג איז הויפּטזעכלעך געווען אויפצוקלערן די לאַגע און צו איבערצייגן די יידן, אַז מען זאָל זיך נישט צעקרישלען אין גרופּקעס און מען זאָל זיך נישט גיין פאַרשטעקן צו פויערים, ווייל זיי שטעלן איין זייער לעבן אין סכנה.

שרעקלעך האָבן אויסגעזען די פאַרזאַמלטע יידן. מען איז געווען אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן. די באָרוועסע פיס זענען געווען פאַרוויקלט אין שטיקער זעק און פאַרבונדן מיט ריטלעך פון צווייגן.

עס זענען דאַן ארומגערעדט געוואָרן די אופנים ווי צו קריגן שפּייז, און עס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַ רשימה פון פויערים, אויף וועלכע מען קאָן זיך פאַרלאָזן. אַז זיי וועלן נישט אַרויסגעבן קיין יידן.

מען האָט באַהאַנדלט די פּראַגע פון בויען זעמליאַנקעס און מכוח דער בויטוועגדיקייט צו האַלטן רעגולער אַ וואַך ביי יעדןביידל און געצעלט. הגם ס׳איז נישטאָ קיין געווער, טאָ זאָל מען שטיין אויף דער וואַך מיט אַ האַק און אַ מעסער. דאַן איז אויך צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַ רשימה פון אַלע יידן וואָס זענען אַנטלאָפן פון סאַרניקער געטאָ און ווער פון זיי איז אומגעקומען.

ביי אונדזער גרופּע איז דרינגענד געוואָרן צו מאַכן אַן איבערפאַל אויף דייטשן און פּאָליציי אין דאָרף וויטשעווקע, וואָס איז געווען, אַמ־מיינסטן, פּראָפאַשיסטיש אָריענטירט.

אַ גרויסער צענטראַלער פּונקט אין געגנט איז געווען וויטשעווקע. דאָרט איז געווען פאַר דער צאַרישער הערשאַפט אַ גרויסער שפּיטאָל פון דער זעמסטווע. דאָרט איז געווען אַ געריכט־אַמט און אַן אויספּאָרש־ריכטער האָט שטענדיק רעזידירט אין דאָרף. די קאַנצעלאַריע פון וואָלאָסט איז דאָרט געווען און אויך דער קאָרצער פאַר די אַרומיקע דערפער און ישובים. די באַפעלקערונג אין דאָזיקן דאָרף איז געווען אַ פאַרמעגלעכע. שיכרות, דעמאָראַליזאַציע און זנות האָבן דאָמינירט. באַלד ווי די דייטשן זענען אַריינגעקומען, האָבן די דאָרטיקע פּויערים קאָלאַבאָרירט מיט זיי און געהאָלפן אויסשעכטן די יידן אין דאָרף.

דער פאַרבינדלער דראַקאָ איז געקומען צו אונדזער ביידל און אונדז אינפאָרמירט, אַז די פּאָליציי אָרדנט איין אַ זאַבאַווע אין וויטשעווקע און עס וועלן אויך בייזיין דייטשן. ער האָט אונדז אינפאָרמירט, אין וועלכע הויז און אויף וועלכן גאָרטן מיר זאָלן אַריינקומען, כדי זיי אומגעריכט צו באַפאַלן.

צען פּאַרטיזאַנער זענען מיר אַוועק אין וויטשעווקע. גראָד האָט דער רעגן אויפגעהערט און די לבנה האָט זיך אין יענעם אָוונט באַוויזן. דער פּאַראָל אונדזערער איז געווען: „לונאַ־נאָטש“ (לבנה־נאַכט).

מיר זענען געקומען אין דאָרף. ביי די פּויערים פון די נאָענטסטע הייזער האָבן מיר זיך אינפאָרמירט, אַז קיין זאַבאַווע קומט נישט פאָר. דאָס האָבן אונדז געזאָגט פּויערים, וואָס האָבן בעת דער סאָוועטישער מאַכט פאַרנומען פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלעס אין דאָרטיקע „סעלסאָ־וועט“ (דאָרף־ראָט).

אויפן סמך פון אַזוינע אינפאָרמאַציעס זענען מיר געגאַנגען גאַנץ געלאַסן און רואיק לענגאויס דעם דאָרף, וואָס האָט געהאַט איין גאַס אויף 4-5 ק״מ. אייניקע פון אונדז זענען אַריינגעגאַנגען אין די הייזער. בלויז זאַלבע־פיר האָבן מיר שפּאַצירט איבער דער לאַנגער גאַס: איך, בערל באַבראָוו, שואל גאַלעצקי, שמואל פורים.

אין מיטן גאַס איז געווען אַ ברונעם און צוויי גרויסע קאַריטעס דערנעבן. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף איין קאַריטע. די נאַכט איז געווען אַן אויסגעלייטערטע און מיר זענען געזעסן זייער רואיק, אָפּ־וואַרטנדיק די חברים־פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן געדאַרפט צוקומען צו אונדז. פּלוצלינג דערהערן מיר טריט פון גאַנץ נאָענט. עס פלוישט אַרויס מוזיק פון אַ הויז, ווו עס האָט געדאַרפט פאָרקומען די זאַבאַווע. אַלע האָבן מיר זיך אויפגעשטעלט און פאַר זיך דערזען אַ גרופּע פּאָליציי. אַ האָגל פון קוילן האָט זיך אַ שאָט געטאָן אויף אונדזערע קעפּ. מיר האָבן דערפילט די סכנה, ווייל אין גאַנצן זענען מיר געווען פון זיי אויף אַ דיסטאַנץ פון 20 מעטער. מיר זענען צוגעלאָפן צו אַ צייל שטאַלן און שייערן און זיך אָנגעהויבן אָפּשיסן. עס איז געוואָרן אַ שטאַרקע שיסעריי. פון דער זאַבאַווע זענען אַרויסגעלאָפן נאָך פּאָליציאַנטן, אויך די איבע־ריקע פּאַרטיזאַנער זענען אַרויסגעלאָפן פון די הייזער, וווהין זיי זענען אַריינגעקומען. עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ שווערער קאַמף. מיין קוזין אפרים, אַרויסלויפנדיק פון אַ הויז, האָט זיך אָנגעשטויסן פּנים אל פּנים מיט אַ פּאָליציאַנט, אַן אוקראַינער פון אַרום לוצק, און ביידע האָבן גלייכ־צייטיק אָנגעצילט די ווינטאָווקעס ווי אויף אַ דועל. מיט גרויסער פלינ־קייט האָט אפרים אויסגעשאָסן און דער פּאָליציאַנט איז געפאַלן טויט. ער האָט נאָך באַוויזן ביי אים צונעמען די ביקס און דעם זייגער.

דער שונא איז געווען גרעסער אין צאָל און שטאַרקער אין קוואַ־ליטעט פון וואָפן, און דאָס האָט אונדז געצוווּנגען צו אָפּטרעטן און צו פאַרלאָזן דאָס דאָרף. אין גראָבן, פאַזע דעם וועג, האָבן מיר זיך צוגעזעצט און געוואַרט אויף באַבראָוון, וואָס האָט געפעלט צווישן אונדז.

שפּעט ביינאַכט איז אַוועק אַ גרופּע פון דריי חברים — שמואל, שואל און ראובן אין דאָרף צו זוכן באַבראָוון און זיך דערוויסן איבער פּאָליציי איז דאָ אין דאָרף. די חברים שמואל פורים, שואל גאַלעצקי און

דער יוגנטלעכער ראובן טורקעניטש זענען אַריינגעקומען אין דאָרף דורך גערטנער און הויפֿן, זיי האָבן קיינעם נישט באַמערקט, און זיי האָבן נישט געפֿונען קיין סליאַד פֿון באַבראָוו. עס איז זיי געגעבן געוואָרן די פֿליכט צו ברענגען דעם חבר באַבראָוו, אויב אַפּילו ער איז טויט, וועלנדיק בעסער אים מקבר זיין אין וואַלד איידער דער שונא זאָל שענדן זיין קערפּער.

נישט אָנטרעפֿנדיק קיין פּאָליציי אָדער דייטשן, זענען די אויבנדערמאָנטע חברים שוין געגאַנגען צוריק לענגאויס דער גאַס. אָבער ביים עק דאָרף האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף אַ פֿיינטלעכער לויערונג (זאַסאַדקע), וועלכע האָט זיי שטאַרק באַשאָסן, מיט אַ קרייץ־פֿייער, פֿון ביידע זייטן גאַס. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּשיסן און דער יוגנטלעכער ר א ו ב ן ט ו ר ק ע נ י ט ש איז געפֿאַלן טויט. די אַנדערע צוויי חברים זענען, אונטער אַ גרויסער שיסעריי, אַרויס גאַנץ, צוריקקערנדיק זיך מיט דער ביטערער בשורה.

ראובן טורקעניטש איז געווען דער ייִנגסטער אין דער פּאַרטיזאַנער־גרופּע, אַלט זייענדיק 17־18 יאָר. ער איז געווען העל־בלאָנד, מיט ראָזלעכע באַקן און אַפּילו אין וואַלד איז ער געווען ציכטיק אָנגעטאָן. גראָד אין דער פֿרי איז ער געקומען פֿון אַ שווערן פֿאַרגעב, ברענגענדיק אַ פֿור מיט עסנוואַרג און קליידונג, וואָס ער האָט עס אַליין פֿונאַנדערגעטיילט צווישן די יידן. פֿאַר זיך האָט ער גענומען אַ ראַזן סוועטער, וואָס ער האָט עס גלייך אָנגעטאָן. כ'האָב בייטאָג זיך מיט אים געביטן די פּ אָ ס ט, און ווען כ'בין צוגעקומען אים צו פֿאַרבייטן, האָט ער געכאַפּט אַ דרימל. ער האָט זיך פֿאַר מיר אַביסל פֿאַרשעמט, וואָס ער איז איינגעשלאָפֿן, אָבער כ'האָב אים געזאָגט, אַז נאָך אַזאַ שווערער נאַכט קאָן אַ מענטש קיין אייזן נישט זיין. ער איז געווען פֿון שלאָף שטאַרק פֿאַררויטלט און האָט אויסגעזען זייער שיין אין זיין ראָזן סוועטער. ער האָט מיר דערציילט זיין חלום, וואָס האָט זיך אים נאַרוואָס געחלומט, אַז ער האָט געזען זיינע עלטערן, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אין וויטן ב ר אַ ז י ל. דאָס איז, משמעות, געווען זיין לעצטער חלום, וואָס האָט באַצייכנט זיין שטאַרקע בענקשאַפֿט נאָך זיינע עלטערן.

די שיסעריי האָט נישט אויפֿגעהערט. וואָס ווייטער איז זי געוואָרן

שטאַרקער און איז געווען געווענדט אין אונדזער ריכטונג. כדי נישט צו פאַרלירן מער קרבנות, זענען מיר אַוועק צוריק אין וואַלד, ווו מיר האָבן געפונען ב אַ ב ר אָ ו ן, ליגנדיק איןביידל אַ פאַרוואונדעטער. ער איז געוואָרן פאַרוואונדעט, ווען ער האָט זיך אָפּגעשאָסן מיט אַ דייטש, שטייענדיק נעבן אַ שייער. ער האָט צוגעפּויזעט צו אַ שטאַל, און פון דאָרט אַרויסגענומען אַ פערד, אויף וועלכן ער איז אַוועקגעפאָרן רייטנדיק, זייענדיק באַשאָסן פון דייטש־פאַשיסטישע קוילן.

באַבראָוו איז געווען פאַרוואונדעט אין פוס. מיר האָבן אים נישט געקאָנט געבן קיין מעדיצינישע הילף און מיר האָבן בלויז געלייגט קאָמפּרעסן פון באַבסקע רפואות, באַנדאַזשירנדיק זיין פוס מיט פויערישער לייוונט.

אין וויטשעווקע איז געפאַלן אונדזער ערשטער קרבן. די פאָליציי און די פאַשיסטן אין דאָרף האָבן געשענדעט דעם קערפּער פון יידישן פּאַרטיזאַן ראובן טורקעניטש. דער טויט פון טורקעניטשן האָט אונדז שווער דערדריקט, הגם מיר האָבן דאָך געוווסט, אַז יעדנס לעבן איז אין סכנה. עס האָט אונדז אויך געמאַטערט דאָס וואָס מיר האָבן נישט געקאָנט געבן קיין שום מעדיצינישע הילף דעם פאַרוואונדעטן חבר באַבראָוו.

די כמאַרעס אין יענעם פרימאָרגן, נאָך אונדזער בלוטיקער נאַכט אין וויטשעווקע, האָבן ווידער פאַרצויגן דעם הימל. עס האָט ווידער אָנגעהויבן רעגענען אָן איבעררייס. דער הונגער צווישן די יידן איז געוואָרן שטאַרק. די רעגנס האָבן פאַרגאָסן די אַרויסגענג־שטעגן פון וואַלד. די שוואַכערע און פיזיש־אויסגעשעפּטע יידן פון הונגער, קעלט און שטענדיקן פחד פאַרן שונא האָבן נישט אויסגעהאַלטן און זענען געשטאָרבן אין דיביידלעך. מיר אַלע האָבן אויך נישט געגלייבט, אַז מען וועט קאָנען איבערלעבן די שווערע באַדינגונגען אין וואַלד. עס איז נישט געווען קיין שום אילוזיע, אַז מיר זאָלן איבערלעבן הונגער, קעלט, שנייען און פרעסט, זייענדיק אַרומגערינגלט פון שטאַרקע בייזע שונאים, בייזערע ווי די בייזע וועלף און חיות אין ווילדן וואַלד...

מלך באַקאַלטשוק־פּעלין

דער נס פון סטאַלינגראַד

סוף נאָוועמבער 1942. די רעגנס האָבן אויפגעהערט און עס איז געוואָרן פראָסטיק, מיט שנייען, וואָס האָבן פאַרשאָטן די וואַכבודן און די שטעגן וואָס האָבן געפירט פון איין בײדל צום צווייטן. יעדע נאַכט זענען פאָרגעקומען דיווערסיע־איבערפאַלן. מיר האָבן נישט פאַרנאַכלעסיקט קיין איינציקע נאַכט פון נישט אָנפאַלן דייטשישע ווירטשאַפט־פונקטן.

אַ גרויסע אַטראַקציע איז פאַר אונדז געווען די ראַדיאָ, הגם קיין פרײלעכע נייעס פון סאָוועטיש־דייטשישן פראָנט און פון די פראָנטן פון די אַליאירטע האָבן מיר נישט געהערט. פון צייט צו צייט פלעגן צו אונדז אַרײנפאַלן דייטשישע אויסגאַבעס אין דייטש און אין אוקראַיניש, וואָס מיר פלעגן זיי געפינען אין דערפער און אין קאָאָפּעראַטיוון. די דייטשן האָבן אָנגעגעבן, אַז זיי זענען שוין אויף די פעריפעריעס פון לאָנדאָן און אַז זיי האָבן באָמבאַרדירט ניו־יאָרק. ביז גאָר גרויסע שקרים האָבן זיי געשריבן פון דעם רוסישן פראָנט, אַז זיי האָבן פאַרנומען סטאַלינגראַד און אַז זיי געפינען זיך אין די פאָרשטעט פון מאָסקווע. אָבער מיר האָבן געוווסט און אָפּגעשאַצט, אַז די לאַגע אויף די פראָנטן איז נישט אַזאַ גוטע און אַז די דייטשן געפינען זיך דאָך פאַקטיש טיף אין רוסלאַנד.

גאַנץ צופעליק האָב איך ביינאַכט, אין איינעם פון די שנייאיקע מעת־לעתן, אויפגענומען אויף די כוואַליעס פון ראַדיאָ די ידיעה וועגן דעם איינברוך פון ראָקאָסאָווסקיס אַרמיי אין די פאָרטיפיקאַציעס אויפן סטאַלינגראַדער פראָנט. כ'האָב גלייך אויפגעוועקט די חברים, וואָס זענען געבליבן נעכטיקן אין בײדל, און זיי אָנגעזאָגט די דאָזיקע נייעס. מיר האָבן אַלע אַרומגערינגלט דאָס ראַדיאָ־קעסטל און האָבן געהערט פון דער מאָסקווער ראַדיאָ־סטאַנציע אַלע פּרטים פון נצחון פון דער רויטער אַרמיי אויפן סטאַלינגראַדער פראָנט. מיר, אין וואַלד, האָבן אויך אָפּגעשאַצט, אַז דאָס איז די גרעסטע נידערלאַגע, וואָס די דייטשן האָבן געהאַט זינט דעם אָנהייב פון קריג.

נאַכט־אויס, נאַכט־איין, האָב איך רעגולער אויפגענומען די לעצטע ידיעות פון ראַדיאָ, וואָס מאָסקווע האָט אָנגעגעבן אונטערן טיטל „ווי־

פּאָסליעדני טשאַס" (אין דער לעצטער שעה). כ'האָב פאַרצייכנט וואָרט נאָך וואָרט דאָס וואָס די ראַדיאָ האָט אָנגעגעבן פאַר דער פּרעסע.

עס איז נייטיק געווען צו באַקענען און דערציילן דער באַפעלקערונג מיט דעם גרויסן סאָוועטישן נצחון אויפן סטאַלינגראַדער פראָנט. עס איז געווען שטאַרק וויכטיק צו אינפאָרמירן אין די דערפער די פּאַקטישע לאַגע אויף די פראָנטן און מיט דעם וועלן אויפגעדעקט ווערן די פאַלשע ידיעות אין דער דייטשישער פּרעסע. די פּויערים אין די דערפער זענען געווען שטאַרק צוריקגעשטאַנען. דורות פּויערים זענען געווען פאַריאָכט דורך דער צאַרישער אָרדענונג און צוגעקאָוועט צו פּרימיטיווע לעבנסבאַדינגונגען. קיין שול־נעץ איז נישט געווען און זעלטן ווו אין אַ דאָרף איז געווען אַן אָנפאַנג־שול פון צוויי קלאַסן. פון די רעוואָלוציע־יאָרן אין 1917־1920 האָבן זיי ווייניק געגאַסן. עס איז דאָך אין רוסלאַנד נישט געווען קיין גאָט, נישט קיין קעניג, נאָר רעוואָלוציע, וועלכע איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ קאָנטררעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און מיט אַ בירגער־קריג. די אַנטשטאַנענע פּוילישע מלוכה האָט לגמרי זיך נישט גערעכנט מיט די ספּעציפישע באַדינגונגען פון פּאָלעסיער און וואָלינער דאָרף און נישט מיט די קולטורעלע באַדערפענישן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, נישט אנערקענט זייערע לשונות און אָנגעווענדט בגוואַלד אַ פּאָלאָניזאַטאָרישן קורס אין עפנטלעכע אַמטן און אין שולוועזן.

צוליב די אַלע טעמים האָט אין פּאָלעסיער און וואָלינער דערפער נאָך געהערשט און זיך געוואָרצלט פינצטערניש און קולטורלאָזיקייט, שיכרות און כוליגאַניזם, און דער אַנאַלפאַבעטיזם איז געווען באַדייטנדיק גרויס. די דייטשן האָבן אין די ערשטע אָקופּאַציע־טעג געפונען הע ל־פּ ע ר ס צו זייער אַנטי־יידישער פּראָפּאַגאַנדע און אַ צוגעגרייטן באָדן פאַר זייער אַגיטאַציע, אַז די יידן זענען שולדיק אין דער ביטערער דאָליע פון די פּויערים און אין דעם דאָזיקן וועלט־קריג. זיי האָבן ווערבירט קאַדרען פון פּאָליציי פון די כוליגאַנישע עלעמענטן און לאַנגיאָריקע פּאָג־ראָמשטשיקעס זענען געוואָרן באַשטימט אויף די אָנפירנדיקע ערטער אין דער אַדמיניסטראַציע. זיי האָבן געהאָלפן די דייטשן דורכצופירן די אַלע „אַקציעס" קעגן די יידן און האָבן זעלבשטענדיק אויך דורכגעפירט פּאָ־גראָמען און שחיטות אין די יידישע שטעטלעך און ישובים.

דער דייטש־פאַשיסטישער גייסט אין די דערפער איז געווען פּראָ־פּאַגאַנדירט דורך פאַרשיידענע פלוגבלעטער און פּראָקלאַמאַציעס, דורך דער פּרעסע און אין ספּעציעלע אויסגאַבעס. די פּויערים האָבן זיך גע־שראָקן פאַר די דייטשן און האָבן בלינד־הכנעהדיק, מיט קנעכטישער פאַרשקלאַפונג, אויסגעפילט אַלע פאַרזאָגן און באַפעלן פון די אָקופּאַנטן. זיי האָבן נישט געגלייבט, אַז ס׳איז דאָ נאָך אַזאַ שטאַרקע קראַפט און אַזאַ אומבאַזיגבאַרע אַרמיי ווי די דייטשישע.

מהאי טעמא זענען מיר געווען פאַראינטערעסירט צו אינפאָרמירן אין די דערפער וועגן די סאָוועטישע נצחונות. היות מיר האָבן נישט געהאַט קיין דרוקעריי, קיין שרייב־מאַשין און אויך נישט קיין העקטאָ־גראַף, האָט מען באַשלאָסן אויפצוזוכן בלייפעדערס, קאַלקע־פּאַפּיר און עטלעכע ליוורעס פּאַפּיר אָנצושרייבן וועגן דעם זיג פון דער רויטער אַר־מיי ביי סטאַלינגראַד.

די דאָזיקע שרייב־מאַטעריאַלן, האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז מען קאָן זיי קריגן אין קאָאָפּעראַטיוו פון זאַלאַטיי, אַ דאָרף אויף וואָלין. אייניקע חברים האָבן אויף זיך גענומען דעם פּ אַ ר ג ע ב צו גיין קיין זאָלאָטיי און באַפאַלן דעם דאָזיקן קאָאָפּעראַטיוו, כדי צו קריגן די שרייב־מאַטע־ריאַלן. פון אונדזערביידל צום דאָזיקן דאָרף איז געווען אַ מרחק פון 25 ק״מ. זיי זענען אַוועק און האָבן אויסגעפילט די דאָזיקע אויפגאַבע זייער צופרידנשטעלנדיק. אין משך פון איין נאַכט האָבן זיי באַוויזן צו באַ־פאַלן דעם קאָאָפּעראַטיוו און זיך צוריקקערן אין וואַלד, ברענגענדיק אַ פּאָר צענדליק קאַלקע־בויגנס, עטלעכע טוץ העפטן און אַ פּאָר צענדליק בלייפעדערס.

אין ביידל, ביים פייער פון שייטער, האָב איך צוזאַמענגעשטעלט די ערשטע פּראָקלאַמאַציע. כ׳האָב אינפאָרמירט וועגן דעם איינברוך פון ראָקאָסאָווסקיס אַרמיי אין די דייטשישע פּאָזיציעס אויפן סטאַלינגראַדער פראָנט, אָנגעבנדיק ציפערן פון דייטשישע זעלנער און אָפיצירן, וואָס זענען געפאַלן אין שלאַכט און אויך די צאָל געפאַנגענע און די צאָל פון די פאַרכאַפּטע טראָפּייען. אויף מאָרגן ביינאַכט איז די דאָזיקע פּראָקלאַ־מאַציע, וועלכע איז אָנגעשריבן געוואָרן אין 25 עקזעמפּלאַרן, פונאַנ־דערגעקלעפּט געוואָרן אויף ווענט פון קלויסטערס און פון אופּראַוועס.

די פּויערים האָבן, מחמת מורא, אַראָפּגעריסן די פּראָקלאַמאַציע, אָבער די דאָזיקע גראַמאַטע איז געלייענט געוואָרן בסוד סודות פון אַ סך פּויערים.

די דאָזיקע פּרימיטיווע שריפט איז געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער. איך האָב יעדן טאָג געשריבן אַן אַנדערע, ברענגענדיק פרישע נייעס פון סאָוועטיש־דייטשישן פראָנט און פון די פראָנטן פון די אַליאירטע. מען האָט ביי אַלע איבערפאַלן און דיווערסיע־אַקציעס געזוכט צו דערלאַנגען וואָפּן און אויך פּאַפּיר, וואָס דאָס איז אויך געווען אַ גוטער וואָפן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן מעלדן פּויערים, וואָס האָבן געוואָלט פאַרשפּרייטן די דאָזיקע שריפט.

מיר האָבן באַשלאָסן דורכצופירן אַ מיטינג אין דאָרף סוואַריטשעוויטש. אין איין אָוונט איז ער אָרגאַניזירט געוואָרן. מיר זענען געגאַנגען פון הויז צו הויז און גערופן די פּויערים אויף אַ פאַרזאַמלונג אין דער שקאָלע. הגם זיי האָבן זיך געשראָקן פאַר די דייטשן, וועלכע וועלן זיך פון דעם דערוויסן, אָבער גלייכצייטיק האָבן זיי מורא געהאט פאַר די פּאַרטיזאַנער.

אַ גרויסצאָליקער מיטינג איז פאָרגעקומען אין דער שקאָלע. עס זענען געקומען מענער און פרויען און אַ סך יוגנטלעכע. פאָרזיצער פון מיטינג איז געווען דער פּאַרטיזאַן קוראַטשקין, פון לענינגראַד. ער האָט געמאָלדן, אַז דער מיטינג וועט זיך אָנהייבן ערשט דאַן, ווען דער גלח וועט אויך בייזיין אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג. אין אייניקע מינוטן אַרום האָבן פּאַרטיזאַנער געבראַכט דעם גלח. די רעדנערס אויפן מיטינג זענען געווען מוזיטשקאָ און קוראַטשקין, סאַמאַראָדנע רוסן. זיי האָבן איבערגעגעבן וועגן די גרויסע נצחונות פון דער רויטער אַרמיי און אַז אַ ליאַדע טאָג וועט די דייטשישע אַרמיי פולשטענדיק באַזיגט ווערן. דער אויספיר פון זייערע רעדעס איז געווען, אַז די באַפעלקערונג זאָל שטיצן די פּאַרטיזאַנער, וועלכע קעמפן קעגן די דייטשן. צום סוף פון מיטינג האָט קוראַטשקין אויפגעפאָדערט דעם גלח, ער זאָל געבן אַ ברכה דער רויטער אַרמיי. דער אַלטער גלח האָט זיך דערשראָקן און מחמת מורא פאַר די פּאַרטיזאַנער, האָט ער גערעדט וועגן דער רויטער אַרמיי און איר געגעבן זיין ברכה.

די דייטשן האָבן זיך באַלד דערוווסט סיי פון אונדזערע פּלאַקאַטן און פּובליקאַציעס און אויך וועגן מיטינג אין סוואַריטשעוויטש, מיט דער באַטייליקונג פון גלח.

אין אַ פּאָר טעג נאָכן פאַרגעקומענעם מיטינג האָב איך דערזען, שטייענדיק אויף פּ אָ ס ט, אַ געלויף פון גרויסע מענגעס פּויערים מיט ווייבער און קינדער, שרייענדיק: פּאַרטיזאַני, סאָקאָליקי, ראַטויטיע! נימצי! נ י מ צ י ! (דייטשן, דייטשן!).

איך האָב די פּויערים נישט צוגעלאָזט נעענטער צוםביידל פון אונ־דזער גרופּע, איך האָב זיי געהייסן וואַרטן. מיר האָבן דאַן אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג. ס׳איז קלאָר געווען, אַז מ׳יר קאָנען, מיט אונדזערע עטלעכע פאַרזשאַווערטע ביקסן, נישט קעמפן קעגן די דייטשן, ווען זיי וועלן אָנ־גרייפן דעם דאָרף און ווען זיי וועלן אַריינדרינגען אין וואַלד. דאָך האָט מען באַשלאָסן, אַז מיר גייען אַרויס אויפן גרעבליע, וועלכע פירט צום דאָרף סוואַריטשעוויטש, און דאָרט וועט מען אויף זיי לויערן.

לערך 3־4 טעג זענען מיר געזעסן אין אונדזערע לויער־פּונקטן, אָבער קיין דייטשן און פּאָליציי זענען נישט דורכגעגאַנגען און נישט געקומען אין דאָרף. דאָס גאַנצע דאָרף פּויערים איז פונאַנדערגעלאָפן אין די וועל־דער און האָבן זיך צוריקגעקערט, ווען די פּאַרטיזאַנער האָבן פאַרלאָזט די לויער־פּונקטן.

דאָס דאָרף איז שוין רואיק נישט געזעסן אין די הייזער. די איינ־וווינער האָבן אָרגאַניזירט אַ וואַך סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט. מען האָט אויסגעגראָבן ווינטאָווקעס וואָס זענען געווען פאַרגראָבן, ווען די דייטשן זענען געקומען. די דאָזיקע ביקסן האָבן זיי צונויפגענומען ווען די רויטע אַרמיי איז אָפּגעטראָטן. רויטאַרמייער, וויסנדיק אַז זיי זענען אַרומגע־רינגלט דורך די דייטשן, האָבן זייער וואָפן פונאַנדערגעוואָרפן איבער הויפן און פעלדער. כמעט יעדעס דאָרף האָט געהאַט פאַרגראָבן ביקסן. די וואַך אין דאָרף איז געווען באַוואָפנט. עס האָט זיך געשאַפן אין סוואַרי־טשעוויטש אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע, וועלכע איז געווען מיט אונדז אין ענגן קאָנטאַקט. אַקטיווע טוערס אין דער גרופּע זענען געווען ג ר י ט ש ו ק און פּ אַ ש ק ע ו י ט ש. גריטשוק איז געווען אַן אוקראַינער און אַ

סאָוועטישער אַקטיוויסט. פּאַשקעוויטש איז געווען אַ פּאָליאַק און פון באַרוף אַ מעכאַניקער, וואָס האָט אונדז געבראַכט גרויסע נוצן, פאַרריכטנ־דיק דאָס געווער און מאַכנדיק פאַר אונדז אויפרייס־מאַטעריאַלן. זייערע זין און טעכטער זענען אויך שפּעטער געווען אין אַקטיווער פּאַרטיזאַנער־דינסט.

נישט רואיק זענען געווען אויך די נאָענטע דערפער, ווי בראַדניצע, זאַמרוטשעניע, בוטעווע און אָזיערסק. מען האָט זיך געריכט, אַז די דייטשן קאָנען אָנקומען אַ ליאַדע שעה און וועלן פאַרברענען די דערפער מיט דער באַפעלקערונג. ביי אַ מינדסטער ידיעה אַז דייטשן גייען, פלעגן די דערפער אויסגעליידיקט ווערן און די באַפעלקערונג איז זיך פונאַנ־דערגעלאָפן אין די וועלדער. אַזוי אַרום האָבן פויערים אָנגעהויבן זיך אַריינציען אין דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. באַזונדערס זענען זיי געווען אומרואיק, ווען די דייטשן זענען אַריינגעקומען אין ביטעווע, ווו זיי האָבן צוזאַמענגענומען אַ פּאָר הונדערט נפשות אין צוויי שטאַלן און זיי פאַר־ברענט. דעמאָלט איז דער אַזוי גערופענער „בורגפרידן" אין יענע דער־פער מיט די דייטשן שוין געווען אין גאַנצן איבערגעריסן.

די דאָזיקע לאַגע אין די דערפער איז געווען פאַר אונדז נוציק. יידן האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן, אין די נעכט, אָפטער אין די אַרומיקע דער־פער און האָבן גרינגער געקאָנט קריגן אַ ברויט און אַביסל שפּייז. די פּאַרטיזאַנער זענען געווען אָנגעזעענע געסט, ווען זיי זענען געקומען אין אַ דאָרף. די פאַראָרדענונג פון אונדזער גרופּע איז געווען, אַז מען דאַרף העלפן די פּאַרטיזאַנער און יידן מיט שפּייז און יעדער אָפּזאָג וועט שטרענג באַשטראָפט ווערן. ס'איז דאַן פאָרגעקומען אַ דראַסטישער פאַר־פאַל. דער פּאַרטיזאַן קוראַטשקין האָט אָנגעקלאַפּט אין אַ פענצטער פון אַ פּויערישער כאַטע און געהייסן מען זאָל אים געבן אַ ברויט. די פּויערטע האָט געענטפערט, אַז זי וויל נישט געבן, און קוראַטשקין האָט אַריינגע־שאָסן דורכן פענצטער און געטויט די פּויערטע. דער דאָזיקער פאַרפאַל האָט אָנגעוואָרפן אַ מורא אויף די פּויערים אין די דערפער, און ווי מען האָט אָנגעקלאַפּט אין אַ פענצטער, האָט מען דערלאַנגט אַ ברויטל. חיות נעמערס אויף ברויטלעך זענען געווען אַ סך, האָבן פּויערים אויס־

געבאַקט עטלעכע, כדי זיי זאָלן האָבן וואָס צו געבן, מורא האָבנדיק פאַר אַזאַ דראַסטישן פאַל, ווי ס'איז פאָרגעקומען אין בראָדניצע.

דער נצחון פון דער רויטער אַרמיי ביי סטאַלינגראַד איז געווען פאַר אונדז אַ נס. עס זענען געקומען אין וואַלד יונגטלעכע פּויערים, וואָס זענען געוואָרן פאַרבינדלער. עס האָבן זיך געמאַלדן געוועזענע סאָוועטי־שע אַקטיוויסטן, וואָס האָבן אונדז געהאָלפן אין אונדזער פּאַרטיזאַנער־זאַך. מיר זענען געווען דערמוטיקט צו טאָן דרייסטע פּאַרטיזאַנישע מעשים.

די פּאַרטיזאַנער-זאַנע

דער ווינטער איז אָנגעקומען. שוין מיט זיינע ערשטע טריט האָט ער זיך צעווירבלט מיט שניי־זאַווייען און באַשאָטן דיביידלעך אַרום מיט בערגלעך און הורבעס שניי. דער וואַלד האָט זיך באַזילבערט און דער סטעפּ האָט זיך צוגעדעקט מיט אַ שניי־דעקע.

אין יענע ערשטע דעצעמבער־טעג פון 1942 האָבן מיר זיך געגרייט צו פאַרלאָזן דעם סוואַריטשעוויטשער וואַלד אויף אַ געוויסער צייט. מיר האָבן קאָמפּלעטירט אונדזער גרופּע, און במקום דעם אומגעקומענעם חבר, ראובן טורקעניטש, האָבן מיר קאָאָפּטירט פיניע פּאַרפּלמאַזע, וואָס איז אַנטלאָפן פון דאַמבראָוויצער געטאָ, און אויפן פּלאַץ פון פאַרוווּנדעטן חבר, בערל באַבראָוו, האָט זיך געמאַלדן אויף זיין אָרט דער ברודער, מתּות באַבראָוו.

אין סוואַריטשעוויטשער וואַלד האָט זיך אויסגעבילדעט אַ פּאַרטי־זאַנער־גרופּע אונטער דער אָנפירונג פון אַלעק אַבוגאָוו. צו דער דאָזיקער גרופּע האָבן געהערט די פאָלגנדיקע פּאַרטיזאַנער: אַלעק אַבוגאָוו, אַנאַ־טאָלי קוראָטשקין, געניק מוזיטשקאָ, לייזער בראָמבערג, מתּות באַבראָוו, פון סוואַריטשעוויטשער דאָרף, לייוויק פישמאַן, פון דאָרף זאַמרוטשעניע, סיאָמע פיאַלקאָוו, וואַניאַ און מאַקסים, וואָס זענען אַלס סאָוועטישע זעל־נער אַריינגעפאַלן אין דייטשישער געפאַנגענשאַפט, און אַנטלאָפן פון די לאַגערן, און אויך אייניקע יונגטלעכע פּויערים פון די ביטעווער כוטאָרעס.

זאַלבע־צוועלף, אין דער זעלבער צאָל ווי מיר זענען געווען פריער,

האָבן מיר זיך געלאָזט ווינטערן אין אַן אַנדער וואַלד, אין אַזיערסקער וואַלד. מיסיורא האָט אַראָפּגעבראַכט זיינע פיר דיאַדקעס מיט פערד און וועגענער, אין פולן געשפּאַן. אויף איין פור האָבן מיר אָוועקגעלייגט דעם פאַרוואונדעטן, און אויף אַנדערע פורן — אונדזערע מטלטלין, קיך־געשיר, ווי אויך דאָס ראַדיאָ־קעסטל אין פולן קאָמפּלעט.

ס'איז געווען אַ גרויסע זאָווערוכע, ווען מיר האָבן פאַרלאָזן דעם וואַלד. טראָט נאָך טראָט זענען מיר געפאָרן צוליב דעם פאַרוואונדעטן באַבראָוון, מיט וועמען מען האָט נישט געטאָרט פאָרן גיכער, ווייל דע־מאָלט וואָלט געטרייסלט דער וואָגן און ער וואָלט געהאַט פון דעם גרויסע שמערצן. ביי די זייטן פון די פורן זענען מיר געגאַנגען, מיט אָנגעלאָדענע ביקסן. מיר זענען געפאָרן מיט אומוועגן און איבער בלאָטעס, וואָס זענען נאָך נישט געווען איינגעפראָרן און נאָך נישט פאַרשאָטן מיט קיין סך שניי. כמעט אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר זיך געצויגן מיט די אָנגעלאָדענע פורן, גלייך ווי די פ א ר ט ר ע ק ע ר אין דרום־אַפריקע, ווען זיי האָבן זיך געצויגן פון דער ק י י פּ צו ט ר אַ נ ס וו אַ ל. אויך מיר זענען געפאָרן צו געפינען אַ נייע טעריטאָריע, אָבער נישט פון שטעט נאָר פון נייע שטחים וועלדער און סטעפּעס. דערצו האָבן מיר געהאַט מער שונאים ווי די פ א ר ט ר ע ק ע ר.

פאַרשנייט און אין הורבעס שניי איז געווען דאָס דאָרף אַזיערסק, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר אַ ישוב אויף וואָלינער ערד. אין עק דאָרף איז געשטאַנען דאָס הייזל פון אונדזער פאַרבינדלער, אַנדריי, וועלכער האָט אונדז אינפאָרמירט, אַז מיר קאָנען פאָרן דורכן דאָרף, ווייל ס'איז נישטאָ נישט קיין פּאָליציי און נישט קיין דייטשן. מיר האָבן אים גע־טרויט און זענען דורכגעפאָרן דאָס דאָרף אָן שום אינצידענטן.

לערך 3־4 ק״מ פון דאָרף איז געווען דאָס פּלאַץ פון דער סמאָליאַרנע, וועלכע איז דורך אונדז אין אָקטאָבער דעמאָלירט געוואָרן. ס'איז בלויז געבליבן פון אַלע געביידעס גאַנץ נאָר דאָס הויז פון וועכטער, דימיטרי, וואָס איז געשטאַנען נעענטער צום וואַלד, גאַנץ איזאָלירט. דאָרט, נעבן דימיטריס הויז, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. דימיטרי איז שוין געווען אינפאָרמירט אַז מיר דאַרפן אַ ליאַדע טאָג קומען. ער האָט שוין געהאַט

צוגעגרייט אַ ביידל אין וואַלד, אויך אין אַ ווילדערניש, אַרומגערינגלט מיט גרויסע זומפּיקע בלאָטעס.

דימיטרי מיט זיין געהילף האָבן אונדז געוויזן דעם וועג און האָבן געהאָלפן איינשטעלן די פּאַרטיזאַנישע ווירטשאַפט ווי אויך פאַרלייגן די ראַדיאָ־אַנטענע. הגם מיר זענען דורכגעפאָרן דאָס דאָרף ווען ס׳איז נאָך געווען נאַכט, דאָך האָט מען זיך באַלד דערוווּסט אין אָזיערסק, אַז פּאַר־טיזאַנער זענען אין זייער וואַלד. שוין דעם ערשטן טאָג האָבן מיר געזען פּויערים אין וואַלד אונטערן אויסרייד, אַז זיי זוכן זייער כודאָבע. ס׳איז אונדז געוואָרן אומהיימלעך אין דעם דאָזיקן וואַלד.

מיר האָבן אָפּגעשטאַט אין אָוונט אַ וויזיט ביים דאָרפישן גאַלאָוואַ מיטן סעקרעטאַר, וועלכע זענען נאָמינירט געוואָרן פון די דייטשן, מעלדנ־דיק זיי, אַז אויב זיי וועלן אויף ווייטער מיטאַרבעטן מיט די דייטשן, וועלן זיי דורך אונדז באַשטראָפט ווערן, און מיר וועלן דאָס נישט דולדן. זיי האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן פאַר אונדזער דראָונג, פאַרפליכטנדיק זיך צו דינען דער פּאַרטיזאַנער־אידייע און צו אַפּראָוויזירן אונדזער גרופּע, נעמענדיק פון דאָרף אַ געוויסן קאָנטיגענט ברויט און עסנוואַרג.

דער וואַלד־וועכטער איז געווען דער פּאָליאַק י אַ ן ז י מ נ י אַ־ וו אָ ד אַ, וואָס איז געווען נאָמינירט אויף דעם דאָזיקן פּאָסטן פון די דייטשן. דערוויסנדיק זיך פון דעם, אַז פּאַרטיזאַנער זענען דאָ אין וואַלד, האָט ער זיך אַליין געמאָלדן צו ווערן אונדזער פאַרבינדלער. ער האָט אויפגעזוכט אין דאָרף ל י ט י נ ס ק, ביים טייך האָרין, דעם דאָקטער, יוזעף פּרנס, און האָט אים געבראַכט אין ביידל, ער זאָל געבן מעדיצינישע הילף אונדזער פאַרוווּנדעטן באָבראָוון. ד״ר י. פּרנס האָט געלעבט אויף אַרישע פּאַפּירן און פּראַקטיצירט אין דאָרף. סיי זימניאַוואָדאַ און פּרנס זענען דערנאָך אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. זימניאַוואָדאַ איז צום סוף געוואָרן אַן אַקטיווער קאָמאַנדיר פון אַ פּאַר־טיזאַנער־ראָטע און איז געפאַלן אין קאַמף מיט נאַציאָנאַליסטן, אין אַ דאָרף נעבן סאַרני, אין סוף פון יאָר 1943.

עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ קאָנטאַקט מיט פּויערים אין די אַרו־מיקע דערפער. מיר האָבן פאַרשפּרייט אין די דערפער די קאָמוניקאַטן פון ראַדיאָ, אַפילו אין ווייטערע ערטער זענען זיי איבערגעגעבן געוואָרן.

מיר האָבן אויך צוזאַמענגעשטעלט אויפרופן צו דער באַפעלקערונג און האָבן אַקטיוויזירט אונדזער פּאַרטיזאַנישן קאַמף מיינסטן קעגן דער פּאָ־ליציי, וועלכע פלעגט על פּי רוב זיך באַווייזן אין די דערפער, אין די זונטיק־טעג אָדער אין די אָוונטן, קומענדיק אַהיים צו עלטערן און צו דער אייגענער פאַמיליע. דורך די פאַרבינדלער זענען מיר אינפאָרמירט גע־וואָרן גענוי ווען זיי זענען דאָ אין די היימען און מען פלעגט זיי דאַן באַפאַלן. אַלס רעזולטאַט פון אונדזערע דערפאָלגן אין די פאַרפאַלגונגען און קאַמף מיט דער פּאָליציי, פלעגן מיר אָפט באַקומען ידיעות, אַז די פּאָליציי אין אַ סך ערטער פלעגט אַנטלויפן פון די פּאָסטערונקעס, וועלנ־דיק אַריינטרעטן אין די פּאַרטיזאַנער־גרופּעס, אָדער אָפּגעבן צו די פּאַר־טיזאַנער זייער געווער. אין דאָרף אָזיערסק זענען געווען אייניקע פאַלן, ווען פויערים האָבן צוגענומען ביי זייערע זין־פּאָליציאַנטן די ווינטאָווקעס און אונדז אָפּגעגעבן.

עס איז געווען אַ פאַל, ווען כ׳בין איבערגעבליבן מיט נאָך אַ פּאַר־טיזאַן איןביידל, איז געקומען צולויפן ד י מ י ט ר י מיט אַ ידיעה, אַז צוויי פּאָליציסטן זענען געקומען צו אים אין שטוב און ווילן אָפּגעבן די ווינטאָווקעס. מיר זענען געווען זייער אויפגערעגט אויף אים, הלמאַי ער לאָזט זיך לויפן אין דער ריכטונג צום ביידל, בעת זיי זיצן ביי אים אין שטוב. ווייל אפשר זענען זיי געשיקט פון די דייטשן אויסצופאָרשן דאָס אָרט פון אונדזער אויפהאַלט, און ס׳האָט דאָך געקאָנט זיין דעמאָלט, אַז נאָך פּאָליציי איז דאָ מיט זיי פאַרשטעקט ווו אין וואַלד, און אַ ליאַדע רגע קאָנען זיי אונדז באַפאַלן. מיר האָבן זיך געישובט וואָס צו טאָן און סוף־סוף זענען מיר געקומען צום באַשלוס, אַז מיר מוזן גיין, ווייל אויב זיי טראַכטן אונדז איבערפאַלן, איז בעסער אַז עס זאָל פאָרקומען נישט נאָענט צום ביידל, ווו עס ליגט דער פאַרוואונדעטער באַבראָוו. דאָס איז געווען דער בעסטער אויסוועג, ווייל פאַרלאָזן דאָס ביידל און צונעמען מיט אונדז דעם פאַרוואונדעטן חבר איז נישט געווען מעגלעך, ווייל ערשטנס איז ער געווען אין אַ שווערן צושטאַנד, און צווייטנס האָבן מיר נישט געהאַט ביי זיך קיין פערד און וואָגן.

מיר זענען אַוועק מיט דימיטרין, נישט זאָגנדיק דעם קראַנקן חבר קיין וואָרט, כדי ער זאָל זיך נישט מצער זיין. ווען מיר זענען צוגעקומען

צום ראַנד פון וואַלד, האָבן מיר געשיקט דימיטרין זען אויב זיי זיצן נאָך. ער איז גלייך צוריקגעקומען מיטן ענטפער אַז זיי וואַרטן אויף אונדז. דאַן זענען מיר גלייך אַרויס פון וואַלד, האַלטנדיק די ביקסן אין די הענט, געצילט צום הויז. מיט גרויסער איפּרעגונג און אומרו זענען מיר אַריין אין שטוב. אויפן ערשטן אויסרוף — ל יי ג ן ד אָ ס ג ע וו ע ר ! — האָבן זיי געלייגט די ווינטאָוועקעס און אויך אויפגעהויבן די הענט.

איידער מיר זענען אַוועק, צונעמענדיק, פאַרשטייט זיך, די ביקסן, האָבן מיר זיי באַפוילן צו וואַרטן דאָרט אין הויז ביי דימיטרין ביז אין אָוונט, און דאַן וועט מען זיי געבן אַן ענטפער, אויב מיר וועלן זיי אָנ־שליסן אין די פּאַרטיזאַנער. זיי האָבן געוואַרט ביז אין אָוונט. מיר האָבן זיי נישט צוגענומען אַלס פּאַרטיזאַנער, אָבער מיר האָבן זיי געלאָזט לעבן, אָנזאָגנדיק זיי, אַז זיי טאָרן מער נישט דינען אין דער דייטשישער פּאָ־ליציי.

מיטן סוואַריטשעוויטשער וואַלד האָבן מיר געהאַט אַ קאָנטאַקט טאָג־טעגלעך, און האָבן אויך געהאַט אַ פאַרבינדונג מיט ניי־אַנטשטאַנענע פּאַר־טיזאַנער־גרופּעס פון יידן אין גראַף פּלאַטערס וואַלד און אין ניקאָלאַיע־ווער וואַלד.

די אַנטלאָפענע יידן פון דאָמבראָוויצער געטאָ האָבן פון זיך אויס־געטיילט אַן אַקטיווע פּאַרטיזאַנער־גרופּע, אונטער דער אָנפירונג פון פּנחס ב יי מ אַ ן פון דאָמבראָוויץ. פּאַרדינסטפולע פּאַרטיזאַנער אין דער גרופּע זענען געווען: ביידע ברידער ב יי מ אַ ן, דריי ברידען שפּין, טילטשין, פּ. פּאַרפּלמאַזע, וועלכער איז דערנאָך אַריבער אין אונדזער גרופּע; מוד־ריק, אָווסיאַנקאָ, וואָס האָט געשטאַמט פון פּוילן און איז אומגעקומען אין אַ קאַמף מיט די נאַציאָנאַליסטן; משה ראָזענבערג, דריי ברידער שיינמאַן: זעליק, מיכל און לייבל; מ. צאַצקעס, פּנחס ניימאַן פון סאַרני, גענדזעל און ד״ר ברוך ערליך. די דאָזיקע גרופּע האָט אַנטוויקלט אַ באַ־דייטנדיקע אַרבעט, אונטערצינדנדיק די דאָמבראָוויצער פּאָסט, די עלעק־טראָווניע און די פּאַראָווע מילן און געפירט פּערמאַנענטע קאַמפן מיט פּאָליציי און פאַשיסטישע עלעמענטן. אייניקע פון דער דאָזיקער גרופּע זענען באַפאַלן דעם דאָמבראָוויצער שפּיטאָל און פון דאָרט אַרויסגעפירט אין וואַלד דעם אויבנדערמאָנטן ד״ר ערליך, וועלכער איז געווען באַהאַלטן

אין שפּיטאָל, אין אַ שאַפע. דאָס איז געווען איינער פון די גרעסטע אויפטועך. ד״ר ערליך האָט פיל אויפגעטאָן אויפן געביט פון היילן קראַנקע און פאַרוואונדעטע פּאַרטיזאַנער און יידן. גאַנצע נעכט פלעגט ער אומגיין פון אייןביידל צום צווייטן היילן קראַנקע, און פון וואַלד צו וואַלד געטראָגן מעדיצינישע הילף. גלייכצייטיק האָט ער בוכשטעבלעך נישט דורכגעלאָזן קיין איין שלאַכט, אין וועלכער ער זאָל זיך נישט האָבן באַטייליקט.

אין ניקאָלאַיעווער וואַלד איז געווען טעטיק אַ גרופּע פון די דריי ברידער: מאָטל, עליע און מאיר באַבראָוו און פון די דריי ברידער: משה, ירחמיאל און אברהם־עליע שוכמאַן.

עס איז פאַקטיש געשאַפן געוואָרן אַ פּאַרטיזאַנער־זאָנע אויף אַ באַדייטנדיקן שטח. היות קיין דייטשן אָדער פּאָליציי האָבן זיך נישט געוויזן, איז מען געגאַנגען אָדער געפאָרן אין מיטן טאָג, און לאָו דווקא פּאַרטיזאַנער, נאָר אויך נישט־באַוואָפנטע יידן.

מיט אַ שנעלן טעמפּאָ האָט זיך אַנגעהויבן אַנטוויקלען די פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. אין אַ דאָרף כ אָ ט ש י ן, נעבן דער באַנסטאַנציע א ו ד ר י צ ק, אויף דער ליניע לונינעץ־סאַרני, האָט זיך אָרגאַניזירט די גאַנצע באַפעלקערונג, און אונטער דער אָנפירונג פון אונדזער פאַרבינדלער, נ ע ס ט ע ר ט ש ו ק, און דעם פּאָליאַק דאַבזשינסקי, איז מען באַפאַלן די וואַך פון סטאַנציע און דעם גאַרניזאָן פון אודריצק. זיי האָבן באַזיגט די מאַדיאַרן (אונגאַרן) און דייטשן, פאַרכאַפּנדיק אַ סך טראָפייען: 280 ווינטאָוועס, 6 קוילנוואַרפער, 15 אויטאָמאַטן און קעסטלעך מיט קוילן. די גאַנצע צייט איז דאָס דאָזיקע דאָרף געשטאַנען אין קאַמף מיט די דייטשן, ביז דעם אָנקום פון דער רויטער אַרמיי, נישט אָפּטרעטנדיק פון דאָרף, כאָטש די דייטשן זענען געשטאַנען זייער נאָענט, אויף אַ דיסטאַנץ פון 10 ק״מ, נישט מער. דער קאָמאַנדיר פון דעם דאָזיקן אָטריאַד פון פויערים איז געווען מאַיאָר ק אָ פּ ל ו ן. אין אָנהייב פון דער אַנטשטייאונג פון דער דאָזיקער פּאַרטיזאַנישער פויערים־גרופּע, נאָך איידער עס איז געמאַכט געוואָרן דער אָנפאַל אויף אודריצק, האָבן פויערים פון דאָרף באַזוכט אונדזער אָזיערסקער ביידל, און מיר האָבן זיי אָנגערעגט

צום קאַמף. מיר זענען דערנאָך געשטאַנען מיט דעם דאָזיקן אַטריאַד אין פאַרבינדונג.

וועגן אונדזער עקזיסטענץ אין אַזיערסקער וואַלד האָט זיך דערוווּסט דער באַרימטער פּאַרטיזאַנישער גענעראַל, קאָוופּאַק, און דער פּאַרטיזאַני־שער פּאָלקאָווניק ב א ט י א. אין שליחות פון גענעראַל קאָוופּאַק איז צו אונדז געקומען אַ יידישער פּאַרטיזאַן, אַן אָפּשטאַמיקער פון קיעוו. ער האָט דאַן געוואָלט צונעמען מיט זיך דעם פאַרוווּנדעטן באַבראָוו, כדי אים אָפּצושיקן קיין מאָסקווע אין אַ שפּיטאָל. די פּאַרטיזאַנישע איינהייט פון קאָוופּאַקן האָט זיך דאַן געפונען ביים פּריפּעט און עס פלעגן זיך אַראָפּ־לאָזן סאָוועטישע עראָפּלאַנען, וואָס האָבן זיי געבראַכט אַמוניציע און האָבן אַוועקגעפירט פאַרוווּנדעטע פּאַרטיזאַנער אין מאָסקווע. אָבער באָ־בראָוו האָט נישט געוואָלט מיטפאָרן, זאָגנדיק אַז אויב ער דאַרף שטאַרבן וויל ער בעסער אין דער אַנוועזנהייט פון זיינע חברים.

באַטיאַ, וואָס זיין נאָמען איז געווען ג. מ. לינקאָוו, פון באַרוף אַן אינ־זשעניער, האָט צו אונדז אַריינגעשיקט אַ דעלעגאַציע פון עטלעכע פּאַרטי־זאַנער מיט סערגיי קאַרטשעוון און מיטן פּאָלקאָווניק ב ר י נ ס ק י בראש. קאַרטשעוו איז אונדז געווען באַוווּסט, און וועגן אים האָב איך געשריבן אין מיין קאַפּיטל „צוועלף". ער איז געווען דער קאָמיסאַר פון פּאָפּאָווס אַטריאַד, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן זיג איבער די דייטשן אויף די בוטעווער כוטאָרעס. ברינסקי האָט זיך מיינסטן גערופן אונטער דעם פּסעוודאָנים „דיאַדיאַ פּעטיאַ". מען האָט גערעדט, אַז ער איז אַ ייד. ער האָט דעסאַנטירט אויך אין די וויטעבסקער וועלדער. ער איז געקומען צו אונדז פון די וועלדער פון מאַזיר און טוראָוו, ווו ס'האָט זיך דאַן געפו־נען באַטיאַס שטאַב. באַטיאַ האָט אָרגאַניזירט דיווערסיע־גרופּעס צו 5־6 פּערזאָן, וואָס פלעגן האָבן ביי זיך טאָל און די נייטיקע מאַטעריאַלן אויפ־צורייסן באַנען, צו דעמאָלירן אַמטן און צו אונטערצינדן סקלאַדן און מאַגאַזינען. זיין טעטיקייט־פּלאַן איז געווען אַן אַנדערער ווי דער טעטי־קייט־פּלאַן פון קאָוופּאַקן, וועלכער האָט געפירט אָפענע קאַמפן מיט דיי־טשישע גאַרניזאָנען. דער ציל פון באַטיאַס דעלעגאַציע איז געווען, אַז מיר זאָלן זיך אָנשליסן אָן באַטיאַס פּאַראַייניקונג און אויספילן אַלע

פאַרגעבן פון קארטשעוון, וואָס וועט ווערן דער קאָמאַנדיר פון אַלע עק־זיסטירנדיקע גרופּעס אין אונדזער געגנט.

„דיאַדיאַ פּעטיאַ" איז לאַנג מיט אונדז נישט געווען, נאָר געציילטע טעג. ער איז אַוועקגעפאָרן קיין אָ ז י ע ר צ י, אַ דאָרף אויף יענער זייט סטיר. דאָרט האָט אַ פּויער פון דאָרף גריווע, נישט ווייט פון קאָוועל, אָרגאַניזירט אַן אָטריאַד פון 120 יידן, אַנטלאָפענע פון די געטאָס אין מאַניעוויטש, ראַפאַלאָווקע, פּניעוונא און קאַמיען־קאַשירסק. אַקטיוו ביי זייער אָרגאַניזירונג פון אָטריאַד זענען געווען די יידן: בערל לאָרבאָר, יוסף בליישטיין, יצחק קופּערבערג, וולאַדימיר ווערבאַ, יעקב צווייבעל, יוסף צווייבעל און פּנחס טינער.

דער דאָזיקער אָטריאַד האָט געהאַט אַ גרויסן ציוויל־לאַגער פון צוויי הונדערט יידן, מייסטנס קינדער, זקנים און פרויען. דער דאָזיקער פּויער, נ י ק אָ ל אַ י ק אָ נ י ש ט ש ו ק, האָט אַרויסגעוויזן גרויסע פאַרשטענדעניש און איבערגעגעבנקייט צו די יידן. זיין פּסעוודאָנים איז געווען ק ר ו ק, און דעריבער האָט זיך דער אָטריאַד גערופן קרוקאָווצעס. ברינסקי האָט דאָרט פאַרצווייגט די אַרבעט און געשאַפן אַ ספּעציעלן שטאַב אונטער זיין אָנפירונג. ער האָט אויך קאָנטראָלירט די טעטיקייט פון קארטשעוון, וואָס איז געוואָרן דער קאָמאַנדיר פון אַלע עקזיסטירנדיקע גרופּעס. אין סוואָריטשעוויטשער ביידלעך האָט זיך קאָרטשעוו באַזעצט און געשאַפן אַ שטאַב אונטער זיין אָנפירונג. די מיטגלידער פון שטאַב זענען געווען: סערגיי קארטשעוו, מאַקסים מיסיוראַ, אַלעק אָבוגאָוו. דער סוואָריטשעוויטשער שטאַב איז געווען אונטעראָרדנט דעם „דיאַדיאַ פּעטיאַן" אין אָזיערצי. „דיאַדיאַ פּעטיאַ" איז געווען אונטעראָרדנט דעם פּאַלקאָווניק באַטיאַ.

די פּאַרטיזאַנישע גרופּעס זענען צענטראַליזירט געוואָרן. עס זענען געגאַנגען שליחים פון איין גרופּע צו דער צווייטער. מען האָט זיך אָנגעהויבן באַוועגן אַפילו ביי טאָג. מען האָט אויסגעטראָטן סטעזשקעס איבער סטעפּעס און וועלדער, אויסמיידנדיק טראַקטן און שליאַכן. מען האָט אָנגעהויבן פאָרן מיט שליטנס און מען האָט אויף אַזאַ אופן אויסגעריבן גוטע שליט־וועגן איבער די מאַגיסטראַלן פון וואַלד.

די שרעק פאַר דעם ווינטער און פאַר דעם ווייסינקן שניי איז שוין

נישט געווען. ס׳איז אויסגעבילדעט געוואָרן אַ פּאַרטיזאַנער־זאָנע. די אָקופּאַציע איז אויך געווען לייכטער. די פּויערים האָבן אויפגעהערט צו ליפערן די פּאָסטאַוקעס פאַר די דייטשן און פּאַרטיזאַנער האָבן אָנגעהויבן דורכפירן ווירטשאַפטלעכע אַקציעס אין די דערפער. מען האָט אָנגעהויבן גראָבן זעמליאַנקעס און מען האָט זיי געמאַכט מיט דילן און אויוונס. די אונטערערדישע וווינונגען זענען געווען גרויסע און גרוימע.

קיין דייטשן האָבן זיך נישט געוויזן אין אונדזער פּאַרטיזאַנער־זאָנע. זיי האָבן זיך נישט באַוויזן אין די דערפער. עס זענען ליקווידירט געוואָרן די פּאָליציי־אַמטן אין דער אומגעגנט פון די וועלדער, ווו מיר זענען געווען די הערשער און רעגירער. עד־היום איז מיר קשה דער דאָזיקער ענין — פאַרוואָס זענען די דייטשן נישט באַפאַלן אונדז און אַפילו זיך נישט באַמיט צו באַגרענעצן אונדזער שליטה איבער די דערפער. עס קאָנען זיין פאַרשיידענע פּירושים און קאָמענטאַרן: אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דייטשישער מפּלה אויפן סטאַלינגראַדער פראָנט האָבן די דייטשן רעדוצירט זייערע גאַרניזאָנען, וועלכע זענען באַשטאַנען פון געסטאַפּאָווצעס, וואָס האָבן שטאַרק מורא געהאַט צו פירן קאַמפן מיט פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער, ציטערנדיק פאַר זייערע לעבנס. זיי האָבן דאָך בעת די אַקציעס אויף יידן אָנגעהויפנט גרויסע עשירותן און ווערטפולע זאַכן, וועלכע דיק פון דעם געניסן און נהנה זיין נאָכן קריג; די געסטאַפּאָ מחמת מורא צו ווערן אַוועקגעשיקט אויפן פראָנט האָבן נישט אָנגעגעבן דער העכערער מאַכט וועגן אַלע פּאַרטיזאַנישע אַקטיוויטעטן, כדי זיך נישט צו קאָמפּראָמיטירן, וואָס עס וואָלט געדראָאַט איר צו ווערן אַוועקגעשיקט אויף די פּאָדערשטע פּאָזיציעס; עס קאָן אויך זיין, אַז פריער האָבן די דייטשן געקלערט צו געווינען דעם קריג אויף די פראָנטן, און דערנאָך וואָלטן זיי זיך גענומען צו די פּאַרטיזאַנער. דערווייל האָבן די פּאַרטיזאַנער געהאַט די מעגלעכקייט צו עקזיסטירן אין די וועלדער און צו פאַרצווייגן זייער טעטיקייט.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דאָזיקער פּאַקטישער לאַגע און מיט די נצחונות אויף דעם סטאַלינגראַדער און קאַווקאַזער פראָנטן, האָט ביי יעדן פון אונדז אויפגעבליצט אַ האָפענונג, אַז מען וועט אפשר אַרויסגיין פון דיווילדע און פינצטערע וועלדער.

אין אַזיערסקער זעמליאַנקע

דעם 1טן יאַנואַר 1943, זענען מיר אַוועק וווינען אין אַ זעמליאַנקע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין אַ געבירגיק אָרט, פון ביידע זייטן האָבן זיך געצויגן זומפּן אויף לאַנגע רוסישע וויאָרסטן. בלויז מיט גרויסער פאַרזיכטיקייט האָבן מיר באַטראָטן די דאָזיקע זומפּיקע פלעצער, ווייל אַפילו ווינטער אין גרויסע פרעסט זענען נאָך געווען ערטער, אין וועלכע מ׳האָט נאָך געקאָנט איינזינקען. די אומגעבונג פון דאָרף איז געווען רייך מיט אַזיערעס, ריטשקעס און וואַסערן, און נישט אומזיסט האָט זיך דאָס דאָרף גערופן „אַזיערסק״.

די זעמליאַנקע איז געווען איינגעקנוילט אין שניי, ווי פאַרוויקלט אין תכריכים. דער איינציקער דיסאָנאַנס זענען געווען די געציילטע שיטערע ביימלעך, וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרצט אויפן בערגל און אויף וועלכע מיר האָבן פאַרצויגן די דראָטן פון דער אַנטענע. אין דער דאָזיקער ווילדערניש איז דאָך דער ראַדיאָ־אַפּאַראַט געווען דער איינציקער פאַרבינדלער מיט דער וועלט, וואָס האָט געבראַכט ידיעות פון די פראָנטן, רעפעראַטן און מוזיקאַלישע קאָנצערטן, און האָט געגעבן די אילוזיע, אַז דו ביסט נאָך אַ מיטגליד פון אַ ציוויליזירטער וועלט און אַז דו לעבסט נישט אין אַן אוראַלטער תקופה, כאָטש דו טיילסט דעם לעבנסשטייגער פון דיינע אור־אור־אַלטע זיידעס און עלטער־זיידעס, ווען זיי זענען געווען הוילווינער.

מיר זענען געווען דאָן נישט זאַלבע־צוועלף, נאָר אין צאָל פון 40 יידישע פאַרטיזאַנער. אַדאַנק דעם וואָס מ׳האָט דעראָבערט ביקסן דורך פּערמאַנענטע און עקשנותדיקע קאַמפן מיט פּאָליציי, האָט מען געקאָנט פאַרגרעסערן אונדזער גרופּע, וועלכע איז געוואָרן אַן אַקטיווער פּאַרטיזאַנישער כוח. מיט דעם וואָס מיסיוראַ איז געוואָרן אַ מיטגליד פון שטאַב, איז געוואָרן אונדזער קאָמאַנדיר אפרים באַקאַלטשוק, וואָס האָט אָרגאַניזירט איבערפאַלן אין חודש יאַנואַר אויף דעם זעמסקי שפּיטאָל אין וויטשעווקע, אויף די דייטשישע הויפן אין זאַלאַטיי און אין וואָראַבין, און אויף דעם דייטש־מאַדיאַרישן גאַרניזאָן אין כינאַטשע. אַ ל ע אָפּעראַציעס האָבן זיך איינגעגעבן, נישט פאַרלירנדיק קיינעם נישט פון אונ־

דזער גרופע. אין זאלאטייער הויף האָבן מיר פאַרכאַפּט 150 בהמות, 20 פערד און אַ סך זעק תבואה. די בהמות האָט מען פאַרטיילט צווישן די גרופּעס אין פאַרשיידענע ערטער, צווישן די נישט־באַוואָפנטע יידן און מען האָט אויך געגעבן די פאַרבינדלער און די פויערים־סימפאַטיקער פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. מיר האָבן מיט די פאַרכאַפּטע טראָפייען געקאָנט עקזיסטירן דעם גאַנצן ווינטער.

דער וואָראָבינער הויף איז געווען איינער פון די גרעסטע מאַיאָנטקעס און איז געווען דאָס אייגנטום פון פוילישן זייער רייכן פריץ, גראַף פּלאַטער. עס איז געווען אַ גאַנצע שטאָט, מיט אַ ברויז און נאָך אינדוסטריעלע איינריכטונגען. דער דאָזיקער הויף האָט געהאַט על פי רוב פוילישע באַאַמטע, וואָס האָבן פאַרגעזעצט זייער אַרבעט אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע, ליפערנדיק די פּראָדוקציע קיין דייטשלאַנד. דאָרט זענען פּראָדוצירט געוואָרן די בעסטע ליקערן און בראָנפן, און דער געביט־קאָמיסאַר אין סאַרני פלעגט עס שיקן קיין בערלין צו די נאַצישע גדולים. אין מיטן נאַכט האָבן אונדזערע פּאַרטיזאַנער באַפאַלן דעם דאָזיקן הויף. דער גאַרניזאָן איז באַשטאַנען פון מאַדיאַרן, וועלכע האָבן באַלד געלייגט די ביקסן און די געציילטע דייטשן האָבן זיך באַהאַלטן אין די מאַגאַזינען און סקלאַדן. אויף די הויפישע פערד און וועגענער האָט מען אָנגעלאָדן קעסטלעך מיט פּוטער, זעק צוקער, פעסער מיט ספּירט און כל טוב. זייער אַקטיוו אין דער דאָזיקער אָפּעראַציע איז געווען ד״ר ע ר ל י ך, וואָס איז דער ערשטער אַריין אין הויף מיט אַ גרופּע און האָבן אַנטוואָפנט די וואַך ביים הויפּט־טויער.

גאָר גרויסע שאָדנס האָבן געהאַט די דייטשן אין כ י נ א ט ש ע, וואָס איז געווען אַ קליינע באַן־סטאַנציע צווישן סאַרני און טשאַרטאָריסק. דאָרט זענען אונטערגעצונדן געוואָרן די געביידעס פון דער סטאַנציע, מאַגאַזינען תבואה און אַ גרויסע צאָל סטויגן היי.

אַרום דער אָזירסקער זעמליאַנקע זענען געלעגן זעק מיט תבואה, מיט צוקער, מיט פעסער בראָנפן און עס זענען געשטאַנען צוגעבונדן בהמות און פערד אין פולן געשפּאַן. די פערד האָבן געהירזשעט און די בהמות האָבן געמעקעט גלייך ווי עס וואָלט ביי אונדז געווען אַ פּאַלוואַרעק פון רייכע פריצים. מיר האָבן געטיילט געגוג בהמות און תבואה די יידן, זיי

זאָלן האָבן געענוג וואָס צו עסן און אויך צו קאָנען אויסבייטן מיט פּויערים אויף הלבשה. מיר האָבן פון די דאָזיקע טראָפּייען אַ געוויסע צייט גע־האָלפן אַ גרופּע ציגיינער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין אַזיערסקער וואַלד, אַנטלויפנדיק פון די דייטשן, וועלכע האָבן זיי אויסגעראָטן גלייך ווי די יידן.

פון וויטשעווקער שפּיטאָל האָט מען געבראַכט צופירן עטלעכע צוואַנ־ציק קעסטלעך מעדיקאַמענטן, און ווען פויערים, פּאַרטיזאַנישע סימפּאַטי־קער, זענען פאַרשלאָפט געוואָרן, האָט זיי ד״ר ערליך געהיילט. דער ד״ר ערליך איז שוין געבליבן סטאַביל אין אונדזער גרופּע. כ׳האָב שוין דער־מאָנט וועגן ערליכס גרויסער קאַמף־אַמביציע, נישט דורכלאָזנדיק קיין איינציקן פאַרגעב. ווען כ׳פלעג אים זאָגן, אַז ער דאַרף אַזוי נישט טאָן, ווייל ער איז דאָך דער איינציקער דאָקטער און חלילה וחס ער פאַלט אין קאַמף, וועט דאָך קיינער נישט קאָנען אים פאַרבייטן. אויף דעם פלעגט ער ענטפערן, אַז ער איז אַ פאַטאַליסט, און וואָס עס דאַרף געשען וועט נישט ענדערן אויב ער וועט אַפילו בלייבן אין זעמליאַנקע.

צוליב מיין אַרבעט אויפצונעמען די ראַדיאָ־ידיעות, זיי איבער־שרייבן און צוזאַמענשטעלן אויפרופן, פלעג איך די נעכט בלייבן אין זעמ־ליאַנקע צוזאַמען מיט באַבראָוון, וואָס איז געלעגן צוגעשמידט צו זיין געלעגער. עס פלעגט זיך מיר דוכטן, אַז ס׳איז געשען אַ בייזער חלום און דער אשמדאי האָט מיך פאַרוואָרפן אין די הרי חושך. פאַקטיש איז דאָס פלאַץ געווען אַ פאַרוואָרפן ווילד אָרט, וואָס האָט זיך געקאָנט פאַר־גלייכן צו די געשילדערטע הרי חושך אין די מעשיות פון שדים און נישט־גוטע. כ׳געדענק אַ נאַכט, ווען כ׳האָב דערזען דורך דעם קליינעם פענצ־טערל פון זעמליאַנקע פייערלעך איבער די בלאָטעס און וואָס ווייטער זענען זיי געוואָרן אַלץ מערער און מערער און מיט יעדער רגע האָבן זיי זיך דערנעענטערט צוםביידל, ווי זיי וואָלטן וועלן אונדז באַפאַלן. לכת־חילה האָב איך געקלערט, אַז מענטשן גייען עס, און אויב מענטשן, זענען דאָס דייטשן אָדער פּאָליציי. אָבער באַבראָוו, וועלכער האָט געהאַט אַ כוטער, האָט מיך באַרואיקט, דערקענענדיק אַז דאָס זענען וועלף, וועלכע האָבן דערשפּירט די געקוילעטע אָקסן, וואָס זענען געווען אויפגעהאנגען אויף די ביימער. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי זיך וואָלאַטשעט הין און צוריק.

מיר האָבןביידע געהאַלטן די ביקסן אָנגעלאָדן, זייענדיק גרייט אויסצושיסן אין זיי, ווען זיי וואָלטן אַריין אין זעמליאַנקע, ווו די טיר איז געווען גע־מאַכט פון זעק. ווי ס'איז געוואָרן ליכטיק, בין איך אַרויס זען אויב די וועלף דרייען זיך נאָך, איז שוין פון זיי נישט געווען קיין זכר, אָבער וועלפישע סליאַדן זענען געווען אַרום און אַרום, אַרום דער זעמליאַנקע און אויפן גאַנצן שטח פון די בלאָטעס. אינטערעסאַנט איז, אַז זיי האָבן קיין זאַך נישט גערירט.

דער געזונט־צושטאַנד פון באַבראָוון איז געוואָרן ערגער מיט יעדן טאָג. אייניקע טעג פאַר זיין טויט האָט זיך פאַרגרעסערט דער מעדיציני־שער פּערסאָנאַל, מיטן אָנקום פון די קראַנקשוועסטער: טאַמאַרע גראַו־באַרט, די פרוי פון אַ לערער פון די באַראַכאָוו־שולן אין פינסק, וואָס איז אומגעקומען אין לעמבערג; מאַטילדע כאַינא. זיי זענען געווען אין סטאַלי־נער געטאָ און צוזאַמען מיט אַלע יידן זענען זיי אַרויסגעפירט געוואָרן אויפן מאַרק געפירט צו ווערן צו די גריבער. דער געביט־קאָמיסאַר האָט זיי אַרויסגענומען פון די רייען, ווייל זיי זענען געווען זייער גוטע און געשולטע קראַנקנשוועסטער, אין וועלכע עס האָט זיך געניטיקט דער שפּיטאָל. מאַטילדע כאַינא איז געווען זייער געשיקט בעת אַן אָפּעראַציע, און דער דייטשישער דאָקטער האָט זיך געניטיקט אין אַזאַ געשולטער קראַנקנשוועסטער. מאַטילדע האָט געשטאַמט פון פוילן, פון פולטוסק, און זי איז מגולגל געוואָרן בעת דעם קריג, צוזאַמען מיט אירע עלטערן, אין סטאָלין. זי האָט נישט געוואָלט אַוועקגיין פון עקזעקוציע־פּלאַץ אי־בערלאָזנדיק אירע עלטערן, אָבער די עלטערן האָבן דורכאויס געוואָלט, זי זאָל זיך ראַטעווען און עס זאָל בלייבן אַ זכר פון זייער משפחה. ביידע קראַנקנשוועסטער האָבן געאַרבעט אייניקע וואָכן אין שפּיטאָל, אָבער זיי האָבן אַרויסגעפילט, אַז אין איין טאָג וועט מען זיי אויך ליקווידירן. זיי האָבן זיך פאַרבונדן מיט אַ פויער פון די בוטעווער כוטאָרעס, וואָס איז געקומען אָפּנעמען זיין טאָכטער פון שפּיטאָל, און זיי זענען אַנטלאָפן. דער פויער האָט זיי געבראַכט צו זיך אַהיים, אָבער ער האָט זיי געהאַלטן אין שטוב בלויז אין די נעכט, און בייטאָג האָבן זיי זיך געפונען אין וואַלד, אין די גרעסטע פרעסט און שנייען. גראָד איז פאַרבייגעפאָרן **אפרים** און האָט זיי דערזען. ער האָט זיי געבראַכט צו אונדז אין זעמליאַנקע.

זיי האָבן געהאַט די מעגלעכקייט בלויז אייניקע טעג אויפצופּאַסן אויף באַבראָוון. אין אייניקע טעג אַרום נאָך זייער אָנקום אין וואַלד, איז ער געשטאָרבן. ער איז געווען איינער פון אונדזערע העראָישע פּאַרטיזאַנער און דער בעסטער שיסער אין אונדזער גרופּע. אין די לעצטע טעג האָט ער געוואָלט שפּילן אויף אַ פידל. אַזאַ פידל האָט מען פאַר אים געקראָגן. ער האָט אין די אָוונטן זייער רירנדיק געשפּילט, ווי ער וואָלט פאַרגעפילט זיינע לעצטע שעהן פון לעבן.

מיר האָבן אויסגעהאַקט, נאָענט צו דער זעמליאַנקע, אַ טיפן קבר און אים מקבר געווען אין זיינע זאַכן. זיין ברודער מתות, וואָס איז שוין אויך איצט אויפן עולם האמת, האָט געזאָגט קדיש. ביים קבר האָבן מיר אַלע זיך געשוואָרן צו פאַרפילפאַכן אונדזער קאַמף קעגן די היטלעריסטן און פאַשיסטן און אויף זיך גענומען די פליכט אויפצופּאַסן אויף זיין ביין־יאָריקן זונעלע, נתן. ווי ס'איז נאָר געוואָרן אַ קאָנטאַקט מיט מאָסקווע, האָט מען זיין זון אָפּגעשיקט מיטן עראָפּלאַן קיין מאָסקווע, ווו ער געפינט זיך עד־היום.

די אָזיערסקער זעמליאַנקע איז געווען דער צענטער פון אַלע פּאַרטיזאַנער אין די נאָענטע וועלדער. מיר האָבן געהאַט דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט און דערצו האָבן מיר שוין לעצטנס געקראָגן צוויי שרייב־מאַשינקעס אין רוסיש און אין פּויליש, מ'האָט שוין געקאַנט אויספּאַרטיקן מערערע אויפרופן און ראַדיאָ־קאָמוניקאַטן. אויך איז ביי אונדז געווען די אַפּטייק און דער מעדיצינישער פּערסאָנאַל. הגם דער שטאַב האָט רעזידירט אין סוואָריטשעוויטשער וואַלד, דאָך איז ביי אונדז געווען דער צענטראַלער פּונקט און מיר זענען אויך געווען די אַקטיווסטע גרופּע אין איניציאַטיוו און אין די פּאַרמעסטן צום קאַמף.

דער שטאַב האָט זיך אייגנטלעך געפונען אונטער דער דירעקטער השפעה פון קאַרטשעוון. ער האָט דיקטירט און זיין וואָרט האָט מען נישט געטאָרט משנה זיין. ער איז געווען אויסערגעוויינלעך אַמביציעז און דערצו שטאַרק נערוועז, אויף אַזויפיל, אַז ער האָט געקאָנט זיין קעגנער, אַפילו ער איז לאַנג געווען זיין פריינט, דערשיסן. דעריבער האָט מען זיך מיט אים נישט געטאָרט אַמפּערן. אַליין איז ער געווען אַן אוקראַינער פון סומי, נעבן כאַרקאָוו. גערעדט אַ קלאַסיש שיינעם רוסיש און

מיט לאַגישע אויספירן, וועלנדיק אַז אַלע זאָלן מיט אים מסכים זיין. ער
איז אויך געווען אין דייטשישער געפאַנגענשאַפט און איז אַנטלאָפן. ער
פלעגט קיינמאָל נישט דערציילן פון זיין לעבן אין דייטשישן לאַגער, ווייל
זייענדיק אַ מיטגליד אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז אים נישט גע־
ווען ניחא אַז מען זאָל גאָר וויסן פון דעם, און דערפאַר, קאן זיין, איז ביי
אים געווען שטאַרק דער דראַנג צו ווייזן פאַר מאָסקווע, אַז ער איז אַק־
טיוו אין די פּאַרטיזאַנער־וועלדער, און האָט געוואָלט, אַז אַלץ זאָל צו־
געשריבן ווערן אויף זיין קאָנטע. פאַר אונדז יידן איז ער געווען אַ באַ־
זונדער־שווערער פאַרשוין, ווייל אויך ער האָט זיך אָנגעשטעקט אין דיי־
טשישן לאַגער מיט אַנטיסעמיטיזם און גאַנץ מעגלעך מיט היטלערס ראַסן־
טעאָריע. ער האָט אין איין שיינעם טאָג אַרויסגעשטעלט אַ פאָדערונג, אַז
מיר זאָלן באַזייטיקן אפרימען פון צו זיין דער קאָמאַנדיר פון אונדזער
גרופּע, מאָטיווירנדיק, אַז ער שיסט פּויערים סתם אַזוי, אָן שום גרונט,
און דעריבער קאן מען נישט דערוואַרטן פון זיי קיין הילף. די דאַזיקע
באַשולדיקונג איז געווען אין גאַנצן גרונטלאָז. עס זענען אין אַ דאָרף
געכאַפּט געוואָרן דריי פּויערים, וואָס זענען געווען יי ד נ כ אַ פּ ע ר
און פאַר עטלעכע קילאָגראַם זאַלץ, וואָס דער דייטש האָט זיי צוגעטיילט
אַלס אַ פּרעמיע, האָבן זיי אומגעבראַכט אַ סך יידן אין זאַמרוטשעניער
וואַלד, ווען זיי זענען אַנטלאָפן פון די געטאָס אין דאָמבראָוויץ און אין
וויסאָצק. די דאָזיקע פּויערים זענען דערשאָסן געוואָרן, און אַפילו די פּויע־
רים פון דאָרף זענען געווען פאַר דעם אַז מען זאָל דערשיסן. אַנשטאָט
אפרימען, האָט ער געוואָלט אַריינשיקן צו אונדז פאַר אַ קאָמאַנדיר אַ
יונגלינג, וואַסיאַ, וואָס האָט זיך אָנגעגעבן פאַר אַ געוועזענעם סאָוועטישן
פליער. פאַקטיש איז ער געווען איינער פון די אָקרוזשענצעס, וואָס זענען
געוואָרן אַרומגערינגלט דורך דער דייטשישער אַרמיי, און כדי נישט צו
אַריינפאַלן אין געפענגעניש, האָבן זיי זיך פונאַנדערגעשפּרייט איבער די
דערפער און געוואָרן באַטראַקעס ביי פּויערטעס, וואָס זייערע מענער זע־
נען אַוועק אין קריג. ביי סערגייען איז געווען אַ בולטע טענדענץ צו באַ־
זייטיקן יידן פון די אָנפירנדיקע פּאָזיציעס אין די פּאַרטיזאַנער־גרופּעס.
אַזוי האָט ער געטאָן אין דער דאָמבראָוויצער גרופּע. ער האָט באַזייטיקט
דעם יידן פּנחס ניימאַן פון זיין אַ קאָמאַנדיר און אויף זיין אָרט איז גע־

וואָרן פעדקאָ מאָסלאָוו. מיר האָבן זיך קעגנגעשטעלט זיין פאָדערונג צו באַזייטיקן אפרימען, וואָס איז געווען דער ערשטער איניציאַטאָר פון צו שאַפן די פּאַרטיזאַנער־גרופּע. סוף־סוף האָט זיך סערגייען איינגעגעבן צו באַזייטיקן אפרימען. ער האָט ראַפּאָרטירט דעם „דיאַדיאַ פעטיאַ" נישט קיין ריכטיקע אינפאָרמאַציעס און ס'איז אָנגעקומען אַ פאַראָדענונג, אַז אפרים זאָל געשיקט ווערן צו „דיאַדיאַ פעטיאַ", וווּ ער איז דאָרט געוואָרן קאָמאַנדיר פון אַ דיווערסיע־גרופּע, וואָס איז געווען טעטיק אויף דער באַן־ליניע בריסק־קאָוועל. אויף זיין אָרט איז געוואָרן קאָמאַנדיר נחמן זילבערפאַרב, אַ פאַרדינסטפולער און קעמפערישער פּאַרטיזאַן. דאָס איז שוין געווען אַ קאָמפּראָמיס מצד סערגייען און מצד אונדז. דער פריערדיקער קאַנדידאַט אויף קאָמאַנדיר, וואַסקאַ, איז געווען אַ פאַרברעכערישער טיפּ. ווען ער האָט ביי אונדז איינמאָל גענעכטיקט, האָט ער ביי אונדזערן אַ פּאַרטיזאַן געזען אַ זייגער, אַן אָנדענק פון זיין טאַטן, און אים געליען, כלומרשט אויף אייניקע רגעס, כדי אַ קוק צו טאָן אויב דער זייגער איז „נאַ דוואַצאַטי קאַמניאַך" (אויף צוואַנציק שטיינער) און איז אַנטלאָפן מיט אים. היות ער איז געווען סערגייס אַ ליבלינג, האָבן מ'ר עס פאַרשוויגן. אָבער דער זעלבער וואַסקאַ האָט אין אייניקע טעג אַרום באַרויבט צוויי יידן אין וואַלד, און מיט נאָך אייניקע טעג שפּעטער האָט ער אויף די בוטעווער כוטאָרעס דערמאָרדעט אַ יידן פון האָראָדנאַיע. מיר האָבן געפאָדערט פון סערגייען, ער זאָל אים אונדז אַרויסגעבן, צו דערשיסן, אָבער ער האָט אים אַוועקגעשיקט אין אַזיערצי צום „דיאַדיאַ פעטיאַ". דאָרט איז ער דערשאָסן געוואָרן.

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע סעריע פון שיקאַנעס לגבי אונדז מצד סערגיי קאַרטשעווין. ער האָט פאַר אַ קליינעם דיסציפּלין־חטא דערשאָסן דעם יידישן פּאַרטיזאַן, מתות באַבראָוו פון סוואַריטשעוויטש. ביי אונדז איז געווען אַ פּלאַן צו דערשיסן סערגייען, אָבער ס'האָט אונדז דאָס געשטערט, ווייל עס וואָלט זיך אָנגעהויבן אַ גאַנצע וואַקכאַנאַליע און אַ כאַאָס און אפשר אַן אינערלעכער קאַמף, וואָס מיר האָבן געוואָלט אויסמיידן, דערהויפּט צוליב דעם, ווייל די יידן אין וואַלד וואָלטן געליטן. די צאָל באַוואָפנטע יידן איז געווען אַ קליינע צוליב מאַנגל אין געווער, די פּראָבלעם פון געווער איז געווען איינע פון די שווערסטע, מיינסטן

זענען אַריינגעפאַלן טראָפּייען ווירטשאַפטלעכע, אָבער גאָר ווייניק געווער און צענדליקער יידן זענען אַרומגעגאַנגען נישט באַוואָפנט. צוליב דעם אַלעם האָבן מיר געמוזט אָראָפּשלינגען אַ סך ביטערע און ביז גאָר פּיינטלעכע פאַרפאַלן און האַנדלונגען.

ביז גאָר איז קאָמפּליצירט געוואָרן אונדזער לאַגע, ווען סערגיי האָט באַשלאָסן אַריינצונעמען פּאָליציי אין די פּאַרטיזאַנער. ס׳איז אָנגעקומען אין שטאַב אַ בריוו פון וויסאָצקער פּאָליציי, אונטערגעשריבן פון קאָמענדאַנט פאָמין, וואָס האָט געהאַט דעם צונאָמען ס אָ ט נ י ק, ווייל ער איז פאַקטיש געווען אַ קאָזאַק, און האָט זיך באַטייליקט אין די קאַמפן, וואָס ד ע נ י ק י ן האָט געפירט קעגן דער ראַטנמאַכט. אים האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן קיין פוילן, ווען די דעניקינישע אַרמיי איז באַזיגט געוואָרן. איצט, מיטן אָנקום פון די דייטשן, איז ער, פאַרשטייט זיך, געוואָרן דער פּאָסיקסטער קאָמענדאַנט פון פּאָליציי־אַמט אין וויסאָצק, ווו ער האָט געוווינט ביזן קריג. די דאָזיקע וויסאָצקער פּאָליציי האָט דאָך צוזאַמען מיט די דייטשן דורכגעפירט די אַקציעס קעגן יידן סיי אין וויסאָצק און אויך אין אומגעגנט. נישט געקוקט אויף אונדזער שטאַרקער קעגנערשאַפט, האָט סערגיי מיט זיי זיך געטראָפן אין דימיטריס הויז און זיי זענען געוואָרן פּאַרטיזאַנער, מיטן באַדינג, אַז זיי זאָלן פירן זעלבשטענדיקע פּאַרטיזאַנישע אַרבעט און וווינען אין אַ באַזונדער זעמליאַנקע. זיי האָבן צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן אויספילן די פאַרגעבן און פאַראָרדענונגען פון שטאַב און דערהויפּט פון סערגייען.

מיר זענען געווען זייער אומרואיק פון דעם דאָזיקן שעטנז, און בפרט, ווען אייניקע פון די פּאָליציסטן זענען אונדז געווען באַקענט אַלס מערדער פון אונדזערע נאָענטע און פריינט. חוץ דעם זענען זיי געוואָרן אונדזערע שכנים, אויסבויענדיק אַ זעמליאַנקע, 3־4 ק״מ פון אונדזער זעמליאַנקע. זיי זענען געקומען אין אַ צאָל פון 60 פּערזאָן, מיט גוטע ווינטאָוקעס און מיט דייטשישע רעוואָלווערן און מיט גראַנאַטן. אין אַלע הינזיכטן זענען זיי פאַר אונדז געווען שטאַרקער, און אין אַ קאַמף מיט זיי האָבן מיר זיך נישט געקאָנט פאַרמעסטן. מיר פלעגט אויסקומען זיין ביי זיי אין זעמליאַנקע גאַנץ אָפט. לויט דער פאַראָרדענונג פון סערגייען, האָב איך זיי געדאַרפט אינפאָרמירן וועגן די נצחונות פון דער רויטער

אַרמיי. מיין יעדער וויזיט האָט מיר פאַרשאַפט אַ סך פּיין, קוקנדיק אויף זיי. כ׳האָב דערנאָך קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט פון דער דאָזיקער מיסיע, דערקלערנדיק פאַר סערגייען, אַז זיי האָבן נישט קיין שום נייגעריקייט און אינטערעס צו וויסן פון די דעראָבערונגען פון דער רויטער אַרמיי. און זיי מאַכן זיך שלאָפנדיק, בעת כ׳לייען פאַר זיי. חוץ דעם האָב איך גע־דאַרפט בענטשן גוט גומל פאַר יעדעס מאָל אַרויסגיין פון זייער זעמ־ליאַנקע, ווו זיי האָבן מיך געקאָנט לייכט דערמאָרדן.

מיר אַלע האָבן געפילט, אַז עס דראָט אונדז אַ גרויסע געפאַר מצד זיי, און מיר האָבן פאַרשטאַרקט אונדזער וואַך סיי בייטאָג און סיי ביי־נאַכט. אויך האָבן מיר נאָכגעשפּירט וווהין זיי גייען און אין וואָס באַ־שטייט זייער פּאַרטיזאַנישע טעטיקייט. פאַר דער גאַנצער צייט, אין משך אַ חודש, האָבן זיי קיין זאַך נישט געטאָן, אָפּנאַרנדיק סערגייען, אַז זיי פּלאַנירן אַ גרויסן אָנפאַל אויף אַ דייטשישן גאַרניזאָן. אייניקע פון אונ־דזער גרופּע האָבן פאַרהאַלטן איינעם פון די דאָזיקע פּאָליציסטן, וואָס האָט געהייסן קאַרפּ, און מען האָט ביי אים געפונען בריוו פון די דייטשן, געבנדיק די פּאָליציסטן אינסטרוקציעס ווי זיי זאָלן און ווען זיי זאָלן באַפאַלן אונדזער ביידל, צוזאָגנדיק זיי הילף. ביי אונדז איז געווען פריער קלאָר, אַז די דייטשן האָבן זיי ספּעציעל אַריינגעשיקט אונדז צו פאַרניכטן, אָבער איצט איז עס געווען זייער בולט. דער פּאָליציסט קאַרפּ איז גלייך ליקווידירט געוואָרן, און מיר האָבן די דאָקומענטן אָוועקגעפירט צו סערגייען און צו מיסיוראַן. סערגיי האָט דערזען אַז אויב ער וועט זיך איצט קעגנשטעלן, וועט דאָך זיין צו בולט זיין אַנטי־יידישע און פּאַרטיזאַנישע שטעלונג און זיין גאַנצע קאַריערע איז באַ־דראָט, מורא האָבנדיק אויך פאַר „דיאַדיאַ פּעטיאַ“.

אין דער זעלבער נאַכט איז קאָמפּלעטירט געוואָרן אַ גרופּע פּאַרטי־זאַנער, מיינסטן יידן, און מען האָט אַרומגערינגלט די זעמליאַנקע. סער־גיי איז אַריין אינעווייניק, מעלדנדיק די פּאָליציאַנטן, אַז ער וויל זיך מיט זיי באַראַטן וועגן אַ וויכטיקן ענין, און האָבנדיק צוטרוי צו סער־גייען, אַז ער מיינט לגבי זיי קיין שלעכטס נישט, זענען זיי אַלע אַרויס פון דער זעמליאַנקע אָן די ביקסן. זיי זענען אַלע אַרומגערינגלט געוואָרן

און דער אַריינגאַנג אין זעמליאַנקע איז געוואָרן בלאָקירט. זיי זענען גע־וועז אין אַ צאָל פון עטלעכע און פערציק, וואָס כמעט אַלע זענען זיי ליק־ווידירט געוואָרן. נאָר 2־3 פון זיי זענען אַנטלאָפן. עס איז אויך דער־שאָסן געוואָרן אַ פרוי, וועלכע האָט זיך אַנגעגעבן פאַר דעם סאָטניקס ווייב. ביי איר האָט מען געפונען אַ דאָקומענט פון אַן אַנגעשטעלטן אין געסטאַפּאָ. זי האָט גערעדט פּרעכטיק דייטש. זי איז געווען אַ פאָלקס־דייטשקע און אַ שפּיאָנקע.

אין אייניקע טעג אַרום איז פאָרגעקומען אַן אָנפאַל אויף אונדזער זעמליאַנקע פון פּאָליציי און דייטשן. זיי זענען געווען אין אַ גרויסער צאָל און עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ גרויסע שלאַכט. דער קאָמאַנדיר פון אונדזער גרופּע איז געווען אַוועק אויף דער באַן־ליניע קאָברין־פּינסק צו דיווערסיע־אַרבעט, און אים, נחמן זילבערפאַרבן, האָט פאַרטראָטן ברוך מאַנקאָווסקי, וואָס האָט גוט אָנגעפירט מיטן פאַרביטערטן קאַמף און האָט אַרויסגעפירט פון דער אַרומרינגלונג די גאַנצע גרופּע, אין וועלכער עס זענען געווען חוץ די קראַנקנשוועסטער אויך אייניקע יידישע מיידלעך, זייענדיק קעכינס אין דער גרופּע און ווען מען האָט געדאַרפט זענען זיי געשטאַנען אויף פּאָסט. דער פּאַרטיזאַן משה לאַנדאַ האָט אַ סך מיטגע־האָלפן אַרויסצופירן די מיידלעך פון דער אַרומרינגלונג. די פּאָליציי און דייטשן האָבן פאַרכאַפּט אונדזער זעמליאַנקע און האָבן אויסגעגראָבן דעם קבר פון בערל באַבראָוו און דעם קבר פון וועלוול טורקעניטש, וועל־כער איז געפאַלן אין קאַמף, מיט אייניקע טעג פאַר דעם אָנפאַל, און מיר האָבן אים געבראַכט צו קבורה נעבן אונדזער זעמליאַנקע אין אָזיערסקער וואַלד. די קערפּערס זענען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן, צעשענדעטע, אויף דעם שניי, כדי די קראָען זאָלן אויספּיקן זייערע אויגן און די ווילדע חזירים זאָלן גריזשען די ביינער פון די העראָישע יידישע נקמה־נעמער. עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, אַז אונדזער פאַרבינדלער דימיטרי, אונטער וועמענס אַפּוטרופּסות מיר האָבן געוווינט אין אָזיערסקער ביידל, האָט געפירט די דייטשן און פּאָליציי צו דער זעמליאַנקע. ער איז געווען זייער פּראָוואָדניק.

„סוואַריטשעוויטש — די צווייטע מאָסקווע“

אַלע וועגן און אומוועגן פון פּאָלעסיער און וואָלינער וועלדער און פעלדער האָבן געפירט צום סוואַריטשעוויטשער וואַלד. ער איז געווען פּאָפּולער אין דערפער און ישובים, שטעטלעך און שטעט אויף אַ נאָענטער און ווייטער דיסטאַנץ. סיי פריינט און סיי שונאים האָבן געוווסט פון אָט דעם שטאָלצן וואַלד, וואָס איז געוואָרן איינגעקריצט אין זכרון ביי פּאַר־טיזאַנער פון נאָענטע און ווייטע וועלדער און ביי די דייטשן אין פּינסק, ראָוונע, קאָוועל, לוצק און בריסק.

ווען כ׳בין אין דער צווייטער העלפט פון פעברואַר, 1943, געקומען ווידער אין סוואַריטשעוויטשער וואַלד, האָב איך אים, מיין אַ ל ט ן פ ר יי נ ט, וועלכער האָט מיר געגעבן שוץ פון די בייזע מענטשן־חיות, נישט דערקענט. עס האָט זיך געענדערט זיין גאַנצע פּאַנאָראַמע. ווען אונדזער גרופּע איז אין דעצעמבער 1942, אַוועק אין אָזיערסקער וואַלד, זענען נאָך געווען אין שניי וועלפּישע צייכנס, געמישטע צוזאַמען מיט מענטשישע פיס. כ׳געדענק, ווען כ׳בין איין מאָל געבליבן אַליין אין וואַלד אין סכך־ביידל, ביי אַ קליינעם טליענדיקן פייער. אַלע מיטגלידער פון אונדזער גרופּע זענען אַוועק אין אַ פינצטערער נאַכט פון האַרבסט זוכן שפּייז אין אַ דאָרף. עס האָט אָנגעהויבן רעגענען און דאָס פייער האָט אָנ־געהויבן אויסגעלאָשן ווערן. גראָד האָבן זיך פונאַנדערגעוואָיעט וועלף, אפשר עטלעכע שפּרייזן פון ביידל. אונדזער גרופּע האָט געהאַט בלויז איין נאַגאַן און איך בין געווען אָן וואָפן. איך האָב אָנגעהויבן פונאַנדערבלאָזן דאָס אויסלעשנדיקע פייער, אָבער דער רעגן האָט נישט דערלאָזט. גראָד, אין די דאָזיקע פאַרצווייפלטע רגעס, האָבן זיך דערהערט מענטשלעכע טריט. דאָס האָט זיך צוריקגעקערט די גרופּע פון איר פּ אַ ר ג ע ב און די וועלף זענען, נאָכן ערשטן שאָס, זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט אַ געוואָי־פול מיט פאַרדראָס, וואָס מיר, מענטשן, האָבן זיך אַריינגעריסן אין זייער קעניגרייך...

דער וואַלד איז געוואָרן געקרייצט מיט אויסגעריבענע וועגן פון שליטנס, מיט איינגעפאַרענע שליאַכן, אויסזעענדיק ווי גאַסן. די זעמ־ליאַנקעס, וואָס האָבן געהאַט קוימענס, האָבן פאַרשטאַרקט דעם אָנבליק

פון אַ פּאַרמעלן ישוב. די רויכן פון די קוימענס האָבן עדות געזאָגט, אַז אין די דאָזיקע זעמליאַנקעס ווינען מענטשן. סיי די פּאַרטיזאַנער און סיי די יידן פון פאַמיליע־לאַגער האָבן אויפגעבויט באַקוועמע הויל־וווינונגען און זיך אין זיי איינגעזעסן מיט אַ קליינער ווירטשאַפט פון אַ פּאָר טעפּ, אַ פּרימיטיוון טיש און בענקלעך.

אַלע וועגן און אומוועגן, פּאַליאַנעס און פּראָסיעקעס פון וואַלד זענען געווען שטאַרק באַוואַכט. דער ווילדער וואַלד האָט אויסגעזען ווי אַ מיליטעריש שטעטל, און די זעמליאַנקעס — קאַזאַרמעס.

אין פּרט פון אָרגאַניזאַציע און איינשטעלן דיסציפּלין, האָט מען געדאַרפט סערגיי קאַרטשעוון געבן קרעדיט. ער האָט אַלץ גוט אָרגאַניזירט און ס׳איז געווען אָרדענונג. נאָך זיין דורכפאַל מיט דער פּאָליציי האָט ער זיך איינגעשטילט און מען האָט שוין נישט אָנגעמערקט זיינע פריערדיקע אַנטיסעמיטישע געזנג און רייד.

כ׳האָב געפונען אין וואַלד נייע פּאַרטיזאַנישע פּנימער. עס זענען אַריינגעטראָטן אין אונדזערע רייען פּויערים פון די דערפער, מייינסטנס יוגנטלעכע. עס האָט זיי געלאָקט דאָס פּאַרטיזאַנישע לעבן און איידער אָוועקגעשיקט צו ווערן אין די דייטשישע שאַכטעס אויף קאַטאָרגע־אַרבעט, זענען זיי בעסער אַוועק אין וואַלד. דערצו איז ביי אונדז געווען געזונג עסן, אַ סך פליייש און אויך בראָנפן. מייינסטן האָט מען דעם ביטערן טראָפּן געמאַכט פון קאַרטאָפל און מען האָט עס גערופן „סאַמאָגאָנקאַ״, חוץ דעם איז מען אומגעגאַנגען באַוואָפנט און מען האָט אויסגעזען ווי אַ מיליטערמאַן. געוויס האָט דער פאַקט וואָס די רויטע אַרמיי האָט געמאַכט גרויסע נצחונות איבער די דייטשן אויך גורם געווען וואָס די פּויערים האָבן אָנגעהויבן זיך דערנעענטערן צו די פּאַרטיזאַנער, אויסרעכענענדיק, אַז אין זין פון רעהאַביליטאַציע פאַר דער סאָוועטישער מאַכט, וועלכע וועט איינגעשטעלט ווערן באַלד ווי די רויטע אַרמיי וועט באַפרייען די געגנט, איז געווונטשן צו זיין געכשרט מיט פּאַרטיזאַנישער טעטיקייט.

קיין דראַסטישע און שלעכטע פאַרפאַלן זענען צווישן די יידישע און קריסטלעכע פּאַרטיזאַנער דאָן נישט פאָרגעקומען. דער יידישער פּאַרטיזאַנישער כוח איז געווען צו דאָמינירנדיק. עס איז געווען אַ גאַנץ גוטע

אַטמאָספער און סאָלידאַריטעט. אַלע קריסטלעכע פּאַרטיזאַנער האָבן גע־ווּסט, אַז מיר יידן זענען געווען די ערשטע גרינדער פון אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע און אַז מיר האָבן צעאַקערט און צוגעגרייט דעם באָדן פאַר גרע־סערע פּאַרטיזאַנישע אַקטיוויטעטן. אַ גרויסע צאָל אַנגעזעענע און שטאַרק פּאַראַנטוואָרטלעכע יידישע פּאַרטיזאַנער און פּאַרטיזאַנקעס זענען דאָן געווען אין סוואַריטשעוועטשער וואַלד, ווי די פאָלגנדיקע: פּייוול גלעזער, וואָס איז געווען אַ שווייגנדיקער און מסירת־נפשדיקער פּאַרטיזאַן. ער איז אַנטלאָפן פון סערניקער געטאָ אין וואַלד און פון ערשטן טאָג אָן האָט ער געהאָלפן מיט וואָס ער האָט געקאָנט די בלאָנקענדיקע יידן און האָט זיי מאָראַליש געטרייסט, ליב האָבנדיק אַ יידן מיט אַ פולער גאַמע פון אהבת ישראל. ער איז אין סערניק געווען דער פאָרזיצער פון „החלוץ“. ער איז געפאַלן אין אַ שלאַכט מיט דייטשן אין סוף יוני, 1943, אין דאָרף פּע־רעקאַליע, געוואָרן שווער פאַרוואונדעט. נישט וועלנדיק אַריינפאַלן אין די הענט פון אכזריותדיקן שונא, האָט ער מיט דער ווינטאָווקע געפּרוווט זיך צו דערשיסן, אָבער ער האָט נישט גוט אויסגעשאָסן. האָט ער זיך דאָן געווענדעט צו כודקין, אַ קריסטלעכער פּאַרטיזאַן פון וואָלדימריץ, ער זאָל אים דערשיסן. די דייטשן זענען שוין געווען געציילטע טריט פון די פּאַרטיזאַנישע פּאָזיציעס און כודקי, אָפּטרעטנדיק, האָט ער גלעזערן דערשאָסן. דוד גאָסמאַן, אַפּשטאַמיקער פון פּינסק, איז געווען אַ העראָי־שער און אַמביציעזער קעמפער. אין פּינסק איז ער געווען אַן אַקטיווער טוער אין „קאָמיוג“ און געווען שטאַרק טעטיק אין דער אומלעגאַלער קאָ־מוניסטישער יוגנט־באַוועגונג. ער איז געפאַלן אין שלאַכט מיט די דייטשן אין פערעקאַליע, אין דער זעלביקער שלאַכט, ווו ס׳איז געפאַלן גלעזער. ער איז אויך געוואָרן שווער פאַרוואונדעט און פאַר זיין טויט, אויפן שלאַכט־פעלד, האָט ער געהאַט אין זינען צו זאָגן, אַז מען זאָל זיין ווינטאָווקע אָפּגעבן זיין חבר; משהל בראָמבערג איז געווען פון דאָרף סוואַריטשע־וויטש. ער איז געווען זייער אָנגעזען אין אונדזער פּאַרטיזאַנקע, שוין פון ערשטן טאָג. הגם ער איז אַלט געווען 19 יאָר, האָט ער געהאַט די פעאי־קייטן פון צו זיין אַן אָנפירער, זיך אָריענטירנדיק אין יעדער סיטואַציע. ער איז געווען קאַרג אויף רייד אָבער יעדעס וואָרט וואָס ער האָט אַרויס־געזאָגט, איז געווען באַזאַכט און קלוג און אַלע זיינע געדאַנקען זענען

געווען פול מיט פאַרשטאַנדיקייט און לאָגיק. מען האָט זיך תמיד צוגע־הערט צו זיינע רייד און צו זיינע עצות, וואָס זענען געווען באַגלייט מיט אַ חכמה און מיט אַ טיפּזיניקן וויץ. ער איז געפאַלן אין קאַמף מיט די באַנדעראָווצעס (פאַשיסטישע פויערים) זומער, 1943. ווען ער איז געגאַנ־גען פון אַ דיוועסיע, אויפרייסנדיק אַן עשאַלאָן מיט דייטשן, וואָס איז געפאָרן אויף דער באַן־ליניע סאַרני־קאָוועל; סיאָמע פיאַלקאָוו, פון סער־ביק, האָט דערלאַבערט אַ ווינטאָוקע מיט די בלויזע פויסטן. ער איז באַ־פאַלן אַן אוקראַינישן פאָליציאַנט פון רוקן און האָט זיך מיט אים גע־ראַנגלט אַ פערטל שעה, ביז ער האָט אים באַזיגט, צונעמענדיק זיין ווינ־טאָווקע. ער איז געווען איינער פון די בעסטע ראַזוועדטשיקעס. אייינמאָל, פאָרנדיק פון אַ ראַזוועדקע דורך דעם פאַשיסטישן דאָרף וויטשעווקע, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָן אַ ראַזוועדקע פון דייטשישע רייטער. זיי האָבן אים געוואָלט כאַפּן אַ לעבעדיקן, אָבער ער האָט אָוועקגעריטן זייער שנעל און אַ האָגל פון קוילן האָט זיך איבער אים אַ שאָט געטאָן. ער איז גע־קומען מיט וווּנדן אויפן לייב און מיט אַ צעראַצטן געזיכט פון די קוילן. ער איז זומער, 1943, געפאַלן אין אַן אומגלייכן קאַמף מיט פאַשיסטישע פויערים אין דעם דאָרף וויטשעווקע; נחמן פיאַלקאָוו, סיאָמעס ברודער, איז אָנגעקומען אין אונדזער גרופּע אין יאַנואַר 1943, און אין משך פון געציילטע וואָכן האָט ער אַרויסגעוויזן מוט און עקשנות אין קאַמף מיט פּאָליציי. ער איז אַלט געווען 16 יאָר און מען האָט אויף אים געקאַנט זיך פאַרלאָזן מיט דעם גרעסטן פּאַרטיזאַנישן פאַרגעב. נחמן פיאַלקאָוו איז אויך געפאַלן אין שלאַכט מיט דייטשן אין דאָרף פערעקאַליע; מאַטילדע כאַינאַ איז געווען די קראַנקנשוועסטער און פאַרוואַלטערין אין פּאַרטיזאַ־נישן שפּיטאָל, וואָס איז געווען איינגעאָרדנט אין צוויי זעמליאַנקעס אויף אַ מוסטערהאַפטן אופן. מען האָט געהאַט מעדיקאַמענטן גענוג — טראָ־פייען פון „באָמביאַזשקעס" אויף דייטשישע שפּיטאָלן אין אומגעגנט. זי איז געווען מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן איר אַרבעט און אויפפּאַסונג אויף יעדן חולה און פאַרוווּנדעטן, אָפּהיטנדיק אַ דיעטע־פּרינציפּ פאַר די חולאים. זי האָט געשטאַמט פון פוילן, פון פּולטוסק. זי איז אומגעקומען אויף אַן אכזריותדיקן אופן אין פאַשיסטישן דאָרף וויטשעווקע. ווען דער שונא האָט אַרומגערינגלט דאָס דאָרף און די אַמבולאַטאָריע, ווו מאַטילדע

איז געווען מיט אַלע פּאַציענטן, האָט זי פריער אַרויסגעפירט די קראַנקע און זי אַליין איז געכאַפּט געוואָרן אַ לעבעדיקע. די פאַשיסטן האָבן איר מיט היידאַמאַקישע העק צעהאַקט און אויף איר האַרץ האָבן זיי מיט אַ מעסער אויסגעשניטן אַ מגן־דוד; ד״ר ברוך ערליך איז געווען אַ ליבער מענטש און אַ הייסער ייד. ער האָט אויסגעצייכנט געטאָן זיין אַרבעט אין די שווערסטע באַדינגונגען. ער האָט געהיילט די קראַנקע און פאַרווונדעטע אין שפּיטאָל, אָרגאַניזירט קורסן פאַר קראַנקנשוועסטער און זיך באַטייליקט אין אַלע קאַמפן; אפרים באקאלטשוק, וואָס האָט זיך צוריקגעקערט אין אונדזער אָטריאַד, אין סוף יאַנואַר, האָט זיך גוט אָריענטירט אין אַ שלאַכט און האָט סטראַטעגיש אָנגעפירט מיט זיין גרופּע, ווען מען איז באַפאַלן ראַפּטום די שונאים. ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער שיסער און זייער גוט געוווסט ווי אָנצוהאַלטן די איניציאַטיוו בעת מען האָט אָנגעגריפן דעם שונא, גייענדיק דער ערשטער אין קאַמף; נחמן זילבערפאַרב איז געווען אַן אַמביציעזער קעמפער און זייענדיק אַ קאָמאַנדיר פון אַ גרופּע האָט ער אַרויסגערופן צו זיך ליבשאַפט און צוטרוי. ער האָט געפירט דעם קאַמף מיטן שונא מיט ברען און גייסט פון אַ יידישן נקמה־נעמער, וואָס האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום געפאַר; אַלעק אָבוגאָוו, איינער פון די געניאַלסטע און אָפּפערווויליקסטע יידישע פּאַרטיזאַנער. זיין גרעסטע ספּעציאַליטעט איז געווען די אויסשפּיר־טעטיקייט. ער האָט לייכט זיך פאַרשטענדיקט מיט דער באַפעלקערונג אין די דערפער, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַ נאָענטקייט צו דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. אַזוינע דערפער האָבן זיך אָנגערופן „פּאַרטיזאַנישע דערפער“. אַבוגאָוו איז געווען באַליבט אין די דאָזיקע דערפער און ער פלעגט באַקומען ביי די פּויערים די וויכטיקסטע אינפאָרמאַציעס. אויף אָבוגאָווס קאָנטע דאַרף מען צושרייבן די אָרגאַניזירונג פון פּאַרטיזאַנישע רעזערוו־גרופּעס אין די פאָלגנדיקע דערפער: סוואַריטשעוויטש — אַ גרופּע פון 36 פּערזאָן; אָזיערסק — 21; פאָזניע — 6; זשאלקין — 6; איוואַנטשיץ — 31; בוטעווע — 9; סערניק — 13; זאַמרוטשעניע — 16. די דאָזיקע גרופּעס זענען געווען נוצלעכע פאַר אונדז. זיי האָבן געהאָלפן די פּאַרטיזאַנער מיט אויסשפּירונגען און מיט ליפערן פּראָדוקטן פאַר אונדזער וואַלדבאַזע. זיי האָבן אויך געהאַלטן וואַך אין די דערפער און אייניקע פון זיי־

זענען דערנאָך אַריינגעטראָטן אין אַקטיווער פּאַרטיזאַנער־דינסט; די ברי־דער אשר און ברוך מאַנקאָווסקי האָבן געשטאַמט פון אַ דאָרף נעבן דאָמ־בראָוויץ. זיי האָבן אויך מיט די פויסטן דערקעמפט זייער לעבן. ביידע ברידער זענען געווען העלדישע פּאַרטיזאַנער, אויסזעענדיק ווי מזרח־יידן, הויך און שלאַנק און מיט טונקל־שוואַרצע געזיכטער. זיי זענען געווען עכטע טיפּישע יידיש פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן אויסגעקוקט ווי די זעלאָטן און די חשמונאים. ברוך מאַנקאָווסקי איז געווען קאָמאַנדיר פון אַן אָפּטייל און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין קעמפערישקייט און גבורה. אשר מאַנקאָווסקי איז דאָס זעלבע געווען העראָיש און מיט שטאַרקער אַמביציע האָט ער געקעמפט קעגן די שונאים. ער פלעגט זאָגן, אַז ער מוז אויס־הרגענען אַלע היטלעריסטן און פאַשיסטן אין אַ גרויסער צאָל פאַר דעם טויט פון זיין געראָטן 3־יאָריק קינד, וואָס איז אומגעקומען אין דאָמבראָ־וויצער שחיטה. ער איז אין קאַמף ביי צומאַן, געציילטע טעג פאַרן אַרויס־גיין פון די וועלדער, שטערבלעך פאַרוואונדעט געוואָרן און איז געשטאָרבן אויפן וועג, פירנדיק אים אין אַ רויט־אַרמייאישן שפּיטאָל; לייזער בראַמ־בערג איז דער ברודער פון משה בראַמבערג און איז געווען איינער פון די ערשטע און בעסטע פּאַרטיזאַנער. ער איז אויך געווען אַ קאָמאַנדיר פון אַן אָפּטייל און איז געווען אַ גרויסער פאַכמאַן ביים אויפרייסן באַן־לי־ניעס, בריקן און פיינטלעכע סקלאַדן; שואל גאַלעצקי האָט געשטאַמט פון דאָרף סוואַריטשעוויטש און איז אַנטלאָפן פון סערניקער געטאָ צו אַ פאַ־ליאַק אין סוואַריטשעוויטש, און ווי ס'האָט זיך אָרגאַניזירט אונדזער גרו־פּע פּאַרטיזאַנער, האָט ער זיך אויך אָנגעשלאָסן און איז געווען איינער פון די צוועלף ערשטע פּאַרטיזאַנער אויף מערב־פּאָלעסיע — אויף דער טעריטאָריע צווישן די טייכן „סטיר" און „האָרין"; שמואל פורים — געשטאַמט פון סערניק, און איז געווען זייער געוואַגט. ער האָט אין זיך געהאַט דעם ברען פון זיין פאָטער און ברידער, וואָס האָבן אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905. ער האָט אומדער־שראָקן געקעמפט און האָט זיך אויסגעצייכנט הן אַלס ראַזוועדטשיק און הן אַלס דיווערסאַנט. בעת איינער אַ דיווערסיע אויף דער באַן־ליניע קאָ־וועל־סאַרני האָט ער פאַרלוירן איין אויג; דריי ברידער שפּין, אַפּשטאַ־מיקע פון דאָמבראָוויץ, זענען געווען שטאַרק פאַרדינסטפולע פּאַרטיזאַנער

און זיך געשלאָגן מיט דייטשן און פאַשיסטן מיט גרויסער עקשנות און געוואַגטקייט, קעמפנדיק אויף לעבן און טויט; מודריק, פון דאָמבראָוויץ, איז געווען אַ פּאַרטיזאַן פון אַ הויכער קוואַליטעט. ער איז געווען אויסדויערדיק אין קאַמף. ווען ער איז געווען שווער פאַרווונדעט האָט ער נישט פאַרלוירן זיין רואיקע האַלטונג און האָט אין דער אַנוועזנהייט פון חברים אַפילו קיין איינציקן זיפץ נישט געגעבן; פּערטשיק, פון פינסק, איז אויך געווען קאָמאַנדיר פון אַ גרופּע, און ווען ער איז איינמאָל געוואָרן פאַרווונדעט, איז ער פון שלאַכט נישט אַוועק און האָט פאַרגעזעצט צו קעמפן; לייוויק פישמאַן, איינער פון די פעאיקסטע און באַגאַבטע פּאַרטיזאַנער איז געווען דער ליבלינג אין סוואַריטשעוויטשער וואַלד.

אַ סך יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער געוואַגטקייט און אויסדויער. מיר ווען דערמאָנען די פאָלגנדיקע נעמען, וועלכע איך געדענק זיי: משה טורקעניטש; וועלוול טורקעניטש (סערניק); זעליק קויפמאַן (סערניק); וועלוול וואַראַנאַ (סערניק); שמואליק טורקעניטש (סערניק); אברהם שמוץ (האָראָדנאָיע); בערל און שמואל זילבערפאַרב (סערניק); טורקעניטש (האָראָדנאָיע); באַקאַלטשוק (פּאָהאָסט זאַרעטשני); חיה לאַנדאַ (דאָמבראָוויץ); משה לאַנדאַ (דאָמבראָוויץ); משה קאָוזאַלאַ (דאָמבראָוויץ); איסר גלעזער (סערניק); מאיר שוועץ (דאָמבראָוויץ); גיטל בראַמבערג (סוואַריטשעוויטש); אפרים לאַנדאַ (דאָמבראָוויץ); מיכלע און עטקע טורקעניטש (סערניק); מאָטל טורקעניטש (סערניק); האָשערמאַן; יצחק באַבראָוו (סערניק); שמואלקע באַבראָוו (סערניק) — אומגעקומען פון אַ פייגטלעכער באָמבע פון אַן עראָפּלאַן; ברוך פעלדמאַן (סערניק); שלמה וויינער (סערניק); מתות באַבראָוו (סערניק) — געשטאָרבן נאָכן קריג, אין עבנזעע, עסטרייך; חנן פּיאַלקאָוו (סערניק); לייבל פּיאַלקאָוו (סערניק); מיכל פרידמאַן (האָראָדנאָיע) — געפאַלן אין קאַמף מיט דייטשן; זעלדע אוןביילע פרידמאַן (האָראָדנאָיע); פייוול פורלעט (סערניק); מייטקע קויפמאַן (סערניק); חיים לייב קריניוק (סערניק); משה אהרן קריניוק (סערניק); תמרה גרווילבאַרט (סטאָלין); אידל און אברהמל זילבערפאַרב (סערניק); מ. צאַצקעס; פנחס ניימאַן מיט זיין ברודער; פנחס ניימאַן פון סאַרני, דריי ברידער שפּין, דריי ברידער שיינמאַן, שמחה ראָזענבערג, פּאַרפּלמאַזע, קענדנעל.

דאָן, אין פעברואַר 1943, האָט די פּאַרטיזאַנער־גרופּע אין סוואַרי־טשעוויטשער וואַלד געציילט 130 פּאַרטיזאַנער, און יידן זענען געווען עטלעכע־אַכציק. צוליב וואָס ס׳איז שווער געווען צו קריגן וואָפן, האָט מען נישט געקאָנט באַוואָפענען נאָך יידן, וואָס זענען געווען אין וואַלד. די אומ־באַוואָפנטע יידן האָבן אין אַ שווערן קאַמף דעראָבערט זייער געווער. מען האָט געקעמפט מיט פּאָליציי און מיט וואַלד־וועכטער, און אויך מיט פּויע־רים, וועמען מען האָט געדאַרפט צווינגען אויסצוגראָבן זייערע ביקסן, וואָס זיי האָבן צוזאַמענגענומען ביי די אָפּטרעטנדיקע רויט־אַרמייער. די אַלע נישט־באַוואָפנטע יידן זענען געווען אין באַזונדערע זעמליאַנקעס און האָבן געהערט צום אַזוי־גערופענעם „פאַמיליע־לאַגער". זיי אָבער האָבן אונדז געהאָלפן אויף אַ סך געביטן. זיי זענען געשטאַנען אויף דער וואַך און האָבן זיך באַטייליקט אין ווירטשאַפטלעכע אָפּעראַציעס און געטאָן אַ סך טעכנישע אַרבעט פאַר דער ווירטשאַפט פון די פּאַרטיזאַנער־זעמ־ליאַנקעס.

די יידישע פּאַרטיזאַנער מיט די יידן אין פאַמיליע־לאַגער זענען גע־ווען, ווי מיר זעען, אַ באַדייטנדיקער און דאָמינירנדיקער כוח אין סוואַ־ריטשעווּיטשער וואַלד.

עס זענען דאָך געווען צווישן די נישט־יידישע פּאַרטיזאַנער בראַווע און געוויסנהאַפטע קעמפער, ווי:

געניק מוזיטשקאַ, אַן אָפּשטאַמיקער פון ס י ב י ר, האָט אַרויס־געוויזן אַ גרויסן אינטערעס צו די וואַלד־יידן און האָט געזאָרגט הן פאַר זייער דערנערונג און פאַר זייער באַשיצונג. ער איז געווען אַ פּאַרטיזאַן מיט אַ גרויסן סטאַזש און האָט זיך באַטייליקט אין די קאַמפן מיט דייטשן אין די ביעלאָוועזשער וועלדער. ער איז געפאַלן אין קאַמף מיט „באַנדערא־צעס", זומער 1943.

אַנאַטאָלי קוראַטשקין, אַן אָפּשטאַמיקער פון לענינגראַד, איז געווען דער קאָמאַנדיר פון אַ גרופּע, און האָט אויך אַ גרויסן סטאַזש פון פּאַר־טיזאַנישער דערפאַרונג. אין די ליבאַשייער וועלדער איז ער אַליין באַפאַלן אַ דייטשישע אויטאָ־מאַשין און אין דער אַרומרינגלונג פון דייטשן האָט ער באַוויזן טויטן פיר פון זיי און אַליין אַרויסגיין גאַנץ פון זייערע הענט. כ׳געדענק ווי ער איז געווען פאַראינטערעסירט מיט מיר, לערנענדיק מיך

צו קאָנען זיך דערשיסן פון אַ ווינטאָווקע, אויב איך וועל נישט האָבן קיין אויסזיכט אַרויסגיין פון אַרומרינגלענדיקע דייטשן און פאַשיסטן. ער איז געווען שטאַרק באַזאָרגט פאַר מיין גורל, אויב עס קאָן זיך טרעפן אַזאַ סיטואַציע, און ווייסנדיק אַז איך האָב נישט געהאַט קיין פיסטאָלעט, האָט ער מיר געגעבן אַ לעקציע ווי איך זאָל זיך דערשיסן אין אַזאַ פאַל אַבי נישט אַריינפאַלן אין די דייטש־פאַשיסטישע הענט אַ לעבעדיקער.

אַלעקסיי אסקאלא האָט געשטאַמט פון אַ וואָלינער דאָרף, נישט ווייט פון דער באַן־סטאַנציע „ביאַלאַ נאַד האַריניעם”, נאָענט צום „הארין”. ער איז געקומען צו אונדז מיט זיין ווייב ל ו ס י אַ. ביידע זענען געקומען מיט ווינטאָווקעס. זיי האָבן זיך באַטייליקט אין אַלע קאַמפן מיט דער פּאָליציי און דייטשן בעת די דיווערסיעס אויף די באַן־מאַגיסטראַלן. ער איז געווען אַ גוטמוטיקער און אַ באַשיידענער פּאַרטיזאַן. אַדאַנק די פאַר־בינדונגען, וואָס ער האָט געהאַט מיט פויערים פון די דערפער וואָס געפינען זיך נאָענט דער באַן־ליניע ביאַלאַ נאַד האריניעם און סארני, האָט זיך אים איינגעגעבן אין משך פון דער גאַנצער צייט פון זיין ז יי ן אין דער פּאַרטיזאַנקע אויפרייסן 15 עשאַלאָנען מיט דייטשן און אַמוניציע, וואָס זענען געגאַנגען אין דער ריכטונג צום פראָנט.

סאָקאָל און זיין זון. ביידע זענען געקומען אין אָזיערסקער וואַלד פון וויסאָצק. סיי דער פאָטער און סיי דער זון זענען געווען אַמביציעזע פּאַר־טיזאַנער און האָבן נישט געהאַט קיין שמץ פון אַנטיסעמיטיזם. בעת די פּאָליציי פון וויסאָצק איז געקומען אין אָזיערסקער וואַלד זיך אַנצושליסן אין די פּאַרטיזאַנער־רייען, זענען זיי אויך געווען קעגן און האָבן פאָרויס־געזאָגט זייער פאַרראַט. דער זון איז פאַרוואונדעט געוואָרן און ווען ער האָט זיך אויסגעהיילט, האָט ער געקעמפט אָרעם צו אָרעם מיט זיין טאַטן.

אַלעקסאַנדער לוסטא און זיין זון. זיי זענען געקומען אין וואַלד פון די נאָענטע בוטעווער כוטאָרעס, באַלד נאָך דער דייטשישער מאַסאַקרע, ווען זיי האָבן פאַרברענט אין די שייערן עטלעכע און צוואַנציק פויערים מיט די פרויען און קינדער. דער פאָטער לוסטא איז געפאַלן אין דער שלאַכט ביי פערעקאַליע.

אַנדריושקאַ איז געקומען אין סוואָריטשעוויטשער וואַלד פון וויסאָצק, באַלד נאָך אונדזער איבערפאַל. ער איז אַלט געווען 17 יאָר. אָן דעם וויסן

פון זיין מוטער איז ער געקומען. ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער ראַז־וועדטשיק. בעת ער איז געפאָרן פון ראַזוועדקע האָבן די באַנדעראָווצעס אים דערשאָסן. דאָס איז געווען אין מערץ 1943. מען האָט זיין יונגן קער־פּער געבראַכט קיין סוואַריטשעוויטש און איז דאָרט באַגראָבן אויפן דאָר־פישן צווינטער. כמעט דאָס גאַנצע דאָרף איז בייגעווען בעת מען האָט אים באַערדיקט.

ניקאָלאַי פּאַנטשענקאָוו, אַן אָפּשטאַמיקער פון אַ דאָרף נעבן אַריאַל, איז געקומען אין סוואַריטשעוויטשער וואַלד מיט אַ ווינטאָווקע. ער איז געווען אַ פּאַראַנטוואָרטלעכער פּאַרטיזאַן און איינער פון די בעסטע שי־סער. ער איז געפאַלן אין קאַמף מיט די דייטשן אין פּערעקאַליע.

סערגיי דיקאָוויצקי און זיינע צוויי זין — קאַליאַ און אַנדריי — זע־נען געקומען אין סוואַריטשעוויטשער וואַלד פון סטאָלין. זיי זענען גע־זעסן אין דער דאָרטיקער דייטשישער תפיסה און מען האָט זיי פאַראור־טיילט צום טויט. די עקזעקוציע האָט געדאַרפט פאָרקומען אין דער פרי און זיי האָבן זיך אונטערגעגראָבן אונטער דער טורמע, אַנטלויפנדיק ביי־נאַכט. זיי זענען געווען הויך ווי עוג מלך הבשן און געווען זעלטענע קעמ־פער, טיפּישע בונטאַרן, וואָס האָבן געקאָנט אַריינטרעטן אין די רייען פון באָריס דאָנסקאָי, וואָס האָט אין 1830 זיך געשלאָגן מיט די טאָטאַריש־מאָנגאָלישע טאָטאַרן, און אין די פּויערים־פּאָרמאַציעס פון מינין און פּאָ־זשאַרסקי, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן די פּאָליאַקן אין 1612־1613.

ק אָ ל י אַ האָט געשטאַמט ערגעצוואו פון אַ דאָרף נעבן טאַמבאָוו. ער איז געקומען מיט זיינע צוויי חברים — בוזעם־פריינד — וואַניאַ און נאַזאַר. זיי זענען אַלע דריי געווען רויטאַרמייער און אַריינגעפאַלן אין דער דייטשישער אַרומרינגלונג, און כדי אויסמיידן תפיסה זענען זיי אַוועק אין אַ דאָרף און זיך אַנגעדונגען צו זיין פעלדאַרבעטער. קאָליאַ איז געווען פון אַ נידעריקן וווקס. ער איז געווען זייער קלוג און געוווסט ווי אַנגיין מיטן גאַנצן פּאַרטיזאַנער־קאָלעקטיוו, אַרויסרופנדיק צו זיך צוטרוי. איינ־מאָל האָט זילבערפאַרב גערייניקט זיין ביקס אין זעמליאַנקע און מחמת אומפאָרזיכטיקייט האָט די ביקס אויסגעשאָסן, טרעפנדיק אין קאָליעס פוס. ער איז געוואָרן גאַנץ שווער פאַרוווּנדעט. עס האָט געדויערט אַ לאַנ־גע צייט ביז ער האָט זיך אויסגעהיילט, צוהינקענדיק אַביסל. דאָך האָב

איך פון אים נישט געהערט קיין שום באַשולדיקונג אויף זילבערפּאַרבן.

נאַזאַר האָט געשטאַמט פון סיביר. ער האָט זייער שיין געשפּילט אויף זיין לירע און שיין און האַרציק געזונגען. בעת מען פלעגט ספּאָנטאַניש אין די אָוונטן אָנהייבן טאַנצן אין זעמליאַנקע און פּאַרטיזאַנער און פּאַר־טיזאַנקעס האָבן זיך צעטאַנצט, אַז דער דיל האָט זיך שיעור נישט איינ־געבראָכן, האָט נאַזאַר באַגלייט די טענץ מיט זיין האַרציק שפּילן און זינ־גען. דער טרובאַדור נאַזאַר האָט אין זיין זינגען און שפּילן אומעטיקע און לירישע פּאָלקסלידער און מעלאָדיעס, אויסגעדריקט זיין בענקשאַפט נאָך זיין ווייטער היים, נאָך די סיבירער טונדרעס און נאָך זיין מאַרוסיען, וועל־כע ליבט אים און בענקט נאָך זיין צוריקקער. זיין באַליבט לידל איז געווען — פּאָטיעריאַל יאַ דיעוואָטשקו קאָטאָרויו ליוביל, פּאָטיעריאַל יאַ דאָם ראָדנאָי, קאָטאָרי יאַ ליוביל (כ׳האָב פאַרלוירן אַ מיידעלע, וועלכע כ׳האָב געליבט, כ׳האָב פאַרלוירן מיין אייגן הויז וואָס כ׳האָב געליבט). יאָ, ער האָט טאַקע פאַרלאָרן אויף אייביק זיין מיידל און אויך זיין היים, ווייל ער האָט גאָר גיך פאַרלוירן זיין אייגן לעבן. ער איז געפאַלן אין קאַמף מיט די באַנדעראָוועצעס.

נישט געקוקט וואָס אַ ליאַדע מינוט האָט געקאָנט זיין אַ באַפעל צו גיין אויף אַ פאַרגעב און מען האָט דאָך געקאָנט פאַרלירן דאָס לעבן, דאָך האָט מען זיך פריילעך געמאַכט, און מען איז נישט געווען איבערגעשראָקן, ווען פלוצלינג, אין סאַמע מיטן פון די טענץ, האָט מען געדאַרפט באַלד זיך נעמען צו די ביקסן. די געזאַנגען אין די נעכט פלעגן אָפּהילכן ווייט איבער דעם געדיכטן און שווייגנדיק וואַלד. באַזונדערס האָט מען ליב גע־האָט זינגען דאָס ליד: „שיראָקאָ סטראַנאַ מאָיאַ ראָדנאַיאַ״, און ווייט, ווייט האָבן אָפּגעהילכט די סטראָפן:

„פּאָליאַמי שיראָקימי, ליעסאַמי דאַליאָקימי
ליעטי נאַשאַ פּעסניאַ, ליעטי...״

(איבער פעלדער ברייטע, וועלדער ווייטע, פלי, אונדזער ליד, פלי).

עס איז געווען אַ גאַנץ גוטע און קעגנזייטיקע פאַרשטענדעניש. אויך צום יידישן פאַמיליע־לאַגער איז געווען אַ גאַנץ גוטע באַציאונג. די ווירט־שאַפט־באַזע האָט געגעבן צוטיילונגען פון ברויט, קאַרטאָפל און גענוג פלייש פאַר די יידן אין פאַמיליע־לאַגער.

מיר, פּאַרטיזאַנער, זענען געווען אין וואַלד איינגעזעסן און ער איז אונדז געווען ווי אַ היים. מיר האָבן געהאַט אַ יוסטע ווירטשאַפט און צווישן די באַבלעטערטע ביימער און קוסטעס זענען אומגעגאַנגען אָקסן און בהמות און עס זענען געלעגן זעק תבואה.

די זעמליאַנקעס האָבן אויסגעקוקט ווי זיי וואָלטן געשטאַנען יאָרן. עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין זיי אַ ווירטשאַפט ווי אין הייזער. פאַר מ׳יין אַרבעט — צוזאַמענשטעלן און רעדאַקטירן אויפרופן צו דער באַפעלקערונג — האָב איך געהאַט אַ באַזונדערן צימער, אין וועלכן ס׳איז געשטאַנען די ראַדיאָ מיט אַלע אַקומולאַטאָרן און אַ טיש מיט שופלאָדן.

די זעמליאַנקעס פון יידישן פאַמיליע־לאַגער האָבן געהאַט זייער אייגנציקאַרטיקייט. שפּורן און סליאַדן פון שטעטלשן לעבנשטייגער און פירונג זענען געווען קענטיק אינעווייניק. באַזונדערס האָט מען עס באַמערקט פרייטיק־צו־נאַכט און שבת. מען האָט לכבוד שבת גערייניקט די זעמליאַנקעס און מיט געוואַשענע האַנטוכער אָדער שטיקער לייוונט האָט מען באַדעקט די טישן, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן פון פלאַכע דעמבענע פאַליענעס. מען האָט פרייטיק צוגעגרייט עסן אויף שבת.

עס זענען שוין אַוועק זינט יענער צייט העכער 10 יאָר און עד־היום זעט עס מיר אויס ווי אַ גרינגע לעגענדע. די דייטשן זענען דאָך געווען פון וואַלד וועלכע 20 ק״מ און יעדע שעה האָבן זיי געקאָנט באַפאַלן, דאָך איז מען געזעסן אין אָט דעם דאַזיקן וואַלד מיט אַ געוויסער זיכערקייט, הגם עס איז נישט געווען קיין שום גרונט און קיין האָפטיקייט אין אונדזער לאַגע. די איינציקע שטאַרקייט אונדזערע איז געווען בלויז די קאָנספּיראַציע און דאָס וואָס דער וואַלד און דאָרף סוואַריטשעוויטש זענען געווען גוט באַוואַכט דורך אונדז און מען האָט נישט אַריינגעלאָזט קיין ציווילע פּערזאָן. אָפּילו די איינוווינער פון דאָרף האָבן נישט געטאָרט פאַרלאָזן די תחומים פון דאָרף. די פאַרבינדלער האָבן נישט געוווּסט ווי גרויס איז אונדזער פּאַרטיזאַנקע און וועלכע געווער מיר האָבן. אויך די פויערים אין סוואַריטשעוויטש האָבן נישט געוווּסט קיינע גענויקייטן. דעריבער האָט מען וועגן אונדז פאַרשפּרייט גוזמאדיקע ציפערן, אַז מיר זענען אין די טויזנטער. די דייטשן האָבן פאַרזוכט צו שיקן שפּיאָנען קיין סוואַריטשעוויטש, אָבער מען פלעגט זיי איבערנעמען און דערשיסן.

דער שטאָב פון אונדזערע פּאַרטיזאַנער־גרופּעס האָט רעזידירט אין סוואַריטשעוויטש. אין דעם שענסטן הויז פון דאָרף האָט ער זיך איינגעקוואַרטירט. איבערן דאָזיקן הויז האָט געפּלאַטערט אַ רויטע פאָן. אַקעגן איז געווען סטאַציאָנירט די ראַזוועדקע. די פּאַרטיזאַנישע וואַכזאַמקייט אין דאָרף איז געווען גרויס. עס האָט פּאַסירט אַז צוויי דייטשן ס״ס, אײַבערגעטאָן אין פּעלצן און קוטשמעס, זענען צוגעפּאָרן צום דאָרף. נאָך פון ווייטן האָבן אַלעק אַבוגאָוו און פּעדקאַ ניקאַנאָר באַמערקט ווי דאָס פורל פּאָרט נישט זיכער, מען האָט דאָס פורל געלאָזט אַריינפאָרן אין דאָרף. באַלד איז עס געוואָרן אַרומגערינגלט פון די פּאַרטיזאַנער. די פּאַרשטעלטע דייטשן האָבן אויפגעהויבן די הענט און זיך איבערגעגעבן אָן שום ווידערשטאַנד. די דייטשן זענען געבראַכט געוואָרן אין שטאָב אויף אַן אויספאָרשונג. די פּעלצן האָט מען זיי אויסגעטאָן און מען האָט זיי געבונדן די הענט, טרייבנדיק זיי צופוס, אין זייערע דייטשישע אוניפאָרמען, צו דער פּאַרטיזאַנישער באַזע אין וואַלד, ווו מען האָט זיי דערשאָסן. עס זענען דאָך אין וואַלד נישט געווען דער פּרינציפּ פון נעמען אין געפאַנגענשאַפט. אַזוי האָבן געטאָן די דייטשן און פאַשיסטן לגבי פּאַרטיזאַנער און אַזוי האָבן געטאָן פּאַרטיזאַנער.

די דייטשישע פּרעסע האָט אָפט אין אירע אויסגאַבעס געשריבן וועגן די סוואַריטשעוויטשער פּאַרטיזאַנער, אַז „אין סוואַריטשעוויטשער וואַלד זענען דאָ גרויסע פּאַרטיזאַנער־מחנות אונטער דער אָנפירונג פון יידישע קאָמיסאַרן. זיי וווינען אין אונטערערדישע היילן וואָס ציען זיך אויף קילאָמעטערס און האָבן דאָרט אַרסענאַלן געווער, געליפערט פון מאָסקווע. אַ גרויסער פּאַרטיזאַנישער גאַרניזאָן איז איינגעקוואַרטירט אין סוואַריטשעוויטש״. זיי האָבן דאָס דאָזיקע פּאָלעסיער דאָרף אָנגערופן מיט דעם שרייענדיקן נאָמען: „סוואַריטשעוויטש איז די צווייטע מאָסקווע...״

די ברײנסקער פּאַרטיזאַנער אין פּאָלעסיער וועלדער

די פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג איז דורכגעגאַנגען אייניקע פאַזן. אין אָנהייב זענען געווען בלויז קליינע פּאַרטיזאַנער־גרופּעס אָן אַ קעגנזייטיקער פאַרבינדונג. יעדע גרופּע האָט געפירט אַ טעטיקייט לויט איר

איינזען. נאָר אין זעלטענע פאַלן איז מען געקומען צו אַ פאַרשטענדיקונג וועגן אַ געמיינזאַמער אַקציע קעגן שונא. די קאַמפן זענען געווען מייסטן גאַנץ באַגרענעצטע. מען איז ראַפּטום באַפאַלן אַ קאָאָפּעראַטיוו, אַ מעל־קעריי, אַ סקלאַד פון תבואה אָדער אַ פּאָליציי־אַמט. ס׳איז דאָך נישט געווען קיין גענוג געווער אויף צו פירן פּנים־אל־פּנימדיקע קאַמפן מיט די פיינטלעכע כוחות. דאָס פּאַרטיזאַנישע געווער איז נישט געווען פון קיין גוטער קוואַליטעט. די ביקסן זענען געווען פאַרזשאַווערטע, ווייל זיי זענען דאָך אַרויסגעפּרעסט געוואָרן פון פּויערים, וואָס האָבן זיי געהאַלטן פאַרשטעקט אין גריבער, אין פייכטע קעלערן. אויב אַ פּאַרטיזאַן האָט געהאַט אַ רעוואָלווער, אַ גראַנאַט און אַן אויטאָמאַט, איז עס געווען דאָס בעסטע וואָפן. ס׳איז געווען גרויס דער דוחק אין קוילן. דעריבער איז די פּאַרטיזאַנישע הויפּט־טעטיקייט געווען אויפן געביט פון דיווערסיע און קליינע קאַמפן ווי אויך אויף צו דעראָבערן שפּייז, הלבשה און שוכוואַרג.

ערשט מיטן אָנקום פון די ברייענסקער פּאַרטיזאַנער האָט זיך די אַר־בעט פאַרצווייגט און איז געווען גרויספאַרנעמיקער אין אַלע הינזיכטן. זיי זענען געקומען אויף פּאָלעסיע לויט דעם באַפעל פון מאָסקווער פּאַר־טיזאַנער־שטאַב. דאָס האָט געדאַרפט זיין אַ התחלה פון אַ צווייטן פראָנט. סטאַלין האָט געוואָלט ווייזן די אַליאירטע, אַז ער איז בכוח צו עפענען אַ צווייטן פראָנט מיט דער הילף פון פּאַרטיזאַנער.

אַ גרויסע האָפענונג האָט די צענטראַלע סאָוועטישע מאַכט געהאַט אויף דעם וווקס פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. די סאָוועטישע פּאַר־טיזאַנער האָבן דאָך פּאַקטיש געהאָלפן באַפעסטיקן די ראַטנמאַכט אין די יאָרן פון בירגער־קריג. עס איז דאָך דאָ אַ רייכע ליטעראַטור פון די פּאַר־טיזאַנישע קאַמפן אונטער דער אָנפירונג פון די קאָמאַנדירן: שטשאָרס, זשעלעזניאַק, טשאַפּאַיעוו, קאָטאָווסקי, פּאַרכאָמענקאָ און אַנדערע. די דאָ־זיקע פּאַרטיזאַנישע קאָמאַנדירן זענען באַזונגען געוואָרן אין לידער און פּאַראייביקט געוואָרן אין אַ ריי פּראָזאַישע ווערק און אין דער געשיכטע פון דער ראַטנמאַכט.

מאָסקווע האָט דאָך אין די ערשטע טעג פון קריג, דעם 3טן יולי 1941, געגעבן דעם באַפעל צו אָרגאַניזירן פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן, וואָס האָט באַטאָנט, אַז „אין אַלע אָקופּירטע ראַיאָנען פון שונא דאַרפן אַנט־

שטיין אָטריאַדן און דיווערסיע־גרופּעס אויף אויפרייסן די בן־ליניעס און בריקן, צו שעדיקן די טעלעגראַף־סלופּעס, צו אונטערצינדן די וועלדער, די פּראָוויאַנט־סקלאַדן און זייערע אָבאָזן, כדי צו שאַפן פאַר דעם שונא אוממעגלעכע באַדינגונגען צו עקזיסטירן אויף דער אָקופּירטער טעריטאָריע".

די ערשטע גרויסע פּאַרטיזאַנער־מחנה איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין די ברײנסקער וועלדער. עס זענען איבערגעלאָזט געוואָרן אין די בריינסקער און אין די נאָענטע אָרלאָווסקער וועלדער גרויסע גרופּעס קאָמוניסטישע פּאַרטיי־טוער און געניטע פּאַרטיזאַנער פון בירגער־קריג, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אָרגאַניזירן די אָפּטיילונגען און גאַנצן פּאָלקן פון רויט־אַרמייער, וועלכע זענען אַרומגערינגלט געוואָרן דורך די דייטשן, און היות זיי האָבן נישט געוואָלט זיך אונטערגעבן דעם שונא, זענען זיי אַוועק אין די אויבנדערמאָנטע וועלדער מיט זייער וואָפן.

באַלד נאָך סטאַלינס באַפעל האָט זיך אין מאָסקווע געשאַפן אַ פּאַר־טיזאַנישער שטאָב אונטער דער דירעקטער אָנפירונג פון מאַרשאַל וואָ־ראָשילאָוו. עס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן קורסן פאַר פּאַרטיזאַנער, וואָס זאָלן לערנען דיווערסיע־אַרבעט און זיך באַקענען מיט די ספּעציעלע באַ־דינגונגען פון לעבן אין די וועלדער. עס זענען אין אַ קורצער צייט אָר־גאַניזירט געוואָרן 72 אָטריאַדן, 90 פּאַרטיזאַנישע גרופּעס און 330 גרו־פּעס פאַר דיווערסיע־אַרבעט. מיט עראָפּלאַנען זענען געשיקט געוואָרן גאַנ־צע אָפּטיילונגען פּאַראַשוטיסטן, וואָס האָבן דעסאַנטירט אין פאַרשיידענע וועלדער. די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט איז געגעבן געוואָרן די בריינס־קער און אָרלאָווסקער פּאַרטיזאַנער. די וועלדער זענען דאָרט גרויסע און שטאַרק געדיכטע און צוליב די גוטע געאָגראַפישע באַדינגונגען איז דאָרט געווען לייכטער צו אָרגאַניזירן גרויסע פּאַרטיזאַנער־מחנות.

אין משך פון 8 חדשים, פון סעפּטעמבער 1941 ביז דעם 1טן מאַי 1942, האָבן די פּאַרטיזאַנער אין אָרלאָווסקער און אין בריינסקער וועל־דער באַוויזן צו פאַרניכטן 19.845 פיינטלעכע זעלנער, 237 אָפיצירן, 1 גענעראַל, 2.090 פּאָליציאַנטן און פאַשיסטן. מען האָט גענומען אין גע־פאַנגענשאַפט 74 אָפיצירן און 172 זעלנער, וועלכע האָבן צוגעזאָגט צו העלפן די פּאַרטיזאַנער אין קאַמף מיט די פאַשיסטן. חוץ דעם דאָזיקן

גרויסן פאַרלוסט אין מענטשן, האָבן די אויבנדערמאָנטע פּאַרטיזאַנער פאַרשאַפט גרויסע פאַרלוסטן דעם שונא אין וואָפן. מען האָט אויפגעריסן פיינטלעכע עשאַלאָנען, אין אַ צאָל פון 32 און מען האָט פאַרניכטעט 44 פיינטלעכע עראָפּלאַנען; עס זענען אויפגעריסן געוואָרן 205 ק״מ באַן־מאַגיסטראַלן; אויפגעריסן געוואָרן 41 באַן־בריקן און 84 בריקן איבער שאָסייען און שליאַכן. עס זענען דעמאָלירט געוואָרן 9 מיליטערישע שטאָבן, 8 פּאָליציי־אַמטן. עס זענען אויפגעריסן געוואָרן און מען האָט אונטערגעצונדן 42 טאַנקן, 418 אויטאָמאָטן, 6 ציסטערנעס בענזין, 9 לאַסט־אויטאָס, 21 סקלאַדן און באַזעס מיט פּראָוויאַנטן און אמוניציע. מען האָט פאַרכאַפּט טראָפּייען: 42 טאַנקן, 14 האַרמאַטן, 154 קוילנוואַרפער, 400 ווינטאָווקעס, 14 אויטאָ־מאַשינעס, 135 פערד, 146 וועגענער, עטלעכע הונדערט שטיק כודאָבע.

מען האָט אין משך פון די 8 חדשים באַוויזן אַרויסצוטרייבן די אָקופּאַנטן פון 346 באַפעלקערטע פּונקטן, וואָס האָבן געציילט אַ באַפעלקערונג פון 170 טויזנט. עס האָט זיך אַזוי אַרום געשאַפן אַ פּאַרטיזאַניש לאַנד. אין די אַלע פאַרכאַפּטע דערפער און ישובים איז איינגעשטעלט געוואָרן די ראַטנמאַכט, מיט ראַיאָניקע קאָמוניסטישע קאָמיטעטן, מיט אָרגאַנען פון נ.ק.וו.ד. עס איז אויך אַרויסגעלאָזט געוואָרן אַ צייטונג א״נ „פּאַרטיזאַנסקאַיאַ פּראַוודאַ“.

שטאַרק האָט זיך פאַרצווייגט די פּאַרטיזאַנישע טעטיקייט און האָט וואָס ווייטער פאַרכאַפּט גרעסערע שטחים און איז געוואָרן פילצאָליקער. עס האָבן זיך אָנגעהויבן ציען צו די דאָזיקע וועלדער פּאַרטיזאַנער פון פאַרשיידענע ערטער. אויך קאָווּפּאַק איז געקומען אין די בריינסקער וועלדער.

ביז גאָר אינטערעסאַנט איז די פּערזאָן קאָווּפּאַק. ער איז געווען דער פאָרזיצער פון שטאָט־ראַט פּוטיוויל, פּאַלטאַווער געגנט. די דייטשען זענען צוגעפאָרן מיט די טאַנקען צום שטאָט־ראַט, און ער איז דאַן אַוועק אַליין אין וואַלד. ער האָט געשאַפן אַ קליינע גרופּע און האָט זיך אין וואַלד געטראָפן מיט איינעם, רודניעוו, און זיי האָבן ביידע באַשלאָסן צו פאַרגרעסערן די פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג. נאָך דעם ווי זיי האָבן דורכגעפירט וויכטיקע אָנפאַלן אויף דייטשן און פּאָליציי, זענען זיי אַוועק אין דער

ריכטונג צו די ברײנסקער װעלדער. די פּאַרטיזאַנער־גרופּע פון קאָװפּאַק, װעלכע האָט אין אָנהײב געציילט בלױז 28 מענטשן, איז אױפן װעג צו די ברײנסקער װעלדער באַדײטנדיק פאַרגרעסערט געװאָרן. אין די פאַר־שײדענע װעלדער פון צפון־אוקראַינע זענען געװען רויט־אַרמײאישע גרו־פּעס, װאָס זענען אומגעגאַנגען מיט װאָפן און האָבן נישט געװאָלט לייגן דאָס געװער און אַװעקגײן אין דײטשישע לאַגערן פאַר געפאַנגענע, און פון זײ האָט קאָװפּאַק װערבירט פּאַרטיזאַנער פאַר זײן אָטריאַד. ער פלעגט צונעמען אין אָטריאַד נאָר אָפיצירן, נישט קלענער פון אַ סטאַרשי־לײטע־נאַנט. אַזוי אַרום האָט ער קאָמפּלעטירט אײנע פון די גרעסטע פּאַרטי־זאַנישע מחנות. ער אַלײן איז געװען דער קאָמאַנדיר, און סעמיאָן רוד־ניעװ איז געװען זײן קאָמיסאַר. דער נאַטשאַלניק פון שטאַב איז געװען א. באַזימאַ, װאָס איז געװען אַ פּאָלק־לערער אין פּוטיװיל. נאָר רודניעװ האָט געהאַט מיליטערישע אױסשולונג. קאָװפּאַק איז געװען אָן בילדונג און מען האָט געזאָגט, אַז ער שטאַמט פון אַ ציגײנער־טאַבון. ער האָט אָבער געהאַט פּאַרטיזאַנישע דערפאַרונג און האָט בעת דער ערשטער װעלט־מלחמה זיך באַטײליקט אין די שלאַכטן, װאָס ברוסילאָװס אַרמײ האָט געפירט אין גאַליציע און אין די קאַרפּאַטן. פאַר בראַװע מיליטערישע טאַטן איז ער געװאָרן באַלױנט מיט צװײ געאָרגיעװסקי צלמים. בעת דעם בירגער־קריג האָט ער געקעמפט אין טשאַפּאַיעװס פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן און האָט זיך אױך באַטײליקט אין די קאַמפן מיט מאַכנאָס באַנדעס אין אוקראַינע.

ער איז געװען געװאַגט און אומדערשראָקן אין קאַמף. זײן מאַרש פון די פּוטיװילער װעלדער צו ברײנסקער װעלדער איז געװען פאַרבונדן מיט גרױסע קאַמפן. מען האָט געדאַרפט דורכגײן שטעטלעך, דערפער, ישובים און שטחים פון פלאַכלאַנד. מאָסקװע האָט זיך שטאַרק פאַראינ־טערעסירט מיט דעם דאָזיקן העלדישן פּאַרטיזאַנער־קאָמאַנדיר, װאָס איז שױן געװען העכער זעכציק יאָר אַלט. דעריבער, װען קאָװפּאַקס פּאַרטי־זאַנער־מחנה איז געקומען אין די ברײנסקער װעלדער, האָט ער פאַרנומען דעם הױפּט־אָרט אין די דאָרטיקע פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן און דער מאָס־קװער פּאַרטיזאַנער־שטאַב האָט אים געשאַנקען די גרעסטע אױפמערק־זאַמקײט.

אין אויגוסט 1942, ערב דער אָפּענסיווע פון דער רויטער אַרמיי אויפן סטאַלינגראַדער פראָנט, האָט דער צענטראַלער פּאַרטיזאַנער־שטאַב אין מאָסקווע פאַררופן אַ קאָנפערענץ פון פּאַרטיזאַנישע קאָמאַנדירן און גענעראַלן. אין די ברייגסקער וועלדער האָט דעסאַנטירט אַ סאָוועטישער עראָפּלאַן און עס זענען אַוועקגעפלויגן קיין מאָסקווע די פאָלגנדיקע פּאַר־טיזאַנישע קאָמאַנדירן און גענעראַלן: קאָשעלעוו, ראָמאַשין, וויעשיגאָראַ, פּאָקראָווסקי און באַזשענקאָ.

די דאָזיקע פּאַרטיזאַנישע פירער זענען דעם 31טן אויגוסט איינגע־לאַדן געוואָרן אויף אַ באַראַטונג אין קרעמל. אויף דער דאָזיקער קאָנפע־רענץ איז אויך בייגעווען סטאַלין, מאַלאָטאָוו און קאָמאַנדירן פון די פּאַר־טיזאַנער־וועלדער אין ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע און פון די אָקופּירטע רוסישע שטחים, ווי אויך דער מאַרשאַל וואָראָשילאָוו. דאַן האָט סטאַלין געבעטן די ברייגסקער פּאַרטיזאַנער אַריבערצוגיין אין די וועלדער פון מערב, אויף דעם רעכטברעגיקן דניעפּער. ער האָט צוגעזאָגט צו געבן גענוג אַמוניציע און וואָפן און ער האָט דעם דאָזיקן מאַרש אָנגעטרויט קאָוופּאַקן.

דער דאָזיקער מאַרש איז געווען אַן אויסטערליש שווערער. מ'האָט געדאַרפט פאַרסירן די טייכן — די דיעסנע, דעם דניעפּער און פּריפּעט, אַ סך באַן־מאַגיסטראַלן און סטאַנציעס, ווי אויך האָט מען געדאַרפט פירן נאָכאַנאַנד פאַרביטערטע קאַמפן מיט דייטשישע גאַרניזאָנען און פּאָליציי־אַמטן. אַזאַ מין „רעיד" איז נאָך נישט פאַרגעקומען אין דער מענטשלע־כער געשיכטע. מיט אייניקע הונדערטער יאָר צוריק האָט דער שפּאַני־שער פאָלקאָווניק ר י ע ר אַ, דער אָנפירער פון די גערילאָס, שפּאַנישע פּאַרטיזאַנער, דורכגעגאַנגען צוויי „רעידן" אויף דער פיינטלעכער טע־ריטאָריע, וואָס האָבן געדויערט צו עטלעכע טעג, אָבער בלויז אויף אַ שטח פון 200 ־ 300 ק"מ. דער רעיד פון באַרימטן פּאַרטיזאַן פון דעם ערשטן רוסישן פּאַטערלענדישן קריג, אין 1812, פון דעניס דאַווידאָוו, איז געווען אויף אַ שטח פון 800 ק"מ, פון סמאָלענסקער געגנט ביז גראָד־נע. אָבער דער רעיד פון די ברייגסקער פּאַרטיזאַנער איז געווען אַ סך קאָמפּליצירטער און שווערער. מען האָט געדאַרפט דורכגיין איבער סטע־פּעס און שליאַכן פון הינטער אָריאָל ביז די גרענעצן פון מערב־אוקראַינע,

אַ שטח, וואָס ציט זיך פון דער צפון־מזרחדיקער גרענעץ אויף אוקראַינע ביז מערב־אוקראַינע, און עס איז גלייך צו דער טעריטאָריע פון פּאָרטוגאַל, שפּאַניע און איטאַליע צוזאַמען.

פון סטאַראַיאַ גוטאַ האָבן די ברייענסקער פּאַרטיזאַנער זיך געלאָזט אויף מערב. מען איז צוערשט געגאַנגען אין די נעכט צו 25 ק״מ אַ נאַכט. ווען די נעכט זענען געוואָרן לענגערע, סוף אָקטאָבער 1942, איז מען געגאַנגען צו 50 ק״מ אַ נאַכט. דערנאָך איז מען שוין געגאַנגען אין מיטן טאָג. פאַר דער באַפעלקערונג איז עס געווען אַן איבערראַשונג. די יוגנט אין די דערפער האָט אָנגעהויבן זיך איינגלידערן אין די פּאַרטיזאַנישע פאָרמאַציעס און מיט יעדן טאָג האָבן זיך פאַרגרעסערט די פּאַרטיזאַנער־כוחות. די דייטשן האָבן אָנגעהויבן זיך שרעקן פאַר די דאָזיקע פּאַרטיזאַנער־מחנות און מען האָט אָנגעהויבן זוכן אַלע מיטלען ווי צו פאַרהאַלטן דעם דאָזיקן פּאַרטיזאַנישן מאַרש, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. קאָוופּאַק האָט געפירט די פּאַרטיזאַנער פון איין נצחון צום צווייטן. עס איז נישט געווען קיין איין גאַרניזאָן, וואָס איז פאַרגראַמירט געוואָרן דורך די ברייענסקער פּאַרטיזאַנער, אויב אַזאַ האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. אין שטאָט לאָיעוו זענען די פּאַרטיזאַנער געווען דריי טעג און די דייטשן זענען זיך פונאַנדערגעלאָפן. מיט שרעק האָט איין דייטשישער גאַרניזאָן איבערגעגעבן דעם צווייטן גאַרניזאָן: „אַכטונג, קאָוופּאַק גייט!״

דער מאָסקווער פּאַרטיזאַנער־שטאָב און סטאַלין פערזענלעך האָבן זיך אינטערעסירט מיט דעם דאָזיקן רעיד, וועלכער האָט געהייסן: „ס ט אַ ל י נ ס ק י ר ע י ד״. אויך די דייטשן האָבן מיט גרויסער אומרויִקייט אָפּגעשאַצט די גרויסע פּאַרטיזאַנישע דערפאָלגן. דער דייטשישער גענעראַל פאָן בראַוכיטש האָט געשריבן: „רוסישע פּאַרטיזאַנער פון די ברייענסקער וועלדער, אויף זייער מאַרש אויף מערב, באַפאַלן נישט נאָר קליינע מיליטערישע גרופּעס און מיליטערישע פאָרמאַציעס, נאָר זיי שטערן אויך די קאָמוניקאַציעס, די מיליטערישע אָביעקטן און מען קאָן נישט ליפערן קיין מיליטער רעגולער צום פראָנט״. דער דייטשישער גענעראַל בלאַצמאַן האָט אין זיין באַפעל איבער די אַרמייען באַטאָנט: אונדזערע אויסשפּירער שטויסן זיך אָן אויף גרויסע פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן. די פּאַרטיזאַנער זענען גוט באַשוכט און אָנגעטאָן, האָבן גוטע פערד,

שליטנס, ליזשוועס און מאַסקירטע כאַלאַטן". אַ דריטער דייטשישער גע־נעראַל, פאַן גרידוס, האָט געשריבן: „די פאַרטיזאַנער שיסן בעסער, זיי קלייבן אויס בעסערע פּאָזיציעס פאַר פאַרטיידיקונג און אויף אָנצוגרייפן. פון מאָסקווע באַקומען די פאַרטיזאַנער, דורך עראָפּלאַנען, האַרמאַטן און אַמוניציע".

אונדזער גרופּע איז געווען נאָך אין אַזיערסקער וואַלד, ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט פון דעם אָנקום פון די ברײַנסקער פאַרטיזאַנער אויף מזרח־פּאָלעסיע.

אין דער אומגעבונג פון אַ שטעטל לעלטשיץ, אין די דאָרטיקע דוב־ניצקער וועלדער, האָבן די ברײַנסקער פאַרטיזאַנער אויפגעשלאָגן זייערע געצעלטן און האָבן אָנגעהויבן צו שאַפן דאָרט אַ נײַ פאַרטיזאַניש לאַנד. זיי האָבן פאַרטריבן די דײַטשן פון אַ סך באַפעלקערטע פונקטן און אײַנגע־שטעלט אַ פאַרטיזאַנישע ממשלה.

פאַר דעם דערפאָלגרײַכן מאַרש פון די ברײַנסקער וועלדער צו די דובניצקער וועלדער, איז קאָווּפּאַק באַלוינט געוואָרן מיטן טיטל „פאַר־טיזאַנישער גענעראַל־מאַיאָר". אַזאַ מין כבוד האָט באַקומען סאַבוראָוו, וועלכער איז געווען אַ קאָמאַנדיר פון אַ באַטאַליאָן, און האָט זיך אויך באַטייליקט אין דאָזיקן רעיד.

קאָוופּאַק, מיט זײַן פאַרטיזאַנער־מחנה, איז אַוועק פאָרויס אויף מערב און אין דער אומגעבונג פון לעלטשיץ איז געבליבן סאַבוראָוו מיט זײַן באַטאַליאָן. אין דעם באַטאַליאָן האָט פאַרנומען אַ וויכטיק אָרט פּיאָ־דאָראָוו. ער איז געווען ביזן קריג דער נאַטשאַלניק פון נ.ק.וו.ד. אין מאַ־ראַטשנער ראַיאָן, נישט ווייט פון די סוואַריטשעוויטשער וועלדער. ער האָט זיך אָפּגעטיילט פון סאַבוראָווס פאַרטיזאַנער־פאָרמאַציעס און איז אַוועק אין דער ריכטונג צו מערב־פּאָלעסיע, וואָס האָט געהערט צו ראָווער־נער אָבלאַסט (געגנט). דעריבער האָט מען אים אָנגערופן „פּיאָדאָראָוו־ראָווענסקי" און דער מאָסקווער פאַרטיזאַנער שטאַב האָט אים געגעבן דעם טיטל פּאָלקאָווניק. ער האָט אָרגאַניזירט נײַע אָטריאַדן, צווישן וועלכע עס זענען געווען פאַרטיזאַנער פון די ברײַנסקער וועלדער.

אין דער זעלבער צײַט, ווען קאָוופּאַק איז אַריבער דעם „האָרין" און האָט זיך באַוויזן אין דער אומגעגנט פון סוואַריטשעוויטשער וואַלד, זע־

נען אויך געקומען די „פּיאַדאַראַווצעס". קאַוופּאַק האָט זיך פאַרהאַלטן בלויז אייניקע טעג אין די דערפער סטעפּאַן־גאַראַד (דובע) און זעליען. קאַוופּאַקאַווצעס האָבן זיך געגרייט צו פּאַגראַמירן דעם פּינסקער דיי־טשישן גאַרניזאָן. עס האָט געפעלט געווער און מען האָט טעלעגראַפירט דורך ראַדיאָגראַמעס קיין מאָסקווע. מאָסקווע האָט אַרויסגעשיקט וואַפן. מיט איין עראָפּלאַן, וואָס האָט געבראַכט געווער פאַר די קאַוופּאַקאַווצעס, איז געקומען פון מאָסקווע צופליען גענעראַל־מאַיאָר וואַסיל אַנדרייעוויטש ביעגמאַ.

וו. אַ. ביעגמאַ איז געווען דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער קאָ־מוניסטישער געגנט־פּאַרטיי. ער איז אויך געווען מיטגליד פון אייבערשטן ראַט פון ס.ס.ר. און אויך מיטגליד פון קריגס־ראַט אין מאָסקווע. גאָר אַמאָל, ביז דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, איז ער געווען אַן אַרבעטער אין די ס מ י ט - פאַבריקן אין אוקראַינע. בעת דעם בירגער־קריג האָט ביעגמאַ גענומען אַן אַקטיוון אנטייל אין די קאָמוניסטישע רייען. אים האָט דער מאָסקווער פּאַרטיזאַנישער שטאַב אַנגעטרויט צו אָרגאַניזירן איבער דער ראָוונער געגנט אַ פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג, וועלכע האָט געדאַרפט העלפן באַפרייען ראָוונע מיט איר גאַנצער געגנט. ער איז געקומען אין פעברואַר 1943, צו אונדז אין די וועלדער, ווו עס זענען געשטאַנען די פּיאַדאַראַוו־צעס. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ שטאַב, וואָס האָט געדאַרפט אַפּיליאירן און צענטראַליזירן די פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג איבער גאַנץ ראָוונע. די מיטגלידער פון שטאַב זענען געווען: וו. א. ביעגמאַ (קאָמאַנדיר), פּיאָ־דאַראָוו (קאָמאַנדיר פון אַ בריגאַדע), קיזיאַ (קאָמיסאַר), קודאַיאַר (פּאָד־פּאָלקאָווניק — נאַטשאַלניק פון שטאַב). סיי קיזיאַ און סיי קודאַיאַר, זע־נען געווען לערער אין די שולן פון „סריעדניאַיאַ בודאַ", פּאָלטאַווער אָב־לאַסט. דער דאָזיקער קאָמיטעט האָט געהייסן: „פּידפּילני קאָמיטעט קאָ־מוניסטיטשנאַי פּאַרטי באָלשיוויקאָוו ריווענסקאַי אָבלאַסטי".

אַלע פּאַרטיזאַנישע גרופּעס אויף וואָלין און אויף אַ טייל פון פּאָ־לעסיע האָבן זיך אַנגעשלאָסן אין דאָזיקן שטאַב און דאָס האָט געהייסן „ראָווענסקאַיע סאָיעדיניעניע פּאַרטיזאַנסקיך אָטריאַדאָוו" (ראָוונער פאַר־אייניקונג פון פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען).

אויך מיר, פּאַרטיזאַנער אין סווארטשעוויטשער וואַלד, זענען אַנ־

געשלאָסן געוואָרן אָן דעם דאָזיקן שטאַב. עס איז געשאַפן געוואָרן איין אָטריאַד, וואָס האָט זיך אָנגערופן א״נ פון „וואָראָשילאָוו״. די אַרבעט איז געוואָרן צענטראַליזירט און אַ נייע פּאַרטיזאַנישע פּאַזע האָט זיך אָנגעהויבן.

אין יעדן אָטריאַד זענען אויסגעטיילט געוואָרן ראַטעס, ווזוואָדן, אָטדיעליעניעס. איבער יעדן אָטריאַד איז נאָמינירט געוואָרן אַ שטאַב, וואָס איז געשטאַנען אין דירעקטער און אָפּטער פאַרבינדונג מיטן שטאַב פון דער „סאָיעדיניעניע״, וועלכן מ׳האָט געדאַרפט ראַפּאָרטירן פון יע־דער טעטיקייט.

עס איז נאָמינירט געוואָרן אַ שטאַב פון אונדזער וואָראָשילאָוו־אָט־ריאַד, אין פאָלגנדיקן צוזאַמענשטעל: מאַקסים מיסיוראַ (קאָמאַנדיר), פלוזשניקאָוו (קאָמיסאַר); יערמאָלענקאָ (נאַטשאַלניק פון שטאַב). פאַר אַ קאָמענדאַנט איז נאָמינירט געוואָרן אפרים באַקאַלטשוק, פאַר מעדיצין און געזונטהייט — ד״ר ב. ערליך, פאַר אַ קאָמאַנדיר פון דער אויספאָרשונג — אַלעק אַבוגאָוו, פאַר אַ קולטור־לייטער — מלך באַקאַלטשוק.

דער שטאַב האָט רעזידירט אין סוואַריטשעוויטש. איך בין געבליבן צו טאָן מיין אַרבעט אין סוואַריטשעוויטשער וואַלד. עס איז שוין געווען סוף פעברואַר. דער ווינטער איז געגאַנגען צו זיין סוף. דער וואַלד האָט געאָטעמט מיט פאַר־פרילינג, פון די דעמבעס און אַלכע־ביימער האָט זיך געקרישלט דער אייז־גליווער, טריפנדיק פון די צווייגן אַקעגן דער זון, וועלכע איז שוין אַריינגעגאַנגען אין די טיפן פון וואַלד. סיי דער פאַר־פרילינג און סיי דער אָנקום פון די ברייניסקער פּאַרטיזאַנער, האָבן אין אונדז אַריינגעגעבן נייע כוחות. עס איז פאַרפילפאַכט געוואָרן די אַרבעט. עס זענען יעדן טאָג צוגעקומען נייע פּאַרטיזאַנישע פּנימער. דאַן זענען אָנגעקומען אין וואַלד און אין דאָרף סוואַריטשעוויטש די יעניקע יידן, וואָס זענען געווען פאַרשטעקט ביי פויערים און אין בונקערס. פון פינסק זענען געקומען אריה דאַלינקא מיט זיין פרוי צילע, פרוי פּאַסטערנאַק מיט איר טאָכטער, און גאָלדע קאַגאַן. מיט די פּיאָדראָוואצעס זענען גע־קומען אַלעקסאַנדער קוץ, אָפּשטאַמיקער פון ברעזנע אויף וואָלין, פון באַרוך אַ לערער, און פּיוועץ מיט זיין פרוי בראָניע, אָפּשטאַמיקע פון

סלאַוועשנע, מזרח־פּאָלעסיע. יעדער איינער פון אונדז האָט דערפילט די בייע פּאַרטיזאַנישע פּאַזע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן מיטן אָנקום פון די ברײַנסקער פּאַרטיזאַנער.

„ושיד - אָזיעראָ"

אויף פּאָלעסיע זענען דאָ אַ סך אָזיערעס, גרויסע און קליינע. די גרויסע אָזיערעס זענען נישט ווייט פון די טייכן פּריפּעט און דניעפּער, וואָס צעגיסן זייערע וואַסערן אין פרילינג און האַרבסט, פאַרשווענקענדיק גרויסע שטחים. עס ווערן אָפּגעמעקט די גרענעצן צווישן זומפּיקן באָדן און פעסטן לאַנד. די וועגן ווערן פאַרוואַנדלט אין קאַנאַלן און די וועלדער ווערן פול מיט קאַנאַוועס, וואָס זייערע וואַסערן פליסן האַסטיק מיט אַ שוואַרצן קאָליר און שוים. באַזונדערס אין פרילינג ווערן גרויסע פליינען און פּאַשע־פּלעצער, פעלדער און זומפּיקע נידערונגען — אַן עכטער ים וואָס מען זעט בלויז הימל און ערד. אַ סך לעגענדעס און געשיכטעס פּרוכפּערן זיך אין די דערפער פון פּאָלעסיע איבער די וועלדער, טייכן און אָזיערעס. די פּאָלעשוקעס, וואָס זענען הונדערטער יאָרן געווען אויף אַ זייער נידעריקער קולטורעלער מדרגה, האָבן געגלייבט אין דעם „דאָ־מאָוויק", וואָס וווינט אין הויז און אַז זיין גייסט שוועבט אַרום אין דער הילצערנער כאַטקע, איז אַ שטענדיקער תושב, ווי דער גריל אונטערן פּריפּעטשיק; אין די רוסאַלקעס, וואַסער־מיידן, וואָס וווינען אין די טייכן און עס זענען דאָרט דאָ פּאָר זיי קרישטאָלענע סאַליעס; אין וויעדמעס־מכשפות און אין שדים און מזיקים און אין גרינעם „ליעשי", וואָס שוועבן אין דער לופט איבער פעלדער און וועלדער; אין דער סיטרא אחרא, וועלכע געוועלטיקט אין די זומפּן, און אין דעם שטן, וואָס שפּרייט אויס זיין פינצטערע מאַכט איבער פּאָלעסיע, ווו ס'איז זיין קעניגרייך.

אין אונדזערע פּאַרטיזאַנער־רייען, באַלד ווי עס זענען אָנגעקומען די ברײַנסקער פּאַרטיזאַנער און קאָוופּאַקס פּאַרטיזאַנער־מחנה, האָבן פּויערים אָנגעהויבן שטראָמען פון נאָענטע און ווייטע דערפער. קאָוופּאַקס נאָמען איז געוואָרן שטאַרק באַרימט און אין די דערפער האָט זיך פאַר־שפּרייט אַ לעגענדע, אַז „אין קאָוופּאַקן זיצט אַ גייסט, אַזאַ מין גער־

לעכע קראַפט, וועלכע באַשיצט אים פון פיינטלעכע קוילן". פּאַקטיש פלעגט ער אין די שלאַכטן פאָרן רייטנדיק פאָרויס און צענדליקער, צענדליקער קוילן פלעגן פליען איבער זיין קאָפּ. זיינע אייגענע קאָמאַנדירן האָבן באַוואונדערט זיין גבורה און פלעגן אים אָפּהאַלטן פון גיין פאָרויס, זאָגנדיק: „קודאַ טי ליעזיעש, סטאַרי כרען? אי בעז טיעביאַ וואָיעוואַט יעסט קאָמו" (וווּהין קריכסטו, אַלטער כריין, אויך אָן דיר איז דאָ ווער עס זאָל קעמפן). די פויערים האָבן אָפּגעשאַצט די כוחות פון די פּאַרטיזאַנער בכלל און פון קאָוופּאַקס בפרט, מיט גרויסע גוזמאדיקע ציפערן. וועגן קאָוופּאַקס מחנה האָבן די דערפער גערעדט, אַז זי ציילט עטלעכע פערציק טויזנט, און פּאַקטיש זענען געווען בלויז פיר באַטאַליאָנען, צוזאַמען אין אַ צאָל פון 3.000 פּאַרטיזאַנער.

אַלע אַזוינע און אויך פאָלקלאָר־מעשׂיות פלעגן דערציילט ווערן ביי די קאָסטיאָרן אין די נעכט. דער וואַלד און די נאַכט זענען געווען פאַר דעם פּאַרטיזאַן די בעסטע פריינט. דער וואַלד איז געווען זיין היים און די נאַכט האָט דער דאָזיקער היים געגעבן שוץ און זיכערקייט. מען פלעגט אין די נעכט פונאַנדערציינדן שייטערס, וואָס האָבן געוואָרפן זשמעניעס פייער ווי ברענענדיקע דאָרנבושן און אויפגעפלאַקערט מיט אַ טראַסקעריי און שטאַרקן אָפּשיין אויף אַ ווייטער דיסטאַנץ. ס'איז אויסגעקומען ווי דער גאַנצער וואַלד האָט זיך אָנגעצונדן און עס זענען זיך צוזאַמענגעקומען אייגענע און פּאַרטיזאַנער פון אַנדערע שכנישע אָטריאַדן און מען האָט זיך אויסגעזעצט אַרום די שייטערס, ווי אין אַלטע, אוראַלטע צייטן. די פּאַרטיזאַנישע קאָסטיאָרן זענען געווען ווי קלובן. מען האָט דערציילט פון דיוועסיעס, פון קאַמפן מיט דייטשן, פון פּאַרטיזאַנישע העלדן, קאָמאַנדירן און גענעראַלן. צווישן די פּאַרטיזאַנער זענען דאָך געווען אויך מענטשן מיט בילדונג און וויסן. מען האָט אויך דערציילט דעם אינהאַלט פון ווערק פון רוסישע קלאַסיקער, פון פּושקינס „יעווגעני אָניעגין" און פון טאָלסטאָיס „אַנאַ קאַרענינאַ", נאָוועלן פון טשעכאָוון און שאַפונגען פון מאַקסים גאָרקי. עס זענען געווען אַזוינע, וואָס האָבן נישט שלעכט רעציטירט און געזונגען. עס פלעגט אימפּראָוויזירט ווערן אַ פּראָגראַם פון אייניקע נומערן און עס זענען דערציילט געוואָרן געשיכטעס און פּאַסירונגען פון איצטיקע און פאַרגאַנגענע צייטן.

טעמאַטישער שטאָף האָט נישט געפעלט. מען האָט געקאָנט אַזוי פאַר־ווײַלן זיך לאַנגע שעהן אין דער נאַכט. עס איז דאָך חוץ דעם געווען גענוג אייגענער מאַטעריאַל פון איבערגעלעבטע טעג און שעהן.

אַלע פּאַרטיזאַנישע „סאַיעדיניעניעס" און אָטריאַדן אויף פּאַלעסיע און וואָלין זענען געווען פאַרבונדן. יעדע סאַיעדיניעניע האָט געהאַט ראַ־ציעס (דראָטלאָזע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן) און פאַרבינדלער פלעגן גיין פון איין פּאַרטיזאַנישער פאָרמאַציע צו דער צווייטער, כדי צו האָבן אַ נאָענטן און ענגן קאָנטאַקט. פּאַרטיזאַנער פאַרבינדלער פלעגן דורכגיין צענדליקער קילאָמעטער ספּעציעל צו האַלטן „סוויאַז" (פאַרבינדונג). אין משך פון די עטלעכע חדשים פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג זענען דאָך די וועל־דער געוואָרן באַפעלקערט. מען זאָגט, אַז די שטעט זענען אויפגעבויט גע־וואָרן נאָך דעם, ווען מען האָט אויסגעהאַקט וועלדער און מען האָט אַזוי אַרום פאַרטריבן די חיות אין וואַלד, אָבער מיר, פּאַרטיזאַנער, האָבן די חיות פאַרטריבן פון די וועלדער, נישט אויסהאַקנדיק זיי. אין דער ערש־טער צייט בלויז האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויף סטאַדעס וועלף, אַן בער־לאַגעס, ווו עס האָבן געוווינט בערן, אָבער מיר האָבן זיי פאַרטריבן. עס זענען דאָך געמאַכט געוואָרן שליאַכן און טראַקטן לענגאויס גרויסע וואַלד־מאַסיוון, וואָס האָבן זיך געאַרעמט, מיט קליינע מחיצות פון דערפער און ישובים. דיווערסאַנטן־גרופּעס פלעגן אַוועקגיין צו באַן־מאַגיסטראַלן אויף צענדליקער ק"מ און מען איז געגאַנגען פון איין וואַלד אין צווייטן. ווען מען האָט זיך צוריקגעקערט צוריק צו דער אייגענער באַזע, האָט מען געהאַט וואָס צו דערציילן ביי די קאָסטיאָרן, באַריכטנדיק פון אַלע איי־גענע פאַרפאַלן און פון פרעמדע פּאַרטיזאַנער.

ביי איינעם פון אַזוינע קאָסטיאָרן האָט מען דערציילט ווי די קאָוו־פּאַקאָווצעס האָבן אין יאַנואַר 1943, נאָך איידער ער האָט זיך באַוויזן אין די דערפער נאָענט צו אונדזער סוואָריטשעוויטשער וואַלד, געמאַכט אַן אַעראָדראָם אויף אַן אָזיערע, וואָס האָט געהייסן טשערוואָנע־אָזיעראָ, קניאַז־אָזיעראָ און אויך ז ש י ד ־ אָ ז י ע ר אָ !

אַלע פּאַרטיזאַנישע סאַיעדיניעניעס זענען מייגסטן געווען אויף אַ באַשטימטן וואַלד־שטח. מען האָט זיך קאָנצענטרירט אויף אַ באַווסטער געגנט. מען האָט געטוישט איין וואַלד־מאַסיוו אויף אַ צווייטן, אַריבער־

געוואַנדערט פון איין דיליאַנקע אויף אַ צווייטער, אָבער מען האָט גע־דאַרפט פאַרבלייבן אין דער זעלבער אָבלאַסט. אָבער אַן אויסנאַם איז געווען קאוופּאַקס מחנה, וועלכע איז געווען אַ מ אַ נ ע ו ו ר י ר נ ד י ק ע און האָט אומגעוואַנדערט פון איין פּלאַץ צום צווייטן. דעריבער האָבן די קאוופּאַקאָווצעס גראַסירט פון איין געגנט אין דער צווייטער. אויף יעדן אָרט האָט ער פּאַגראַמירט דייטשן און איז באַלד אַוועק אין קאַמף מיט אַן אַנדער גאַרניזאָן. פון לעלטשיץ איז ער אַוועק קיין סטאַראָיע־סיעלאָ און פון דאָרט צו די מערלינסקער כוטאָרעס, אין דער ריכטונג צו דאַוויד־גאָראָדאָק, אַ באַוווסט יידיש שטעטל, וואָס איר יידישע באַפעלקערונג איז אומגעבראַכט געוואָרן באַלד אין די ערשטע טעג פון דער דייטשישער אָקופּאַציע. די דייטשן האָבן בלויז איבערגעלאָזט די באַוווסטע שטעטלשע פאַמיליע פון פייגעלע יודאָוויטש, די אַפּטייקער פון שטעטל. דערנאָך האָט מען די דאָזיקע פאַמיליע אויך אומגעבראַכט. די דייטשן אין דאַוויד־גאָראָדאָק, דערוויסנדיק זיך, אַז די קאוופּאַקאָווצעס זענען אין די דערפער אָזדאַמיטש און אָלשאַני, זענען זיך פונאַנדערגעלאָפן. אַ שרעקלעכע פּאַניק פלעגט ווערן צווישן די דייטשישע גאַרניזאָנען, ווען זיי האָבן באַקומען אינפאָרמאַציעס, אַז קאוופּאַק קומט אָן. פון דאַוויד־גאָראָדאָק איז ער אַוועק אין דער ריכטונג צו לאַכווע, און אין די וועלדער, צווישן זשיטקאָוויטש און לונינעץ, האָט די מחנה פון די קאוופּאַקאָווצעס זיך פאַרהאַלטן. דעם גאַנצן וועג האָבן זיי געדאַרפט פירן קאַמפן מיט די דייטשן — ביי די באַן־מאַגיסטראַלן — און מיט דער פּאָליציי. עס איז געוואָרן ווייניק קוילן און עס האָט אויסגעפעלט וואָפן אויף פאָרצוזעצן די ווייטערדיקע קאַמפן. דער פּלאַן פון קאוופּאַקן איז געווען אָנצוגרייפן דעם דייטשישן גאַרניזאָן פון פּינסק.ביים טייך פּריפּעט האָט קאוופּאַק געזוכט אַ פּלאַץ ווו עראָפּלאַנען זאָלן קאָנען קומען צו פליען פון דער „באָלשאַיאַ זעמליאַ" (גרויסע ערד), אָבער ס'איז נישט געווען קיין אַנטשפּרעכיקער שטח פאַר אַן אַעראָדראָם. דאַן האָט קאוופּאַק געקלערט מאַכן דעם אעראָדראָם אויף דעם טייך פּריפּעט, וואָס איז ברייט־שטחדיק. אָבער די אָרטיקע פּויערים האָבן אינפאָרמירט, אַז דער פּריפּעט, הגם זיינע וואַסערן זענען טיף און צאָרנדיק זענען די טונקעלע כוואַליעס, איז ער אָבער נישט קיין פאַרלעס־לעכער און זייער קאַפּריזנע. לייכט גיט זיך דער טייך אונטער די ערשטע

פּרעסט און ווערט באַלד געפּאַנגען אין די אָרעמס פון אייז־דעק, אָבער ווי די זון גיט אַ וואַרעם אַ פּאָר טעג בלויז, באַפרייען זיך די וואַסערן פון אייז־קלעם און פירן אַ העפטיק־שטאַרקן גערּאַנגל, ביז זיי זיגן. איז מען אַוועק צו די וועלדער און ישובים פון ליאַכאָוויטשי, וואָס האָט געהאַט באַענט צוויי אָזיערעס: ביעלאַיע און זשיד־אָזיערא. פריער האָט מען באַטראַכט די אָזיערע ביעלאַיע, וואָס איז געווען טיף ביז 70 מעטער און אַנדערהאַלבן קילאָמעטער די לענג. אָבער דאָס אייז אויף אים איז געווען דין און שוואַך, וואָס עס וואָלט געווען אַ קאַטאַסטראָפע, ווען דער סאָוועטישער עראָפּלאַן „דוגלאַס" וואָלט אויף אים געלאַנדעט. האָט מען דאַן אָנגעהויבן שטודירן די אייגנשאַפטן פון „זשיד־אָזיערא", וואָס איז געווען די גרעסטע אָזיערע אין דער דאָזיקער אומגעבונג, האָבנדיק אין דער לענג 12 ק״מ, די ברייט 6־7 ק״מ, און אַרומגערינגלט מיט זעקס דערפער.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו מאַכן דעם אַעראָדראָם אויף דער אָזיערע: „זשיד־אָזיערא". צוערשט האָט קאָוופּאַק באַפוילן זיינע פּאַרטיזאַנער צו באַזעצן די זעקס דערפער, וואָס רינגלען אַרום די אָזיערע און דער קאָמאַנדיר וויעשיגאָראַ האָט געגומען פעסטשטעלן אויב דאָס אייז וועט אויסהאַלטן די קראַפט פון אַ „דוגלאַס", בעת ער וועט לאַנדן. וויעשיגאָראַ איז געווען געשולט אויף דעם בעת ער איז געווען אין מאָסקווע, קומענדיק צו פליען אין די ברייינסקער וועלדער. ער איז דורכגעגאַנגען אַ ספּעציעלן קורס אויף קאָנען מאַכן אעראָדראָמען פאַר סאָוועטישע עראָפּלאַנען אין די פּאַרטיזאַנער־וועלדער. פריער האָט מען אָפּגערייניקט דאָס אייז פון הור־בעס שניי. 500 מענטשן זענען ביי דער דאָזיקער אַרבעט געווען באַשעפּ־טיקט. דערנאָך האָט מען גענומען 100 פערד און שליטנס אין פולן גע־שפּאַן און מ׳איז מיט זיי אַרויפגעפּאָרן אויפן אייז. אַזוי אַרום זענען אויפן אייז פון אָזיערע געשטאַנען 500 מענטשן פּליוס 100 פערד מיט שליטנס. וויעשיגאָראַ האָט די מענטשן אויפן אייז באַפוילן צו טאַנצן און שפּרינ־גען. עס איז דאָך געווען יאַנואַר, די סאַמע צייט פון גרויסע פרעסט און דאָס אייז איז געווען דיק און גראָב, אַזוי אַז עס האָט זיך נישט איינגע־בראָכן. מען האָט אויסגערעכנט, אַז אַלע 500 מענטשן פּליוס די פערד און שליטנס וועגן צוזאַמען ביז 100 טאָן. היות „דוגלאַס" האָט אַ גע־וויכט בלויז פון 8 טאָן, שוין צוזאַמען מיט דער משא, ד. ה. וואָפן און

אמוניציע, וואָס ער וועט פירן, האָט מען די דאָזיקע ציפער געכפלט אין צוויי מאָל און דערנאָך האָט מען עס געכפלט אין פינף מאָל, אויסרעכע־נענדיק דעם טרייסל און קלאַפּ פון עראָפּלאַן ביים לאַנדן; איז אויסגע־רעכנט געוואָרן, אַז דאָס אייז וועט אויסהאַלטן, אָן שום ריזיקע.

מאָסקווע אָבער האָט זיך אַ געוויסע צייט געוואַקלט און זיך געוויי־גערט צו שיקן אַן עראָפּלאַן, אָבער סוף־סוף האָט זי אַרויסגעשיקט אַן עראָפּלאַן מיט וואָפן און דאָס אייז האָט אויסגעהאַלטן. דאָס לאַנדן פון אַן עראָפּלאַן אויף אַן אָזיערע איז געווען אַן אויסטערלישע דערשיינונג און אַ זעלטענער פאַל. דער אַעראָדראָם האָט זייער גוט געאַרבעט און יעדע נאַכט פלעגט קומען צו פליען אַן עראָפּלאַן מיט לאַדונג. אויף דער דאָזיקער אָזיערע האָט דעסאַנטירט דער גענעראַל פון אונדזער סאָיעדי־ניעניע, א. וו. ביעגמאַ.

די פּויערים, וואָס האָבן געוווינט אין די שכנותדיקע דערפער, צווישן זיי אויך אָזיבנע אין טיפן עלטער, פלעגן קומען צו די פּאַרטיזאַנישע קלובן, ד. ה. צו די קאָסטיאָרן, און פלעגן אנטיילנעמען אין די געשפּרעכן. איין אַלטיטשקער פּויער, וואָס האָט פינף צענדליק יאָר אין ווינטער געהאַקט פון פיען האָלץ און עס געקאָסטרעוועט און פליטן געבונדן, און זומער־צייט געכאַפּט פיש אין אָזיערע, האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן די פּאַר־שיידענע פּאַסירונגען אויף דער אָזיערע און אויך דערקלערן דעם באַטייט פון די דריי נעמען, וואָס די אָזיערע האָט. וועגן דעם, אַז די אָזיערע רופט זיך „קניאַז־אָזיעראָ“, איז ווייל דאָס איז געווען אין משך פון אַ סך דורות דאָס אייגנטום פון אַ גרויסן און רייכן קניאַז (פירשט). דעם נאָמען פון „טשערוואָנע אָזיעראָ“, האָט דער אַלטיטשקער פּאָליעשוק דערקלערט. איז צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, ווייל אין אָזיערע פּרוכפּערן זיך און עס שווימען אַרום פיש מיט שטאַרק־רויטער איקרע, און צווייטנס, איז עס צוליב דעם, וואָס אַמאָל האָבן זיך ביי דער דאָזיקער אָזיערע געפירט גרוי־סע קאַמפן צווישן די פּעאָדאַלן, און דאָס וואַסער איז געוואָרן רויט פונעם בלוט פון די געפאַלענע קריגער. אָבער דער נאָמען „זשיד־אָזיעראָ“ איז פאַרבונדן מיט אַן אויסטערלישער און טראַגישער געשיכטע, וואָס וואַרפט אַ שיין אויף דער שוצלאָזער לאַגע פון די יידן אויף פּאָלעסיע אין פריער־

דיקע יאָרן, ווען די יידן זענען געווען אָפּהענגיק פון די פריצים און זייער לעבן איז געהאָנגען אויף אַ האָר.

גאָר אַ גרויסן שטח פאַרנעמט פּאָלעסיע, וועלכע האָט טויטע טייכלעך פאַרוואקסן מיט ווילדע גראָזן, גריבער און היילן, אָנגעפּילטע מיט פאַרזונקענע וועלדער און פאַרטרינקענע לאָנקעס, פאַרפלייצטע פעלדער מיט שטעכיקע גראָזן און קאָמיש. אָט אין די דאָזיקע ווילדערנישן האָבן אָנגעהויבן יידן שלאָגן זייערע געצעלטן צווישן אַ באַפעלקערונג, אין וועלכער עס האָבן געעווירט פרימיטיווע אינסטינקטן און אומגעצוימטע און גרויזאַמע ליידנשאַפטן, מיט טונקעלע טאַבוס, אַבערגלויבנס און ווילדע, שיכורע הוליאַנקעס. און דער ייד איז דאָך אויף פּאָלעסיער ערד נישט געקומען ווי דער מאָנגאָלישער רייטער אויף זיין קאַרליק-פערדל, נישט ווי דער סקיף אויף אַ פערד מיט זיין זילבערנעם נאָזבאַנד און נישט ווי דער קריגערישער כאַזאַר און פעטשעניעג. ער איז דאָך געווען אין גאַנצן דער אַנטיפּאָד פון דעם פויער. פונדעסטוועגן געפינען מיר אין אונדזערע פאָלקסטימלעכע געשיכטעס עלעמענטן פון סלאַווישן פאָלקלאָר און אין דער סלאַווישער מיטאָלאָגיע יידישע מאָטיוון. אַ סך מאַטעריאַלן זענען געשעפּט געוואָרן פאַר די לעגענדעס, פאָלקסטימלעכע געשיכטעס, חדר-מעשיות פון דער סלאַווישער מיטאָלאָגיע און אַ סך פון דער יידישער מיסטיק זענען אַריינגעפלאָכטן געוואָרן אין אוקראַיניש-ווייסרוסישן פאָלקלאָר.

אָט די געשיכטע, וועלכע ווערט דערציילט אין פאַרשיידענע ווערסיעס איבער דער אָזיערע, וואָס רופט זיך מיט דעם אויסטערלישן נאָמען „זשיד-אָזיעראָ", איז אָנגעזאַפּט מיט דעם ווייסרוסישן פאָלקלאָר און מאָטיוו פון הילפלאָזן יידישן לעבן פון אַן אָרעמען שענקער. דער יידישער פּאַרטיזאַן „קאָלקאָ מודרי" אין קאָוופּאַקס פּאַרטיזאַנער-מחנה, וואָס איז געווען שטאַרק באַליבט ביי קאָוופּאַקן און ביים גאַנצן שטאַב פון דער סאָיעדיניעניע און איז געפאַלן אין אַ העלדישן קאַמף מיט דייטשן, האָט דערציילט ביי אַ קאָסטיאָר איין ווערסיע, געהערט פון אַן אַלטער פויערטע און פּאַרטיזאַנער האָבן עס געבראַכט צו אונדז, אין סוואַריטשעוויטשער וואַלד, מיט געוויסע ענדערונגען. איך האָב זיך דערנאָך אינטערעסירט צו דערוויסן ביי אַלטע פּאָלעשוקעס און זיי האָבן מיר געגעבן דערגאַנצונגען.

היות דאָס איז אַן אויסטערלישע פּראָדוקציע פון שיינעם פּאָלקלאָר און עס איז אין דער דאָזיקער געשיכטע דאָ אַ שיין פון אמתדיקייט פון אַ פאַרשוווּנדענער תקופה, דעריבער גיב איך איבער די דאָזיקע געשיכטע, וועלכע האָט אין זיך אַ סך לעגענדאַרישקייט, אין דעם פולן טעקסט:

„אין די צייטן פון יעקאַטערינאַ, די גרויסע קייסערין פון רוסלאַנד, און אפשר מיט אַ סך יאָרן פריער, האָט אין די וועלדער ביים פּריפּעט און דניעפּער געוווינט אַ שטיין־רייכער קניאַז. אַלע וועלדער, טייכן, פעלדער און לאַנקעס האָבן געהערט אים אַליין. פאַר דעם קניאַזס גרויסע פאַר־דינסטן פאַר רוסלאַנד, האָט אים די קייסערינע דאָס אַלץ געגעבן אַ געשאַנק. געשטאַמט האָט דער קניאַז פון אַ באַרימטער יחוסדיקער פאַמיליע, און געהאט האָט ער אַ האַרטן כאַראַקטער, האַרט ווי אַ נוס. אַ האַלב לעבן האָט ער פאַרבראַכט אין צאַרישן מיליטער און דעם כבוד פון דעם רוסישן טראָן האָט ער פאַרטיידיקט. ווען ער האָט אַ סך יאָרן אָפּגעדינט אין מי־ליטער, האָט ער גרויסע שטחים פון פּאָלעסיער לאַנד באַקומען פאַר זיך, ווערנדיק איר געזעצלעכער אייגנטימער. ער איז געקומען אויף די אויבנ־דערמאָנטע ברייטע און גרויסע שטחים ערד, וואָס האָבן זיך געצויגן ווייט, ווייט, אַזש ביז טעלעכאַני און ווייטער פון פּינסק. ער האָט נישט ווייט פון ליאַכאָוויטשי אויפגעבויט אַ שלאָס מיט אַ סך עטאַזשן און דאָרט געלעבט מיט זיין פרוי און קינדער. ווען זיין פרוי איז אים אָפּגעשטאָרבן, איז ער געבליבן אַן אלמן אויף זיין גאַנץ לעבן. געהאַט האָט ער עטלעכע טעכטער און איין איינציקן זון. דעם זון האָט ער געהיט ווי דעם שוואַרצאַפּל אין אויג, ווייל ער איז דאָך געווען דער לעצטער פון אַ דור קניאַזן און מאַג־נאַטן, ווי דער מיזינטשיק־פינגער אויף דער האַנט. דער קניאַז האָט זיין זון שטאַרק ליב געהאַט. ער האָט דאָך געהאַט אַזאַ גרויסע עשירות און איבערלאָזן עס בלויז די טעכטער אָן אַ דירעקטן יורש פון זיין דור, איז געווען פאַר אים אַ גרויסער צער און באַליידיקונג פון גורל, דעריבער האָט ער זיין זון געצערטלט און אויך געבאַלעוועט, נאָכגעבנדיק אים אין זיינע קאַפּריזן און גלוסטונגען. שוין פון די גאָר יונגע יאָרן איז דער זון דערי־בער געווען שטאַרק צעלאָזן און קאַפּריזנע, האַלטנדיק זיך גרעסער און יחוסדיקער פון זיינע שוועסטער, קוקנדיק אויף זיי פון אויבן אַראָפּ. דער קניאַז האָט די טעכטער געהאַלטן אין שטרענגקייט און אין געהאָרכזאַמ־

קייט צו אים. ער האָט, פאַרשטייט זיך, אין זיין צוואה, אָפּגעשריבן אַ פיינע ירושה פאַר דער טאָכטער, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פירשט און מאַג־נאַט. אָבער זיין גאַנצע ליבשאַפט און צערטלעכקייט האָט ער געשאַנקען דעם זון, וואָס האָט געדאַרפט ירשענען זיין גרויסן שלאָס און מאַיאָנטעק.

„איז אויסגעוואַקסן דער יונגער קניאַז גלייך און שלאַנק ווי אַ טאָ־פּאָל און סאָסנע־בוים, שטאַרק ווי אַ דעמב, מיט ראָזעווע באַקן, ביר־העלע האָר און בלויע אויגן. זיינע זיטן זענען געווען צירלעך־מאַנירלעכע און איז צייטנווייז געווען פאַרטראַכט. ער האָט אין שלאָס קיין ראָוועסניקעס צו זיך נישט געהאַט און נישט צוגעפּאַסט צו זיך קיין חברים אין זיין עלטער. מיט די קינדער פון די לייב־פּויערים האָט ער זיך נישט געחברט, ווייל דער טאַטע וואָלט דאָך אויך געווען קעגן. ער פלעגט מיינסטן אָפּזיצן לאַנגע שעהן אין די פּאָקאָיעס פון זיינע שוועסטער.

„אָט איז געקומען די צייט צו פאַרהייראַטן דעם יונגן קניאַז. איז דער קניאַז געווען שטאַרק באַקימערט צו געפינען אַ צוגעפּאַסטע כלה פאַר זיין יורש און האָט געזוכט אַ זיווג פאַר אים אין די יחוסדיקע פירשטלעכע שלעסער, פּאַלאַצן און הויפן.

„גראַד אין יענער צייט, ווען דער אַלטער קניאַז איז אַרומגעפאָרן מיט זיין זון איבער די פירשטלעכע שלעסער און מאַיאָנטקעס צו זוכן אַ כלה, האָט זיך באַזעצט אַ יידישער שענקער אין איינער פון דעם קניאַזס קרעטשמעס. דאָס איז געווען אַ פּוילישער ייד, וואָס האָט ביים קניאַז אַרענדירט אַ קרעטשמע, וועלכע איז געשטאַנען אויפן קרייצוועג פון דריי גרויסע שליאַכן. פאַר דער קרעטשמע איז עס געווען זייער אַ גוטער פּונקט. נישט ווייט איז געווען דער פּריסטאַן פון דער פּריפּעט. עס האָט זיך דאַן געהאַט געעפנט דער קעניגלעכער קאַנאַל, וואָס האָט פאַראייניקט די פּ י נ אַ מיט דער ש ט ש אַ ר אַ דורך שליוזן, און מען האָט געקאָנט פירן מיטן וואַסער פאַרשיידענע סחורות פון פּוילן צו דעם פּינסקער טייך, די פּינאַ, און פון דער פּינאַ האָט מען געהאַט אַ וועג גלייך צום פּריפּעט און פון פּריפּעט צום דניעפּער. סוחרים פון דייטשלאַנד און פון שלעזיע האָבן מיט אָט דעם וואַסער־שליאַך געפירט גרויסע מסחרים מיט דער גרויסער און ברייטער רוסלאַנד. פאַרבייפאָרנדיק דעם פּריסטאַן פון פּרי־פּעט, האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אויף עטלעכע טעג מיט אַלע שיפן און

באַרקעס. היות די קרעטשמע האָט געהאַט אַ גוטן נאָמען סיי מיט מאַכן פּאַטראַוועס און סיי מיט דער באַהאַנדלונג, זענען פּוילישע, שלעזישע און דייטשע הענדלער און סוחרים אַריינגעפאָרן אויף אַ פּאָר טעג צום יידישן קרעטשמער. עס זענען געווען פאַלן, ווען מען איז געבליבן אַ וואָך און צוויי און נאָך מערער. עס איז געווען אָפּהענגיק פון די וועטערן.

„געהאַט האָט דער קרעטשמער אַ פרוי מיט איין און איינציקער טאָכטער, וועלכע איז געווען שיין ווי די זון, חנעוודיק און עלעגאַנט ווי די טעכטער פון יהודה אין ישעיהוס צייטן. זי איז געווען אַ בילד־שיינקייט, פּשוט אַן אמתע צויבער־געשטאַלט. געהאַט האָט זי טונקל־שוואַרצע האָר און געווען שלאַנק ווי אַ צעדער־בוים אין לבנון. אויגן האָט זי געהאַט קויל־שוואַרצע און האָט אַלע אַריינפאָרנדיקע געסט אין דער קרעטשמע מיט זיי פאַרלאָקט. פרום איז געווען דער קרעטשמער, און אויך זיין ווייב איז געווען אַ גרויסע צנועה, זיי האָבן געדאַנקט דעם ליבן גאָט וואָס ער האָט זיי געשאַנקען אַזאַ געראָטענע און שיינע טאָכטער.

„באַרימט מיט איר שיינקייט איז געווען די טאָכטער אין דער גאַנצער געגנט און מען זי גערופן אין די דערפער „סאַראַ די קראַסאַוויצע". זי, סאַראַ, האָט געהאַט אַ מאַדאַניש פּנים און עס פלעגט זיך ביי די פּויערים און פּויערטעס פאַרגנבהנען אַ געדאַנק, אויב דאָס דאָזיקע יידישע מיידל איז נישט אַ קאָפּיע פון דער הייליקער מאַריע...

„פּאַסירט איין מאָל, אַז אין קרעטשמע איז געקומען אַ גרופּע איטאַליענישע סוחרים, און צווישן זיי איז געווען אַ באַרימטער מאָלער, אויך פון איטאַליע. אַ פּאָר וואָכן איז די דאָזיקע גרופּע סוחרים געווען אין קרעטשמע, געגעסן און געטרונקען און זיך אָפּגערוט פון שווערן וועג אויף די באַרקעס און שיפן. דערנאָך זענען די סוחרים אַוועק צום פּריסטאַן, אַוועקפאָרנדיק מיט די שיפן אין דער ריכטונג קיין קיעוו. אָבער דער איטאַליענישער מאָלער האָט נישט געוואָלט מיטפאָרן. סאַראַס שיינקייט האָט אים פאַרבלענדט און ער האָט אָנגעהויבן מאָלן אַ פּאָרטרעט פון איר. ער האָט איר געמאָלן אויפן פאָן פון דער עקזאָטישער פאַלעסיער לאַנדשאַפט עטלעכע וואָכן. ווען ער האָט פאַרענדיקט צו מאָלן דאָס בילד פון דער געטלעך־שיינער סאַראַ, האָט ער דערפילט צו איר אַ שטאַרקע ליבשאַפט און האָט זיך דערקלערט אין ליבע צו איר. מיט טרערן האָט ער

ביי איר געבעטן, אַז זי זאָל מיט אים הייראַטן און אַוועקפאָרן מיט אים קיין איטאַליע. סאַראַ האָט אים אויסגעהערט, אָבער זי האָט זיין פאַר־שלאַג נישט אָנגענומען. ווען עס פלעגט אַריינקומען אין שענק האָט זי באַשיידן און צניעותדיק דערלאַנגט יענעם דעם קופל מעד און איז אַוועק מיט אַ לייכטן נייג און נישט מער...

„איז אומגעגאַנגען דער איטאַליענישער מאָלער אין דער קרעטשמע און אַרום דער קרעטשמע, צווישן די טאָפּאָלן און בעריאָזקעס, וואָס זענען געוואַקסן ביים וועג, ווי צעדולט פון דער גליענדיקער ליבשאַפט צו סאַ־ראַן. ער האָט געזיפצט גאַנצע נעכט און נישט געקאָנט פאַרלעשן די פלאַם פון ליבע, וועלכע האָט זיך אין אים צעפלאַקערט. אין איין נאַכט פון שווערן ליידן און גלוסטונג נאָך דער שיינער סאַראַ, איז ער אַרויס פון אַלקער, ווו ער איז געשלאָפן. ער איז צוגעגאַנגען צום דיקן דעמבע־בוים, וואָס זיינע צווייגן האָבן באַשאָטנט סאַראַס אַלקער און האָט זיך אויף זיינע צווייגן אויפגעהאנגען. איז געוואָרן אויף מאָרגן פרי אַ געלויף פון לייב־פּויערים. מען האָט דעם מאָלער אַראָפּגענומען פון בוים און אים אַוועקגעפירט צום צווינטער אין נאָענטן דאָרף.

„די דאָזיקע טראַגישע פּאַסירונג האָט סאַראַס נאָמען נאָך מער באַ־רימט געמאַכט. אויך דעם קניאַזס זון מיט זיינע באַדינער האָבן זיך דער־ווּסט פון דער שיינער סאַראַ. איז ער מיט זיי ספּעציעל איין מאָל פאַר־פאָרן אין קרעטשמע. די פערד זייערע, די גניאַדע, האָבן זיי צוגעבונדן צום דעמבענעם בוים, אויף וועלכן ס׳האָט זיך אויפגעהאנגען דער מאָלער. זיי האָבן אין שענק דערזען ביים טאנבאַנק סאַראַן, זענען זיי געוואָרן באַצויבערט. אויך דער יונגער קניאַז האָט זיינע אויגן פון איר נישט אַראָפּגענומען. זי האָט זיי דערלאַנגט קופלעס מעד מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. אָבער זי האָט איין איינציק בליק געוואָרפן אויף דעם יונגן קניאַז און אַוועק מיט אַ שיינעם נייג ביז צו דער ערד. ער איז צו איר צוגעג־גאַנגען און האָט איר האַנט אַ קוש געטאָן. זי האָט פאַרלאָזט דעם טאנ־באַנק און אַריינגעלאָפן צו איר אַלקער. אין איינציקע מינוטן איז זי אַרויס און דער יונגער קניאַז איז נאָך אַלץ געזעסן מיט זיין קאָמפּאַניע. זיי האָבן ווייטער געבעטן מעד און זי האָט זיי דערלאַנגט אַלץ מיט דעם זעלבן שיינעם גראַציעזן נייג, און דער קניאַז איז ווידער צוגעגאַנגען צו איר

און אַ הייסן קוש געגעבן, שעפּטשענדיק איר, אַז ער האָט איר ליב גע־קריגן.

„דער קניאַז איז אַוועקגעפּאָרן אין שלאָס. אייניקע וואָכן האָט ער זיך אין שענק נישט באַוויזן. ער איז געזעסן אין שלאָס שטאַרק אומעטיק און פאַרטראַכט. אַלע שידוכים וואָס דער טאַטע האָט פאַר אים פאַרגעלייגט, האָט ער נישט אַקצעפּטירט.

„סאַראַ איז אויך אומגעגאַנגען פאַרטראַכט און אומעטיק. דער יונ־גער קניאַז האָט איר האַרץ אויך געפאַנגען. דעם דאָזיקן סוד האָט זי גע־האַלטן פאַרשלאָסן אין די צעלן פון איר האַרץ. דער טאַטע און די מאַמע האָבן אָנגעהויבן זען ביי זייער טאָכטער אַ גרויסע ענדערונג. זי האָט נישט געהאַט קיין אַפּעטיט צום עסן און גאַנצע נעכט האָט ביי איר אין אַלקער געברענט אַ קליינער קעראָסין־לאָמפּ. אַקעגן איר בעט איז געהאנגען איר פאָרטרעט, וואָס דער איטאַליענישער מאָלער האָט געמאַכט.

„איינמאָל איז דער טאַטע ביינאַכט אַריין צו איר אין אַלקער און האָט דעם פאָרטרעט צוגענומען. זי איז דאַן איינגעשלאָפן. ער האָט דעם פאָרטרעט פאַרוואָרפן אין דרויסן, אָבער אַ פויערטע האָט עס געפונען און האָט דאָס בילד געבראַכט אין איר כאַלופּע. זי האָט, ביים שיין פון קי־נעלעך, אין די פאַרטאָגן, קאָפּירט און אויסגענייט סאַראָס בילד, גלויבנ־דיק, אַז אין איר איז דאָ די געטלעכע שיינקייט פון דער הייליקער מאַריאַ. זי האָט עס דערנאָך אויסגענייט אויף האַנטוכער און טיכלעך. דערנאָך האָבן פאַלעשוטשקעס דאָס זעלבע געטאָן. מען האָט סאַראָס בילד אויס־גענייט אויף די בעסטע ספּאָדניצעס און קליידער, וואָס זיי טראָגן אויף חתונות און אין חגאות. מען האָט אַפילו באַצירט די צלמים אויף די גרעב־ליעס מיט טישטעכער און האַנטוכער, אויף וועלכע ס׳איז געווען קאָפּירט דאָס בילד פון דער יפת תואר שרה.

„עס איז אַוועק אַ ווינטער און אַ זומער. דערנאָך איז געוואָרן ווידער ווינטער און זומער. סאַראַ האָט געבענקט נאָך דעם שיינעם קניאַז און דער קניאַז האָט אויך נישט פאַרגעסן די שיינע סאַראַ. איין מאָל, ווען סאַראַ איז געגאַנגען אין וואַלד קלייבן שוואָמען און יאַגעדעס, איז אָנגעריטן דער יונגער קניאַז. ער האָט איר דערזען, איז ער גלייך אַראָפּ פון זיין גניאַדן און שיינעם פערד. ער איז צוגעגאַנגען און איר אַ הייסן קוש

געגעבן. זי האָט אים מיט קיין שום קוש נישט צוריקגעענטפערט. זי האָט אים בלויז געזאָגט: „ווען דו וועסט מיט מיר הייראַטן, וועל איך דיך דאַן ליב האָבן".

„אין וואַלד זענען געווען נאָך פּויערטעס און מען האָט געזעז און אַפילו געהערט סאַראַס רייד. מען האָט עס דערטראָגן צום שענקער און אַפילו אין שלאָס האָט מען זיך דערוווסט. סאַראַס טאַטע איז געפאַלן צו דער ערד און זיך געקאַרטשעט אין גרויס ווייטאָג. ער האָט געזידלט און געשריען אויף איר: שרה'קע, דו אויסוואורף און משומדתטע, וואָס האָסטו זיך אַריינגענומען אין די רעיונות דעם צעבאַלעוועטן קניאַז, וועל־כער איז נישט פון דיין פאָלק ישראל און ער וועט דיך בלויז פאַרפירן. עס וועט סיי ווי מיט דיר נישט חתונה האָבן. מיט אַן אָרעמער יידישקע, און דו מאַכסט זיך און דיינע עלטערן אומגליקלעך. די מוטער האָט טאָקע דעם גרויסן ווייטאָג לאַנג נישט געקאנט אויסהאַלטן און איז גע־שטאָרבן פון צער און עגמת נפש.

„ווען דער אַלטער קניאַז האָט זיך דערוווסט, אַז זיין זון האָט ליב געקראָגן דעם קרעטשמערס טאָכטער און אַ יידישקע דערצו, איז ער אַריינ־געפאַלן אין שטאַרקן גרימצאָרן. ער האָט געשיקט ברענגען דעם קרעטש־מער צו זיך, געבונדן מיט שטריק.

„די הויף־דינער האָבן געבראַכט צום קניאַז אין שלאָס דעם יידישן קרעטשמער, ער האָט מיט פריצישער רוגזה געשריגן אויף אים און געטופּעט מיט די פיס. עס האָט נישט געהאָלפן דאָס, וואָס דער שענקער איז אים צו די פיס געפאַלן און האָט מיט הייסע און זודיקע טרערן אים געזאָגט, אַז אין זיין זונס ליבשאַפט צו זיין טאָכטער איז נישט שולדיק נישט ער, נישט זיין טאָכטער און אַפילו נישט זיין זון, נאָר שולדיק איז איר שיינ־קייט — און האָט ביי די דאָזיקע רייד אַרויסגענומען אַ טיכל, אויף וועלכן עס איז געווען דאָס בילד פון זיין טאָכטער.

„האָט דאַן דער אַלטער קניאַז גערופן זיין זון צו זיך און אים גע־זאָגט: „זאָג זשע מיר, מיין הייסגעליבטער זון, מיין שוואַרצאַפּל פון אויג, וואָס איז געשען מיט דיר, וואָס דו ביסט אַזוי מאָראַליש געפאַלן און דו, אַ זון פון אַ שטיין־רייכן קניאַז און פון פירשטלעכן אַדל, האָסט זיך גאָר פאַרליבט אין אַ יידישקע?"

„— כ׳האָב דעם קרעטשמערס טאָכטער שטאַרק ליב געקראָגן און נאָר מיט איר וויל איך חתונה האָבן, און גיב מיר, פאָטער מיינער, דיין ברכה דערצו!״ — האָט מיט פלאַמיקע רייד געזאָגט דער יונגער קניאַז.

„— איך וועל דיר מיין ברכה נישט געבן און פון דער איצטיקער מי־נוט אָנערקען איך דיך נישט פאַר אַ זון און דו האָסט נישט קיין קווינט ירושה פון מיינע גיטער, וועלדער, פעלדער און לאָנקעס״ — האָט מיט שוימיקן כעס געריעדט דער אַלטער קניאַז. ער האָט באַלד נאָך די דאָזיקע רייד באַפוילן דעם זון פאַרלאָזן דעם שלאָס און דעם קרעטשמער האָבן די באַדינער אַריינגעוואָרפן אין קעלער.

„דער יונגער קניאַז האָט זיך שוין מערער צו זיין טאַטנס הויז נישט צוריקגעקערט. אים איז בלויז פאַרבליבן פון זיין מאַמען אַ קליינער מאַ־יאָנטעק און אויך אַ קעסטל, באַשלאָגן מיט גאָלד און זילבער. אין דעם דאָזיקן גוט איז געווען אַ גרויסע אָזיערע און אין מיטן איז געווען אַן אינדזל, וווּ ער האָט, מיט באַדינער, בסתר פון טאַטן, אויסגעבויט אַ שלאָס. דאָרט אַהינצו האָט ער געבראַכט סאַראַן, וועלכע האָט אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן.

„דער ווינטער איז געווען אַ שטאַרקער, מיט גרויסע פרעסט און דאָס אייז אויף דער אָזיערע איז געווען דיק. אַ גוטער און אויסגעפּלאַסטערטער שליט־וועג האָט זיך געשטעלט און אָנגעהאַלטן אַ גאַנצן ווינטער. אין דעם דאָזיקן ווינטער איז דער יונגער קניאַז געווען פאַרנומען מיט צוגרייטן פּאַרמאַליטעטן צו זיין חתונה מיט דער שיינער סאַראַ. עס איז שוין גע־ווען דער ווינטער אין זיינע לעצטע טעג און די זון איז געשטאַנען גאַנץ הויך. דער יונגער קניאַז איז געפאָרן אין דער נאָענטער פאַראַפיע צום גלח, נעמען ביי אים די נייטיקע דערלויבעניש צו דער חתונה און צו־גרייטן אַלע פאַטראַוועס און געטראַנקען צו זיין חתונה־מאָלצייט אינעם שלאָס. ער האָט אויך איינגעלאַדן אויף דער חתונה געסט און די גלחים פון דער סביבה.

„אָבער דאַן איז געשען אַ גרויסע וועטער־ענדערונג, וועלכע איז גע־קומען ראַפּטום. פון דער זייט פון דניעפּער זענען אָנגעקומען שטאַרקע ווינטן און די זון האָט אָנגעהויבן שיינען איבערן פריפּעט. האַסטיק און ראַפּטום האָט דאָס אייז אויפן פריפּעט אָנגעהויבן צעגיין און אויך אין

דער אָזיערע, ווו ס'איז געשטאַנען דער שלאָס פון יונגן קניאַז, האָט אָנגעהויבן צעגיין דאָס דיקע אייז האַסטיק און שנעל. גרויסע און שווערע קריעס אייז האָבן אָנגעהויבן זיך אויסטיילן. דער פּריפּעט האָט זיך צעגאָסן און דאָס וואַסער האָט פאַרפלייצט די יבשה. די וואַסערן האָבן דערגרייכט צו דער אָזיערע, אויפהייבנדיק די אייז־קריעס אַלץ העכער און העכער. אַרום דער אָזיערע איז געוואָרן אַ ים און דאָס וואַסער איז געשטיגן מיט יעדער סעקונדע און מינוט. די אייז־קריעס האָבן זיך געהויבן אין דער הויך און אָנגעקלאַפּט מיט גרויסער קראַפט צו די ציגל פון שלאָס. דאָס וואַסער האָט דעם שלאָס פאַרשווענקט און די קריעס אייז האָבן די ווענט צעקרישלט. אַלע באַדינער און די שיינע סאַראַ זענען דערטרונקען געוואָרן אין דער אָזיערע.

„דער יונגער קניאַז האָט זיך צוריקגעקערט פון גלח פאַרנאַכט־צו. די פּויערים האָבן אים אין וועג אָנגעזאָגט די שוואַרצע בשורה, אַז קיינער פון זיין שלאָס האָט זיך נישט געראַטעוועט. זיי האָבן דעמאָלט זייערע נעצן געהאַט אין אָזיערע פאַרלייגט און דאָס וואַסער האָט זיי אויך פאַרשווענקט.

„דאַן איז ער נאָך האַסטיקער געפאָרן צו דער אָזיערע. ער איז געקומען און געזען ווי דאָס וואַסער האָט אַפילו קיין סימן פון שלאָס נישט איבערגעלאָזט. ער איז דאַן אַרויפגעגאַנגען אויף אַ הויכן ברעג פון דער אָזיערע, באַוואַקסן מיט אַשינעס און יעלאוועביימער און מיט וויינענדיקע ווערבעס. ער איז צוגעגאַנגען צו אַ פּאָר וויינענדיקע ווערבעס, וואָס זענען געשטאַנען ביים סאַמע ראַנד און זיך געזעצט אַ ווײַלע, באַטראַכטנדיק די אָזיערע אין דער ברייט און לענג. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעשטעלט, געשטאַנען, געשטאַנען עטלעכע רגעס, און מיט איין פאַרמעסט זיך אַרייגעוואָרפן אין די טיפענישן פון וואַסער, כדי צו טיילן דעם זעלבן גורל פון זיין הייסגעליבטער סאַראַ.

„נאָך אין דער זעלבער נאַכט האָט זיך דער אַלטער קניאַז דערוווסט פון דעם אַלעם און פון זיין זונס טויט. ער האָט אין דער רגע כמימרא באַפוילן אַרויסצונעמען דעם יידישן שענקער פון קעלער און אים אַוועקפירן צו דער אָזיערע. ער האָט באַפוילן צוצובינדן צום שענקערס האַלדז אַ שווערן שטיין און אים אַריינוואַרפן אין אָזיערע, כדי ער זאָל אומקומען פאַר דער שולד פון זיין שיינער טאָכטער סאַראַ און פאַר זיין

זונס טויט, וואָס איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט געדאַרפט פאַרזעצן די יחוס־קייט פון זיין פירשטלעכער אָפּשטאַמונג.

„דער אַלטער קניאַז האָט שוין נאָך דער דאָזיקער טראַגישער געשיכטע לאַנג נישט געלעבט, ער האָט געבענקט און געטרויערט נאָך זיין זון און פון גרויסער גריזאָטע איז ער געשטאָרבן“.

זינט יענע, יענע יאָרן, רופן די פּויערים די דאָזיקע אָזיערע מיט דריי נעמען: קניאַז־אָזיעראָ, טשערוואָנע אָזיעראָ און ז ש י ד ־ אָזיעראָ.

„באַנדעראָווצעס“

דאָס וואָרט „באַנדעראָווצעס“ איז געווען און עס וועט פאַרבלייבן ביי אונדז, פּאַרטיזאַנער, און ביי אַלע יידן, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט די וואַלד־מאַרטיראָלאָגיע אויף מערב־אוקראַינע און אין מזרח־גאַליציע, ווי דאָס שרעקלעכסטע געשפּענסט. זייער אַ סך פּאַרטיזאַנער זענען אומגעקומען דורך די דאָזיקע פאַשיסטישע אוקראַינער. גאָר אַ גרויסע צאָל יידן זענען גרויזאַם געטויט געוואָרן דורך זיי. הגם די אוקראַינישע פאַשיסטן האָבן זיך צוגעאייגנט אַ סך נעמען, ווי: בולבאָווצעס, א. ג. „טאַראַס בולבאַ“, דער הויפּט־העלד פון גאָגאָלס בוך „טאַראַס בולבאַ“; „פּעטליוראָווצעס“, א. ג. פון „אַטאַמאַן פּעטליורא“; „זעליאָנאָווצעס“, א. ג. פון דעם „אַטאַמאַן זעליאָני“, וואָס האָט אויסגעשאָכטן אַ סך יידישע שטעטלעך אין דער אומגעגנט פון קיעוו, אין פּעטליוראָס צייטן, אָבער מייגסטן האָבן זיי זיך אָנגערופן „באַנדעראָווצעס“ א. ג. פון סטעפּאַן באַנדעראַ, וועלכער האָט דערמאָרדעט דעם פּוילישן מיניסטער פּיעראַצקי, אייניקע יאָר פאַר דעם צווייטן וועלט־קריג. באַנדעראַ איז באַלד נאָך זיין טעראָר־אַקט אַנטלאָפן קיין בערלין צו היטלערן. דאָרט, אין בערלין, איז געווען אַ גאַנצע נעסט פון אוקראַינישע פאַשיסטן, פון רוסישע ווייסגוואַרדייער, פאַשיסטישע עלעמענטן פון ווייסרוסלאַנד, ליטע און פון די באַלטישע לענדער זענען אויך אַנטלאָפן אין היטלעריסטישן דייטשלאַנד. מען האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דער שעה, ווען היטלער וועט אָנהייבן דעם קריג קעגן ראַטנפאַרבאַנד און פוילן. מען האָט פון די אַלע ווייסגוואַרדייער און

פאַשיסטן געשאַפן פאָרמאַציעס און מען האָט זיי געשולט מיליטעריש און מען האָט פאַר זיי איינגעאָרדנט קורסן פאַר לערנען זיי ווי צו פאַרנעמען פּאָסטנס אין דער אַדמיניסטראַציע פון די שטחים, וועלכע וועלן אָקופּירט ווערן דורך די דייטשן. נאָך איידער היטלער איז באַפאַלן רוסלאַנד, האָט מען אין קראָקע אָרגאַניזירט מיליטערישע קורסן פאַר אוקראַאינישע „סי־טשעווויקעס". באַלד ווי די דייטשן זענען אַריין אין אוקראַאינע, זענען גע־קומען די „סיטשעווויקעס" און האָבן אָנגעהויבן שעכטן די יידישע באַ־פעלקערונג. זיי האָבן פאַרנומען די פּאָסטנס פון קאָמענדאַנטן פון די פּאָליצײַ־אַמטן און זענען געוואָרן די גאַלאַוואַס אין דערפער, שטעטלעך און שטעט.

דאָס היטלעריסטישע דייטשלאַנד האָט דאָך געצילט צו צעברעקלען רוסלאַנד און פון איר אָפּרייסן ווײַסרוסלאַנד און אוקראַאינע און זיי איינ־גלידערן אין דריטן רייך. מען האָט אַפילו איינגעפירט אין אַ סך שולן דעם לאַטיינישן אלף־בית און מען האָט אין זיי אָנגעהויבן איינפלאַנצן די גרעסטע שאָוויניסטישע געפילן, אַגיטירנדיק, אַז גאַנצע דורות זענען זיי געווען פאַריאָכט צו רוסלאַנד, פריער צום צאַר און איצטער צו דער זשידאָ־קאָמונאַ, אָבער איצטער האָבן זיי אַ געלעגנהייט צו באַפרייען זיך מיט דער הילף פון דער אומבאַזיגבאַרער דייטשישער אַרמיי.

באַזונדערס האָט דאָס פאַשיסטיש־היטלעריסטישע דייטשלאַנד גע־וואָלט דעראָבערן די הערצער פון די אוקראַאינער, דאָס צווייטע סלאַווישע פאָלק נאָך רוסלאַנד, וואָס ציילט 42 מיליאָן נפשות. די מענטאַליטעט פון די שאָוויניסטישע אוקראַאינער איז געווען צוגעפּאַסט צו דער נאַצי־פאַשיסטישער אידעאָלאָגיע. שטאַרק־נאַציאָנאַליסטישע, שאָוויניסטישע גע־פילן זענען דאָ ביים אוקראַאינישן פאָלק. די אוקראַאינער האָבן דאָך גע־שטעלט, אין די ערשטע יאָרן פון דער סאָוועטישער מאַכט, די גרעסטע ווידערשטאַנד־באַוועגונג און האָבן שטאַרק באַקעמפט די סיסטעם פון די קאָלכאָזן. אויך בנוגע דער יידישער אויסראָטונג האָבן די דייטשן צווישן די אוקראַאינער געפונען די גרעסטע אונטערשטיצונג. דער גייסט פון באָג־דאַן כמעלניצקי האָט ביי זיי געלעבט, און דעריבער איז זיי געווען לייכט איבערצונעמען די ראַסן־טעאָריע און מיטהעלפן די דייטשן צו פאַרניכטן די יידן. חוץ דעם איז אוקראַאינע אַן און פאַר זיך געווען אַ גוטער ביסן

פאַר די דייטשן. די ערד איז שוואַרץ און פּרוכטבאַר, איינע פון די רייכס־טע און פרוכטבאַרסטע טעריטאָריעס אויף דער וועלט.

די דייטשישע רייך־קאָמיסאַרן — עריך קאָך און ווילהעלם קובאַ — די באַלעבאַטים איבער אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד, האָבן ביי יעדער גע־לעגנהייט דעקלאַרירט זייער סימפּאַטיע די דאָזיקע פעלקער און געגעבן הבטחות, אַז ווי נאָר עס וועט פאַרענדיקט ווערן דער קריג, באַקומען ביידע לענדער זעלבשטענדיקייט. מען האָט אַפילו, למראית עין, באַשטימט פּרע־זידענטן, וואָס וועלן שטיין בראש פון די רעגירונגען. פאַר ווייסרוסלאַנד איז באַשטימט געוואָרן אַלס „פּרעזידענט" אָסטראָווסקי און פאַר אוקראַי־נע איז נאָמינירט געוואָרן פאַר אַ פּרעזידענט פּראָפ. סטאַצקי.

פול מיט אָפּטימיזם און האָפענונג אויף דער שנעלער אַנטשטייאונג פון אַ סאַמאָסטינע אוקראַינע, זענען געווען אַלע אוקראַיניש־שאָוויניסטישע עלעמענטן. די אַלע געוועזענע פּעטליוראָווצעס און די אוקראַינישע נאַציאָ־נאַליסטישע פירער אין גאַליציע האָבן אין דעם אויפקום פון אוקראַינע אַלס זעלבשטענדיקע מדינה נישט געצווייפלט און זיך געפרייט מיט די נצחונות פון דער דייטשישער אַרמיי. מען האָט נאָר געוואַרט, אַז קיעוו, די הויפּטשטאָט פון אוקראַינע, זאָל פאַרנומען ווערן, און דאַן וועט עטאַ־בלירט ווערן די „סאַמאָסטינע אוקראַינע". סטעפּאַן באַנדעראַ איז געקו־מען קיין לעמבערג צוזאַמען מיט די דייטשע פולקן. די באַגייסטערונג ביי דער אוקראַינישער באַפעלקערונג איז געווען גרויס. זי האָט געקוקט אויף באַנדעראַן, ווי דער יורש פון פּעטליוראַן, און האָבן אים פאַרגעשטעלט ווי אַ נאַציאָנאַלן העלד.

איך געדענק ווי אויף וואָלין האָבן זיך באַקומען די ערשטע אויפרופן פון באַנדעראַן, וועלכער האָט צוגעזאָגט די אוקראַינער פולע פרייהייט און האָט אונטערשטראָכן, אַז גאָר שנעל וועט געשאַפן ווערן אַ זעלב־שטענדיקע אוקראַינע. אויך דער מעטראָפּאָליט פון אוקראַינע, שעפּטיצקי, האָט פאַרעפנטלעכט אַ רוף צו דער באַפעלקערונג וועגן אַ „סאַמאָסטינע אוקראַינע" און פון פרייהייט פאַר אַלע נאַציאָנאַלע מיעוטים, וועלכע גע־פינען זיך אויף דער אוקראַינישער ערד. די יידן אין די שטעטלעך האָבן קאָמענטירט דעם דאָזיקן רוף, אַז די דייטשן וועלן די יידן קיין שלעכטס נישט טאָן. אָבער ווען די דאָזיקע פּלאַקאַטן און דעקלאַראַציעס פון באַנ־

דערצו און פון שעפּעטיצקין זענען פונאַנדערגעקלעפּט געוואָרן איבער די שטעט און שטעטלעך, זענען זיי דורך דער געסטאַפּאָ אַראָפּגעריסן געוואָרן. עס איז דאַן פאַרשפּרייט געוואָרן אַ קלאַנג, אַז באַנדעראַ איז דורך די דייטשן אַרעסטירט געוואָרן און מען האָט גערעדט אַז ער איז דערמאָרדעט געוואָרן אין די קעלערן פון דער געסטאַפּאָ אין לעמבערג.

נאָך די דאָזיקע קלאַנגען איז געוואָרן פאַרשפּרייט אַ ידיעה, אַז די אוקראַאינער אין לעמבערג האָבן אָרגאַניזירט די „אוקראַאינסקאַ פּאָווסטאַנטשאַ אַרמיאַ“ (אוקראַאינישע אויפשטאַנד־אַרמיי) און ווילן קעמפן קעגן די דייטשן. אָבער די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט בלויז אַרויסגעלאָזט אויפרופן און פּראָקלאַמאַציעס מיט אַן אַנטי־דייטשישער שטעלונג. ערשט אין אָנהייב פון 1942, ווען עס איז געוואָרן אויפגעדעקט די בולטע כוונה פון די דייטשן צו מאַכן פון אוקראַאינע אַ וואַסאַלע לאַנד און עס איז באַוווסט געוואָרן די מאַפּע פון די היטלעריסטן, וואָס האָט שטאַרק פאַרקלענערט די תחומים פון דער אוקראַאינישער טעריטאָריע, האָבן מיטגלידער פון דער אוקראַאינישער אויפשטאַנד־אַרמיי דורכגעפירט אייניקע טעראָר־אַקטן אויף ס״ס און דייטשישע זעלנער און דערנאָך איז שטיל געוואָרן. ס׳האָט, ווייזט אויס, געזיגט דער געדאַנקענגאַנג, אַז מען דאַרף געבן די דייטשן די מעגלעכקייט צו ליקווידירן די זשידאָ־קאָמונאַ, באַזיגן דעם באָלשעוויזם און אויסראָטן די יידישע באַפעלקערונג. אוקראַאינישע נאַציאָנאַליסטן זענען אַריינגעטראָטן אין דער אַדמיניסטראַציע, אין דער פּאָליציי און אין אַלע געביטן פון עפנטלעכן לעבן. דעם קאַמף קעגן די דייטשן, האָבן זיי געטראַכט, וועלן זיי דאַן אָנהייבן, ווען דער קריג וועט זיין געענדיקט, און אויב די דייטשן וועלן שטערן צו עטאַבלירן אַ „סאַמאָסטינע אוקראַאינע“. געוויס זענען פאַר זיי די דייטשן אידעאָלאָגיש געווען נעענטער ווי די סאָוועטישע מאַכט, הגם עס האָט זיי שטאַרק באַאומרויקט די צוגעשניטענע מאַפּע פון דער נייער אייראָפּע, וואָס מזרח־גאַליציע וועט געהערן צו דער גענעראַל־גובערנאַטאָרסטווע אין פּוילן, קאַרפּאַטן־רוסלאַנד — צו אונגאַרן, די פאַרשטאָט אָדעס מיט דעם גאַנצן דרומדיקן טייל פון בוג און דניעסטער — צו רומעניע. כאָטש מען האָט צו אוקראַאינע צוגעטיילט די געגנטן פּינסק און בריסק, איז עס זיי, די אוקראַאינער, נישט געווען קיין שום פאַרגיטיקונג, ווייל זיי זענען אָרעמע געביטן און קאָנען נישט ווערן

אויסגעטוישט אויף די רייכע געגנטן פון אוקראַינע. באַזונדערס זענען די אוקראַינער געוואָרן איינגעשטילט אין באַצוג צו די דייטשן נאָך דער דייטשישער נידערלאַגע אויפן סטאַלינגראַדער פראָנט. זייער לאָזונג איז געווען: „מיר דאַרפן זיין אַקטיווער און מער העלפן די דייטשן ממשות־דיק".

מיר האָבן אין דער ערשטער צייט פון אונדזער פּאַרטיזאַנקע זיך נישט אָנגעשטויסן אויף אַן אוקראַיניש־שאָוויניסטישער באַוועגונג אין מערב־אוקראַינע. די אוקראַינער זענען געווען פאַרטראָטן אין דער פּאָליציי און אונדזערע קאַמפן מיט זיי זענען געווען ווי מיט דייטשישע באַוואָפנ־טע כוחות. די דערפער האָבן גאָר פון אָנהייב אונדז נישט געשטיצט דער־הויפּט צוליב דעם, וואָס זיי האָבן זיך געשראָקן פאַר די דייטשן טאָמער וועט מען אונטערצינדן און פאַרברענען די הייזער, שטאַלן און שייערן און אויך טויטן זיי, ווי עס איז פאָרגעקומען אין אַ סך ערטער. איינצלנע פּאַרטיזאַנער, ווען זיי זענען געגאַנגען אויף אַ פאַרגעב אויפצורייסן באַן־ליניעס און אַראָפּרייסן דייטשישע עשאַלאָנען, האָבן זיי, איידער מען איז אַריינגעקומען אין אַ דאָרף, זיך גערדאַרפט בלויז אינפאָרמירן אויב קיין דייטשן און פּאָליציי זענען נישטאָ. פאַר די פּויערים גופא האָט מען זיך נישט געשראָקן. אָבער ווען די דייטשן האָבן ליקווידירט אין אַ סך דער־פער און ישובים די פּאָליציי־אַמטן און דער פּלאַן אַריינצושיקן פּאָליציי אַלס פּאַרטיזאַנער איז דורכגעפאַלן, צוליב דער וואַכזאַמקייט פון די פּאַר־טיזאַנער, — ווי איך האָב באַשריבן דעם גורל פון אַ פּאָליצייאישער גרופּע אין אָזיערסקער וואַלד — האָט די דייטשישע מאַכט אָנגעהויבן אָרגאַני־זירן **גרינע** פּאַרטיזאַנישע פאָרמאַציעס אויף צו קעמפן מיט די רויטע פּאַרטיזאַנער. ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן האָבן אָנגעהויבן אַנטשטיין אַזוינע באַנדעס, וואָס האָבן אָנגענומען דעם זעלבן נוסח פון קאַמף ווי מיר, רויטע פּאַרטיזאַנער. דערהויפּט איז געוואַקסן די צאָל באַנדעס נאָך דעם אַנקום פון די ברייַנסקער פּאַרטיזאַנער און נאָך די נצחונות פון דער רויטער אַר־מיי. די דייטשן האָבן די פאַשיסטישע פאָרמאַציעס געליפערט ערשטקלאַ־סיקן מאָדערנעם וואָפן און זיי אַריינגעשיקט אינסטרוקטאָרן. פריער זענען די באַנדעס געווען קאָמפּלעטירט דערהויפּט פון יוגנטלעכע פון 16־17 יאָר. זיי פלעגן מאַכן זאַסאַדקעס אין די גערטנער און ביי ראַנדן פון וועל־

דער צו באַפאַלן דורכגייענדיקע פּאַרטיזאַנער. די יעניקע פּויערים, וואָס האָבן אַפילו סימפּאַטיזירט מיט די פּאַרטיזאַנער, האָבן זיך אויך געשראָקן פאַר די דאָזיקע גרינע פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן זיך מיינסטן אָנגערופן „באַנדעראָווצעס״. זיי זענען געווען אויך באַוווּסט מיטן נאָמען „סיקאָ־טשי״ (העקער), ווייל זיי פלעגן טויטן זייערע קרבנות מיט לאַנגע האַי־דאַמאַקישע העק, ווי די באַנדעס פון כמעלניצקי און גאָנטאַ קאָזאַק אין מיטלאַלטער.

די דאָזיקע „באַנדעראָווצעס״ האָבן געהאַט זייערע אַטאַמאַנען, גרע־סערע און קלענערע. כמעט איטלעך דאָרף האָט אַרויסגעגעבן אַן אַטאַמאַן. עס איז געווען אַזוי, אויב אַ יונגער שייגעץ פון 15־16 יאָר האָט באַוויזן צו באַפאַלן די רויטע פּאַרטיזאַנען אָדער מאָרדן אַ פאַמיליע, וואָס האָט געהאַט אַ מאַן, אַ ברודער אָדער אַ זון אין די רייען פון די רויטע פּאַרטי־זאַנער, איז ער געוואָרן אַן אַטאַמאַן און אַפילו די גאַנצע גרופּע האָט זיך אָנגערופן אויף זיין נאָמען. דאָס רוב פלעגן זיי זיך אָנרופן מיט פּסעוו־דאָנימען, גענומען נעמען פון אוקראַאינישע העלדן פון מיטלאַלטער אָדער סתם זיך אָנרופן מיט נעמען ווי „מוכאַ״, „קורען״, „באַטקאָ״, „סאָקאָל״, א.א.וו. זיי האָבן געהאַט בעסערע באַדינגונגען צום קאַמף ווי מיר. זיי האָבן געקאַנט יעדן וועלדל און יעדע קאַנאַווע און בלאָטע און יעדן וועג און שטעג. זיי פלעגן דורכפירן זייערע איבערפאַלן נאָענט צו די דער־פער, ווו זיי זענען געבוירן געוואָרן און געווען פאַסטוכער.

די גרעסטע אַטאַמאַנען זענען אונדז געווען באַוווּסט מיט די נעמען אַנדריי מעלניק און בולבאַ באָראָוועץ. אויף וואָלין, נאָענט צו אונדזער פּאַרטיזאַנער־זאָנע, איז געווען טעטיק דער אַטאַמאַן באָראָוועץ. ער איז געווען פאַרן קריג אַן אייגנטימער פון אַ שטיין־האַקעריי אין שטח פון לודוויפּאָל (ראָוונער געגנט). אין 1939 איז ער אַנטלאָפן קיין בערלין און איז דורכגעגאַנגען אַ קורס פון שפּיאָנאַזש און דיווערסיע. ווען די דייטשן זענען אַריין אויף וואָלין, האָט ער זיך צוריקגעקערט מיט נאָך פּעטליור־ראָווצעס און שונאים פון דער ראַטנמאַכט. די דייטשן האָבן אים אויפ־גענומען מיט אָפענע אָרעמס און ער האָט אָן שום פונק פון רחמנות פאַר־ניכטעט אַ סך פאַמיליעס און פּערזאָנען, וואָס זענען געווען טעטיק אין די סאָוועטישע רייען. ער האָט געהרגעט אויף אַן אכזריותדיקן אופן פרויען

און קינדער, און האָט מיטגעהאָלפן צו פּייניקן און אויסראָטן די יידן אין וואָלין. ער האָט דער ערשטער אָרגאַניזירט די שחיטה אויף די יידן אין קאַסטאָפּאָל. צוזאַמען מיט די דייטשן האָט באַראָוועץ דורכגעפירט אַ מאַסן־שחיטה אויף אַלע מענער אין קאַסטאָפּאָל, אין אַ צאָל פון 450 און דער־נאָך האָט מען געמאָלדן, אַז מען וויל שיקן די פרויען פון די דערמאָר־דעטע מענער אויף אַ זיכערן אָרט, ווו מען וועט זיי געבן אומזיסטע וווי־נונגען און שפּייז. מען האָט זיי אַלעמען אַרויסגעפירט אין וועלדל, נישט ווייט פון קאַסטאָפּאָל און דערשאָסן, צוזאַמען מיט זייערע קינדער.

די דאָזיקע פּלאָג — די באַוועגונג פון די באַנדעראָווצעס — איז פאַר־אונדז געוואָרן שטאַרק געפערלעך. זי האָט זיך פאַרשפּרייט ווי אַ פּעסט פון איין דאָרף צום צווייטן. אַפילו די דערפער און אַ סך פויערים, וואָס מיר האָבן זיי אָנגעטרויט געוויסע פאַרגעבן, זענען אין איין נאַכט געוואָרן אַריינגעצויגן אין דער פאַשיסטישער פּלאָג. אַפילו אין די רייען פון אונ־דזער וואָראָשילאָוו־אָטריאַד האָבן מיר אָנגעהויבן באַמערקן יעדן טאָג אַז עס פעלן אונדז פאַרטיזאַנער, אַפּשטאַמיקע פון די אַרומיקע דערפער. די לאַגע איז געוואָרן קריטישער און געפערלעכער מיט יעדן טאָג און אַפילו מיט יעדער שעה.

מיר האָבן אָנגעהויבן ליידן פאַרלוסטן אויף אַלע וועגן און שליאַכן, ביי ראַנדן פון וועלדער און ישובים. באַזונדערס איז געווען שווער פאַר די דיווערסיע־גרופּעס, ווייל זיי פלעגן גיין צו 4־5 פּערזאָן, כדי אויפצו־רייסן אַ בריק אָדער דעמאָלירן די באַן־מאַגיסטראַלן האָט זיך נישט גע־נייטיקט קיין סך מענטשן. וואָס די גרופּע איז געווען קלענער, איז איר גרינגער געווען אויסצופירן די דאָזיקע אַרבעט. מען איז געווען נישט באַמערקט ווי אַ גרויסע גרופּע, און מען איז שטיל צוגעגאַנגען צום אָנגע־מערקטן אָרט. מען פלעגט אין די נעכט פאַרלייגן דעם טאָל און פאַרציען אַ שנור ביזן סאַמע ראַנד וואַלד, דערנאָך ווי מען האָט געהערט, אַז אַ דייטשישער צוג גייט, איז מען געזעסן מיט אומגעדולד און גרויסער וואַכ־זאַמקייט, ביז דער עשאַלאָן איז צוגעפאָרן צום אָרט, ווו דער טאָל איז געלעגן, און דאַן האָט מען אַ צי געטאָן דעם שנור און ס׳איז פאָרגעקומען די עקספּלאָזיע און מען איז גלייך פאַרשוווּנדן טיף אין וואַלד. היות אין אָנהייב איז קיין ספּעציעלע וואַך נישט געווען ביי די באַן־ליניעס, איז די־

דאָזיקע דיווערסיע־אַרבעט נישט געווען קיין קאָמפּליצירטע. געפערלעכער איז געוואָרן די אַרבעט, ווען לענגאויס די באַן־ליניעס האָבן די דייטשן אָוועקגעשטעלט פּאַטרולן, וועלכע פלעגן אומגיין הין און צוריק אויף אַ באַווּסטער דיסטאַנץ. באַזונדערס איז געוואָרן שווער דער צוגאַנג צו די באַן־רעלסן צוליב די באַנדעראָווצעס, וועלכע זענען אומגעגאַנגען באַוואָפנט איבער די וועגן און אין די דערפער. כמעט אַלע דיווערסיע־גרופּעס וואָס פלעגן זיך אומקערן אין די וואַלד־באַזעס, האָבן געהאַט פאַרלוסטן פון 1־2 פּערזאָן, אָדער מען פלעגט ברענגען פאַרווונדעטע.

ס'איז געוואָרן שווער מיט אַפּראָוויזאַציע. פריער האָט מען געקראָגן שפּייז און פאַרשיידענע פּראָדוקטן, בהמות און שאָף פון די דייטשישע הויפן און פאָלוואַרקעס אין דער אומגעגנט. מען פלעגט אָוועקפאָרן אין דערפער מחוץ פון אונדזער זאָנע און מען האָט דאָרט ביי רייכע פּויערים און פאַשיסטישע עלעמענטן קאָנפיסקירט, אָן שום קאַמף, די נייטיקע פּראָדוקטן און בהמות. איצט, מיטן אויפקום פון די באַנדעראָווצעס, איז מען נישט געווען בכוח צו טאָן עס אַזוי לייכט ווי פריער. יעדע ווירטשאַפטלעכע עקספּעדיציע איז געווען פאַרבונדן מיט מענטשלעכע פאַרלוסטן. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַשיסטיש־נאַציאָנאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע זענען אַ סך דערפער פון אונדזער פריערדיקער זאָנע אַריבער צו די „באַנדעראָווצעס" און צו אונדזער „מלכות־דאָרף" זענען בלויז פאַרבליבן 2־3 דערפער, וואָס מיר האָבן ביי זיי נישט געטאָרט קאָנפיסקירן קיין שום זאַך, כדי זיי נישט אויפצורייצן.

די דייטשן זענען געווען צופרידן פון די מעשים פון די „באַנדעראָווצעס". דאָס איז ביי די דייטשן געווען אַ גוט מיטל צו קעמפן קעגן אונדז, דערצו מיט פרעמדע הענט. זיי פלעגן אין די דערפער זיך נישט באַווייזן און מען האָט נישט גענומען ביי זיי קיינע פּאָסטאַוועקעס און נישט געמאַכט קיינע קאָנפיסקאַציעס. עס האָט זיי שוין נישט געאַרט, וואָס די אוקראַינער האָבן איינגעאָרדנט מיטינגען און פאַרשפּרייט פלוגבלעטער וועגן אַ „סאַמאָסטיינע אוקראַינע".

אַ גוואַלדיק־גרויסער שאָוויניסטישער פּאַטריאָטיזם איז געוואָרן אין די דערפער, באַזונדערס אין די באַפעלקערטע פּונקטן, וואָס זענען געלעגן ביים טייך „האָרין" און אין דער אומגעגנט פון לוצק־דובנע און ראָוונע;

מען האָט איינגעאָרדנט אין די דערפער ווילדע הוליאַנקעס און אָרגיעס, זאַבאַוועס און פּאַרוויילונגען, זינגענדיק אוקראַאינישע נאַציאָנאַלע לידער, ווי די פאָלגנדיקע:

„ליס — נאַש באַטקאָ,
ניטשקאָ — נאַשאָ מאַטי,
קריס טאָ שאַבליאָ —
ווסיאָ מאָיאָ סיעמיאָ"

(דער וואַלד איז אונדזער טאַטע, די נאַכט — אונדזער מאַמע. די ביקס און די שאַבליע — איז אונדזער גאַנצע געזינד).

ייכאַלי קאָזאַקי
ז' דאָנו דאָ דאָמו.
פּידמאַנולי גאַליו,
זאַבראַלי ז'סאָבאָיו...
אָיי טי, גאַליו,
גאַליו מאָ־לאָ־דאָ־יאָ....
אידמאָ, גאַליו, ז'נאַמי,
ז'נאַמי קאָזאַקאַמי...
קראַשצי טאָבי בודע,
יאָק וו' רידנאַי מאַמי!...

(עס זענען געפאָרן קאָזאַקן פון דאָן אַהיים. האָבן זיי פאַרנאַרט גאַליען, צוגענומען מיט זיך... אוי דו, גאַליאַ, גאַליאַ יונגע, קום, גאַליאַ, מיט אונדז, מיט אונדז קאָזאַקן... בעסער וועט דיר זיין ווי ביי דער אייגענער מאַמען)...

גרויסע אכזרים זענען זיי געווען. זיי זענען געגאַנגען אין די זעלביקע טריט ווי כמעלניצקיס רוצחים. די נייע צייט פון ציוויליזאַציע האָט די אוקראַאינישע רוצחים נישט געענדערט. זיי זענען נישט אָפּגעשטאַנען אין זין פון רציחות פון די היטלעריסטישע תלינים און משחיתים.

דער לאָזונג פון די „באַנדעראָווצעס" איז געווען: „פראָטי ליאַכיוו, פּראָטי זשידיוו טאָ טשערוואָניק פּאַרטיזאַן" (קעגן די פּאָליאַקן, קעגן די יידן און די רויטע פּאַרטיזאַנער).

כמעט אַלע פּוילישע קאָלאָניעס און ישובים, וואָס זענען אַנטשטאַנען בעת דער פּוילישער הערשאַפט, זענען דעמאָלירט געוואָרן און די פאַמי־ליעס זענען אויסגעהרגעט געוואָרן אויף אַ שרעקלעכן אופן. אין אַ פּוי־לישן דאָרף „זהאשטשי״, נישט ווייט פון דאָרף סוואַריטשעוויטש, זענען ביינאַכט אַריינגעקומען „באַנדעראָווצעס״ און מען האָט אויסגעקוילעט מטף ועד נשים. ווען מיר זענען אַריינגעקומען אויף מאָרגן אין דאָזיקן פּוילישן דאָרף, האָבן מיר געפונען אין די הייזער צעהאַקטע און צעפּיצלטע אברים פון די דערמאָרדעטע מענער און פרויען. אין אייניקע הייזער זענען די אויוונס געווען איינגעהייצט און עס זענען אין זיי געשטאַנען טעפּ מ׳יט מענטשלעכע שטיקער פלייש, וואָס האָבן זיך געקאָכט און געווען איינגע־בראָטן.

די דייטשן האָבן אויך געהאָלפן צו שעכטן די פּוילישע פאַמי־ליעס אין געגנטן, ווו די באַנדעראָווצעס האָבן גראַסירט. דאָס איז געווען מצד זיי אַן אויסדרוק פון סאָלידאַריטעט צו די אוקראַינישע מיתות משו־נות און אכזריותדיקע מעשים. אין איין ראַנד וואַלד, צווישן וויסאָצק און זאַלאַטיי, האָבן מיר געפונען 11 געהרגעטע פּאָליאַקן, וואָס האָבן געלעבט אין נאָענטן פּוילישן כוטאָר, אַ פּאָר ק״מ פון וועג. די קרבנות זענען גע־לעגן דערשאָסענע מיט די קעפּ צו דער ערד; דריי מענער, פיר פרויען און פינף קינדער. דאָס איז געווען אַ דייטשישע אַרבעט, ווייל אויף דעם אופן פלעגן זיי שיסן די יידן. כדי צו פאַרדעקן זייער מאָרד האָבן זיי, למראית עין, געפירט אַן אויספאָרשונג.

שרעקלעכע מאָרדן האָבן באַנדעראָווצעס אויסגעפירט אויף פּאַרטיזאַני־שע פאַמיליעס. מ׳האָט אין אַ דאָרף אויסגעהרגעט מיט היידאַמאַקישע העק פיר פּאַרטיזאַנישע פאַמיליעס. אין דאָרף פאַזנע איז געווען אַ יונגע פּויער־טע, וועלכע איז בעת דער סאָוועטישער הערשאַפט געוואָרן אויסגעקליבן אַלס דעפּוטאַט אין אוקראַינישן אויבער־ראַט פון דער סאָוועטישער אוק־ראַינישער סאָציאַליסטישער רעפּובליק. זי האָט געהאַלטן אַ קליינטשיק קינד אויף דער האַנט, בעת די באַנדעראָווצעס זענען אַריינגעקומען אין שטוב. זיי האָבן זי מיטן קינד צעהאַקט אויף פּיץ־פּיצלעך.

עס איז געווען אַזאַ פאַל: אין איין דאָרף האָט געוווינט אַ פאַמיליע. דער מאַן איז געווען אַן אוקראַינער און די פרוי איז געווען אַ פּוילישע.

זיי האָבן געהאַט דריי קינדער. ווען די באַנדעראָווצעס זענען אַריין ביי־נאַכט אין שטוב פון דער דאָזיקער פאַמיליע, האָבן זיי אים באַפוילן טויטן מיט אַ הייזאַמאַקישער האַק זיין ווייב און קינדער. ער האָט עס נישט געוואָלט טאָן, אָבער זיי האָבן אים שרעקלעך געפייניקט, ביז ער האָט זיך איינגעבראָכן און האָט געטויט זיין אייגן ווייב מיט זיינע אייגענע קינדער.

שווערע פאַרלוסטן האָבן געהאַט די יידן אין וואַלד. אין גראַף פלאַ־טערס וואַלד איז געזעסן אַ היפּשע גרופּע יידן אין אַ בונקער, אין אַ צאָל פון עטלעכע און דרייסיק נפשות. דאָס זענען געווען אַנטלאָפענע פון דאָמבראָוויץ, בערעזשניץ און וויסאָצק. די באַנדעראָווצעס האָבן אויפגע־זוכט דעם בונקער און מען האָט די גרופּע „ליקווידירט", מיט שרעקלעכע מיתות משונות. נאָר געציילטע פון דער גרופּע זענען אַנטלאָפן צו אונדז אין סוואַריטשעוויטשער וואַלד.

דער סוואַריטשעוויטשער וואַלד איז פול געוואָרן מיט אַנטלאָפענע יידן פון פאַרשיידענע בונקערס און פאַרשטעקטע פלעצער ביי פּויערים אין דערפער, פון פאַרטיזאַנישע פאַמיליעס און פון פּוילישע קאָלאָניעס און כוטאָרעס. עס איז געוואָרן אַ פּאַניק אין אונדזערע רייען. אַפילו די ברייענסקער אָטריאַדן האָבן אָפּגעשאַצט די לאַגע פאַר אַן ערנסטע און די באַנדעראָווצעס פאַר אַ גרויזאַמען און געפערלעכן שונא. אויך קאָוופּאַקס פאַרטיזאַנער האָבן אָפּגעשאַצט די סיטואַציע פאַר זייער אַ שווערע. עס האָט נישט געהאָלפן, וואָס פאַרטיזאַנער האָבן אָנגעהויבן צינדן די דער־פער. עס איז נאָך געוואָרן ערגער מיט דעם, ווייל דעמאָלט זענען גאַנצע דערפער אַנטלאָפן צו די באַנדעראָווצעס.

די באַנדעראָווצעס זענען געוואָרן פאַר די פאַרטיזאַנער דער שונא נומער איינס, די דייטשן לגבי זיי אַ קלענערער. האָבן אונדז פאַרשאַפט ווייניקער קרבנות, פאַרלוסטן, ווי די אוקראַינישע הייזאַמאַקישע הענקער, וואָס זענען געווען פול אין יעדן דאָרף און ישוב.

די אַבלאַווע פון דייטשן

מערץ 1943. דער וואַלד האָט געאָטעמט מיט פרילינג און ס׳האָט דערמאָנט אין די פאַר־פסחדיקע טעג. די ווינטלעך האָבן אויסגעטריקנט די לוזשעס און מיט יעדער שעה זענען ווייניקער געוואָרן די שפורן און סימנים פון ווינטער. די זון איז אַריינגעדרונגען אין די טיפן פון וואַלד און אַרום האָט זיך אָפּגעמערקט דעם אָנקום פון פרילינג. יעדער קוסט האָט אָנגעזאָגט באַנייאונג און אויפלעב.

אונדזער וואָראָשילאָוו־אָטריאַד איז דאַן קאָנצענטרירט געווען בלויז אין סוואַריטשעוויטשער וואַלד און אין די נאָענטע דערפער בראַדניצע, סוואַריטשעוויטש און אויף די כוטאָרעס א. ג. „ווערבעס״ די באַנדעראָוו־צעס האָבן פאַרכאַפּט אַ סך דערפער פון אונדזער זאָנע. זיי האָבן „גע־וועלטיקט״ אין אָזיערסק, זאַמרוטשעניע, וויטשעווקע, זאַלאַטיי, וואָלדימ־רעץ, וואָס זענען געווען פון אונדזערע סוואַריטשעוויטשער זעמליאַנקעס סך־הכל 10־15 ק״מ.

ביי די ברעגעס פון וואַלד און פון די אויבנדערמאָנטע דערפער האָבן זיך געפירט קאַמפן מיט די פאַשיסטישע באַנדעס. די אָטריאַדן פון אונ־דזער „סאָיעדיניעניע״ האָבן זייערע געצעלטן אויפגעשלאָגן אויף די כוטאָ־רעס פון ניקאָלאַיעווע, אין דערפער און וועלדער ביים „סטיר״. דאָרט האָבן די באַנדעראָווצעס נישט געראַסירט אין יענער צייט. דאָס איז געווען אין דער ריכטונג פון פינסק און די ווייסרוסישע פויערים האָבן אַזוינע באַנדעס דאַן נישט געהאַט.

די גאַנצע לאַסט פון די קאַמפן מיט באַנדעראָווצעס איז געפאַלן אויף אונדזער אָטריאַד, וואָס זיינע אַקטיוויסטע קעמפער זענען געווען יידי־שע פּאַרטיזאַנער. מיר זענען געווען אַ מערהייט און האָבן געציילט 100 יידישע פּאַרטיזאַנער און די ניט־יידישע האָבן געציילט לערך 70־80. סיי די באַנדעראָווצעס און סיי די דייטשן האָבן געטשאַטעוועט אויף דעם סוואַ־ריטשעוויטשער וואַלד און זייער ציל איז געווען צו „ליקווידירן״ די יידישע פּאַרטיזאַנער־באַנדיטן צוערשט און דערנאָך אָנגרייפן די אָטריאַדן פון דער „סאָיעדיניעניע״.

דער ערשטער סיגנאַל פון אַן אַנגריף אויף אונדזער אַטריאַד איז געווען די פאָלגנדיקע געשעעניש:

אין די נאָכמיטאָג־שעהן פון אַ מערץ־טאָג האָבן מיר באַמערקט ווי אויפן הימל קרייזלט זיך עפּעס. ס׳איז גראָד געווען פאַרנעפּלט און מען האָט געקאַנט זען אַ פאַס, וואָס איז מיט יעדער רגע געוואָרן גרעסער און דייטלעכער. אין זיגזאַגן האָט זיך דער דאָזיקער פאַס אויסגעטיילט וועלנדיק זיך באַפרייען פון דעם קלעם פון די וואָלקנס, וואָס זענען דאָ און דאָרט געהאַנגען איבערן הימל, ווי שמוציקע שמאַטעס. פריער האָט זיך געראַנגלט איין עראָפּלאַן ביז ער האָט זיך באַוויזן אין רוים, איבער אונדזער וואַלד און דערנאָך איז אַרויסגעקראָכן ווי פון אַ קאָלדרע אַ צווייטער און אַ דריטער. אַלע דריי עראָפּלאַנען האָבן זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן נידעריקער און אַ שרעקלעך־באַטויבנדיק גערויש האָט פאַרהילכט דעם שטח וואַלד, וווּ מיר זענען געווען. דאָס זענען געווען דייטשישע בלייענע פייגל, וואָס זענען געקומען באָמבאַרדירן אונדזערע וואַלד־באַזעס און וווינונגען. אייניקע מינוטן האָבן די „מעסערשמידס" זיך אומגעדרייט הין און הער לארכו ולרחבו פון וואַלד. די זעמליאַנקעס זענען געווען גוט פאַרמאַסקירט. מיר האָבן די גאַנצע צייט געלייגט גרויס אויפמערקזאַמקייט אויף דעם. מיט גרינע סאָסנעס, געצווייגן פון באַבלעטערטע אַלכע־ביימער האָט מען באַדעקט אַלע הייל־וווינונגען און פאַרשיידענע קלייניקייטן און קאָגיושניעס און שאָפּעס, וווּ עס זענען געשטאַנען בהמות, פערד, שליטנס און וועגענער. די עראָפּלאַנען האָבן אַרומגענישטערט און געזוכט אונדז, די „באַנדיטן", אָבער מען האָט גאָרנישט באַמערקט. מיר זענען אַלע אַריינגעגאַנגען אין די היילן. עס האָט געדויערט אַ פערטל שעה און מיר האָבן דערהערט אויפרייסן און שטאַרקע עקספּלאָזיעס, אַז די ערד אין די זעמליאַנקעס און דער גאַנצער וואַלד האָבן געגעבן אַ שרעקלעכן אויפציטער ווי עס וואָלט אַלץ געוואָרן אויפגעריסן. דערנאָך איז געוואָרן שטילער. די עראָפּלאַנען זענען אַוועקגעפלויגן פון וואַלד אין דער ריכטונג צום פאַרטיזאַנישן דאָרף סוואַריטשעוויטש. באַלד האָבן זיך דערהערט שטאַרקע דעטאָנאַציעס. דאָס האָבן די עראָפּלאַנען באָמבאַרדירט דאָס דאָרף און צעשמעטערט פון דעם דריי חלקים. די באַפעלקערונג, נישט זייענדיק אָריענטירט ווי מען דאַרף זיך באַגיין בעת אַ באָמבאַרדירונג האָט, דער־

זעענדיק דעם אָנפאַל פון די „מעסערשמידס", אָנגעהויבן אַרויסלויפן פון די הייזער און געלאָפן לענגאויס דעם דאָרף אין דער ריכטונג צום אָפענעם פעלד, כדי אַריינצולויפן וואָס גיכער אין וואַלד. דערווייל האָבן די דייטשן געהאַט אַ געלעגנהייט צו באָמבאַרדירן אין די לויפנדיקע פויערים, פויער־טעס, פרויען און קינדער. עס זענען געווען גרויסע פאַרלוסטן אין די רייען פון דער באַפעלקערונג. די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד האָבן קיין פאַרלוסטן נישט געהאַט. די באָמבעס, וואָס די עראָפּלאַנען האָבן אַראָפּגעוואָרפן, זע־נען געפאַלן נישט אין אונדזערע זעמליאַנקעס. אויך קיינער פון אונדזער וואַך אין וואַלד און ביי די ברעגעס האָט נישט געליטן. דער שטאַב אין דאָרף האָט אויך קיינעם נישט פאַרלוירן. אַלע מיטגלידער פון שטאַב זענען גלייך אַריינגעלאָפן אין סעדל און זיך געלייגט אויף דער ערד. עס האָבן נישט געהאָלפן די רופן פון די שטאַב־מיטגלידער צו דער באַפעלקערונג, זי זאָל עס אַזוי אויך טאָן, פון בהלה און גרויסער פּאַניק האָט דאָס גאַנצע דאָרף אָנגעהויבן אַרויסלויפן און די פליער האָבן געהאַט אַ לייכטע אַרבעט ווי צו מאָרדן און טויטן די באַפעלקערונג פון פּאַרטיזאַנישן דאָרף. די דייטשן האָבן דערנאָך אָפּישירט, אַז זיי האָבן צעשמעטערט אויף פּיץ־פּיצלעך די גרויסע פעסטונג פון די יידישע פּאַרטיזאַנער־באַנדיטן.

אין געציילטע טעג אַרום, נאָך אָט דער דאָזיקער באָמבאַרדירונג, האָבן אונדזערע אויספאָרשער זיך שיעור נישט אָנגעשטויסן מיט דער ערשטער דייטשישער קאָלאָנע, וועלכע איז געווען אַן אויסשפּיר־אָפּטיי־לונג פון אַ גרעסערער שטראָף־עקספּעדיציע. זי איז געגאַנגען אין דער ריכטונג צו אונדזער וואַלד צו מאַכן אויף אונדז אַן אָבלאַווע.

אונדזערע אויסשפּירער, אונטער דער אָנפירונג פון אַלעק אָבוגאָוו, זענען געווען נאָרוואָס אַריינגעפאָרן אין „ביי־דאָרף" פון שטעטל סערניק און שוין אַריבערגעפאָרן דעם טייך „סטובלא", וואָס טיילט אָפּ דאָס דאָרף פון שטעטל. באַלד ביים אַריינפאָר האָבן זיי זיך געטראָפן מיט די דייטשן. עס איז געוואָרן אַ שיסעריי, אָבער צוליב דער גרויסער צאָל דייטשן, זע־נען אונדזערע אויסשפּירער אָפּגעטראָטן און זענען געקומען צו דער באַזע אין וואַלד.

עס איז געוואָרן אַ גרויסע פּאַניק אין אונדזערע רייען און אין די דערפער. די באַפעלקערונג איז געלאָפן פון די כאַטעס מיט קינד און קייט

אין דער ריכטונג צו די וועלדער, שרייענדיק מיט הויכע גוואַלדן: נימצי! נימצי!

אונדזערע רייטער האָבן זיך געלאָזט אויף אַלע אומוועגן און גרעב־ליעס צו דערוויסן זיך ווי גרויס איז די צאָל פון די דייטשישע קאָלאָנעס און פון וועלכע ריכטונגען זיי גייען. די פּאַניק איז געשטיגן פון רגע צו רגע. עס איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אַ רייטער־אָפּטייל קיין ניקאָלאַיעווע, וווּ עס האָט זיך געפונען דער שטאַב פון דער „סאַיעדיניעניע“.

לאַנג האָט נישט געדויערט און די רייטערס האָבן זיך צוריקגעקערט, ברענגענדיק ראַפּאָרטן, אַז פּילצאַליקע פּראָנט־רעגימענטן מאַרשירן פון האַראַדנאַיער גרעבליע קיין וויטשעווקע און פון דאָרט קיין סערביק. דער לעצטער ראַפּאָרט איז געווען, אַז דייטשן האָבן פאַרנומען די אַלעקסאַנד־ראָווער כוטאָרעס ביים סאַמע ראַנד פון וואַלד און דער גרעבליע, וועלכע פירט צו סוואַריטשעוויטש.

מיר האָבן דאַן געהאַט אַ סך פאַרוווּנדעטע און עס זענען געווען אויך טיפוס־קראַנקע. צוליב די אָפטע קאַמפן מיט די באַנדעראָווצעס האָט מען זיך נישט אָפּגעהיט אין סאַניטאַריש־היגיענישן זין, מען איז געשלאָפן אין די זאַכן און זיך נישט אויסגעטאָן די שטיוול. חוץ דעם איז די אַפּראָ־וויזאַציע נישט געווען ווי פריער. קיין וועש אויף צו איבערבייטן איז נישט געווען. דאָס אַלץ האָט גורם געווען, אַז דער טיפוס זאָל אויסברעכן און זיך פאַרשפּרייטן פון איין זעמליאַנקע אין דער צווייטער. מען האָט באַלד אַוועקגעלייגט אויף די וועגענער אַלע קראַנקע און פאַרוווּנדעטע, כדי צו קאָנען מיט זיי אַוועקפאָרן אין אַן אַנדער וואַלד־דיליאַנקע.

די לאַגע איז געווען אַ קריטישע אין אַלע הינזיכטן. פון מזרח־זייט זענען געווען באַנדעראָווצעס און מיר האָבן נישט געקאָנט דורכבער אָפּ־טרעטן צו די וועלדער פון אָזיערסק און זאַלאַטיי, צו די וועלדער פון גראַף פּלאַטער ביים „האַרין“. אויך צו דרום־זייט זענען די דערפער געווען פול מיט באַנדעראָווצעס. פון צפון־זייט זענען געגאַנגען קעגן אונדז די דיי־טשישע פּראָנט־רעגימענטן. עס איז בלויז געווען איין שמאָלער וועג צו מערב אין דער ריכטונג צו „סטיר“ און צו די פינסקער בלאָטעס און וועלדער.

מיר האָבן טאַקע געזען אויפצוהאַלטן דעם דאָזיקן וועג, ער זאָל נישט

פּאַרמאַכט וווערן, ווייל דעמאָלט וואָלטן מיר נישט געהאַט קיין אויסוועג אַרויסצוגיין פון דער פיינטלעכער אַרומרינגלונג. אויך די „סאָיעדיניע־ניע" האָט אונדז געהאָלפן אין דעם. באַלד ווי די רייטערס האָבן איינפאַר־מירט דעם שטאַב אין ניקאָלאַיעווע, האָט דער אָטריאַד פון די טשאַפּאַ־יעווצעס באַזעצט דעם וועג, וואָס פירט צו דאַבראָויסק, און דער סוואָראָוו־אָטריאַד האָט פאַרנומען דעם וועג סערניק־איוואַנטשיץ, פּאַזע דעם טייך „סטיר". הגם מיר, יידן, זענען נישט געווען צופרידן וואָס די טשאַפּאַיעוו־צעס האָט מען אָנגעטרויט די הויפּט־שמירה איבער דעם איינציקן וועג, וואָס האָט אונדז געקאָנט אַרויסראַטעווען פון דער אַרומרינגלונג.

דער אָטריאַד א. נ. פון פּאַרטיזאַנישן פירער, אין די יאָרן פון בירגער־קריג אין רוסלאַנד, טשאַפּאַיעוו, וועלכער איז געפאַלן העלדיש אין קאַמף מיט די ווייסגוואַרדייער און איז באַזונגען געוואָרן אין די סאָוועטישע לידער, איז באַשטאַנען פון געוועזענע פּאָליציאַנטן. עס איז געווען נאָך פאַר דער דייטשישער באָמבאַרדירונג פון סוואָריטשעוויטש, איז גע־קומען צו דער וואַך פון סוואָריטשעוויטש אַ פּאָליעשוק אין לאַפּטשעס און אין אַ צעריסענעם צעדריבלטן פּעלצל, מעלדנדיק, אַז ער האָט אַ דרינגנ־דיקן בריוו צום שטאַב. די וואַך האָט ביי אים דעם בריוו צוגענומען און אָוועקגעפירט צום שטאַב. דער פּויער איז געבליבן וואַרטן ביים קאָסטיאָר פון דער וואַך. דער בריוו, געשריבן אין רוסיש, פאַרזיגלט אין אַ קאָנ־ווערט מיט טריוואָקס, איז אָוועקגעפירט געוואָרן צום שטאַב אין סוואַ־ריטשעוויטש. דאָרט איז געווען געשריבן, אַז אַ גרופּע פּאָליציי וויל אַריינ־טרעטן אין אונדזער אָטריאַד. אויפן סמך פון אונדזער דערפאַרונג מיט דער וויסאָצקער פּאָליציי, איז דער שטאַב געווען זייער פאַרזיכטיק. דאָך האָט דער שטאַב אָנגעשריבן אַ בריוו, אַז מען וויל זיך טרעפן מיט זייער קאָמענדאַנט אין אַ דאָרף, נישט ווייט פון דער „סאָיעדיניעניע", ביים טייך „סטיר". מען האָט אָנגעגעבן וועלכן טאָג און וועלכע שעה. אַזאַ מין בריוו איז דעם פּויער, וואָס איז געבליבן זיצן ביים קאָסטיאָר, איבערגע־געבן געוואָרן.

פאַרשטייער פון שטאַב — מיסיוראַ, פּלוזשניקאָוו און יערמאָלענקאָ — זענען אַרויסגעפאָרן צום באַשטימטן אָרט און אין דער אָנגעמערקטער שעה. דער טרעף־פּונקט איז געווען ביים פּריסטאַן, ווו עס פלעגן אין

פרידנצייט זיך פאַראַנקערן די פּאַראַכאַדן, וואָס האָבן קורסירט צווישן פינסק און לוצק. ווען מען איז געקומען צום אָרט, האָט שוין דער קאָמענ־דאַנט פון דער פּאָליציי אָפּגעוואַרט. ער האָט אינפאָרמירט, אַז מיט אים זענען דאָ 75 פּאָליציאַנטן און אַז ער איז זייער פּאָליציי־קאָמענדאַנט. זיי זענען געווען אין בערעזע־קאַרטוזסקא און זענען אַנטלאָפן אין וואַלד, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט מער דינען די דייטשן. די צאָל פון די פּאָלי־ציאַנטן איז געווען 150 און אין פולן צוזאַמענשטעל זענען זיי אַנטלאָפן אין די וועלדער. אַ העלפט פון די פּאָליציאַנטן איז אַוועק צו די באַנדע־ראָווצעס און די צווייטע העלפט, ד. ה. זיי, זענען געגאַנגען אין דער ריכ־טונג צום סוואַריטשעוויטשער וואַלד — צו די פּאַרטיזאַנער. דער קאָמענ־דאַנט האָט געהייסן ק ו נ י צ ק י, און הגם ער האָט זיך אָנגעגעבן פאַר אַן אוקראַינער, אָבער גיכער פון אַלץ איז ער געווען אַ פּאָליאַק.

מען האָט אים באַפוילן וואַרטן מיט די פּאָליציאַנטן אין נאָענטן וועלדל אַ טאָג, ביז מען וועט אים געבן אַ גענויע תשובה. אין משך פון אָט דעם טאָג האָבן די שטאַב־פאָרשטייער באַוויזן צו זיין אין ניקאָלאַ־יעווע און זיך באַראַטן וועגן דעם דאָזיקן ענין אין שטאַב פון דער „סאָ־יעדיניעניע". דער שטאַב אין ניקאָלאַיעווע האָט באַשלאָסן איינצוגלידערן די פּאָליציאַנטן אין דער פּאַרטיזאַנער־מחנה, שאַפנדיק פון זיי אַ באַזונ־דערן אָטריאַד א. נ. פון „טשאַפּאַיעוו".

מען איז גלייך אַוועקגעפאָרן צום אָרט, ווו די פּאָליציאַנטן האָבן אָפּגעוואַרט. עס זענען געפאָרן פאָרשטייער פון ניקאָלאַיעווער שטאַב צו־זאַמען מיט די פאָרשטייער פון וואָראָשילאָוו־אָטריאַד. די פּאָליציאַנטן האָבן געוואַרט. אַלע זענען זיי געווען באַוואָפנט מיט דייטשישע וואָפן און האָבן אויך געהאַט צוויי גוטע קוילנוואַרפער. אָן שום ווייגערונג האָבן די פּאָליציאַנטן מיט זייער קאָמענדאַנט קוניצקי איינגעשטימט אויף די אַלע פּונקטן פון די שטאַב־פאָרשטייער.

די פּאָליציאַנטן זענען אַוועק אין די ניקאָלאַיעווער וועלדער און אי־בער זיי איז באַשטימט געוואָרן אַלס פּאָליטישער קאָמיסאַר — קאַבאַ־נאָוו, וועלכער איז דערנאָך געפאַלן אין קאַמף מיט די באַנדעראָווצעס.

אָט די דאָזיקע טשאַפּאַיעוו־גרופּע האָט איבערגענומען די אויפגאַבע צו היטן דעם איינציקן וועג אויף מערב, וואָס דורך אים האָבן מיר געהאַט

די איינציקע מעגלעכקייט אָפּצוטרעטן, אויב מען וועט זיין דערצו גע־צוווּנגען. דאָס האָט אונדז, יידישע פּאַרטיזאַנער, שטאַרק געקימערט און מיר זענען געווען שטאַרק אומרואיק. מיר זענען דאָך געוויס נישט געווען מיט די פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן זיכער דורכגעפירט אין בערעזאַ־קאַר־טוזסקאַ און אפשר אין אומגעגנט אויך די שחיטות אויף יידן.

באַפעל איז אָבער געווען באַפעל. מיר האָבן פאַרגעלייגט דעם שטאַב פון דער „סאָיעדיניעניע״, אַז אין אָנבליק פון אַזוינע גרויזאַמע שונאים זאָל מען בעסער צייטווייליק פאַרלאָזן דעם וואַלד פון סוואַריטשעוויטש. אָבער אויף דעם האָט דער שטאַב נישט מסכים געווען, און האָט באַפוילן מיר זאָלן מאַכן זאַסאַדקעס אין די זומפּן, וואָס ציען זיך ביי דער גרעבליע האַראָדנאַיע־סערניק, צו מינירן די וועגן, וואָס פירן צום וואַלד. אויך אין דעם דאָזיקן פאַל האָבן מיר געמוזט אויספילן דעם באַפעל, הגם עס איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע פאַרלוסטן. די יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן זיך מיינסטן געשראָקן פאַר דעם גורל פון דעם יידישן פאַמיליע־לאַגער, וואָס האָט דאַן געציילט לערך 350 נפשות, און נישט זייענדיק באַוואָפנט האָבן זיי דאָך געקאָנט אַריינפאַלן לעבעדיקע אין די הענט פון די מענטשן־חיות.

דער ענין פון געווער איז געווען זייער שאַרף. מאָסקווע האָט די גאַנ־צע צייט נישט געליפערט אונדזער אָטריאַד קיין שום וואָפן. דאָס ביסל וואָפן איז דעראָבערט געוואָרן אין קאַמפן מיט די שונאים, מען האָט צו־גענומען ביי פּויערים און מען האָט אַנטוואָפנט די וואַלד־וועכטער, אָבער ס׳איז געווען נישט פון קיין גוטן סאָרט וואָפן און דערצו איז עס געווען נישט גענוגנדיק אויף צו באַוואָפענען די מיליטער־פעאיקע יידן פון ציװילן פאַמיליע־לאַגער. צו אַנדערע ביקסן האָבן געפעלט קוילן און די אַנ־דערע ווינטאָווקעס, וועלכע זענען אַרויסגענומען געוואָרן פון דער ערד, זענען געווען די שלעסער און די סטוואָלן פאַרזשאַווערט. אַ מיש־מאַש פון פאַרשיידענע מינים ביקסן האָבן געהאַט די פּאַרטיזאַנער; ווער אַ פראַנ־צויזישע ביקס מיט אַ לאַנגן סטוואָל, ווער אַ רוסישע ביקס מיט אַ קורצן סטוואָל, וואָס מען האָט עס גערופן „אָטרעז״. אייניקע ביקסן זענען געווען קאָמפּלעטירט פון פאַרשיידענע טיילן, וואָס מען האָט עס אַליין צוזאַמענ־געשטעלט, אַזוינע ביקסן האָבן נישט געשאָסן אין דער נייטיקער ריכטונג.

עס איז געווען שווער מיט אַזאַ וואָפן זיך קעגנשטעלן דער דייטשי־שער שטראָף־עקספעדיציע, וועלכע איז געקומען מיט דעם בעסטן וואָפן, אַ סך קוילנוואַרפער, אויטאָמאַטישן געווער און פאַרשיידנמיניקע וואָפן־משחיתים. די דייטשן זענען, חוץ דעם, געווען מערער ווי מיר און צוזאַמען מיט די באַנדעראָוועצעס זענען זיי געווען אַ גרויסע קראַפט הן קוואַליטאַ־טיוו און הן קוואַנטיטאַטיוו.

דאָך האָט מען זיך אַנגאַזשירט אין קאַמף מיט דער דייטשישער שטראָף־עקספעדיציע. עס האָט זיך קאָמפּלעטירט אַ גרופּע, וועלכע איז אַרויס מינירן די וועגן, וואָס האָבן געפירט צום וואַלד. אַ צווייטן גרופּע איז אַרויס אויף אַ זאַסאַדקע אין די אַלעקסאַנדראָווער כוטאָרעס. גאָר אַ גרויסע גרופּע האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט פון די יידישע און פון נישט־יידישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע זענען געווען דערפאַרן אין באַפאַלן ראַפּטום דעם שונא און האָבן זיך גוט אָריענטירט אין אַלע בלאָטעס און זומפּן, וועגן און שטעגן פון דער גרעבליע האָראָדנאַיע־סערניק. די דאָזיקע גרע־סערע גרופּע האָט געציילט 70 פּאַרטיזאַנער, צווישן וועלכע עס זענען געווען 50 יידן. דער אָנפירער פון דער דאָזיקער גרופּע איז געווען אַבוגאָוו.

עס איז געווען פרילינג־צייט און די וועגן, לאָנקעס און פעלדער זע־נען געוואָרן פאַרגאָסן. ערטערווייז האָט אויסגעזען אַז מען האָט בלויז געזען הימל און וואַסער, ווי אויף אַ ים. מען האָט גוט זיך געדאַרפט אָריענטירן אין די דאָזיקע געאָגראַפישע באַדינגונגען און מען האָט גע־דאַרפט דער עיקר וויסן, ווו איז האַרטער באָדן און ווו איז זומפּ.

די אַלע וועגן זענען מינירט געוואָרן, אונטער דער אָנפירונג פון משה בראַמבערג און פייוול גלעזער. די גרופּע אויף אַלעקסאַנדראָווער וועג האָט געמאַכט אַ העלדישן איבערפאַל אויף אַ קאָלאָנע דייטשישע רייטער. זיי זענען געפאָרן רייטנדיק און מען האָט אין זיי געוואָרפן גראַנאַטן און באַלד זענען אייניקע דייטשן צעפּיצלט געוואָרן צוזאַמען מיט זייערע פערד. דערנאָך האָט דער קאָמאַנדיר פון דער גרופּע, נחמן זילבערפאַרב, זיך געוואָרפן מיט הוראַ־אויסרופן אויף די איבעריקע דייטשן און נאָך אים האָבן דאָס זעלבע געטאָן די איבעריקע פון דער העראָישער גרופּע. די דייטשן אויף די פערד האָבן זיך פונאַנדערגעלאָפן, מיט גרויסע פאַרלוסטן. דאָס וואַרפן זיך ראַפּטום אויפן שונא מיט די אויסגעשרייען הוראַ־הוראַ,

איז געווען אַ ספּעציעלע פּאַרטיזאַנישע טאַקטיק און האָט פּיל מאָל גע־לונגען אַריינצוברענגען אַ פּאַניק אין די רייען פון שונא.

ביינאַכט איז אַוועק אַ גרופּע אונטער דער אָנפירונג פון אַלעק אָבור־גאָוו. אין דער פינצטערניש פון וואַלד איז מען געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט, ביז מען איז געקומען צו דער גרעבליע האָראָדנאָיע־סערניק. דאָרט, אין די קאַנאַוועס, אין די זומפּיקע ערטער, האָט מען געמאַכט פּאַרטיידיקונג־פּאָזיציעס. צוויי טעג און צוויי נעכט איז מען געלעגן אין די לויער־פונקטן און מען האָט געוואַרט אויף דער געלעגנהייט, ווען דייטשישע קאָלאָנעס וועלן דורכגיין איבער דעם דאָזיקן וועג. גאַנץ באַגינען, נאָך צוויי טעג פון לויערן, האָט זיך באַוויזן אַ דייטשישע קאָלאָנע פון 70 זעלנער, וואָס זענען געזעסן ווי אמתע פריצן אויף די פויערישע פורן. עס איז געווען אַ בריק און די דייטשן זענען אַריבערגעפאָרן, און מען האָט זיך געצויגן ווייטער. די זעלנער אין די וועגענער זענען געווען פאַר־שלאָפן, זייענדיק זיכער, אַז קיין פּאַרטיזאַנער קאָנען דאָ אַזוי פרי און אין אַזוינע זומפּיקע בלאָטעס נישט זיין. ווען אַלע פורן זענען געווען ווייטער פון בריק און ווו דער וועג איז געווען פאַרגאָסן, האָבן די פּאַרטי־זאַנער געעפנט אַ פייער. די דייטשן זענען צעטומלט געוואָרן און זיך דעז־אָריענטירט אין דער געשאַפענער לאַגע. מען האָט איבערגעלאָזן דעם אָבאָז מיט די דערשאָסענע קאַמעראַדן, לויפנדיק צוריק צו דער בריק, וועלכע איז דורך די פּאַרטיזאַנער אויפגעריסן געוואָרן. פאָרנדיק פאָרויס האָבן די פּאַרטיזאַנער זיי אויך באַשאָסן. די דייטשן האָבן אָנגעהויבן לויפן אין די זומפּן. אַ סך פון זיי זענען אין די טיפענישן איינגעזונקען געוואָרן. דאַן זענען די פּאַרטיזאַנער אַרויס פון די לויער־פונקטן און האָבן פאַרפאָלגט די אַנטלויפנדיקע דייטשן. אייניקע דייטשן האָבן אויפגעהויבן די הענט אויף זיך אונטערצוגעבן. זיי זענען אויך דערשאָסן געוואָרן. מען האָט דעמאָלט דערבעאַבערט טראָפייען. דער זיג פון די פּאַרטיזאַנער איז געווען גרויס.

די דייטשן האָבן זיך אָנגעהויבן באַפעסטיקן אין די דערפער, וואָס רינגלען אַרום דער סוואָריטשעוויטשער וואַלד. באַזונדערס האָבן זיי זיך באַפעסטיקט אין סערניק. זיי האָבן אַרום שטעטל אויסגעגראָבן טראַנשייען און איינגעריכטעט דאָטן, פייער־פונקטן. זיי האָבן אָנגעווענדט אַלע

שוץ־מיטלען ווי אויף אַ פראָנט־ליניע. די דייטשישע ראַזוועדקעס זענען רק אַרומגעפאָרן אין די דערפער און ביי די ראַנדן פון וואַלד, ווי עס וואָלט געווען די גרעסטע פעסטונג.

מיר האָבן אַ פּאָר וואָכן געמאַכט איבערפאַלן פון לויער־פונקטן און אַלע מאָל פאַרשאַפט די דייטשן פאַרלוסטן. געוווסט האָבן מיר, אַז די דייטשן וועלן סוף־סוף אַריינדרינגען אין וואַלד, נאָר דערוויייל בלויז פירן זיי מיט אונדז אַ באַגרענעצטן קאַמף. זייער פּלאַן איז דאָך געווען צו מאַכן אַ פולשטענדיקע אָ ב ל אַ וו ע אויפן וואַלד און אים דורכקעמען פון בוים צו בוים...

מיר האָבן דאַן נישט געהאַט גענוג וואפן. גאָר אַ גרויסער מאַנגל איז געווען אין קוילן. דער שטאַב פון דער „סאָיעדיניעניע" האָט געשיקט איין ראַדיאָגראַם נאָכן צווייטן אַרויסצושיקן מיט אַן עראָפּלאַן ביקסן, אויטאָמאַטן, קוילנוואַרפער און הויפּטזעכלעך קוילן. אָבער ס'איז געווען שווער אַ סאָוועטישן עראָפּלאַן דורכפליען די פראָנט־זאָנע, ווייל די דייטשן האָבן שטאַרק נאָכגעשפּירט אויב סאָוועטישע עראָפּלאַנען פליען. ווי אַ סאָוועטישער עראָפּלאַן איז אַריבערגעפלויגן די פראָנט־ליניע, איז באַלד נאָך אים נאָכגעפלויגן אַ דייטשישע עסקאַדרע עראָפּלאַנען. אָבער מאָסקווע האָט אָפּגעשאַצט די לאַגע פון די פּאַרטיזאַנער אין סוואַריטשעוויטשער וואַלד, וועלכע זענען געווען אין קלעם פון צוויי גרויסע שונאים, און האָט פאָרט אַרויסגעשיקט איין „דוגלאַס", וואָס האָט נישט געלאַנדעט, אָבער ער האָט באַוויזן אַראָפּוואַרפן די משא. עס זענען אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן עטלעכע אויטאָמאַטן, אייניקע צענדליק ביקסן און אַ היפּשע צאָל קעסטלעך קוילן.

די דאָזיקע „גיכע הילף" האָט אונדז אַביסל אויפגעהייטערט, ווייסנדיק אַז מיר זענען דאָך פאָרט נישט אַליין אין אונדזער קאַמף.

ווען דער עראָפּלאַן האָט אַראָפּגעוואָרפן די משא, האָט דאַן דעסאַנטירט די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנקע מאַרוסיאַ. זי איז געווען פון באַרוף אַ זעצערין, און איז געשיקט געוואָרן אין אונדזער שטאַב פון דער „סאָיעדיניעניע" צו זיין נוצלעך אויף אַרויסגעבן פּעריאָדישע פּרעסע. זי האָט אויך מיטגעבראַכט אַ קליינע האַנט־מאַשין צו דרוקן פּובליקאַציעס און אַ ביסל זאַץ, ווי אויך פּאַפּיר. מאַרוסיאַ איז געווען זייער אַ פריינטלעכער

מענטש. ווי זי האָט אין וואַלד געטראָפן יידן, האָט זי זיי אויסגעפרעגט וועגן זייערע איבערלעבונגען אונטער די דייטשן. זי האָט אין וואַלד דער־זען די פינסקער יידישע לערערין צילע דאָלינקא, אַרומגייענדיק אין פּאָס־טעלעס, האָט זי באַלד אַרויסגענומען פון איר רוק־זאַק אַ פּאָר נייע שיך, וואָס דער מאָסקווער שטאַב האָט איר צוגעטיילט פאַרן אַוועקפאָר.

עס קאָן זיין, אַז די דייטשן וואָלטן גלייך באַפאַלן דעם וואַלד, ווען זיי וואָלטן געהאַט געניגע אינפאָרמאַציעס וועגן אונדז. די גאַנצע צייט האָבן די פויערים שטאַרק מגזם געווען אונדזערע כוחות און די דאָזיקע גוזמאות זענען דורך די דייטשן אָנגענומען געוואָרן פאַר ריאַלע ציפערן. דאָס גופא פליוס די דרייסטע איבערפאַלן האָבן אָפּגעהאַלטן די דייטשן אָנצוגרייפן די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד. פּונקט ווי אונדזער געניאַלער שלום עליכם באַשרייבט אין זיינע זכרונות, אַז יעדער בוים אין וואַלד האָט זיך אים אויסגעדוכט פאַר אַ פלשתי, אַזוי האָבן די דייטשן מורא געהאַט פאַר דעם וואַלד, טראַכטנדיק אַז אונטער יעדן בוים איז דאָ אַ פּאַרטיזאַן.

דער דייטשישער קאָמענדאַנט אין סערניק האָט זיך געריימט פאַר די פויערים, אַז ער וועט די „סערניקער יידן" ברענגען לעבעדיקע פון וואַלד און מען וועט זיי לינטשן. ער איז געווען אינפאָרמירט פון די סערניקער יידן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון געטאָ און האָבן אָרגאַניזירט אין סוואַרי־טשעוויטשער וואַלד דעם באַוואָפנטן קאַמף. אין איינער זיינער אַ רעדע פאַר די פויערים, אויפן קלויסטער־הויף, האָט ער געמוסרט די פויערים הלמאַי זיי האָבן נישט געטויט די סערניקער יידן נאָך איידער די געס־טאַפּאָ איז געקומען דורכצופירן די טאָטאַלע אַקציע. ער האָט רק אונ־טערגעשטראָכן, אַז די גרעסטע פּאַרטיזאַנער־באַנדיטן זענען די סערניקער יידן, באַוווּנדערנדיק זיי גלייכצייטיק פון וואַנען האָבן די דאָזיקע „דרע־קישע" יידן זיך אויסגעלערנט צו זיין אַזוינע דרייסטע קעמפער. ער האָט זיין רעדע פאַרענדיקט, אַז ער וועט נישט פאַרלאָזן סערניק, ביז ער וועט פאַרניכטן אַלע פּאַרטיזאַנער אין סוואַריטשעוויטשער וואַלד און ביז ער וועט נישט אויפהענגען די געפאַנגענע סערניקער יידן אויף די דאָזיקע פיליאָריקע דעמבע־ביימער, אין גאָרטן פון קלויסטער.

מלך באַקאַלטשוק־פּעלין

די פּאַרטיזאַנער־קאָנפערענץ

20טער מערץ 1943, עס איז געווען אָוונט־צייט, ווען פון ניקאָלאַיע־ווער שטאַב איז געקומען אַ גרופּע רייטער מיטן מאַיאָר פּאָווטאָרענקאָ, איבערגעבנדיק אונדז אַ פּאַראָרדענונג, אַז אונדזער אָטריאַד זאָל שיקן דעלעגאַטן צו דער פּאַרטיזאַנער־קאָנפערענץ וועלכע וועט פּאָרקומען דעם 21טן מערץ אין דאָבראָויסק, אַ דאָרף נישט ווייט פון ניקאָלאַיעווער כו־טאָרעס. עס איז באַלד זיך צוזאַמענגעקומען דער שטאַב פון אָטריאַד און מען האָט נאָמינירט אַ דעלעגאַציע אין פאָלגנדיקן באַשטאַנד: מאַקסים מיסיוראַ, ניקאַדים יערמאָלענקאָ און פּלושקין. מלך באַקאַלטשוק און קאַ־ליאַ פּלוזשניקאָוו. עס איז מיטגעפאָרן די קראַנקנשוועסטער ראַשטשוטש־קינאַ אַנאַ און דער יידישער פּאַרטיזאַן בערל זילבערפּאַרב (געשטאָרבן אין יאָר 1946 אין די לאַגערן פון דער „שארית הפליטה“ אין דייטשלאַנד). אַ גאַנצע נאַכט בין איך געווען פאַרנומען מיט צוזאַמענשטעלן אַ באַריכט וועגן דער ערשטער גרופּע פון די צוועלף פּאַרטיזאַנער און ווי זי האָט זיך אַנטוויקלט. אויך האָב איך געדאַרפט אָנשרייבן וועגן די אַלע אויפטועון פון אָטריאַד אין דער לעצטער צייט. דעם דאָזיקן באַריכט האָב איך גע־דאַרפט אָפּגעבן אויף דער קאָנפערענץ.

מיר זענען אַרויסגעפאָרן ווען ס'איז נאָך געווען שטאַרק טונקל אין דרויסן און די נאַכט־פינצטערניש אין וואַלד איז נאָך געווען שטאַרק. אויף איין פור בין איך געפאָרן צוזאַמען מיט קאָליאַ פּאַנטשענקאָוו. אויף דער צווייטער פור זענען געפאָרן מיסיוראַ, יערמאָלענקאָ, פּלוזשניקאָוו, זילבער־פּאַרב און אַנאַ ראַשטשוטשניקאָ. זיי האָבן געהאַט אַ גרויסע בריטשקע, אַ ריכטיקן טאַראַנטאַס.

אין דרויסן איז געווען פרילינגדיק און עס האָט זיך אָנגעהויבן אויס־וועלבן אַ נייע וועלט. אָבער אין מיין האַרץ האָט זיך געקנוילט דער יאוש. מיט יעדן טאָג איז די לאַגע געוואָרן קריטישער. ס'איז מיר אויסגעקומען ווי נאָכאַנאַנד שוועבן די סצענעס און געשפּענסטער, ווי ערב די „אַקציעס“ אין געטאָ און איינע און די זעלבע טריט פון אומקום באַגלייטן מיך, נאָך מיטן אונטערשייד, וואָס איצט האָב איך די מעגלעכקייט צו האָבן דעם אויסוועג: קאַמף אָדער אומקום. עס איז מיר אויסגעקומען עפּעס מאָדנע

צוזאַמענצורופן אַ קאָנפערענץ, ווען יעדע רגע קאָן דער וואַלד אָנגעגריפן ווערן.

מיט גרויס וואַכזאַמקייט זענען מיר אַרויסגעפאָרן פון וואַלד און זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון סערניקער גרעבליע. פון אַלע זייטן האָבן מיר זיך געקאָנט באַגעגענען מיט דייטשן און באַנדעראָווצעס. פון אַלע ראָגן וואַלד, פון יעדער זייט און קוסט האָט מען דאָך געקאָנט קריגן אַ קויל און דערשאָסן ווערן פון די פאַרטיזאַנער־שונאים, וואָס לויערן אויף אונדזערע לעבנס. מיר האָבן דאָך געדאַרפט פאַרבייפאָרן גאַנץ נאָענט, אפשר צוויי ק״מ פון אַ כוטאָר, ווו די דייטשן זענען געשטאַנען. דאָרט האָבן זיי געהאַט אַ דאָט און אַ באַשיצונג־פּונקט. דערצו איז די דייטשישע ראַזוויעדקע אָפט געפאָרן אויף דעם דאָזיקן וועג.

דער וועג איז געווען שטאַרק געפערלעך און מסוכנדיק. דערצו פאָרן שנעל האָט מען נישט געקאָנט, ווייל די גאַנצע גרעבליע איז געווען פול מיט גריבער און קאַלוזשעס, און אין אייניקע ערטער איז זי געווען אין גאַנצן פאַרגאָסן. דער טייך סטובלא איז געפלאָסן פאַזע דער גרעבליע און ער צעגיסט זיינע וואַסערן איבער דעם וועג, איבער די לאָנקעס און בלאָטיקע זומפן, באַזונדערס אין פרילינג און האַרבסט־צייט. דער קליינער טייך סטובלא קריגט קוראַזש אין פרילינג און פאַרשווענקט די בריקלעך און קלאַדקעס.

די דאָזיקע גרעבליע איז געווען פאַרצויגן מיט אַ שליימיקער מאַסע, וועלכע ווערט אינגאַנצן נים אויסגעטריקנט אַפילו זומער־צייט, די בלאָטע ווערט נאָר אַביסל צוגעטריקנט, וואָס ביים מינדסטן רעגנדל פאַרוואַנדלט זי זיך אין אַ פליסנדיקער מאַסע. די רעדער זענען עטלעכע מאָל איינגעזונקען געוואָרן אין דער דאָזיקער שליימיקער בלאָטע און די פערד האָבן קוים אַרויסגעשלעפט די וועגענער. בלויז ערטערווייז איז דער באָדן זאַמדיק און האַרטער, אַרויסשטאַרצנדיק ווי אַן אינדזל.

דער וועג שלענגלט זיך, נישט קיין גראַדער. דעריבער זעט מען נישט וואָס פאָרויס איז, באַזונדערס אין די ערטער, וואָס ביי די זייטן זענען דאָ געדיכטע קוסטעס און עס וואַקסט הויכער טשערעט. דער שונא האָט דאָך געקאָנט לויערן פון איטלעכן קוסט.

דער געפערלעכסטער פּונקט איז געווען דאָס אָרט, ווו די וועגן האָבן

זיך פונאַנדערגעשיידט: איין ריכטונג האָט געפירט צו סערניק און די צווייטע — צו זעליען און דאָברויסק. אויף דעם דאָזיקן אם הדרך איז געשטאַנען יאָרנלאַנג אַ צלם, אויסגעצירט מיט אויסגענייטע פּאַרטוכער, העמדער און האַנטוכער. דערנעבן איז געווען דער כוטער, ווו ס'איז געשטאַנען די דייטשישע ראַזוויעדקע, וואָס יעדע רגע האָבן מיר געקאַנט מיר איר האָבן אַ נישט־געווונטשענע באַגעגעניש.

מיר האָבן פריער אָפּגעאָטעמט, ווען מיר זענען אַריינגעפאָרן אין זעליענער וואַלד. מיט דער גרעסטער אָנגעשטרענגטקייט און אין טויט־שטומער שווייגנדיקייט זענען מיר פאַרבייגעפאָרן דעם וועג, וואָס האָט זיך אָפּגעצווייגט צום געדיכטן וואַלד, איבערנעמענדיק אונדז אין זיין רשות. דער וואַלד האָט זיך געאָרעמט מיט דעם סומנעם און שווייגנדיקן דאברויסקער וואַלד. נאָר אין אייניקע פּלעצער איז דער זעליענער וואַלד געווען אויסגעהוילט מיט פּאָליאַנעס, אויף וועלכע עס זענען געשטאַנען הייזער פון צעוואָרפענע כוטאָרעס. מיר זענען שוין רואיק געפאָרן אויף דעם דאָזיקן וועג. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אויסטיילן גראָע ליכט־פלעקן פון טאָג. מיר איז געווען גוט באקאנט דער וועג און דער דאָזיקער וואַלד. סך הכל איז מיין היימיש שטעטל געווען וועלכע 10־12 ק״מ פון אָט דעם דאָזיקן וואַלד. עס האָט זיך ביי מיר דאַן אַסאָציאירט איין עפּיזאָד נאָך דעם צווייטן פון מיינע קינדער־יאָרן און אויך דאָס לעצטע טראַגישע קאַפּיטל. עס האָט פולסירט ביי מיר דער באַגער צו ציען דעם פאָדעם פון מיין קינדהייט צוזאַמען מיט די אויפגעטויכטע דעראינערונגען און היימישע געשטאַלטן, וואָס האָבן יאָנלאַנג נאָכאַנאַנד געטראָטן איבער דעם דאָזיקן וועג.

אַרום 10 אַזייגער אינדערפרי זענען מיר צוגעפאָרן צום דאָרף דאַברויסק, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ דרייעקיקער פּאָליאַנע, טוליענדיק זיך צו די קאַנטורן פון וואַלד. אין לויף פון יאָרן האָט מען, משמעות, דעם דאָרף אויפגעבויט. מען האָט אויסגעקאָרטשעוועט שטיקער וואַלד און אויפגעבויט אַ ישוב. נישט אומזיסט זענען די דאברויסקער פּויערים כמורנע און שווייגנדיקע און אויף זייערע פּנימער ליגט עד היום דער זיגל פון זייערע אור־עלטערן, וואָס זענען געווען וואַלד־איינוווינער.

די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין אַ גרויסער פּויערישער כאַטע,

איבער וועלכער ס׳האָט געפּלאַטערט אַ רויטע פאָן. אין אַ שכניש הויז האָט מען געדאַרפט באַקומען דעלעגאַטן־קאַרטן און מען האָט יעדערן אויס־געפרעגט געגוי זיין נאָמען און פון וועלכן אָטריאַד מען איז דעלעגירט. איבערפולט איז געווען די כאַטע מיט דעלעגאַטן־פּאַרטיזאַנער, וועמענס פּנימער און באַוואקסענע בערעמען האָבן עדות געזאָגט פון אַמביציע און אויסדויער, פון זיצן ביי קאָפּטשענדיקע פייערן אין די זעמליאַנקעס און קאָסטיאָרן עס האָט מיר אויסגעוויזן, אַז איך בין אַריינגעקומען אין אַ סאָוועטישן קלוב. די ווענט זענען געווען דעקאָרירט מיט בילדער פון לענין און סטאַלין און אַנדערע סאָוועטישע גדולים, מיט פאַרשיידענע לאָזונגען און מיט אויסשניטן פון די סאָוועטישע צייטונגען „פּראַוודאַ“ און „איז־וועסטיאַ“ פון יאַנואַר 1943, און מיט אילוסטרירטע און נישט־אילוסטריר־טע וואַנט־צייטונגען, געשריבן מיט דער האַנט אָדער אויף אַ שרייב־מאַ־שין. די דאָזיקע וואַנט־צייטונגען זענען געווען איינגעפירט כמעט אין יעדן אָטריאַד.

דעם 21סטן מערץ 1943, 11 אַזייגער אין דער פרי, האָט זיך געעפנט די אויסטערלישע קאָנפערענץ. אַלע מיטגלידער פון שטאַב פון דער „סאָ־יעדיניעניע“ האָבן פאַרנומען די זיץ־ערטער אין פּרעזידיום. זיי זענען גע־קומען נעט אָנגעטאָן, ראַזירט און זויבער ריין, ווי זיי וואָלטן געווינט אין אַן ערשטקלאַסיקן האָטעל און נישט אין אַ פויערישער כאַלופּע אָדער אַ זעמליאַנקע. דער גענעראַל ביעגמאַ האָט געטראָגן אַ טונקל ציווילן אנצוג, וואָס איז געווען שפּאָגל־ניי, ווי נאָרוואָס אויפגענייט ביים שניי־דער. מיט זיין דיקלעכער העל־בלאָנדער פיגור האָט ער אויסגעזען ווי אַ רעגירונג־דעלעגאַט. פאַקטיש איז ער דאָך טאַקע געווען דעלעגירט צו די פּאַרטיזאַנער־וועלדער פון דער סאָוועטישער רעגירונג.

אין פּרעזידיום זענען איינגעלאַדן געוואָרן די קאָמאַנדירן פון די אָטריאַדן. אויף גרויסע לאַנגע בענק האָבן זיך פונאַנדערגעזעצט די דע־לעגאַטן־פּאַרטיזאַנער אין זייער פאַרשיידנדיקער הלבשה. קיין ספּעציעלע אוניפאָרמען האָבן די פּאַרטיזאַנער נישט געטראָגן. אייניקע זענען געווען אָנגעטאָן אין רויט־אַרמייאישע שינעלן אָדער אין פעלצן און אייניקע זענען געזעסן אין האַלב־ציווילער קליידונג און אויך אין דייטשישע אוניפאָר־מען. כמעט ביי אַלעמען זענען געווען אויף די היטלען און קוטשמעס אָנ־

געניים רויטע שטערנדלעך. אַ סך פּאַרטיזאַנער האָבן אויף זייערע גימ־נאַסטיאָרקעס אָנגעבונדן פּאַסן מיט גראַנאַטן און קוילן.

ביעגמאַ האָט געעפנט די קאָנפערענץ. ער האָט איבערגעלייענט די נאָרוואָס באַקומענע צוויי ראַדיאָגראַמעס פון מאָסקווע — איינע פון ני־קיטאַ כרושטשעוו, פּרעמיער פון דער סאָוועטישער רעגירונג אין אוקראַי־נע, און צווייטע — פון שעף פון אוקראַינישן פּאַרטיזאַנער־שטאַב. אין די ביידע ראַדיאָגראַמען, איז באַגריסט געוואָרן די דאָזיקע פּאַרטיזאַנער־קאָנפערענץ. דערנאָך האָט ביעגמאַ באַריכטעט פון דעם איצטיקן צושטאַנד אויף די פראָנטן, פּרטים פון סטאַלינגראַדער זיג און אויך ווי מאָסקווע האָט זיך העלדיש פאַרטיידיקט בעת די דייטשן זענען געווען נאָענט צו דער הויפּטשטאָט פון ראַטנפאַרבאַנד. ער האָט אויך אינפאָרמירט ווי די סאָוועטישע רעגירונג איז פאַראינטערעסירט אין די דערפאָלגן פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, אַז סטאַלין פּערזענלעך פאָלגט נאָך אַלע אירע פאַזן.

וועגן דעם „ברײנסקער פּאַרטיזאַנער־מאַרש״ האָט באַריכטעט פּאָל־קאָווניק פיאָדאָראָוו. ער האָט דערציילט ווי מען איז דורכגעגאַנגען הונ־דערטער ק״מ אין הינטערלאַנד פון שונא, ביז מען איז געקומען אין די וועלדער און ישובים פון פּאָלעסיע און וואָלין. דערגאַנצונגען צום באַריכט האָט געגעבן דער קאָמיסאַר קיזיאַ. ער האָט געשילדערט די שווערע קאַמפן ביים אַריבערגיין די טייכן — די דיעסנאַ, דעם דניעפּער און פּריפּעט.

עס זענען דערנאָך אויסגעהערט געוואָרן אינטערעסאַנטע רעפעראַטן וועגן דער טאַקטיק און סטראַטעגיע פון די פּאַרטיזאַנער־קאַמפן, וועגן דער פּראָפּאַגאַנדע־טעטיקייט צווישן דער באַפעלקערונג ווי אויך וועגן אָרגאַ־ניזאַציע און דיסציפּלין. עס איז באַגרינדעט געוואָרן די טאַקטיק און די ליניע פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, אַז מען דאַרף בעיקר זיך קאָנ־צענטרירן אויף דיווערסיע־טעטיקייטן און זען אויסמיידן פּנים־אל־פּנים־דיקע קאַמפן מיט די שונאים, כדי נישט צו ליידן קיין פאַרלוסטן. מען האָט אָנגעוויזן, אַז די גרעסערע קאַמפן וועלן זיך דאַן אָנהייבן, ווען די רויטע אַרמיי וועט שוין זיין נאָענט. דער ציל פון די פּאַרטיזאַנישע אַקטיוויטעטן איז ברענגען שאָדנס די דייטשן, שטערן זייער קאָמוניקאַציע, פאַרברענען

בריקן, דעמאָלירן און אויפרייסן דייטשישע אָביעקטן, סקלאַדן און מאַ־גאַזינען.

דערנאָך זענען אויסגעהערט געוואָרן באַריכטן איבער די באַזונדערע אָטריאַדן. דעם באַריכט פון וואָראָשילאָוו־אָטריאַד האָב איך אָפּגעגעבן. כ׳האָב אינפאָרמירט ווי ס׳איז געשאַפן געוואָרן אונדזער ערשטע גרופּע און מיט בלויזע הענט האָבן יידן דעראָבערט וואָפן, ווי די גרופּע האָט געפירט קאַמפן מיט די פאַשיסטישע באַנדעס און מיט פּאָליציי און די דייטשן. כ׳האָב אויך אונטערגעשטראָכן, אַז ביים אָטריאַד איז דאָ אַ פאַמיליע־לאַגער פון יידן, וועלכע זענען נאָך נישט באַוואָפנט צוליב מאַנגל אין געווער, און עס זענען דאָ אַזעלכע, וואָס זענען שוין עלטערע מענטשן און אויך קינדער.

נאָך מיין באַריכט האָבן די דעלעגאַטן פון באַטיאָס אָטריאַדן אָפּ־געגעבן אַ באַריכט פון זייערע דיווערסיע־טעטיקייטן און מיט וואָסערע איינפאַלן זיי באַנוצן זיך. ביי מיר זענען איינגעקריצט געוואָרן אין זכרון די פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטישע דיווערסיעס:

אין אַ שטעטל האָבן די דייטשן געזוכט ווי מיט ליכט אַ קינאָ־מעכאַ־ניקער. די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד האָבן זיך דערוווּסט פון דעם און האָבן אין זייערע רייען אויפגעזוכט אַ קינאָ־מעכאַניקער, וועלכער איז געקומען צו די דייטשן אין שטעטל, אָנמעלדנדיק זיך, אַז ער איז גרייט צו נעמען אויף זיך די אויפגאַבע פון אַ קינאָ־מעכאַניקער. די דייטשן האָבן אים אָן שום רייד אָנגענומען אויף דער דאָזיקער שטעלע. ער האָט געאַרבעט גוט און פּינקטלעך.

אין איין אָוונט האָבן די דייטשן איינגעאָרדנט אין קינאָ־קלוב אַ גרויסע פאָרשטעלונג, אַ ספּעציעלע פייערונג צום געבורטסטאָג פון אַדאָלף היטלער. מען האָט פון בערלין אַריינגעשיקט עקסטרע פילמען, און עס איז אראנזשירט געוואָרן אַ בופעט און עס האָבן געדאַרפט פאָרקומען טענץ. אויף דעם דאָזיקן פייערלעכן אָוונט זענען דורך די דייטשן איינגעלאַדן געוואָרן פאָלקס־דייטשן מיט זייערע ווייבער און קינדער, ווי אויך די אוק־ראַינישע פּני פון שטעטל און פון דער אומגעבונג.

די געסט זענען זיך צוזאַמענגעקומען אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק און מען איז געווען שטאַרק אויפגעהייטערט. דער קאָמענדאַנט האָט

געהאַט צוגעגרייט אַ דעפּעשע צו היטלערן, אין וועלכער מען האָט אויס־געדריקט אַ האַרציקע באַגריסונג און די בעסטע און געטרייסטן ווונטשן צו זיין געבוירנטאָג.

דער קינאָ־מעכאַניקער האָט באַצייטנס, אונטער דער פּאָדלאָגע, פאַר־לייגט אַ צייט־באָמבע, אין צענטער פון זאַל. ער האָט באַוויזן דעם פילם און איז נעלם געוואָרן. ווען אַלע פאַרזאַמלטע האָבן געטאַנצט און גע־יובלט, איז די באָמבע אויפגעריסן געוואָרן און אַלע אין זאַל זענען אומ־געקומען, ווערנדיק צעשמעטערט אויף שטיקלעך.

אַ צווייטער דיווערסיע־פאַל איז געשען מיט אַ בריק אויף דעם טייך „פּינאַ". צוויי פּאַרטיזאַנער האָבן זיך אָנגעטאָן ווי טיפּישע פּאָלעשוקעס און האָבן ארויפגעלייגט אויף אַ וואָגן לאָדישקעס זויערמילך, אַ פּאָר קריגלעך מיט סמעטענע, עטלעכע פונט פּוטער און האָבן אָוועקגעשטעלט קאָשיקעס מיט אייער. אונטן אין וואָגן האָבן זיי אָוועקגעלייגט אַ באָמבע, איינגעוויקלט אין שטרוי. זיי זענען צוגעפאָרן צו דער בריק. די דייטשישע וואַך פלעגט אַלע דורכפאָרער פאַרהאַלטן ביים בריק, גענישטערט די פור דורך און דורך. אויך די דאָזיקע פּאַרטיזאַנער האָט די וואַך פאַרהאַלטן. ווי זיי האָבן דערזען פּוטער, אייער, סמעטענע און מילך, האָבן זיי די פּאַרטיזאַנער אָוועקגעטריבן און די פור אַרויפגעפירט אויף דער בריק, כדי אַראָפּצונעמען פון וואָגן אַלץ וואָס איז געווען גוט פאַר זיי. זיי האָבן די לאָדישקעס און קריגלעך מילכיקס אַראָפּגענומען און אויך די קאָשי־קעס מיט אייער. דערנאָך האָבן זיי אָנגעהויבן נישטערן דעם וואָגן און דאַן האָט די באָמבע עקספּלאָדירט, אויפרייסנדיק די בריק צוזאַמען מיט די דייטשן.

פון די דאָזיקע דערלעגאַטן האָב איך זיך דערוווסט די אויסטערלישע העלדישקייט פון אַ יידן, אברהם הירשפעלד.

אין לעניך, אַ שטעטעלע נעבן פּינסק, האָט מען די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אַרויסגעפירט אין אַ לאַגער, ווו מען האָט אַלעמען פאַר־ניכטעט. מען האָט בלויז איבערגעלאָזט געציילטע בעלי־מלאכות און זיי זענען אַרויסגעפירט געוואָרן אין אַ ספּעציעלן לאַגער פאַר פאַכלייט אין סלאָנים. דאָרט האָט געאַרבעט אַלס ספּעציאַליסט דער זייגער־מייס־טער אברהם הירשפעלד. היות ער האָט נישט שטענדיק געהאַט קיין זייי־

גערס צו פּאַרריכטן, האָט מען אים געשיקט אויף אַרבעט צום באַן און אויפן שאָסיי.

איין פרימאָרגן האָט מען הירשפעלדן נישט געשיקט אויף אַרבעט, נאָר מען האָט אים גערופן אין קאָמענדאַטור. מען האָט אים געגעבן אויף פרישטיק אַ האַלבן לאבן ווייסע ברויט, קאַווע מיט מילך. אברהם איז געוואָרן אומרואיק, פילנדיק, אַז די זאַך איז נישט גלאַט, ווייל „אויב די היטלעריסטן רופן מיך פלוצלינג צו זיך און גיבן מיר גוט עסן, איז דאָך מסתמא עפּעס געשען נישט קיין גוטס". נאָך פרישטיק איז געקומען אין דער קאָמענדאַנטור אַ דייטשישער פעלדפעבל מיט אַ זשאַנדאַר פון דער באַן־סטאַנציע און האָבן מיט אים פריינטלעך גערעדט, פרעגנדיק אים, אויב ער האָט אַן אַנונג אין עלעקטראָטעכניק. ער האָט געענטפערט, אַז ער קלייבט זיך פונאַנדער אין עלעקטראָטעכנישע סכעמען, און אויב מען וועט זיין פאַמיליע געבן נאָרמאַלע עקזיסטענץ־באַדינגונגען, דאַן וועט ער קענען עפּעס טאָן אויף דעם דאָזיקן געביט.

די היטלעריסטן האָבן אים צוגעזאָגט נאָכצוקומען זיין ביטע און זיי האָבן אים געבעטן, ער זאָל זיי נאָכגיין. זיי האָבן אים אַוועקגעפירט צו אַ באַן־ליניע, זיך אָפּשטעלנדיק ביי אַ רעלס.

„אָט דאָ, בירגער הירשפעלד", האָט זיך געווענדעט דער זשאַנדאַר צום יידן, „מיר האָבן צו אייך אַ ווענדונג: דאָ אונטערן רעלס ליגט אַ מינע, וועלכע איז געמאַכט לויט אַן עלעקטראָטעכנישן פּרינציפּ, איז אויב איר וועט די דאָזיקע מינע אַרויסנעמען, וועלן מיר גאָר גיך אייך צוריק־קערן די פאַמיליע אייערע, וועלכע איז אַרויסגעפירט געוואָרן, און איר וועט זיין צוזאַמען מיט אייער פרוי און קינדער, ווי אין פרידנצייט. אָבער אויב איר וועט די מינע נישט אַרויסבאַקומען, וועט שוין זיין אייך נייטיק צו האָבן די משפּחה נעבן זיך... איך קלער, אַז איר האָט גוט פאַר־שטאַנען מיין געדאַנק!"

„יאָ, יאָ, איך פאַרשטיי אייך זייער גוט!", האָט געענטפערט הירש־פעלד, באַדעקנדיק זיך מיט אַ קאַלטן שווייס, „אָבער איר דאַרפט אַוועק־גיין אָן אַ זייט, ווייל ס'איז דאָך אַ מינע און איר קאָנט געטויט ווערן, אויב זי וועט אויפרייסן".

די ביידזייטיקע היטלעריסטן זענען אַוועק אין אַ זייט. הירשפעלד־

איז געבליבן נעבן דעם רעלס, ווו ס׳איז געלעגן די מינע. ער האָט בעת מעשה געטראַכט, אַז די דאָזיקע מינע איז דאָך געוויס פאַרלייגט געוואָרן דורך פּאַרטיזאַנער, און זיי האָבן עס געטאָן, נישט אַז היִרשפעלד זאָל זי פונאַנדערנעמען. אָבער אין דער זעלבער צייט איז דורכגעפלויגן אַ געדאַנק, אַז ער דאַרף אַ צי טאָן די דראָטן פון דער מינע און ווערן אויפגעריסן. דאַן האָט ווידער דורכגעבליצט אַ געדאַנק, אַז דאַן ווען ער וועט נישט אויספילן די וועַנדונג פון די דייטשן, וועלן זיי דערשיסן זיין זונעלע, עדיקן, און זיין פרוי עמאַ. ער איז געשטאַנען און זיך געוואַקלט, נישט ווויסנדיק וואָס צו טאָן.

פון וווייטן זענען געשטאַנען די היטלעריסטן און אים אָבסערווירט. דער פעלדפעבל האָט געזאָגט צו די צוויי קאַמעראַדן, אַז עס וועט פון דעם גאָרנישט אַרויסקומען. איר האָט אים צוגעזאָגט צוריקקערן די פאַמיליע, ווען זי איז שוין לאַנג דערשאָסן געוואָרן. האָט איין היטלעריסט זיך אָפּגערופן, אַז פאַרוואָס זאָל מען אַ מענטשן נישט צוזאָגן, ווען ער האָט דאָך שוין אַ פאַרטיקן בילעט אויף יענער וועלט? מיר האָבן דאָך שוין פאַרלוירן 12 דייטשן, בעת זיי האָבן גענומען פונאַנדערנעמען די מינע, און דאָס זעלביקע וועט געשען מיט אים.

הירשפעלד איז, נאָך אייניקע וואַקלונגען, צוגעטראָטן פונאַנדערצינעמען די מינע, צוליב די פאָלגנדיקע טעמים: ערשטנס, איז די מינע שוין אויפגעדעקט דורך די דייטשן און פאַר זיי איז עס שוין נישט קיין סוד. די צוגן וועט מען שוין נישט לאָזן אויף דעם רעלס און קיין אויפרייס אויף אַן עשאַלאָן וועט שוין נישט פאָרקומען. צווייטנס, וועט מען די מינע אומשעדלעך מאַכן. ער האָט פאַרזיכטיק אַרויסגענומען די פאַרשטעקטע דראָטן פון זאַמד און האָט אָנגעהויבן איזאָלירן די דראָטן פון דער מינע. גאַנצע צוויי שעה האָט ער געאַרבעט דערביי. ער האָט אָפּגעטיילט דעם עלעקטראָדעטאַנאַטאָר פון טאָל און ער האָט געמאַכט די מינע אומשעדלעך, אַז זי האָט שוין נישט געקאָנט אויפרייטן.

דאַן האָט ער צוגערופן דעם פעלדפעבל מיט זיינע קאַמעראַדן, זיי זאָלן צוקומען נעענטער, אויסרופנדיק, אַז „די מינע איז געפּאַרלאָז". די היטלעריסטן זענען צוגעגאַנגען און האָבן געזען, אַז די מינע איז אָפּגעטיילט פון טאָל און פון די דראָטן.

יענעם אָוונט האָבן די דייטשן געגעבן הירשפעלדן אַ גוטן מאָלצייט און אים געזאָגט, אַז ער וועט איצטער ביי זיי זיין אַן אינסטרוקטאָר, אַ סאַפּיאָר. מען האָט אים געגעבן אַ גוטע צוטיילונג פון פּראָדוקטן, אָבער צוריקקערן די פאַמיליע האָבן די היטלעריסטן נישט געקאָנט.

אין איין פאַרנאַכט איז הירשפעלד געשטאַנען אויף דער גאַס, נעבן זיין קוואַרטיר. מען האָט פאַרבייגעפירט יידן פון דער אַרבעט פון די פעלדער. ער האָט באַמערקט ווי איין אַלטער ייד האָט זיך פון אים אָפּ־געקערט, נישט ענטפערנדיק אויף הירשפעלדס באַגריסונג. אים, הירש־פעלדן, האָט עס ביטער פאַרדראָסן, קלערנדיק, אַז די יידן אין לאַגער האַלטן אים איצט פאַר אַ פאַררעטער. ווי ער טראַכט אַזוי שטאַרק באַ־קימערט, האָט ער דערזען ווי פון איינעמס אַ יידנס האַנט פאַלט אַרויס אַ שמוציקע שמאַטקעלע. ער האָט עס אויפגעהויבן און עס פונאַנדערגע־נומען. דאָרט איז געווען איינגעוויקלט אַ צעקנייטשט צעטעלע, געשריבן צו אים, הירשפעלדן, מיט די־אָ ווערטער:

„טייערער אברהם! דו, דאַכט זיך, ביסט אָנגעקומען אויף אַ פּאָסטן צו די היטלעריסטן, און דערפאַר האָבן זיי דיך אָנגעהויבן קאָרמענען ווי אַ מענטש, אָבער זיי ווייסן, אַז מיר באַטראַכטן דיין האַנדלונג ווי אַ די־רעקטן פאַרראַט... מסתמא ווייסטו דאָך, אַז אונדזערע פאַמיליעס זענען שוין לאַנג דערשאָסן!... דוד".

הירשפעלד האָט דאָס צעטעלע אַרויסגעוואָרפן פון האַנט. אין האַרצן איז ביי אים געוואָרן אַ פּוסטקייט, גלייכגילטיק איז ער געוואָרן צו זיין אייגן לעבן. ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ שטיקל פּאַפּיר און אַ בלייפעדער. ער האָט אָנגעשריבן אַ קורץ בריוועלע און אַרויס אין גאַס...

אויפן צווייטן טאָג האָט מען הירשפעלדן געזען אויף דער אייזנבאַן־ליניע צוזאַמען מיט די היטלעריסטן און מיט אַ לייטענאַנט פון טעכנישן מיליטער. ער, הירשפעלד, איז געגאַנגען פאָרויס און נאָך אים די היט־לעריסטן. ער האָט זיי צוגערופן צו דער אומשעדלעכער מינע, וועלכע איז געלעגן אויפן זעלבן אָרט, אונטער דעם רעלס. ער האָט אַרומגעגראָבן אַרום דעם אָרט, ווו ס'איז געלעגן די מינע. זיי האָבן אַלע איר באַטראַכט, יעדן דעטאַל. און דאַן האָט ער אַ דריק געטאָן אין איין אָרט און זי האָט אויפגעריסן און צוזאַמען מיט אים אַלע היטלעריסטן.

די יידן אין סלאָנימער לאַגער האָבן געוווסט פון לעצטן צעטעלע וואָס ער האָט געשריבן צו זיין פריינט דוד, אַז ער וועט „מאָרגן אומקומען צוזאַמען מיט די היטלעריסטישע שונאים"...

די קאָנפערענץ האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט פאַרנאַכט. עס איז דערנאָך איינגעאָרדנט געוואָרן אַ וועטשערע. אין עטלעכע דאָרפישע כאַטעס האָט מען סערווירט אויף דעמבענע טישן קאָרפּן פון „סטיר", געבראָטענע געגנדז און הינער, קאָטלעטן פון פלייש און גרויסע פּלעשער מיט סאַמאָגאָנקע. די שטימונג איז געווען אַ בגילופנדיקע, ווי מען וואָלט זיך געפונען נישט אין קריג־צייט. מען האָט פאַרגעסן, אַז די דייטשן שטייען באָענט, לערך 10 ק"מ פון דאָברויסק און קאָנען יעדע שעה אונדז באַפאַלן.

אין מיטן דער סעודה זענען צוגעפאָרן רייטערס, מיט אָנגעכמורעטע פּנימער און אין טיפע גרויסע קוטשמעס, וואָס האָבן איינגערוימט אַ סוד... באַלד האָט מען זיך דערוווסט, אַז די דייטשן גרייפן אָן די נאָענטע דערפער, וואָס גרענעצן זיך מיטן סוואַריטשעוויטשער וואַלד. הגם יעדערער פון אונדז איז געוואָרן אומרואיק און די פיס זענען געוואָרן ווי שטאָלצן, דאָך האָט מען עס נישט אַרויסגעוויזן. איטלעכער פון אונדז האָט שוין נישט איין מאָל געזען דעם טויט פאַר זיך, און דעריבער האָט מען זיך גיך באַהערשט און מיט אַמביציעזע פּאַרטיזאַנישע טריט און קאַמף־גרייטקייט איז מען אַרויס פון די כאַטעס צו זאַטלען די פערד...

די מיטגלידער פון שטאַב פון וואָראָשילאָוו־אָטריאַד האָבן אַוועקגעריטן פריער צו דער באַזע אין סוואַריטשעוויטשער וואַלד, בדי צו זיין אויפן אָרט אין אַזאַ קריטישער סיטואַציע. איך מיט קאָליאַן האָבן אויך איבערגעלאָזט דעם וואָגן און מיר האָבן אַוועקגעריטן מיט אייניקע מינוט שפּעטער.

ס'איז געווען שפּעט אין אָוונט, ווען מיר זענען אַרויסגעפאָרן פון דאָברויסק. מיר זענען געפאָרן דורך דעם זעלבן וועג, די זעלבע פעלדער, ווי מ'יר זענען געקומען. די חשכות אין וואַלד איז געווען גרויס. ווו נישט ווו האָט אַ בלענד געטאָן די ווייסקייט פון אַ בעריאָזקע ביים וועג און עס האָט אַ שימער געטאָן אַ שטערן.

ראַפּטום האָט זיך אויפן הימל צעגאָסן אַ רויטקייט... דערנאָך האָבן

מיר פעסטגעשטעלט, אַז עס ברענט ווו אַ דאָרף, אָבער ס׳איז שווער גע־וועזן צו וויסן ווו עס ברענט. באַלד איז דער גאַנצער הימל באַגאָסן גע־וואָרן מיט פייערן. פון אַלע זייטן הימל האָבן זיך געזען בראַנדיקע שריפות.

עס איז אונדז קלאָר געוואָרן, אַז מיר געפינען זיך אין קלעם פון דייטשן, וועלכע האָבן ספּעציעל געצונדן די דערפער און ישובים. דאָס טוען זיי, בעת אַן אָנגריף. קאָליאַ איז געוואָרן שטאַרק פאַרלוירן. שטענ־דיק האָט ער געהאַט מוט און קוראַזש. ער רוימט מיר איין אין אויער, אַז אונדזער סיטואַציע איז אַ שלעכטע און מיר קאָנען אַזוי אַריינפאָרן אין די דייטשישע הענט, און נישט אומזיסט האָט זיך אים נעכטן ביינאַכט געחלומט זיין פאַרשטאָרבענער טאַטע, ווי ער וואָלט זיך בייזערן אויף אים.

„וואָס, קאָליאַ, גלייבסטו דען אין נאַרישע חלומות?“, פרעג איך אים און זאָג אים, ער זאָל בעסער זיך אַרומקוקן ווי עס לייכטן אָקעגן אונדז דייטשישע ראַקעטן.

„יאָ, ס׳איז נישט גוט. אַנטקעגן לייכטן דייטשישע ראַקעטן און מיר זענען אַריינגעפאַלן אין דער פאַשיסטישער פאַסטקע“.

„ווייסטו, קאָליאַ, אַז אונדזערע צייטן זענען אַ סך ערגערע ווי אין דער פּרעהיסטאָרישער תקופה. מענטשן זענען געוואָרן ערגער ווי חיות“, זאָג איך צו אים. ער איז מיט מיר איינשטימיק, באַטאָנענדיק, אַז „אַזעלכע הענקער און מענטשן־חיות זענען נאָך נישט געווען אין דער מענטשלעכער געשיכטע“.

עס דערהערט זיך פון דער נאָענט אַן אויטאָמאַטן־שיסעריי, איין סע־ריע נאָך דער צווייטער... דאַן ראָט איך אויסצומיידן דעם וועג־אויסבייג ביים צלם, ווייל די דייטשן, קאָן זיין, האָבן שוין באַזעצט דעם דאָזיקן פונקט.

מיר פאָרן אַריין אין וואַלד. אַ זומפּיקער גרונט. די פערדישע קאָ־פּיטעס זינקען. מיר גייען אַראָפּ פון די פערד און פירן זיי ביי די מאָר־דעס. מיר מיידן אויס די זומפּיקע ערטער. די פינצטערניש אין וואַלד שטייגט. דאָ און דאָרט גיט אַ קראַקע אַ סאָווע און ס׳הערט זיך אַ געוואָי פון אַ וואָלף. מיר בלאָנדזשען אין דאָזיקן געדיכטן וואַלד אַ היפּשע פּאָר שעה, ביז מיר קומען אַרויס אויף סוואַריטשעוויטשער גרעבליע. די וואַך ביי אַ קאָסטיאָר האָט אונדז אָנגעזאָגט, אַז דער וועג־אויסבייג ביים צלם

איז פאַרנומען מיט דייטשן און גוט האָבן מיר געטאָן וואָס מ׳יר האָבן אַריינגעריטן אין וואַלד, אויסמיידנדיק דעם צלם, וואָס שטייט באמצע הדרך.

עס האָט געשאַריעט אויף טאָג, ווען מיר זענען געקומען צו אונדזער באַזע. אַלע זענען געווען אומרואיק איבער אונדזער גורל. אין די זעמ־ליאַנקעס איז שוין קיינער נישט געווען. אַלע פּאַרטיזאַנער זענען געווען אין דרויסן. די פאַרווונדעטע זענען געלעגן אויף די וועגענער, און אויף די שווער טיפוס־קראַנקע. אַלע מטלטלין זענען אָוועקגעלייגט געוואָרן אויף די פורן. מיין רעדאַקציע־וואָגן איז שוין אויך געווען גרייט צו דער עוואַ־קואַציע. דאָס האָבן די צוויי יונגינקע פּאַרטיזאַנער — דער ניין־יאָריקער נתנקע באַבראָוו און דער 10־יאָריקער נתן באַבראָוו — אַלץ פאַרפּאַקט און גוט אָוועקגעשטעלט, אין דער בעסטער אָרדענונג, דעם ראַדיאָ־אַפּאַ־ראַט מיט אַלע צודאַטן, ווי אויך די שרייב־מאַשינקעס און די שרייב־מאַטעריאַלן. דער צען־יאָריקער נתן איז דאָך געווען דער פורמאַן פון דער רעדאַקציע.

אויף שטאַמען פון ביימער און קוסטעס זענען געזעסן פּאַרטיזאַנער און האָבן גערייניקט די ביקסן, געטריקנט די קוילן און געשמירט די שלעסער. די פּאַרטיזאַנקעס האָבן געגרייט באַנדאַזשן און ביי די קאָס־טיאָרן געטריקנט סוכאַרעס צום וועג. דער באַפעל פון שטאַב איז געווען אָפּצוטרעטן פון וואַלד, ווייל די דייטשן זענען שוין אין אייניקע ערטער אַריינגעדרונגען און געווען פון אונדזערע זעמליאַנקעס און דאָרף סוואַרי־טשעוויטש סך הכל 5־6 ק״מ.

אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע איז אַוועק מינירן די בריק ביים דאָרף און שטעלן אַ ווידערשטאַנד די דייטשן, כדי צו געבן אַ מעגלעכקייט אונדזער אַבאַז אַרויסצופאָרן פון וואַלד.

אין די פרימאָרגן־שעהן האָט זיך דער אַבאַז געריַרט פון וואַלד. די קאַנאָנאַדע פון דער דייטשישער אַרטילעריע איז געווען שטאַרק, צילנדיק אין אונדז. עס האָט זיך אונדז איינגעגעבן אַרויסצופאָרן פון וואַלד און אַריבערפאָרן דעם טראַקט סוואַריטשעוויטש־זאַמרושעניע. אין אייניקע מינוטן אַרום איז שוין דער דאָזיקער טראַקט געווען באַזעצט דורך דייטשן.

מ׳יר זענען אַריבערגעפאָרן אין אַ וואַלד אויף יענער זייט סוואַרי־

טשעוויטש. די דייטשן זענען אַריינגעקומען אין סוואַריטשעוויטשער וואַלד און האָבן פאַרברענט און אויפגעריסן די זעמליאַנקעס, געגישטערט אין אַלע שוך־גריבער און האָבן דערנאָך, אין אייניקע שעה אַרום, פאַרלאָזן דעם וואַלד און אַריינגעקומען אין דאָרף סוואַריטשעוויטש, פאַרברענענ־דיק אַלע כאַטעס און שטאַלן, וואָס זענען נאָך געבליבן פון דער באָמ־באַרדירונג. אין דאָרף האָבן זיי אויפגעזוכט עטלעכע 80־90־יאָריקע פּויע־רים און פויערטעס, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין כוח אָדער נישט באַ־וויזן אַוועקצוגיין אין וואַלד. מען האָט ביים ראַנד פון דאָרף, אין אַן אַל־טער, איינגעפאַלענער כאַלופּע, געפונען דעם סערניקער יידן בערל באַקאַל־טשוק, וועלכער איז בעת דער בהלה געגאַנגען אין דאָרף אויפזוכן זיין פרוי חיה־הינדע, וואָס האָט געניית אין דאָרף. מען האָט אים מיט די עטלעכע פּויערים אַריינגעטריבן אין אַ קלויסטער און זיי דאָרט פאַרברענט.

הגם די דייטשן זענען געווען אין דאָרף בלויז אַ פּאָר טעג, דאָך זענען מיר אַוועק אין די נאָענטע און שכנישע וועלדער. מען האָט געוואַנדערט פון דאָרף צו דאָרף און פון וואַלד צו וואַלד. עס איז געווען אַ וואַנדער־וועג פון עטלעכע הונדערט וואַלד־בירגער. דער יידישער פאַמיליע־לאַגער אַליין האָט געציילט 350 נפשות. ס'האָט דאַן אין וואַלד געפעלט דער מאָלער מאַרק שאַגאַל, וועלכער האָט מיט זיין קינסטלערישן פּענדזל פאַר־אייביקייט אויף לייוונט די וויטעבסקער יידן. ער וואָלט אין וואַלד געקאָנט שאַפן די גרעסטע מאָלערישע עפּאָפּיי פון די יידן אין וואַלד, ווען אויגן האָבן אויסגעדריקט די ירושהדיקע שרעק און פּאַניק. מען האָט זיך דאָך געשראָקן פאַר די דייטשישע פאַרניכטער אַ סך מערער ווי די יידן אין די חומש־צייטן, בעת די מצרים האָבן געיאָגט די יידן אין ים־סוף אַריין.

פון דעם וועלדל הינטער סוואַריטשעוויטש זענען מיר אַוועק אין דער ריכטונג צו „סטעפּאַן־גאָראָד" (דובע). דאָרט האָבן מיר זיך איינגעקוואַר־טירט אין הייזער. דאָס איז געווען אַ גרויס דאָרף צווישן געדיכטע וועל־דער, קליינע טייכלעך, וואַלד־קאַנאַוועס און בלאָטעס. אין די צייטן פון די טאַטאַריש־מאָנגאָלישע אָנגריפן און די קאָזאַקיש־אוקראַיִנישע מלחמות מיט די פּאָליאַקן, איז דאָס דאָזיקע דאָרף געווען אַ פעסטונג. די גאַסן זענען גלייך געשניטן, ציענדיק זיך פון מאַרק־פּלאַץ, וואָס האָט געהאַט אַ

פּאָר קליינע מויערן און עטלעכע יידישע הייזער געבויט אין נישט קיין דאָרפישן סטיל. ביזן צווייטן וועלט־קריג האָבן אין סטעפּאַן־גאָראָד נאָך געוווינט אַ פּאָר צענדליק יידישע משפּחות, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט איינקויפן ביי פּויערים חזיר־האָר, פּעסער רויטע יאַגעדעס, פאַרשיידנמי־ניקע שוואָמען. זיי האָבן מיט די דאָזיקע אַרטיקלען געפירט גרויסע מסחרים. אין געגנט האָבן געשמט די דובער סוחרים. באַזונדער האָט גע־שמט די גרויסע יידישע סוחרטע חיה די דובער, וועלכע איז געווען אַ סוחרטע פון וואַלד־דיליאַנקעס.

אין איינעם פון די פּאָר מויערן, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו חיים דעם דובער, האָבן זיך פאַרזאַמלט אַלע פאַרטיזאַנער פון אָטריאַד. איך האָב דאָן פּאָר זיי אָפּגעגעבן אַן אויספירלעכן באַריכט פון אונדזער ערש־טער פ אַ ר ט י ז אַ נ ע ר ־ ק אָ נ פ ע ר ע נ ץ.

דער בלוטיקער דערנער־וועג פון יידישן פאַמיליע־לאַגער

אין יענע טעג, ווען מיר האָבן זיך עוואַקואירט פון סוואַריטשעווי־טשער וואַלד, איז געווען ביי אונדזער אָטריאַד בלויז דער יידישער פאַ־מיליע־לאַגער. די אַנטלאָפענע אוקראַינישע פאַרטיזאַנער־פאַמיליעס פון די דערפער, צוליב די שחיטות פון די „באַנדעראָווצעס", וועלכע האָבן גרוי־זאַם געמאָרדעט אויך אוקראַינער, אויב זיי האָבן געהאַט זין, מענער אָדער ברידער אין די פאַרטיזאַנען־אָטריאַדן, פלעגן ווייניק זיין מיט די פאַרטי־זאַנער אין וואַלד. זיי פלעגן זיי איינאָרדענען אין די נאָענטע דערפער, וועלכע זענען געווען פראָ־פאַרטיזאַניש אָדער מען פלעגט זיך אַוועקציען אין דערפער אַרום פּינסק, וואָס דאָרט איז געווען אַ ווייסרוסישע באַפעל־קערונג און קיין באַנדעראָווצעס זענען אין יענע ערטער נאָך דאָן נישט געווען. די פוילישע פאַמיליעס, וועלכע זענען געמאָרדעט געוואָרן אָן שום פונק פון רחמנות און אויף אַ שרעקלעכן אופן, האָבן זיך מיינסטן קאָנ־צענטרירט אין וועלדער ביים „סטיר", ווו עס זענען געשטאַנען די אָט־ריאַדן, וועלכע האָבן נישט געדאַרפט אַרומוואַנדערן. אונדזער וואָראָשילאָוו־אָטריאַד איז, נאָכן פאַרלאָזן סוואַריטשעוויטשער וואַלד, געגעבן געוואָרן

די מיסיע צו זיין אַ וואַנדערנדיקער אָטריאַד, אין איינקלאַנג מיט דער ליניע פון קוטוזאָוון, דעם באַרימטן רוסישן מיליטערישן סטראַטעג און פעלקן־פירער, וואָס האָט געזאָגט דאָס פאָלגנדיקע:

„ב אַ וו ע ג ו נ ג — איז די מוטער פון פּאַרטיזאַנישער סטראַטעגיע און טאַקטיק. אַ פּאַרטיזאַן דאַרף זיך נישט איינזיצן אויף איין אָרט, ווייל זיין פליכט איז צו פאַרבלייבן אויף אַן אָרט נאָר אויף האָבן צייט אָפּצו־עסן אַליין און אָנצוקאָרמענער דאָס פערד. ב אַ וו ע ג ו נ ג איז די בעסטע פּאָזיציע פאַר אַ פּאַרטיזאַן".

בעת מיר זענען געווען אין סוואַריטשעוויטשער וואַלד און עס איז געווען מער אָדער ווייניקער „נאָרמאַל", דערהויפּט ווינטער־צייט, ווען קיין באַנדעראָווצעס זענען נאָך נישט געווען אין געגנט און דייטשן האָט מען אויך נישט געזען אין די אַרומיקע דערפער און אין וואַלד, איז דער ענין פון יידישן פאַמיליע־לאַגער געווען געלייזט אָן קיינע באַזונדערע שוועריקייטן. הגם זייערע זעמליאַנקעס זענען געווען נישט צוזאַמען מיט די פּאַרטיזאַנישע, אָבער די יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן אַכטונג געגעבן אויף די נישט־באַוואָפנטע יידן אין אַלע הינזיכטן, ווי אין זין פון שוץ אַזוי אויך אין פּרט פון באַשפייזונג. יידישע פּאַרטיזאַנער, קומענדיק פון אַ פאַרגעב איז, ווי מ'יד מען איז נישט געווען, איז מען גלייך אַוועק אין די זעמליאַנקעס פון פאַמיליע־לאַגער צו זען אויב מען איז געזונט און אויב מען האָט וואָס צו עסן. מען האָט, גייענדיק אויף אַ פאַרגעב, געהאַט אין זינען צו ברענגען אַ פּאָר זעק קליידונג און שוכוואַרג פאַר די נישט־באַוואָפנטע יידן. ווען נישט ווען האָט מען געהערט פון קריסטלעכע פּאַרטי־זאַנער אַ מורמלעריי, אַז די יידן אין פאַמיליע־לאַגער זענען אומזיסטע עסער און ווי אויף ק ע ס ט ביי די פּאַרטיזאַנער. אָבער מען האָט אויף דעם קיין אַכט נישט געלייגט. די נישט־יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן געקאַנט זען ווי יידן פלעגן וועלן זיין באַוואָפנט און מיטבאַטייליקן זיך אין די קאַמפן מיט די פאַרניכטער פון זייער פאָלק, ווייל ווי מען פלעגט נאָר ברענגען טראָפייען פון וואָפן, איז געווען יעדער ייד שטאַרק פאַראינטע־רעסירט צו באַקומען אַ ביקס אָדער אַ רעוואָלווער. יידן זענען געשטאַנען אויף פּאָסט און געפאָרן מיט פּאַרטיזאַנער אויף ווירטשאַפטלעכע עקס־פּעדיציעס, געטאָן אַלע טעכנישע אַרבעטן ווי קוילענען בהמות און אָקסן

און געווען פּראָוואָדניקעס ביי פאַרשיידענע געפערלעכע איבערפאַלן אויפן שונא. כמעט די מערהייט אין פאַמיליע־לאַגער זענען געווען יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך: פאָהאָסט־זאַרעטשני, סערניק, האָראָדנאָיע, וויסאָצק, בערעזשניץ, דאָמבראָוויץ, סאַרני, בערעזנע, פינסק. די פאַרטיזאַנער פון מזרח, אָדער ווי מיר האָבן זיי גערופן „וואָסטאָטשניקעס", האָבן דאָך נישט געוווּסט די געגנט און יידן פון לאַגער האָבן זיי אין דעם זין געהאָלפן.

די לאַגע אין יידישן פאַמיליע־לאַגער האָט זיך אָנגעהויבן פאַרערגערן בעת דער דייטשישער אָבלאַווע. די פראַגע פון אַפּראָוויזאַציע איז געוואָרן שטאַרק קאָמפּליצירט. יעדע ווירטשאַפטלעכע עקספּעדיציע איז געווען פאַרבונדן מיט קרבנות. דאָך איז געווען שווער צו באַקומען שפּייז גענוג פאַר דעם יידישן פאַמיליע־לאַגער. כדי נישט צו הונגערן, האָבן יידישע בעלי־מלאכות ריזיקירט אין דער געפערלעכסטער צייט פון דער דייטשישער אָבלאַווע צו גיין אין דערפער אַרבעטן. אָבער ביז גאָר שאַרף איז די לאַגע פון פאַמיליע־לאַגער געוואָרן בעת מען האָט געוואָנדערט וואַלד־איין און וואַלד־אויס, דאָרף־איין און דאָרף־אויס. מען האָט שוין געהערט פון נישט־יידישע פאַרטיזאַנער און אויך פון די שטאַב־מיטגלידער אָפענע אַנטי־יידישע דיבורים און האָבן אַפילו פאַרווערט דעם לאַגער נאָכצוגיין נאָך דעם אָטריאַד. די מיטגלידער פון שטאַב — יערמאָלענקאָ און פלוזשניקאָוו — האָבן מאָטיווירט, אַז די יידן פון פאַמיליע־לאַגער זענען נישט קאָנספּיראַטיוו און קאָנען מיט דעם שטעלן אין געפאַר דעם אָטריאַד. זיי האָבן געמוסרט די נישט־באַוואָפנטע יידן, הלמאַי מען האָט מיט קיין בלויזע פויסטן נישט דעראָבערט קיין וואָפן, טענהענדיק, אַז דער וואַלד און די פאַרטיזאַנקע זענען נאָר פאַר העראָישע מענטשן, וועלכע דאַרפן קעמפן ביי אַלע באַדינגונגען.

פאַר אונדז, יידישע פאַרטיזאַנער, איז געווען שווער און אוממעגלעך צו לאָזן אויף הפקר דעם פאַמיליע־לאַגער. די „באַנדעראָווצעס" האָבן גראַסירט און בלויז אויסגעקוקט אויף דעם, אַז מען זאָל די יידן פון דעם פאַמיליע־לאַגער דערווייטערן פון אָטריאַד, ווייל דאַן וואָלטן זיי געהאַט גאָר אַ לייכטע אַרבעט אויסצושעכטן זיי ביז איינעם. אויף דעם דאָזיקן באָדן זענען ביי אונדז געוואָרן גרויסע חלוקי־דעות און עס האָט זיך אַפילו

איצט געשאָפן מצד אַנטיסעמיטישע פּאַרטיזאַנער אַ פיינטלעכע שטע־לונג צו אונדז, יידן.

שלעכט איז געוואָרן מיט דעם, וואָס דער קאָמיסאַר און נאַטשאַלניק פון שטאַב האָט אויך אָפן גערעדט אויף יידישע פּאַרטיזאַנער, פאַרגעסנ־דיק דערביי, אַז די גרינדער און פאַנענטרעגער פון אָטריאַד זענען יידן. מיט זייערע רייד און ליצנות אויפן חשבון פון די יידן, הלמאַי מען איז נישט אַנטלאָפן אין די וועלדער מיט געווער, האָבן זיי אין אונדז פאַר־גרעסערט דעם שפלות־קאָמפּלעקס, וואָס איז געווען אין אַלע צעלן פון האַרץ און געמיט. די שחיטות אין די געטאָס און די פאַרלוסטן פון די נאָענטסטע האָבן אין אונדז אַריינגעגעבן מוטלאָזיקייט און לגבי די נישט־יידישע פּאַרטיזאַנער האָט מען זיך געפילט דערשלאָגן פון אַזאַ ביטערן גורל. מען האָט אָנגעהויבן נאָכקוקן אונדזערע טריט, ווי מען וואָלט גע־ווען אין קלעם פון שונאים. אַפילו פאַרדינסטפולע יידישע פּאַרטיזאַנער האָט מען קריטיקירט.

איך און ד״ר ערליך האָבן געגעסן צוזאַמען מיטן שטאַב. פּלוצלינג האָבן זיי אים געמאָלדן, אַז ער זאָל עסן אין „סאַנטשאַסט״ (מעדיצינישער אָפּטייל). ווען כ׳האָב געפרעגט ביים קאָמיסאַר וואָס איז די סיבה, האָט ער מיר געענטפערט, אַז דער דאָקטער איז אַ באַראַכאַלשטשיק (אינטערעסירט זיך מיט זאַכן) און זאָל ער גיין. כ׳האָב געפילט אַז מען איז אויף אים שטאַרק אין כעס און בין אַוועק צום דאָקטאָר פרעגן וואָס האָט פּאַסירט. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט פון לעצטן פאַרגעב געבראַכט עפּעס קליידונג פאַרן פאַמיליע־לאַגער. דאַן האָב איך זיך זייער געשראָקן פאַרן לעבן פון ערליכן, ווייל קריגן אַ קויל פאַר דעם מינדסטן חטא איז אין די פּאַרטיזאַנער־וועלדער געווען אַ גרינגע זאַך, גרינגער ווי אַראָפּצושלינגען אַ ביסן.

נישט לאַנג נאָך דעם דאָזיקן אינצידענט מיטן דאָקטאָר איז פאָרגע־קומען אַ פאַל, ווען אַ יידישער פּאַרטיזאַן, אברהם מאיר טורקעניטש, איז געוואָרן צוגעצויגן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט, פאַרוואָס ער האָט, גייענ־דיק אויף אַ פאַרגעב, פאַרלוירן די ביקס. ס׳איז פאָרגעקומען ביי פאָלגנ־דיקע שווערע באַדינגונגען: אַ גרופּע פון 15 פּאַרטיזאַנער איז אַוועק אויפ־רייסן אַ בריק ביי פינסק. דער פּראָוואָדניק האָט אינפאָרמירט, אַז אויפן

בריק שטייען בלויז צוויי דייטשן, אָבער ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די בריק איז שטאַרק באַוואַכט און די דייטשן האָבן געמאַכט ד א ט ן. מען איז צוגעקומען נאָענט צום בריק, האָט זיך געעפנט אַ גוואַלדיק פייער, אַ שטאַרקע שיסעריי און מען האָט געמוזט אָפּטרעטן. די פּאַרטיזאַנער האָבן געהאַט פורן און מען האָט זיך געזעצט אויף זיי. צוליב דער שיסעריי פון די דייטשן איז די פור, אויף וועלכער ס׳איז געזעסן טורקעניטש, באַשאָסן געוואָרן. די פערד האָבן זיך צעספּוזשעט און אָנגעהויבן לויפן גראַד צו דער זייט פון בריק. טורקעניטש, באַלד ווי ער האָט זיך געזעצט אויף דער פור האָט די ביקס אַוועקגעלייגט אין פור. ווען די פערד האָבן זיך צעספּוזשעט איז די ביקס אַרויסגעפאַלן פון פור. מען האָט טורקעניטשן, ווי ער איז געקומען אין אָטריאַד, אַרעסטירט. עס האָט אים געדראָט טויט פאַר אי־בערלאָזן די ביקס אויף דער פור. דער קאָמאַנדיר פון דער גרופּע איז געווען דיקאָוויצקי, דער פאָטער פון צוויי פּאַרטיזאַנער, וועגן וועמען כ׳האָב דער־מאָנט אין קאַפּיטל „סוואַריטשעוויטש — די צווייטע מאָסקווע״. ער איז געווען מיט מיר באַפריינדעט און כ׳האָב אים באַווירקט צו באַשרייבן די גאַנצע סיטואַציע און אונטערשטרייכן די קאַמף־פעאיקייט פון טורקע־ניטשן, ווי די ווירקלעכקייט איז. ער איז טאַקע געווען קאַמף־פעאיק און איינער פון די ערשטע פּאַרטיזאַנער. דאָס אַלץ האָט דער שטאַב גענומען אין אַכט און אים באַשטראָפט מיט דאָפּעלער „פּאָסט״. אין אַנדערע ער־טער האָט מען געשאָסן פאַר אַזאַ זאַך.

אין ווייסרוסלאַנד, אין די וועלדער פון דערעטשין און זעלווע, זענען געווען אין אַקטיווער פּאַרטיזאַנישער דינסט צוויי יידישע מ׳יידלעך: פּיי־געלע שעליובסקי און ביילע בעקער, וואָס האָבן געשטאַמט פון דערעטשין נעבן זעלווע — סלאָנים. עס איז געווען איבער די וועלדער אַן אַבלאַווע פון דייטשן. די פּאַרטיזאַנער האָבן געפירט מיט דער דייטשישער שטראָפ־לער־עקספּעדיציע פאַרביטערטע און שווערע שלאַכטן. אויך די ביידע מיידלעך האָבן זיך באַטייליקט אין די דאָזיקע קאַמפן. די דייטשן האָבן די פּאַרטיזאַנער אַרומגערינגלט. די מיידלעך האָבן דאַן באַהאַלטן זייערע ביקסן אויף אַ באַשטימטן אָרט. ווען זיי זענען געקומען אין שטאַב פון אָטריאַד, האָט דער נאַטשאַלניק זייערער, בולאַט, (אַן אינוואַליד) געפאָ־דערט פון זיי די ביקסן, ווו האָבן זיי עס אַהינגעטאָן. זייער ענטפער איז

געווען, אַז זיי זענען געווען געצוווּנגען צו באַהאַלטן די ביקסן, ווייל זיי זענען געווען אַרומגערינגלט פון דייטשן, אָבער זיי קאָנען יעדע רגע אַרויס־נעמען און ברענגען די ביקסן. ער האָט אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער און זיי דערשאָסן.

אויך אין אונדזער אָטריאַד איז געשען אַ צווייטער פּאַל, ווען דער פּאַרטיזאַן לייוויק פישמאַן האָט פּאַרלוירן זיין ביקס. האָט מען אים גע־שטעלט אַ באַדינג: אָדער ברענגען אַן אַנדער ביקס אָדער מען וועט אים דערשיסן. ער איז אָבער געווען איינער פון די העלדישסטע פּאַרטיזאַנער, האָט ער זיך נישט אָפּגעשראָקן פאַר דעם. ער איז אַוועק אין זיין געבורט־דאָרף און האָט ביי אַ באַנדעראָוועץ אַרויסבאַקומען אַ ביקס, באַפּאַלנדיק אים פון רוקן.

נאָך אַזוינע אינצידענטן זענען פּאָרגעקומען, אויך אַזוינע, וואָס האָבן געהאַט אַ בולטע אַנטיסעמיטישע באַפאַרבונג. מען האָט די יידן אָנגע־הויבן פאַרוואַרפן, אַז זיי באַרויבן די פּויערים און אַז יידן באַפאַלן זיי און מאָרדן אַוועק אָן שום מאָטיוו. עס זענען טאַקע געווען פאַלן, ווען יידן האָבן אויף די וועגן און אין דערפער אָנגעטראָפן באַוווּסטע פּויערים־מערדער, וועלכע האָבן דורכגעפירט מאָרדן אויף סערניקער יידן. און ביי אַזוינע באַגעגענישן האָט מען אייניקע פּויערים דערשאָסן. מען האָט איין מאָל אָנגעטראָפן די פּויערים פון ניקאָלאַיעווע, וועלכע האָבן אויסגעהרגעט אַ גאַנצע יידישע פאַמיליע און מען האָט זיי געטויט. דעם דאָזיקן נקמה־אַקט האָבן אויסגעפירט יידישע פּאַרטיזאַנטער אונטער דער אָנפירונג פון אויבנדערמאָנטן לייוויק פישמאַן און משה טורקעניטש. אַ נקמה־אַקט אי־בער די מערדער פון סערניקער יידן, די פּויערים, וואָס האָבן געהייסן — איוואַן פּאַליוווניק און די ברידער אַנדריי און דאַנילאָ דראַכטיוק — האָבן אויסגעפירט סערניקער יידישע פּאַרטיזאַנער. דער יידישער פּאַרטיזאַן סיאָ־מע פּיאַלקאָוו האָט איינמאָל, ווען ער איז געפאָרן רייטנדיק פון אַלעק־סאַנדראָווער כוטאָרעס, געזען פון ווייטן דעם פּויער, וועלכער האָט דער־מאָרדעט זיין מאַמע, בעת זי איז אַרויסגעלאָפן פון געטאָ. ער איז צוגע־ריטן צו אים און אויפן אָרט אים געטויט. דער קאָמיסאַר פון אָטריאַד האָט אים געוואָלט דערשיסן, אָבער מיר אַלע האָבן זיך קעגנגע־שטעלט. ס׳איז גראַד געקומען אין אָטריאַד דער נאַטשאַלניק פון שטאַב

פון דער 'סאָיעדיניעניע", קודאיאַר, און כ'האָב אים דערציילט דעם גאַנצן ענין. ער האָט גלייך פאַראָרדנט דעם קאָמיסאַר, ער זאָל סיאָמען נישט וואָגן אָ האָר אַפילו אָנרירן.

גאָר אַ פיינלעכער פּאַרפאַל, שוין אַן אָפענער אַנטיסעמיטישער פּאַר־זוך, איז געווען די פאַראָרדענונג פון קאָמאַנדיר, קאָמיסאַר, נאַטשאַלניק פון שטאָב צו באַזייטיקן די יידישע מיידלעך, קעכינס, פון אָטריאַד. זיי האָבן מאָטיווירט, אַז די אָנוועזנהייט פון פרויען אין די גרופּעס, שוואַכט אָפּ די קאַמף־פעאיקייט פון די פּאַרטיזאַנער. מיסיוראַ האָט גענומען און אַרויסגעשיקט פון אָטריאַד זיין פרוי מיטן קינד צו ווייזן, אַז ער איז נישט אַנטיסעמיטיש געשטימט. אָבער זיין פרוי איז געווען אין אַן אַנדער לאַגע. זי איז אַ קריסטין און האָט געהאַט גענוג ערטער ווו זיך צו פאַרשטעקן און ווו צו וווינען.

די יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן פּראָטעסטירט קעגן דעם. הגם מען האָט צוגעזאָגט זיי געבן גענוג שפּייז און האָבן דאָס רעכט צו וווינען אין אַביידל נישט ווייט פון די פּאַרטיזאַנישע ביידלעך, דאָך האָט מען עס באַ־טראַכט פאַר אַ גרויסער באַליידיקונג. די אַלע מיידלעך אין אָטריאַד זענען געווען פון ערשטן טאָג, ווען די גרופּעס זענען אַנטשטאַנען. אַלס פּראָ־טעסט האָבן 8 יידישע פּאַרטיזאַנער פאַרלאָזט דעם אָטריאַד. די דאָזיקע פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן פאַרלאָזט דעם אָטריאַד, זענען געווען פון די וויכטיקסטע און די פאַנענטרעגער, וואָס האָבן אַ סך בייגעשטייערט צו דער אַנטוויקלונג פון אָטריאַד. דאָס זענען געווען די פאָלגנדיקע פּאַרטי־זאַנער: אַלעק אַבוגאַוו, ברוך און אשר מאַנקאָווסקי, שמואל פורים, משה בראַמבערג, לייזער בראַמבערג, אברהם מאיר טורקעניטש, משה קאַוזאַלאַ. מיסיוראַ האָט באַלד חרטה געהאַט פאַר זיין טאַט און האָט געשיקט ד"ר ערליכן צו פירן מיט די אַוועקגעגאַנגענע פּאַרטיזאַנער אונטערהאַנדלונגען, זיי זאָלן זיך צוריקקערן אין אָטריאַד. אָבער אַלעק אַבוגאַוו האָט געפּאָ־דערט, אַז אַלס שטראָף זאָלן דימיסיאָנירן יערמאָלענקאָ, נאַטשאַלניק פון שטאָב, און פלאָזשניקאָוו, קאָמיסאַר פון אָטריאַד.

דער דאָזיקער פּאַרפאַל אין יענער צייט, ווען מען איז געווען אַרומ־געריננגלט פון גרויזאַמע און שטאַרקע שונאים, האָט אָפּגעשוואַכט גאַנץ באַדייטנדיק די יידישע פּאָזיציע אין אָטריאַד. עס איז געשטאַנען די

פּראַגע ביי די איבעריקע יידישע פּאַרטיזאַנער צי זאָלן זיי אויך אַוועקגיין אַלס סאָלידאַריטעט, אָבער מען האָט גאַנץ גוט אַנאַליזירט די לאַגע, אַז מיט אונדזער אַוועקגיין וועט זיך פאַרערגערן די לאַגע פון פאַמיליע־לאַ־גער. אין יענע טעג איז געווען שווער, אַז עס זאָל קאָנען זעלבשטענדיק עקזיסטירן אַ יידישער אָטריאַד. ערשטנס, איז די ליניע פון דעם שטאַב אין מאָסקווע געווען, אַז די פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג דאַרף זיין נאַציאָ־נאַל לויט דער געאָגראַפישער לאַגע בלויז, און אינטערנאַציאָנאַל אין צו־זאַמענשטעל. היות יידן האָבן דאָך נישט געהאַט קיין רעפּובליק און נישט געהאַט קיין מערהייט אין אַ באַשטימטן טעריטאָריעלן שטח, איז נישט געווען קיין קלער און מינדסטע טראַכטונג וועגן פאָרמירן אַ נאַציאָנאַלע יידישע פּאַרטיזאַנישע קערפּערשאַפט. צווייטנס, האָט מען נישט אויסגע־טיילט קיין יידישע אָטריאַדן צוליב דער דייטש־פאַשיסטישער פּראָפּאַ־גאַנדע, אַז די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנקע איז אַ יידישע פּראָדוקציע און אַז יידישע באַנדיטן דאָמינירן און פירן אָן מיט דער גאַנצער אַרבעט. דערי־בער האָט מען נישט געוואָלט שאַפן קיין באַזונדערע יידישע אָטריאַדן און אויב אַזוינע האָבן עקזיסטירט, האָט מען זיך באַמיט אַריינצוגלידערן וואָס מער קריסטלעכע פּאַרטיזאַנער, כדי עס זאָל נישט אויסקומען, אַז פּאַר־טיזאַנער זענען בלויז יידן. מען האָט אויך מאָטיווירט, אַז די פריערים וואָלטן נישט געגעבן קיינע פּראָדוקטן אַ יידישן אָטריאַד און עס וואָלטן געווען יעדעס מאָל קאָנפליקטן מיט דער באַפעלקערונג.

ווי מיר ווייסן, האָט מען אַ סך יידישע אָטריאַדן פאַרוואַנדלט אין געמישטע און מען האָט די יידישע אָנפירונגען פאַרביטן אויף נישט־יידי־שע. דער יידישער אָטריאַד א. נ. פון „קאַגאַנאָוויטש" אויף פּאָלעסיע, האָט פאַרלוירן זיין יידישן חותם, ווייל אין אים זענען איינגעגלידערט געוואָרן נישט־יידישע פּאַרטיזאַנער. דער אָטריאַד „זשוקאָוו", אונטער דער אָנפי־רונג פון גיטשיקן, וואָס איז געווען טעטיק אין פּאָפּוליער ראַיאָן, איז פונאַנדערגעלאָזט געוואָרן און די יידישע פּאַרטיזאַנער זענען אַריבערגע־פירט געוואָרן אין אַנדערע אָטריאַדן. אַזאַ גורל האָבן געהאַט די אָטריאַדן „מיעסט" (נקמה), וואָס איז פאָרמירט געוואָרן פון די אַנטלאָפענע יידן פון ווילנער געטאָ; „מסטיטעל" און „זאַ פּאָביעדו" אין די רודניצקער וועלדער.

אויסער די אויבנדערמאָנטע פּאַרטיזאַנער האָט קיינער נישט פאַר־לאָזן דעם אָטריאַד, הגם יעדער איינער פון אונדז האָט פּאָזיטיוו אָפּגע־שאַצט די האַנדלונג פון די אַוועקגייענדיקע חברים, וועלכע האָבן ווירדיק פאַרטיידיקט דעם כבוד פון די יידישע מיידלעך.

וועגן דער לאַגע פון דער יידישער פרוי אין די פּאַרטיזאַנער־וועלדער איז כדאַי אָנצושרייבן אַ גאַנץ בוך. בכלל זענען יידישע פרויען אָנגענומען געוואָרן אין די אָטריאַדן מיט גרויסע שוועריקייטן. די פּאַרטיזאַנישע שטאַבן זענען געווען ביי דער מיינונג, אַז פרויען זענען נישט אַנטשפּרעכנ־דיק צום פּאַרטיזאַנישן קאַמף און שטערן נאָר מיט זייער זיין אין די אָטריאַדן, ווייל זיי שוואַכן אָפּ די פּאַרטיזאַנישע קאַמף־פעאיקייטן. די מערהייט יידישע פרויען זענען אַריינגעגלידערט געוואָרן אין פּאַרטיזאַנישע רייען. ביי יעדער יידישער פרוי איז דאָך געווען אַ דראַנג צו קעמפן מיט געווער. מאַטילדע, די קראַנקנשוועסטער, פלעגט מיר אַלץ זאָגן, אַז זי וויל בעסער גיין מיט דער ווינטאָוועקע איידער צו זיין אין אַמבולאַטאָריע. זי האָט זיך אויסגעלערנט שיסן. חוץ דעם אַלעם איז די פרוי געווען אויס־געשטעלט אויף פאַרשיידענע געפאַרן ווי אַ פרוי. די פאַרשיידענע קאָמי־סאַרן און קאָמאַנדירן האָבן צוגענומען פרויען אין די אָטריאַדן אויפן סמך פון ש ע נ ד ל ע כ ע באַדינגונגען, איז נישט געווען קיין אַנדער אויס־וועג, ווייל זיין אין פאַמיליע־לאַגער איז מען געווען אויסגעשטעלט אויף הונגער, אומגיין באָרוועס און אָפּגעריסן און הויפּטזעכלעך האָט מען אין לאַגער געלעבט שוצלאָז, אָן אַ באַוואָפנטער באַשיצונג.

אַלע יידישע פרויען האָבן געהאַט אַ שטאַרקע קאַמף־אַמביציע. וועגן דעם האָבן געשריבן די פּאַרטיזאַנישע פירער — באַטיאַ (לינקאָוו), קאָוו־פּאַק, פיאָדאָראָוו, טשערניגאָווסקי און אַ סך אַנדערע. לינקאָוו שרייבט דעם פאָלגנדיקן פאַקט:

„אויפן כוטאָר ה ע ש ק אָ וו אַ (אומגעגנט פון באָריסאָוו, אַרום די־בלאָטעס פון דער „בערעזינאַ״) האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ לענ־גערן „פּריוואַל״ (אָפּרו). דער קלאַנג, אַז ס'איז געקומען אַן אָטריאַד, האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט אין דער גאַנצער אומגעבונג. פון אַלע זייטן איז מען געקומען זיך פאַרשרייבן אין אָטריאַד.

„די ראַזוויעדטשיקעס האָבן מיר געגעבן צו וויסן, אַז אין וואַלד היג־

טערן כוטאָר זענען דאָ יידן, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון דער דייטשישער פּאַרניכטונג, און אויך זענען מיט די יידן דאָ אייניקע מענטשן פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג. ווייזט אויס, דערוויסנדיק זיך, אַז אַן אָטריאַד איז אָנגעקומען, זענען די יידן געקומען אין דאָזיקן וועלדל, כדי געפינען זיך נאָענט צו אונדז. ס׳איז פאַר מיר געווען קלאָר, אַז אין דער נאָענטער צייט וועט די געסטאַפּאָ זיך דערוויסן און מען וועט, אָן שום פּאַרזאַמונג, אַריינשיקן אַ שטראַף־עקספּעדיציע. מיך האָט דאָס באַאומרואיקט. די מער־הייט פּאַרטיזאַנער זענען נאָך נישט געווען דערפאַרענע און נישט גענוג דיסציפּלינירט. געווער איז גראַד געווען, אָבער שלעכט איז געווען מיט קוילן. 16 קוילנוואָרפער זענען ביי אונדז געווען, וואָס האָבן זיך אָפּגע־זאָגט צו שיסן צוליב די נישט־צוגעפּאַסטע קוילן.

„מיר האָבן אָנגעהויבן זיך צוגרייטן צו קאַמפן, וואָס קאָנען פּאַר־קומען. איך האָב באַשלאָסן פריער פון אַלץ געגויער צו באַטראַכטן די אומ־געבונג און בין אַרויסגעפּאָרן מיט אַ ראַזוויעדקע פון כוטער העשקאָווא. אַריינדרינגענדיק אין וואַלד, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גרויסן יידישן לאַגער. מענטשן האָבן געוווינט אין פּראָוויזאָרישע ביידלעך און אין זעמליאַנקעס, אומגעגאַנגען באָרוועס, הונגעריק און נאַקעטע. עס זע־נען געווען אַלטע לייט, קינדער און שוואַנגערע פרויען ווי אויך זקנות. זיי האָבן זיך אַלע אַרויסגעשאָטן אַקעגן אונדז. זיי האָבן נישט געוווסט, אַז איך קאָן זיי ניט ראַטעווען און האָבן דערוואַרט פון מיר, איך זאָל עפּעס פאַר זיי אַרויסווייזן אַ ווונדער. כאָטש ס׳איז מיר געווען שווער, נאָר איך האָב זיי געזאָגט דעם פולן אמת: ביי מיר איז דער אָטריאַד נישט גרויס און זיי קאָנען אונדז נישט נאָכפּאָלגן. דערצו איז דער אָטריאַד אַ באַ־וועגלעכער. כ׳האָב צוגעזאָגט שיקן דעם אויסגעהונגערטן לאַגער ברויט, פלייש און זיי געצהט אויף ווינטער אַוועקגיין וואָס טיפער אין וואַלד, און מיט מיר קאָנען מיטגיין די, וואָס קאָנען באַנוצן געווער און זענען גרייט אָפּצוגעבן דאָס לעבן אין קאַמף מיטן שונא. אייניקע מענער פון לאַגער האָבן זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט, אַז זיי גייען מיט אונדז.

— ווייסט איר, חבר נאַטשאַלניק — האָט זיך געווענדט צו מיר אַ יונגע פרוי, וועלכע האָט די גאַנצע צייט שווייגנדיק זיך צוגעהערט צו אונדזער געשפּרעך — דאָ איז דאָ אַ גאַנצער אָטריאַד. ביי דעם אָטריאַד

איז דאָ אַ קאָמאַנדיר, דער סטאַרשי לייטענאַנט באַסמאַנאָוו, זיי זענען אַלע גוטע יונגען, העראָישע און וואָלטן אייך שטאַרק צוניץ געקומען.

— וואָס־זשע — האָב איך געענטפערט — זאָגט אים, אַז איר ווערט אים אָנבאַגעגענען, אַז איך האָב געוואָלט זיך טרעפן מיט אים.

— איך קאָן צו אים צוגיין ספּעציעל — האָט געזאָגט די פרוי — נאָר דערפאַר ווערט איר מיך צונעמען אין אייער אָטריאַד. ביי מיר מיט די פאַשיסטן זענען דאָ באַזונדערע חשבונות. נעמט איר מיך?

— איך נעם, — האָב איך צוגעזאָגט. — און בעת מעשה האָב איך זיך דערמאָנט מיין געשפּרעך מיט סאַדאָווסקין, אַז נישט אַלע זענען גע־לאָפן אין וואַלד כדי צו ראַטעווען זיך.

„אויף מאָרגן איז באַסמאַנאָוו געווען ביי מיר. מיר האָבן זיך צוזאַ־מענגערעדט, אַז ער מיט זיינע מענטשן שליסן זיך אָן אין מיין אָטריאַד. מען האָט באַשלאָסן, אַז מיין אָטריאַד ווערט מאַכן אַ גרונט־באַזע אין גע־דיכטן וועלדל צווישן העשקאָוואָ און טערעשקי, און באַסמאַנאָוו ווערט מיט זיינע מענטשן אויפשטעלן אַ ווינטערדיקן לאַגער נאָענט צו דער אָזיע־רע פ א ל י ק און ווערט זיין דאָרט אַ רעזערוו־באַזע. דאָרט איז געווען אַן אינדזל און צו פאָרן צו אים האָט מען געקאָנט נאָר אויף שיפלעך. אין פאַל ווען דייטשן וועלן פאַגראָמירן מיין לאַגער, ווערט דאָרט זיין אַ רע־זערוו־באַזע, און דאָרט איז אַ גוט פלאַץ פאַר פאַרוווּנדעטע און קראַנקע, וועלכע וואָלטן געלעגן אין זיכערקייט".

פון די דאָזיקע שורות קאָנען מיר פעסטשטעלן ווי גרויס ס'איז געווען דער דראַנג ביי דער יידישער פרוי צו קעמפן מיטן נאַצי־פאַשיזם.

אין די לאַגערן מיט יידישע פאַמיליעס אין ווייסרוסלאַנד, פּאָלעסיע און וואָלין האָבן זיך קאָנצענטרירט אין סאַמע אָנהייב פון דער פּאַרטי־זאַנקע היפּשע טויזנטער יידן. עס האָבן זיך געראַטעוועט פון זיי פון דרייצן ביז פופצן טויזנט יידן. עס זענען געווען מענער און פרויען, וועל־כע וואָלטן געקאָנט ברענגען אַ סך נוצן. אָבער די שטאַבן פון די פּאַרטי־זאַנער אָטריאַדן האָבן זיך נישט אויפריכטיק באַצויגן צו די יידישע פאַמיליע־לאַגערן. הגם מען האָט געזען די גרויסע קאַמף־אַמביציעס פון יידישע פּאַרטיזאַנער און פּאַרטיזאַנקעס, דאָך האָט מען געלייגט גרויסע אבני נגף ביים אָנקומען אין דער פּאַרטיזאַנקע. אין אַלע אָטריאַדן האָבן

דאָך יידישע פּאַרטיזאַנער אַרויסגעוויזן גרויסע גבורה און טרעפלעכע אָריענטאַציע ווי צו קעמפן מיט די שונאים. אַפילו די יידישע פּאַרטיזאַנקעס האָבן אויסטערליש געקעמפט און מען האָט געקאָנט צוזאַמענשטעלן אַ גרויסע אַנטאָלאָגיע פון העלדישקייטן פון דער יידישער פרוי. יידישע מיידלעך זענען געשטאַנען אויף דער וואַך ביי די וועגן, וואָס האָבן געפירט אין די וועלדער און נישט ווייניק פון זיי זענען געפאַלן טויט. מען איז געזעסן אין די לויער־פונקטן און דורכגעפירט דיווערסיע־אַקטן ביים אויפרייסן באַנען, בריקן און דייטשישע מיליטערישע אָביעקטן. יידישע פרויען זענען געווען קעכינס, געקאָכט און געבאַקט פאַר פּאַרטיזאַנער, געוואַשן וועש און געווען אָפּפערווויליקע קראַנקנשוועסטער. זיי זענען אויך געווען איבערזעצערינס און קאָנצעלאַריסטקעס אין די שטאַבן און מיטגעאַרבעט אין דער פּאַרטיזאַנישער פּרעסע, און זייער אַ סך מיטגעהאָלפן אין דער פּראָפּאַגאַנדע קעגן פאַשיזם.

אַלס אילוסטראַציע פון דער העראָישקייט פון יידישע פּאַרטיזאַנקעס ברענג איך אַ דיווערסיע־אַקציע, וועלכע איז דורכגעפירט געוואָרן דורך דער יידישער פּאַרטיזאַנקע ד אָ ק ט אָ ר אָ וו י ט ש.

די דייטשן האָבן קאָנצענטרירט אַ סך תבואה אין איין פּריצישן גוט, נישט ווייט פון דעם מאַיאָנטעק אין אַ וואַלד איז געשטאַנען דער אָטריאַד, וווּ די פרוי דאָקטאָראָוויטש איז געווען אַ פּאַרטיזאַנקע. איינמאָל איז זי צוגעגאַנגען צום קאָמאַנדיר, אַז זי וויל אויפרייסן די סקלאַדן תבואה אין מאַיאָנטעק. דער קאָמאַנדיר האָט זיך פון איר אויסגעלאַכט, דערקלערנדיק איר, אַז ס׳איז אוממעגלעך צו טראַכטן וועגן אַזאַ זאַך, ווייל די דייטשן האָבן אַרום גוט אַ שטאַרקע וואַך און דערצו האָבן זיי אינעווייניק איינגעריכטעט ד א ט ן. זי איז אָבער געווען עקשנותדיק און האָט דורכאויס געוואָלט דעם דיווערסיע־אַקט דורכפירן. ער האָט איר געזאָגט ענדלעך, אַז זי קאָן עס טאָן. אָבער ער האָט שטאַרק נישט געגלייבט אין דעם. דעם פּלאַן ווי זי דענקט עס דורכפירן האָט זי אים אויפן אָרט נישט געזאָגט, נאָר ערשט אין אייניקע טעג אַרום.

נישט ווייט פון דעם מאַיאָנטעק איז געווען אַ דאָרף, וואָס איז געווען אַנטי־פּאַרטיזאַניש און ממילא פאַשיסטיש. די פּויערים האָבן פּינקטלעך געליפערט די קאָנטינגענטן תבואה וואָס די דייטשן האָבן אויף זיי אַרויפ־

געלייגט. פרוי דאָקטאָראָוויטש איז אַוועק אין דאָזיקן דאָרף, פאַרשטייט זיך, אָנגעטאָן ווי אַ פויערטע, און האָט זיך דערוווּסט, אַז דאָס דאָרף האָט אַלע פּאַסטאַווקעס געליפערט חוץ ווייץ. זי האָט גוט גערעדט גויאיש און מען האָט נישט געקאָנט וויסן, סיי אין לשון און סיי אין אויסזען, אַז זי איז אַ יידישע.

פון דאָרף איז זי גלייך אַוועק צו דער וואַך ביים מאַיאָנטעק. די דייטשן האָבן זי פאַרהאַלטן. זי האָט זיי דערציילט, אַז זי איז אַ פאַר־שטייערין פון אַ דאָרף און וויל וויסן וועלכע פּאַסטאַווקעס דאָרף מען נאָך ליפערן. די וואַך האָט זי אַריינגעלאָזט אינעווייניק. די דייטשישע וואַך אין מאַיאָנטעק האָט זי גלייך אַוועקגעפירט צום קאָמענדאַנט. זי האָט אין דער אָנוועזנהייט פון אַן איבערזעצער געזאָגט נאָך וואָס זי איז גע־קומען. מען האָט צוגערופן דעם בוכהאַלטער און ער האָט באַלד אויס־געפונען, אַז בלויז ווייץ דאַרף מען נאָך ברענגען, אָבער דער טערמין איז ערשט אין אַ חודש אַרום. דאַן האָט פרוי דאָקטאָראָוויטש געזאָגט, אַז זי וויל עס ברענגען מאָרגן אין דער פרי, ווייל זי האָט זיך מיט דעם אינ־טערעסירט, און האָט באַצייטנס צוגעגרייט דעם נייטיקן סכום ווייץ. דער קאָמענדאַנט איז געווען זייער צופרידן פון אירע רייד און האָט באַ־טאָנט, אַז זי איז ווירקלעך אַ גוטע דייטשישע פּאַטריאָטקע און וויל העלפן צו בויען די נ יי ע א יי ר אָ פּ ע.

דאָקטאָראָוויטש איז באַלד פון מאַיאָנטעק אַוועק אין וואַלד צו דער פּאַרטיזאַנער־באַזע. זי האָט דעם קאָמאַנדיר דערציילט פון איר פּלאַן און וואָס זי האָט שוין געטאָן. דרינגענד איז אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע אַרויסגע־פאָרן אויף אַ פאַרגעב און האָט ביינאַכט געבראַכט צו דער באַזע עטלעכע זעק ווייץ, דעם נייטיקן סכום וואָס מען דאַרף ליפערן צו די דייטשן. מען האָט פאַרטאָג איינגעשפּאַנט פערד, און פיר פורן זענען אַרויסגעפאָרן פון וואַלד אין דער ריכטונג צום מאַיאָנטעק. אויף דריי פורן האָבן זיך געזעצט פּאַרטיזאַנער, אָנגעטאָן ווי טיפּישע ווייסרוסן, און זי האָט זיך געזעצט אויף דער פערטער פור. אין די זעק ווייץ האָבן זיי אַריינגעטאָן דינאַמיט און אַ צייט־באָמבע.

די פורן זענען צוגעפאָרן צום טויער פון מאַיאָנטעק און די וואַך, דערזעענדיק אַז מען פירט פּאַסטאַווקע, האָט מען זיי גלייך אַריינגעלאָזט.

דער קאָמענדאַנט האָט באַפוילן אַ דייטשישן זעלנער ער זאָל ווייזן דעם שפּייכלער ווו אויסצולאָדן די זעק ווייץ.

נאָכן אויסלאָדן די תבואה איז צוגעגאַנגען דער קאָמענדאַנט צו דער פרוי דאָקטאָראָוויטש, איר אַ קלאַפּ געגעבן אין פּלייצע, זאָגנדיק אַז ער וועט ספּעציעל ראַפּאָרטירן זיין העכערער מאַכט וועגן איר. ער האָט פאַר־שריבן איר נאָמען און פאַמיליע. זי האָט, פאַרשטייט זיך, אָנגעגעבן נישט איר ריכטיקן נאָמען.

אין אַ פּאָר שעה אַרום, ווען די ליידיקע פורן זענען שוין געווען אין וואַלד, האָט די באָמבע אויפגעריסן. דער דינאַמיט האָט עקספּלאָדירט זייער שטאַרק און סקלאַדן תבואה זענען פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט אייניקע דייטשן, וואָס זענען געווען נאָענט צו די עקספּלאָדירטע מאַגאַ־זינען.

דער קאָמענדאַנט האָט גלייך אַרויסגעשיקט אַ גרופּע דייטשן צום דאָזיקן „דאָרף", וואָס האָט „געליפערט" די פּאָסטאָווקע פון ווייץ. די דייטשן האָבן, אַלס נקמה־אַקט, פאַרברענט דאָס דאָרף פון עק צו עק און עטלעכע צענדליק פויערים זענען אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ הויז, וואָס איז מיט זיי צוזאַמען פאַרברענט געוואָרן.

די יידישע פּאַרטיזאַנקע און דער יידישער פּאַרטיזאַן זענען געווען באַוווסטזיניקע נקמה־נעמער, אַרויסווייזנדיק די גרעסטע מסירת נפש און גבורה. צום באַדויערן זענען נישט געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייטן די פאַמיליע־לאַגערן אַרויסגעבן פון זיך מער פּאַרטיזאַנער־העלדן. אין דער ערשטער פּאַזע, ווען יידן האָבן געבלאָנקעט נישט באַוואָפנט און שוצלאָז אין פעלד און אין וואַלד, זענען אומגעקומען גרויסע צאָלן יידן פון פאַר־שיידענע באַנדעס פויערים און עס זענען דאָך געווען פאַלן, אַז אומפאַר־אַנטוואָרטלעכע און פאַרברעכערישע פּאַרטיזאַנער, די יעניקע, וועלכע זע־נען געווען אין די דייטשישע געפאַנגען־לאַגערן און האָבן זיך אָנגע־שטעקט מיט דער זאָאָלאָגישער יידנשנאה און מאָרד־גיריקייט, האָבן גע־רויבט די בלאָנקענדיקע יידן און אַפילו דורכגעפירט מאָרדן. אין אַ וועלדל נעבן יאַנאָוו־פּאָלעסקי, איז אַ גרופּע באַנדיטן באַפאַלן מיט וואָפן דעם יידישן לאַגער פון 16 פּערזאָן. נאָר איינער איז אַנטלאָפן צו אונדז אין וואַלד. יידישע מיידלעך פון קאַמיען קאשירסק, וואָס זענען געווען פּאַרטי־

זאַנקעס אין די דיוועוּרסיע־גרופּעס פון „דיאַדיאַ פעטיאַ״, האָבן מיר דער־ציילט ווי פּאַרטיזאַנער זענען זיי באַפאַלן אין קאַמיען קאַשירסקער וועל־דער און מען האָט זיי באַרויבט. זיי האָבן אַפילו דערקענט אַ פּאָר פון זיי, וואָס זענען געווען אין אָטריאַדן, אָבער די אָנפירונג האָט נישט געלייגט קיין אַכט, מאָטיווירנדיק, אַז איצט איז קריג־צייט און „חשבונות״ וועט מען מאַכן ערשט נאָכן קריג.

אַ גרויזאַמע מאַרטיראָלאָגיע האָבן דורכגעמאַכט די יידן אין די פאַ־מיליע־לאַגערן אומעטום און אויך אויף פּאָלעסיע, וווהין עס זענען אַנט־לאָפן אין וואַלד, מיינסטן ספּאָנטאַן, אין די לעצטע שעהן און רגעס פאַר די „אַקציעס״. יידן האָבן נישט געזאָרגט צוצוגרייטן קיין וואָפן, אַז עס זאָל זיין מיט וואָס זיך צו באַשיצן און מיט וואָס אָנצוגרייפן די שונאים. דאָס איז געווען דער גרעסטער גורם וואָס אַ גרויסער טייל יידן זענען אין די וועלדער אומגעקומען. עס זענען אונדז באַוווּסט, אַז פון גאָר אַ סך שטעט, שטעטלעך און ישובים זענען יידן געלאָפן אין די וועלדער, אָבער מען האָט נישט אויסגעהאַלטן קיין לאַנגע צייט. באַנדעס פּויערים האָבן אַליין פאַרניכטעט די אַנטלאָפענע יידן פון די געטאָס אָדער מען האָט גערופן צו הילף די דייטשן.

אונדזער פאַמיליע־לאַגער איז געווען שוין אין בעסערע באַדינגונגען. פריער האָבן אויף זיי אַכטונג געגעבן די יידישע פאַרטיזאַנער־גרופּעס און דערנאָך, ווען אַלע יידישע פאַרטיזאַנער זענען איינגעגלידערט גע־וואָרן אין אָטריאַד. דאָך איז צום סוף פון דער פאַרטיזאַנקע אָנגעציילט געוואָרן אַ גרויסער פאַרלוסט פון קרבנות. ווי אַ ביישפּיל קאָן דינען דער דאָזיקער סך־הכל: יידן פון סערניקער געטאָ זענען אַרויסגעלאָפן 272 און מען איז אַרויס פון די וועלדער מיט אַ בלוט־דעפיציט פון 102 מענטשן. פון די 102 פעלנדיקע יידן, וואָס זענען אומגעקומען מיט פאַרשיידענע מיתות משונות, זענען נאָר 10־12 סערניקער יידן געפאַלן אין די פאַרטי־זאַנער־קאַמפן. דער דאָזיקער בלוט־דעפיציט קאָן צום בעסטן אונטער־שטרייכן דעם שווערן דערנער־וועג, וואָס איז דורכגעגאַנגען אונדזער יידי־שער פאַמיליע־לאַגער.

די גרעסטע צאָל קרבנות פון די נישט־באַוואָפנטע יידן אין די וועל־דער פאַלט אויס אין די ערשטע פאָר חדשים נאָכן אַנטלויפן פון די געטאָס.

דערנאָך איז דורכגעגאַנגען אַ היפּשע צייט ביז עס האָט זיך סטאַביליזירט. אין דער פּאַרטיזאַנקע זענען דאָך אָנגעקומען פאַרשיידענע פאַרברעכערישע עלעמענטן אויך. ס'איז געווען שווער צו קאָנטראָלירן די ביאָגראַפיע פון אַ פּאַרטיזאַן. אויב ער איז געקומען מיט אַ ביקס אין האַנט און האָט אָנטיילגענומען אין די קאַמפן, איז נישט געווען קיין שום חשד אויף אים און מען האָט זיך גאָר נישט אינטערעסירט מיט זיין פאַרגאַנגענהייט. ערשט פון יולי 1943, ווען ס'איז געוואָרן מער דיסציפּלין און אָרדענונג אין דער פּאַרטיזאַנקע איז בעסער רעגולירט געוואָרן די פראַגע פון די פאַמיליע־לאַגערן. עס איז שוין געווען מער וואָפן פאַר די פּאַרטיזאַנער, געשיקט פון מאָסקווע, און כמעט אַלע מיליטער־פעאיקע יידן זענען אַריין אין דער פּאַרטיזאַנקע. עס זענען געבליבן אין די פאַמיליע־לאַגערן בלויז עלטערע פרויען און מענער ווי אויך קינדער, וואָס זענען געווען אין אַ גרויסער צאָל. ביז יענער צייט, ד. ה. ביז דער צווייטער העלפט פון יאָר 1943 זענען די יידן אין אַ פאַמיליע־לאַגער דורכגעגאַנגען אַ שווערן און בלוטיקן דערנער־וועג...

די שלאַכט אין פערעקאַליע

פערעקאַליע איז אַ גרויס דאָרף אויף יענער זייט „סטרי״, אין דער ריכטונג צו פינסקער בלאָטעס. אַרום דאָרף זענען דאָ וועלדער און כוטאָרעס, וואָס ציען זיך לענגאויס דעם טייך. דער שליאַך מיטן וואַסער ציט זיך ביז לוצק. אין דער אומגעבונג פון פערעקאַליע האָבן זיך געפונען אין אַפּריל 1943, די אָטריאַדן פון דער „סאָיעדיניעניע״. נאָענט איז געווען דער וואַלד פון אַ ז י ע ר צ י, וו ס'איז געשטאַנען „דיאַדיאַ פּעטיאַ״ מיט זיינע דיווערסיע־גרופּעס. דאָרט איז אויך געווען דער אָטריאַד „קראָקאָווצעס״, וואָס איז מיינסטן באַשטאַנען פון יידן און איז אָרגאַניזירט געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פון קאָנישטשוק, אַ סאָוועטישער אַקטיוויסט און פאָרזיצער פון סעלסאָוועט פון דאָרף גריווע, נעבן מאַניעוויטש אַרום קאָוועל. אַ סך האָבן מיטגעהאָלפן צו דער באַפעסטיקונג און אַנטוויקלונג פון אָטריאַד די ברידער צ וו יי ב ל, וואָס זענען אַנטלאָפן פון

קאַמיען־קאַשירסקער געטאָ, צוזאַמען מיט זייער אַלטן פּאַטער שלמה און מיט נאָך 14 יידן. זיי זענען אָנגעקומען אין אַטריאַד פון קאָנישטשוקן, ווען ער איז געווען נאָך אין סאַמע אָנהייב פון זיין אַנטשטייאונג. דער דאָזיקער אַטריאַד האָט זיך אָנגערופן „קרוקאָווצעס". ביי דעם דאָזיקן אַטריאַד איז געווען אַ פאַמיליע־לאַגער פון 600 יידישע נפשות. די הויפּט־אָנפירונג פון דאָזיקן אַטריאַד איז געלעגן אין די הענט פון פּאַלקאָווניק ברינסקי (דיאַדיאַ פּעטיאַ). די באַציאונג צום יידישן פאַמיליע־לאַגער איז געווען אַ גוטע. היות דער אַטריאַד איז געווען נישט קיין וואַנדערנדיקער, איז דער פאַמיליע־לאַגער געזעסן אויף איין אָרט. פרילינג 1943 האָט מען דעם פאַמיליע־לאַגער צוגעטיילט אַ גרויס שטיק פעלד און די יידן האָבן צעאַקערט דעם גרונט און פאַרזייט. זיי האָבן געטאָן אַלע טעכנישע אַר־בעטן פאַרן לאַגער און האָבן אויך געפיטערט די בהמות און אָקסן פון אַטריאַד. די הויפּט־טעטיקייט פון אַטריאַד איז געווען צו מאַכן דיווער־סיעס. אויף דעם דאָזיקן געביט האָבן די פּאַרטיזאַנער פון אַטריאַד זיך ספּעציאַליזירט.

די דייטשן האָבן געפּרווט אין חודש אַפּריל צו באַפאַלן די אַטריאַדן פון דער „סאָיעדיניעניע" און די „קרוקאָווצעס". אַ שטראָפלער־עקספּעדי־ציע האָט זיך באַפעסטיקט אין און אַרום דאָרף פּ ע ר ע ק א ל י ע. זי האָט באַדראָט די פּאַרטיזאַנער־אַטריאַדן אין געגנט.

די לאַגע פון די אַטריאַדן איז געוואָרן קאָמפּליצירט. עס איז נישט געווען קיין אַנדער פּלאַץ וווּ פּאַרטיזאַנער זאָלן זיך קאָנצענטרירן. די גע־אָגראַפישע באַדינגונגען אין יענער אומגעבונג זענען געווען זייער אַנט־שפּרעכיקע פאַר פּאַרטיזאַנישע מעשים. עס זענען געווען וועלדער, זומפּן און אינדזלען, טייכלעך פאַרשלאָפענע, הויכער טשערעט איז געוואַקסן און ס'איז געווען ווייט פון אַ באַן־סטאַנציע. מען האָט נישט געקאָנט אַרי־בערפאָרן צו די וועלדער אַרום סערניק, ווייל די דייטשישע שטראָפלער־עקספּעדיציע איז געווען זייער שטאַרק באַפעסטיקט אין סערניק און אין דער אומגעגנט. די פּאַרטיזאַנישע ליניע אין יענער צייט איז דאָך געווען נישט צו פירן פנים־אל־פנימדיקע קאַמפן מיט די דייטשן, כדי אויסמיידן פאַרלוסטן. דעריבער איז די „סאָיעדיניעניע" געווען פאַראינטערעסירט אַרויסצושטויסן די דייטשן פון פּערעקאַליע.

צו דער דאָזיקער שטיקל מלאכה האָט מען איינגעלאַדן אונדזער וואָ־ראָשילאָוו־אָטריאַד, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר דעם קאַמף־פּעאיקסטן אין דער גאַנצער „סאָיעדיניעניע“. דאָס איז געווען אין דער צווייטער העלפט פון אַפּריל 1943. רייטערס פון שטאַב פון דער „סאָיעדיניעניע“ זענען געקומען צו אונדז און האָבן אינפאָרמירט וועגן דער באַפאָרשטייענדיקער שלאַכט אין פּערעקאַליע. מיר זענען דאַן געשטאַנען אַ פּאָר טעג סך הכל אויף די וו ע ר ב ע ס, אַ כוטער צווישן אָזיערסק און סוואָרי־טשעוויטש.

גראָד איז אויסגעפאַלן ערב פּסח און ביינאַכט האָט געדאַרפט פאָר־קומען דער ערשטער סדר. אַדאַנק איין יידישן פּאַרטיזאַן, וואָס איז אַנט־לאָפן פון האָראָדנאָיער געטאָ מיט אַ לוחל אין קעשענע, וואָס אין אים זענען געווען פאַרשריבן אַלע יאָרצייטן, האָבן מיר געוווּסט ווען עס פאַלט אויס אַ יידישער יום־טוב.

אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר געטאָפּטשעט איבער בלאָטעס און אומוועגן, וואָס פירן צום „סטיר“. ערשט פאַרטאָג זענען מיר אָנגעקומען אין דאָרף ב י ל ע. דאָס דאָזיקע דאָרף האָט זיך געפונען נעבן אַן אָזיערע און אַרום דאָרף איז דער פּייזאַזש געווען זייער אַ מאַלערישער. דאָס איז געווען אַ שיינער ווינקל אויף פּאָלעסיער ערד. די אָזיערע האָט צוגעגעבן אַ סך חן און שיינקייט. די ראָסע האָט נאָך געזילבערט אויף דעם פייכטן גראָז און דאָס דאָרף איז געווען פאַרהילט מיטן נעפּל פון דער נאַכט. טירן און פענצטער זענען געווען פאַרמאַכט. ווו נישט ווו האָט פון אַ קוימען זיך געשלענגלט אַ בלויער רויך. דאָ און דאָרט האָט אַ גרילץ געגעבן אַ טויער פון אַ שטאַל און עס האָט זיך געעפנט אַ פאַררוקער פון אַ קאַליטקע. יונ־גיטשקע פאַסטעכער אין סוקמאַנעס מיט לאַנגע בייטשן אין די הענט האָבן אַרויסגעטריבן די כודאָבע אויף פּאַשע.

אין יעדער דאָרפישער כאַטע ווו מיר האָבן אָנגעקלאַפּט האָט מען פאַר אונדז נישט גערן געעפנט אַ טיר. מען האָט, ווייזט אויס, זיך גע־שראָקן פאַר אונדז פּאַרטיזאַנער. די דייטשן האָבן דאָך פאַרשפּרייט אויפ־רופן און פאַנאַנדערגעקלעפּט פּלאַקאַטן מיט דער וואָרענונג, אַז מען זאָל זיך היטן פאַר די יידישע פּאַרטיזאַנער־באַנדיטן, וועלכע מאָרדן די קריסט־לעכע באַפעלקערונג.

אין יענעם פרימאָרגן האָט זיך דאָס דאָרף געפעדערט אויפצושטיין. אונדזערע רייטער אויף זייערע פערד זענען דאָך אַריינגעפאָרן אין די הויפן מיט קוראַזש און מען האָט אַליין געעפנט טירן פון כאַטעס און טויערן פון שטאַלן און סטאָדאָלעס. די ווערטער „כאַזיאַאין, ווסטאַוואַי״! (בעל־הבית, שטיי אויף) האָט הילכיק אָפּגעקלונגען אין יעדן פויערישן הויף. דאָס גאַנצע דאָרף האָט זיך צעטשוכעט און מיט ברוגזע פּנימער באַטראַכט די „שרעקלעכע״ געסט. „פּאַרטיזאַנער אין דאָרף״! — האָט זיך די דאָזיקע נייעס פאַרשפּרייט פון איין עק דאָרף ביזן צווייטן מיט אַ גרויסער אומרואיקייט.

אין די גערטנער האָט מען פונאַנדערגעלייגט קאָסטיאָרן און די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך רונד אַרומגעזעצט. מען האָט זיך געוואָלט אָפּרוען פון אַ שווערער מידער נאַכט.

ביי אַ פּלומפּ האָט מען צוזאַמענגערופן אַ סכאָד פון פויערים אין דאָרף. דער סטאַראָסטע פון דאָרף מיט אַ פּאָר פּאַרטיזאַנער זענען געגאַנגען פון הויז צו הויז, רופנדיק די באַפעלקערונג צו קומען אויפן מיטינג. לערך 300 פויערים זענען זיך צוזאַמענגעקומען. מען איז געשטאַנען אין מורא, נישט וויסנדיק וואָס וועלן דאָ די פּאַרטיזאַנער זיי זאָגן. אַקעגן פּלומפּ איז געווען אַ פּאַרקאַן, און כמעט אַלע פויערים און פויערטעס האָבן זיך אָנגעלענט אָן אים, כדי צו האָבן וועלכן ס׳איז אָנשפּאַר. מען האָט געקאָנט באַמערקן זייער אומווילן בייצוזיין אויפן סכאָד. זיי האָבן מורא געהאַט טאָמער וועלן באַלד אָנקומען דייטשן און עס וועט זיך אָנהייבן אַ שיסעריי. זיי האָבן געוווּסט, אַז די דייטשן שטייען דאָך אַזוי נאָענט, 10־12 ק״מ און נעכטן בייטאָג זענען זיי געווען אין דאָרף נעמען פּאָסטאַווקע. פאַר זייערע אויגן האָבן געשווינדלט די גרין־דייטשישע אוניפאָרמען און די דייטשישע ביקסן און אויטאָמאַטן. עפּעס אַ מישמאַש איז געווען אין זייערע מוחות. אָט נאָרוואָס, מיט אַ טאָג פריער, איז געווען אַ דייטשישע מאַכט און היינט האָבן זיי אַ פּאַרטיזאַנישע מאַכט. אויך נעכטן האָבן די דייטשן זיי צוזאַמענגענומען פון די כאַטעס אויף אַ סכאָד און איצט זענען זיי ווידער ביים פּלומפּ, אויף אַ צווייטן מיטינג, גערופן פון פּאַרטיזאַנער. מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ איז מען געשטאַנען אָנגעשפּאַרט ביים פּאַרקאַן און געשטומט פון פּחד, נישט אויסריידנדיק קיין וואָרט.

דער קאָמיסאַר פּלוזשניקאָוו האָט געעפנט דעם סכאָד און זיי דער־קלערט די צילן און אויפגאַבן פון דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנקע. דער־נאָך האָב איך פאַר זיי געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן דעם קריג און פון די גרויסע פאַרניכטונגען פון די דייטשן, באַטאָנענדיק, אַז פריער האָבן זיי אויסגעשאָכטן אומברחמנותדיק די יידן און זייער פּלאַן איז פיזיש צו פאַרניכטן אַנדערע פעלקער אויך. כ׳האָב אויף אַ מאַפּע זיי אָנגעוויזן ווו עס זענען די פראָנטן און פון וועלכע שטחים און שטעט זענען די דייטשן אַריוסגעטריבן געוואָרן מיט גרויסע פאַרלוסטן פאַר זיי. די פּויערים האָבן אויסגעהערט מיט גרויסער נייגעריקייט און האָבן דערנאָך געשטעלט גע־וויסע פראַגן אין צוזאַמענהאַנג מיטן פראָנט.

מיר האָבן אַ גאַנצן טאָג זיך פאַרהאַלטן אין דאָרף, און זייענדיק מיד פון וואַנדערן און טאָפּטשען אין די בלאָטעס און זומפּן אַ גאַנצע נאַכט, איז מען אַריין אין די סטאָדאָלעס און זיך אַריינגעלייגט אין היי, כדי צו כאַפּן אַ דרימל אָדער אַ קורצן שלאָף. מען האָט זיך געריכט, אַז אַ ליאָדע מינוט קאָן אָנקומען אַ שטאַפעט צו גיין אין דער ריכטונג פון פערעקאַליע. איי־ניקע פּאַרטיזאַנער האָבן זיך פונאַנדערגעזעצט אויף די פריזבעס און פאַר־צויגן מעלאָדיעס און טענער פון סאָוועטישע לידער. דער פאָלק־שפּילער און זינגער נאַזאַר האָט אַרויסגענומען פון וואָגן זיין אַקאָרדעאָן און האָט אויסגעשפּילט ווי אויך באַגלייט מיט געזאַנג סומנע און האַרציקע מאָ־טיוון פון רוסישע פאָלקסלידער, אָנגעלאָדענע מיט היים־בענקשאַפט. ער האָט געזונגען און געשפּילט אויף זיין אינסטרומענט דאָס פּאָפּולערע ליד „טשטאָ טי ספּיש מוזיטשאָק וויעד וויעסנאַ נאַ דוואָריע״ (וואָס שלאָפסטו פּויערל, ס׳איז דאָך פרילינג אין הויף). ווען ער האָט געזונגען דאָס דאָ־זיקע ליד האָבן אים אַרומגערינגלט פּויערים און פּויערטעס, יונג און אַלט, זיך צוהערנדיק מיט גרויסער הנאה צו יעדן וואָרט. ער איז זיי גע־וואָרן נאָענט מיט זיין זינגען. אַן אַלטע פּויערטע איז צו אים צוגעגאַנגען אָנגעלענט אויפן שטעקן, און ביי אים געפרעגט: „קאָזשי מעני סאָקאָלי־טשאָק, ווידקיל טיז?״ (זאָג מיר פויגל מיינער, פון וואַנען ביסטו?).

ווען דער פאַרנאַכט איז צוגעפאַלן און די אָזיערע אָקעגן איז געוואָרן איינגעהילט מיט דעמערונג־שאָטנס, זענען אין דאָרף געקומען ראַזוויעד־טשיקעס פון שטאַב פון דער „סאָיעדיניעניע״ און האָבן געבראַכט דעם

פּלאַן פון צו באַפאַלן די דייטשן אין פּערעקאַליע. מיר האָבן געדאַרפט אָנגרייפן דעם פלאַנג פון דער לינקער זייט פון דאָרף און די איבעריקע אַטריאַדן פון אַנדערע פלאַנגען. דער אָנגריף האָט געדאַרפט פאָרקומען מאָרגן אין פרי־באַגינען־שעהן.

אין אָוונט האָבן מיר געשפּאַנט פערד פון אונדזער אָבאָז, וואָס איז געגאַנגען מיטן אָטריאַד אויף אַלע אונדזערע וואַנדערונגען. בעת אַ שלאַכט איז ער געבליבן אונטער אַ שמירה פון פּאַרטיזאַנער אין אַ וועלדל, עטלעכע ק״מ ווייטער פון קאַמף־פּלאַץ. די ראַזוויעדקע האָט געריטן פאָרויס און מיר האָבן אין דער שווייגנדיקייט פון אָוונט אַרויסגעשפּרייזט פון דאָרף. פּאַזע דער אָזיערע האָבן מיר אויסגעטראָטן סטעזשקעס און געשלייכט טראָט נאָך טראָט. הינטערן דאָרף האָבן זיך געצויגן ביז דער שמאָלער באַן־ליניע, וועלכע איז שוין נישט געווען טעטיק זינט מיר האָבן ווינטער פּאַגראַמירט דעם כינאטשער גאַרניזאָן און פאַרברענט אַלע דאָרטיקע סקלאַדן, האָט זיך ביים וועג, וועלכער פירט צום „סטיר״ געצויגן אַ וואַלד. לינדע ווינטעלעך האָבן געוויגט די יונגע ביימעלעך ביים שליאַך און אונדזערע שאָטנס האָבן ווי האַרמאָניש זיך אויך געוויגט וואַקלענדיק צוזאַמען מיט זיי.

חצות, אין סאַמע מיטן נאַכט, איז אונדזער אָטריאַד צוגעקומען צו די הויכע ברעגעס פון „סטיר״, וואָס זיינע וואַסערן זענען מוטנע און שטראָמען ווילד ווי די אַרומיקע פּאָלעסיער ווילדערנישן. די בריק איבערן טייך איז געווען אויפגעריסן. ביים ברעג פון טייך זענען געווען טיפע טראַנשייען. סיי די צעברענטע בריק און סיי די טראַנשייען זענען עדות פון ערשטן וועלט־קריג. די פּוילישע מאַכט האָט נישט געוואָלט אינוועסטירן קיין געלט אויף צו פאַרבעסערן די קאָמוניקאַציע פאַר דער באַפעלקערונג און כלל וכלל נישט געווען פאַראינטערעסירט דאָס אַלץ צו פאַרריכטן און אָפּווישן די שפּורן פון ערשטן וועלט־קריג, טראַכטנדיק, אַז אין פאַל פון אַ מלחמה מיט סאָוועטנלאַנד איז גלייכער אַז די בריק זאָל בלייבן אויפגעריסן און די טראַנשייען זאָלן זיין ווי זיי זענען. די גרענעץ פון ראַטנפאַרבאַנד איז דאָך געווען נאָענט.

אויף קליינע שיפלעך זענען אַ סך פון אונדז אַריבערגעפאָרן. אייניקע האָבן זיך דערלאַנגט אויף יענער זייט איבער דער צעבראָכענער בריק,

אַנהאַלטנדיק זיך אָן די צעבראָכענע פּאָרענטשעס. אין גרויסער שטום־טויטער שטילקייט האָט מען זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון פּע־רעקאַליע, וואָס איז געווען 3־4 ק״מ פון בריק. דער אָבאָז איז די בריק גישט אַריבערגעפאָרן און איז אַוועק אין דער ריכטונג פון „הוטאָ סאָפּאָ־טשעווסקאָ״, וואָס איז געווען פאַרנומען פון אַטריאַד, אָנגעפירט פון אַ הויכבלאָנדיקן אוקראַינער מיט אַ פלאַקסענעם קאָפּ האָר.

מען האָט זיך דערנעענטערט צו אַן אָפענעם פליין, פון וועלכן מען האָט געזען, דאָס דאָרף פּערעקאַליע. דאָ און דאָרט זענען געווען געציילטע ביימלעך. נעענטער צום דאָרף איז געוואַקסן אַ גאַנץ הויכער טשערעט. מען איז צוגעקומען צו אָט דעם טשערעט און אַלע פּאַרטיזאַנער האָבן זיך אויסגעלייגט אויף דער ערד צווישן טשערעט. ס׳איז געווען אַזוי באַענט פון דאָרף, אַז מען האָט געהערט אַ גרילץ פון אַ טיר און אַ סקריפּ פון אַ טויער, און מען האָט געזען אַ שימער פון אַ טאַשן־לעמפּל, מסתמא פון דער דייטשישער וואַך אין דאָרף.

מיסיוראַ האָט געגעבן דעם באַפעל פון אָנגריף. דער דאָזיקער באַ־פעל איז איבערגעגעבן געוואָרן פון איין פּאַרטיזאַן צום צווייטן, איינרוי־מענדיק אין אויער דעם דאָזיקן „סוד״. פּאַרטיזאַנער האָבן אָנגעצילט די ביקסן און געגאַנגען פּאָרויס מיט פאַרטייַעטע טריט אַלץ נעענטער און נעענטער צו די ערשטע הייזקעס פון דאָרף. עס האָבן זיך דערהערט פּאַר־טיזאַנישע שאָסן, וואָס האָבן צעשניטן די פּאַרטאַגיקע שטילקייט, עס האָבן באַלד צוריקגעענטפערט דייטשע אויטאָמאַטן־סעריעס און קוילנוואַרפער. די פּאַרטיזאַנישע שיסעריי האָט זיך איבערגערופן מיט דער אויטאָמאַטן־שיסעריי פון די דייטשישע שטראָפלער־זעלנער, וואָס זענען ספּעציעל גע־ליפערט געוואָרן פון די פראָנטן אויף צו באַקעמפן די פּאַרטיזאַנישע פּלאָג מיט שווערד און פייער. שטיקער הימל האָבן זיך באַפאַרבט פון די שריפות אין דאָרף, ווייל די כאַלופּעס און כאַטעס, באַדעקטע מיט אקאלאט און טשערעט, האָבן פון די שיסערייען זיך גלייך אָנגעצונדן און זיך צעפלאַ־קערט ווי טרוקענע שייטלעך האָלץ אין די גרויסע און ברייטע פּאַלעסיער אויוונס. די שטומע באַשעפענישן — בהמות, אָקסן און שאָף — אין די שטאַלן, האָבן זיך צעשריגן אויף די העכסטע אָקטאַוועס. די פערד האָבן זיך צעהירזשעט און די הענער האָבן אין כאָר פון די אַלע קולות דורכ־

געשניטן דעם כאָאָס און אַריינגעזעגט זייערע קרייען. אַלע שטוב־חיות, אויך די חזירים און הינט, האָבן אויסגעדריקט זייער צאָרן הלמאַי מען איז געקומען מיט וואָפן־משחיתים אין דאָרף און מען האָט געשטערט זייערע צעלטן און עס האָבן אָבער די אַלע געשרייען און קולות גובר געווען די עקספּלאָזיעס און סעריעס פון וואָפן, פאַרהילכנדיק אויך די געשרייען און געוויינען פון די פויערים און זייערע פרויען און קינדער, וואָס האָבן אָנגעהויבן זיך פונאַנדערלויפן פון די תחומים פון דאָרף.

אויף אַ גרויסן אָפענעם פליין, הינטערן דאָרף, האָט זיך דערנאָך קאָנצענטרירט די פּערעקאַליער שלאַכט. הגם די דייטשן זענען געווען אין אַ גרויסער צאָל, עטלעכע הונדערט זעלנער, און דער וואָפן זייערער איז געווען בעיקר פון אויטאָמאַטן און קוילנוואַרפער, דאָך האָט די שלאַכט אָנגעהאַלטן 2־3 שעה. מיט פאַרזשאַווערטע און אַלטע ביקסן און מיט איין איינציקן האַלב־אויטאָמאַט, וואָס עס האָט געהאט נחמן זילבערפאַרב, האָט מען אָנגעגריפן די דייטשישע קאָלאָנעס און מיט הוראַ־אויסרופן האָט מען זיך געוואָרפן אין פנים־אל־פנימדיקע געפעכטן. די שלאַכט איז געווען אַ שווערע און פוןביידע זייטן זענען געווען אַמביציעס און דער פאַרמעסט פון נישט גלייכע כוחות איז געווען אַמביציעז. ערגער איז געווען מיט דעם, וואָס די אָטריאַדן פון דער „סאָיעדיניעניע" האָבן ניט אָנגעגריפן גלייכצייטיק די דייטשן. אַזוי אַרום איז דעם וואָראָשילאָוו־אָטריאַד, וואָס האָט נאָך דאַן געהאט אַ מערהייט פון יידן, אויסגעקומען אַליין כמעט צו קעמפן מיט אַזאַ ריזיקן באַוואָפנטן כוח. צוליב אָט דער דאָזיקער לאַגע איז דער וואָראָשילאָוו־אָטריאַד געווען געצווונגען אָפּצוטרעטן. פון פליין, ווו די שלאַכט איז פאָרגעקומען, האָט זיך אויף אָנדערהאַלבן קילאָמעטער געצויגן אַן אָפן פעלד און ס'איז געווען שווער דער פּראָצעס פון צוריקגיין פון שלאַכט־פעלד.

אין דער דאָזיקער שלאַכט זענען געפאַלן די חברים־פאַרטיזאַנער: פּייוול גלעזער, בערל גאַסמאַן, נחמן פיאַלקאָוו, אַלעקסאַנדער לוסטא און קאַליאַ פאַנטשענקאָוו. עס זענען געווען ביי אונדז אַ סך פאַרוווּנדעטע. די יידישע קראַנקנשוועסטער גאָלדע קאַגאַן, האָט אונטער אַ גרויסער שיסעריי אַרויסגעפירט פון שלאַכט־אָרט דעם לעניגראַדער פאַרטיזאַן, אַנאַטאָלי קוראַטעפּען. דער ד"ר ערליך איז געקומען צו לויפן אַ באָרוועסער

אין מולטשיץ, ווו אונדזער אָבאָז איז אַריינגעפאָרן. ער איז געלאָפן מיט איין אָטעם פון שלאַכטפעלד, ווען מען איז אָפּגעטראָטן, כדי געבן וואָס גיכער הילף די פאַרוואונדעטע.

די דייטשן האָבן פאַרענדיקט אונטערצינדן דאָס דאָרף. זיי האָבן, באַלד נאָך דער שלאַכט, אין וועלכער זיי האָבן געהאַט גאָר גרויסע פאַרלוסטן, אונטערגעצונדן אייניקע אַרומיקע דערפער און כוטאָרעס. אַ גאַנצן טאָג און אין אָוונט האָבן זיי געהאַלטן אין איין צינדן און שיסן די באַפעלקערונג. אַ גאַנצן טאָג איז דער הימל געווען פאַרשמירט און איינגעהילט אין מאַסיווע רויכן, און אין אָוונט האָבן זיי זיך פאַרוואַנדלט אין בראַנד־צונטערדיקע פייערן, באַלייכטנדיק אויף אַ ווייטער דיסטאַנץ.

אויף אַ כוטער, 4־5 קילאָמעטער פון מולטשיץ און 6 קילאָמעטער פון פערעקאַליע, האָבן מיר זיך אַלע פון אונדזער אָטריאַד קאָנצענטרירט, און צוזאַמען מיטן שטאַב פון דער „סאַיעדיניעניע" האָט מען אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פון ווייטערדיקן אָנגריף. אונדזער אָטריאַד־שטאַב האָט אויפמערקזאַם געמאַכט דעם שטאַב פון דער „סאַיעדיניעניע", אַז דעם אָנגריף אויף די דייטשן זאָלן ערשט אָנהייבן די אָטריאַדן, און אונדזער אָטריאַד וועט אויך מיטהעלפן אין דער ווייטערדיקער שלאַכט.

די דייטשן האָבן די גאַנצע צייט געהאַלטן אין צינדן. ביינאַכט האָט דער שונא אָנגעהויבן באַשיסן דעם כוטער ווו מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן. אַ גאַנצע נאַכט איז געווען אַקטיוו די פיינטלעכע אַרטילעריע. מיר זענען געווען אַלע אויף דער וואַך, זייענדיק גרייט צום פאַרטיידיקונג־קאַמף אויב די דייטשן וועלן אונדז אָנגרייפן. די פאַרוואונדעטע האָט מען אָפּגעפירט אין נאָענטן וועלדל. מיר זענען געזעסן אין אַ געפּרעסטער שטימונג. צונטערדיקע פייערן האָבן זיך צעגאָסן איבער דער הימלשער הייך. מיר האָבן אויך געוואַגט אָנצוצינדן קאָסטיאָרן, אַרום וועלכע מען האָט זיך אַרומגעזעצט, זייענדיק גרייט צו באַגעגענען דעם שונא. עס האָבן זיך באַגעגנט פייער מיט פייער און רויך מיט רויך.

די נאַכט איז געווען אַ טריבע. כמאַרעס ווי סטאַדעס שאָף האָבן אַרומגעבלאָנקעט און געזוכט רעטונג פון די פייער־צונגען, ווי זיי וואָלטן געלאָפן הין און צוריק, כדי נישט פאַרשלונגען צו ווערן. דאָס געמיט איז געווען אויך טריב און דערדריקט, אין נוסח פון דער כאַאָטישער נאַכט און

איר פייזאַזש. עס האָט געצופּט דער ווייטאָג איבער די נאָרוואַס געפאַ־לענע חברים.

אין אַ קרייז זענען מיר דאַן אַלע געזעסן רונד אַרום די קאַסטיאָרן. די אומהיימלעכע מחשבות האָבן, ווי רייפן, געפּרעסט און גענאָגט די געמיטער און געשטאָכן ווי מיט נאָדלען.

אויף מאָרגן פרי האָט מען זיך דערוווסט, אַז די דייטשן זענען אַוועק אין די באַגינען־שעהן פון פּערעקאַליע און פון די נאָענטע דערפער. מיר זענען פאַרבליבן אייניקע טעג אויף דעם כוטער. עס זענען געווען בלויז 5־6 הייזקעס און עטלעכע שטאַלן און סטאָדאָלעס. די באַפעלקערונג איז זיך פונאַנדערגעלאָפן מחמת מורא פאַר די דייטשן. אין איין הייזקע האָט זיך איינגעאָרדנט דער שטאַב און כ׳האָב דאָרט געהאַט דאָס ראַדיאָ־קעסטל מיט מיינע שרייב־מאַטעריאַלן. נאָר איין אַלטיטשקער פּויערל איז נישט אַנטלאָפן פון דער דאָזיקער הייזקע, אין וועלכער די ווענט און די נידע־ריקע סטעליע זענען געווען פריש אויסגעקאַלכט און מיט אַ סינקע־שליאַק דורכגעשטרייפט. די ווייסקייט פון די ווענט און די פרילינגדיקע זון האָבן ביי מיר אַרויסגערופן אַסאָסיאַציעס און דערמאָנונגען פון מיין טאַטע־מאַמעס הויז אין די פּסח־טעג. אָבער די ווירקלעכקייט איז דאָך געווען אַזאַ אַנדערע און מיילן־ווייט פון די אַלע זיסע דעראינערונגען. דאָס געמיט און די וואָר זענען געווען אין גרויסן קאָנטראַסט מיט מיינע דאַכטענישן.

גאַנץ געמיטלעך איז געווען אין דער הייזקע. די קיך איז געווען מיין אַרבעט־צימער. דער אַלטער פון קרוב 90־יאָריקער פּויער איז רק געזעסן אויף דער פּריזבע ביי דער הייזקע און געוואַרעמט זיינע אַלטע ביינער אויף דער זון אָדער ער איז געלעגן אויפן גרויסן אויוון. אים האָט שוין גאָר נישט אינטערעסירט דער איצטיקער קריג, קלערנדיק אַז זיין וועלט איז שוין סיי ווי פאַרביי.

אין איינער פון יענע נעכט האָב איך אויף דער ראַדיאָ אויפגענומען די ידיעה, אַז אין וואַרשע איז פאָרגעקומען אַ געטאָ־אויפשטאַנד. דאָס איז געווען פאַר אונדז אַלע, בעיקר פאַר די יידן, אַן איבערראַשונג. מיר האָבן געטראַכט, אַז די יידן אין די אָקופּירטע דייטשישע געביטן זענען שוין „ליקווידירט" געוואָרן, גלייך ווי אין די שטעט און שטעטלעך פון וואָלין

און פּאָלעסיע. דער הערויזם פון די וואַרשעווער געטאָ־קעמפער האָט אַלע־מען אויפגעמונטערט.

דער מצב אויף די פראָנטן איז דאַן געווען אַן ספּעציעלע ענדערונגען. דער „צפון דאָניעץ״ איז געוואָרן די פראָנט־ליניע פון די קעמפנדיקע אַר־מייען, די אַליאירטע האָבן אַקטיוויזירט זייערע קריג־אָפּעראַציעס אין אַפריקע, אויף דעם מיטללענדישן ים. עס האָבן אָנגעהויבן קורסירן קלאַנ־גען וועגן אַ צווייטן פראָנט. מיט אומגעדולד האָבן די פּאַרטיזאַנער גע־וואַרט אַ ידיעה פון דער עפענונג פון אַ צווייטן פראָנט. ווען כ׳האָב, ווי געוויינלעך, אינפאָרמירט דעם ראַדיאָ־קאָמוניקאַט פאַר אַלע פּאַרטיזאַ־נער, וועלכע פלעגן זיך פאַרזאַמלען אויף איין אָרט און פלעגן אויסהערן מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט, פלעגן זיי מיך באַשיטן מיט פראַ־געס וועגן דעם צווייטן פראָנט. איידער כ׳פלעג זיי פאָרלייענען דעם קאָ־מוניקאַט פון די פראָנטן, וואָס דאָס איז ביי זיי געווען ווי אַ מין ביבל, פלעג איך דערהערן דעם אויסרוף: „באַקאַלטשוק, דאַוואַי נאַם ווטאָראָי פראָנט!״ (באַקאַלטשוק, גיב אונדז דעם צווייטן פראָנט). ווען כ׳האָב פאַר זיי איבערגעלייענט די נייעס פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, האָבן זיי אַלע אויסגערופן, אַז דאָס איז אפשר אַן אָנהייב פון אַ צווייטן פראָנט.

דאָרט, אויף די כוטאָרעס אַרום מולטשיץ, זענען געווען קאָנצענט־רירט אַלע אָטריאַדן פון דער „סאָיעדיניעניע״. נאָענט איז געווען די פּאַר־טיזאַנער־באַזע פון „דיאַדיאַ פּעטיאַ״, אין אָזיערצי. דער שטאַב פון דער „סאָיעדיניעניע״ האָט באַשלאָסן פייערן דעם 1טן מאַי.

אויף אַ ברייטער לאָנקע זענען זיך צוזאַמענגעקומען אַלע אָטריאַדן. מען האָט זיך אויסגעזעצט אויף פייכטער און שוואַרצער פּאָלעסיער ערד. אַ גאַנצע נאַכט האָט גערעגנט און די ערד האָט זיך געהאַט אָנגעטרונקען מיט רעגן־וואַסער. קאַלוזשעס וואַסער זענען געשטאַנען פולע אויף דער לאָנקע. דער גענעראַל א. וו. ביעגמאַ, איז בייגעווען מיטן שטאַב. ער האָט דאַן פאָרגעלייענט דעם באַפעל פון מאָסקווער פּאַרטיזאַנער־שטאַב, וואָס איז אָנגעגעבן געוואָרן דורכן ראַדיאָ ביינאַכט. דער אָנהייב פון באַפעל איז געווען פאָלגנדיקער:

„פּאַרטיזאַנער, פּאַרטיזאַנקעס, שלאָגט דעם שונא, צערייסט די בריקן, דעמאָלירט זיינע סקלאַדן, רייסט אויף די באַן־מאַגיסטראַלן און רייסט

אַראָפּ די עשאַלאָנען, שטערט און רייסט אויף זיינע מאַגאַזינען פון וואָפן, די אַרסענאַלן פון געווער, שלאָגט און מאָרדעט די שונאים, די שעה פון בצחון דערנעענטערט זיך! דער שונא מוז פאַרניכטעט ווערן״!

עס האָבן זיך דערהערט דערנאָך שטאַרקע אויסרופן, הויכע פּאַרטי־זאַנער־קולות, אויסשרייענדיק: אַ טויט די פאַשיסטן, די דייטשישע אָקו־פּאַנטן און מערדער! נקמה און פולע פאַרניכטונג פון דייטשישן און פאַ־שיסטישן שונא! — די דאָזיקע אויסרופן האָבן ווייט אָפּגעהילכט, ווייט איבער די שפּיצן פון שווייגנדיקן וואַלד און זיך צעטראָגן אין סטעפּ. צווישן די אַלע אויסרופן האָבן זיך דערהערט אויך אויסרופן פון יידישע פּאַרטיזאַנער: „לעבן זאָלן אייביק די געפאַלענע קעמפער פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד״!!!

אויף מאָרגן באַגינען האָבן מיר פאַרלאָזט דעם כוטער און אויך די אָטריאַדן פון דער „סאָיעדיניעניע״ זענען מיט אונדז מיטגעגאַנגען אויף צוריק אין דער ריכטונג פון בילע. עס האָבן זיך אויסגעשעפּט די זאַפּאַסן פון קוילן, און מאָסקווע האָט געגעבן דעם באַפעל, אַז דער שטאָב פון דער „סאָיעדיניעניע״ מיט די אָטריאַדן זאָלן גיין אויף מזרח, קיין דובניצק, באַענט צו לעלטשיץ, ווייל דאָרט איז געווען טעטיק אַן אַעראָדראָם, אונ־טער דער אויפזיכט פון דער „סאָיעדיניעניע״ פון גענעראַל סאַבוראָוו, און דאָרט וועט פאַר אונדזערע אָטריאַדן געליפערט ווערן געווער.

מיר זענען אַריבער דעם „סטיר״ דורך אַ פּאַראָם, וואָס איז געווען געמאַכט דורך די פאַרטיזאַנער פון „דיאַדיאַ פּעטיאַ״ און די גאַנצע צייט האָט דעם פּאַראָם באַוואַכט אַ ספּעציעלע גרופּע. פון דאָרף בילע זענען אַלע אָטריאַדן פון דער „סאָיעדיניעניע״ אַוועק אין דער ריכטונג צו מזרח־פּאָלעסיע, און אונדזער וואָראָשילאָוו־אָטריאַד איז ווידער אַוועק אין דער סטרעפּע פון סערניק. מיר האָבן זיך ווידער געלאָזט איבער די גע־דיכטענישן פון וועלדער און סטעפּעס און געווען גרייט צו ווייטערדיקע קאַמפן מיטן פאַרשאָלטענעם פאַשיסטיש־דייטשישן שונא...

זכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן

בלוטיקע מאַי־טעג

אין מאַי, 1943, ווען דער וואַלד איז געווען גרין, די לאַנקעס און פעלדער זענען געווען פול מיט פּרילינג־דופטן, האָבן מיר דורכגעמאַכט שווערע און בלוטיקע טעג. איבער די דערפער און וועלדער אויפן שטח פון סטעפּאַן־גאָראַד ביז די מאַגיסטראַלן פון דער באַן־ליניע אודריצק־סאַרני האָט גראַסירט אַ באַנדע פון די „באַנדעראָווצעס" אונטער דער אָנפירונג פון אַ גלחס אַ זון, וואָס האָט געהייסן ס אַ ש ק אַ. דאָס איז געווען אַ גרויזאַמער מערדער, און ער מיט זיין באַנדע האָבן געפּייניקט זייערע קרבנות אַזוי מוראדיק־שרעקלעך, אַז ס׳איז נישט מעגלעך איבערצוגעבן עס אויפן פּאַפּיר. אין אַ פּאָר דערפער, נישט ווייט פון סטעפּאַן־גאָראַד, האָבן זיי געפונען אַ פאַמיליע פון זיבן נפשות. דאָס איז געווען אַ פּויליש משפּחה, וועלכע האָט נישט באַוויזן צו אַנטלויפן אין וואַלד. דער מוטער פון דער משפּחה, שוין אַן עלטערע פרוי, האָט מען אויפגעהאַנגען פריער אויף אַ שטריק און דערנאָך האָט מען איר קערפּער אַרויפגעלייגט אויף דעם אייוון, וואָס איז געווען אויסגעהייצט, אַזוי, אַז איר טויטער גוף איז געוואָרן איין שטיק שוואַרצע מאַסע. אַ פּופּצן־יאָריק מיידל איז געלעגן אין נאַכט־העמד אויפן שוועל און איר נישט אינגאַנצן אָראָפּגעהאַקטער קאָפּ איז אַראָפּגעהאַנגען איבערן שוועל. אַ זון־שטראַל האָט באַשימערט אירע העל־בלאָנדע האָר און אַ ווינטל האָט זיי געוויגט הין און הער. אין שטוב זענען געלעגן דערשאָסענע און צעהאַקטע קערפּערס פון די איבעריקע מיטגלידער פון דער דאָזיקער משפּחה. ביי אַ פּאָר זענען געווען די העלדזער איבערגעשניטענע.

מיט דער דאָזיקער באַנדע זענען מיר געשטאַנען אין נאָכאַנאַנדיקע קאַמפן. מיט סאַשקאַ און זיין באַנדע איז אויסגעקומען צו קעמפן סיי אין די וועלדער און סיי אין די דערפער. די דייטשן האָבן זיי געשטיצט מיט דעם בעסטן וואָפן. סאַשקאַ איז געווען יונג, שיין און האָט געאַרבעט ביי די דייטשן פריער אַלס איבערזעצער און דערנאָך פאַר אַן אויספאָרשער־ריכטער. די געסטאַפּאָ האָט אים ספּעציעל באַפרייט פון זיין פּאָסטן כדי ער זאָל ווערן אַן אַטאַמאַן פון אַ באַנדע. ער האָט פריער, אַרבעטנדיק ביי די דייטשן, דורכגעפירט שרעקלעכע שחיטות אויף ייִדן.

צוליב דער דאָזיקער באַנדע האָבן מיר מיינסטן זיך באַוועגט ביי־טאָג, ווייל ביינאַכט איז געווען אַ מורא פאַר זייערע לויערונגען. מיר זע־נען געווען אין דער לאַגע ווי די דייטשן ביים אָנהייב פון דער אַנשטיי־אונג פון אונדזער גרופּע. זיי האָבן, מחמת מורא פאַר פּאַרטיזאַנער, זיך אויך באַוועגט בייטאָג.

דורך אָט דער דאָזיקער באַנדע רוצחים איז אויסגעפירט געוואָרן אַ שוידערלעכע שחיטה אויף דעם יידישן פאַמיליע־לאַגער, וואָס האָט זיך געפונען אויף די וו ע ר ב ע ס. בעת מיר זענען אַוועק קיין פּערעקאַ־ליע, זענען די יידן פון פאַמיליע־לאַגער נישט מיטגעגאַנגען און זענען פאַרבליבן אין וואַלד נעבן די כוטאָרעס, וואָס האָבן זיך גערופן „די ווער־בעס". אויף די דאָזיקע כוטאָרעס האָבן זיך דאַן געפונען די פּאַרטיזאַנער, וועלכע זענען אַוועק פון אָטריאַד אַלס פּראָטעסט קעגן באַזייטיקן די יידי־שע מיידלעך פון צו זיין קעכינס. די אויבן דערמאָנטע באַנדע „באַנדע־ראָווצעס" האָט, ווי עס ווייזט אויס, זיך דערוווסט אַז ווייניק פּאַרטיזאַ־נער זענען אויף די „ווערבעס" און זיי זענען באַפאַלן די כוטאָרעס.

די „ווערבעס" זענען געווען אַ קליינער ישוב פון 7־8 משפחות. אַרום פון אַלע פיר זייטן איז געווען אַ וואַלד, די פּויערים האָבן די גאַנצע צייט אַרויסגעוויזן די גרייטקייט צו העלפן די פּאַרטיזאַנער מיט אינפאָרמאַ־ציעס און מיט שפּייז. אַ געוויסע צייט האָבן געוווינט דאָרט מיטגלידער פון שטאַב. ביי דעם פּויער מאַסיי, אַ הויכוווקסיקער פּאַלעשוק מיט גרוי־סע וואָנצעס, איז געווען זייער קוואַרטיר. אין די גרויסע פּרעסט און שניי־זאַווערוכעס, האָבן זיך דאָרט אויפגעהאַלטן יידן: מען האָט זיי געגעבן שפּייז און אַ דאַך איבערן קאָפּ.

ווען די באַנדעראָווצעס זענען באַפאַלן די וו ע ר ב ע ס, האָבן די עטלעכע יידישע פּאַרטיזאַנער זיי געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, אָבער מען האָט נישט געקאָנט לאַנג אָנהאַלטן דעם אָפּוועך־קאַמף, ווייל סאַשקאָס באַנדע איז געווען אין אַ צאָל פון העכער 200 און דערצו האָבן זיי גע־האַט גוט געווער. די באַנדע האָט באַזעצט די כוטאָרעס און האָבן געפּאַ־דערט ביי מאַסייען ער זאָל זיי פירן אין וואַלד צו די יידן, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן. אַלס שטראָף האָבן זיי אָפּגעהאַקט זיין קאָפּ מיט איינער פון זייערע היידאַמאַקישע העק. מאַסייס קערפּער האָבן

זיי אַריינגעוואָרפן צווישן די בייטן פון אַקעגנדיקן גאָרטן. דערנאָך האָבן זיי אָנגעהויבן צווינגען מאָיסייס יינגסטע טאָכטער, פון 17־18 יאָר, אויך זי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פירן זיי צו די יידן אין וואַלד. זיי האָבן איר אויך געטויט מיט די דאָזיקע העק. מאָיסייס איידעם האָט די באַנדע אָוועקגעפירט צו די יידן אין וואַלד. דאַן האָבן זיי דורכגעפירט די שרעקלעכע יידנשחיטה.

די גרויזאַמע מאַסאַקרע האָבן די באַנדעראָוועצעס דורכגעפירט בעת מיר זענען צוגעקומען צו די וועלדלעך אַרום סוואַריטשעוויטש. פויערים האָבן אונדז אָנגעזאָגט וועגן דעם. עס איז געווען אין מיט סאַמע טאָג און מיר האָבן באַקלערט, אַז בעסער זיי באַפּאַלן תחילת אָוונט, ווען עס וועט ווערן פינצטער, כדי זיי זאָלן זיך נישט פונאַנדערלויפן.

פּאַרנאַכט־צו איז דער אָטריאַד אַוועק אין דער ריכטונג צו בראַדניצער וואַלד. דאָרט איז איבערגעלאָזט געוואָרן דער אָבאָז. דורך שטעגן און סטעזשקעס האָט מען געשניטן דעם בראַדניצער וואלד און מען איז אַרויס אויף פעלדער און לאָנקעס, וואָס האָבן זיך געגרענעצט מיט דעם וואַלד, וועלכער האָט פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט די „ווערבעס״.

עס איז שוין געווען גוט־פינצטער, ווען מען האָט אַרומגערינגלט די דאָזיקע כוטאָרעס. פון אַלע פיר ברעגעס וואַלד האָבן פּאַרטיזאַנער פאַרנומען פּאָזיציעס. די שיכורע קולות פון די רוצחים און העקער האָבן אָפּגעהילכט. אויף הויכע אָקטאַוועס זענען געזונגען געוואָרן דורך זיי אוקראַיִנישע לידער מיט אַ צעיושעטער רציחה־פרייד. ראַפּטום זענען מיר זיי באַפּאַלן. דאָס וואָס זיי זענען געווען שטאַרק אָנגעזויפט און טויט־שיכור האָט דעם אָטריאַד פאַרגרינגערט די אַרבעט. מען האָט זיי אָנגעהויבן באַשיסן, ווען זיי זענען געווען אין די כאַטעס און אין די שטאַלן. די פּאַניק איז ביי זיי געוואָרן גרויס און האָבן אָנגעהויבן אַרויסלויפן, וועלנדיק פאַרשווינדן אין וואַלד. אָבער ביי אַלע ברעגעס זענען געווען פּאַרטיזאַנער. צענדליקער, צענדליקער פון זיי זענען דערשאָסן געוואָרן. אייניקע פון סאַשקאָס באַנדע זענען אַריינגעפאַלן לעבעדיקע אין די הענט. די שטראָף פאַר זיי איז געווען: מען האָט זיי אַריינגעטריבן אין די בראַדניצער זומפּן, ווו זיי זענען איינגעזונקען געוואָרן. דער סאָוועטיש־יידישער פּאַרטיזאַן, פּיווען, האָט איין באַנדעראָוועץ צוגעבונדן צו אַ בוים

און דערנאָך האָט ער אים מיט אַ מעסער געשניטן שטיקער פון זיין לייב. מיט גרויס הערלאישקייט האָבן געקעמפט אַלע פּאַרטיזאַנער. די יידי־שע פּאַרטיזאַנער האָבן דאָך געהאַט מיט זיי אייגענע חשבונות. דער יידי־שער פּאַרטיזאַן אַלעקסאַנדער ק ו ץ איז אַליין באַפאַלן אַ גרופּע באַנ־דעראָוצעס אין אַ הויז און האָט געזייט אויף זיי קוילן. מיט גרויסער גע־וואַגטקייט האָבן געקעמפט די יידישע פּאַרטיזאַנער: די ברידער ש פ י ן, פּערטשיק, סיאָמע פּיאַלקאָוו, האַבערמאַן, מודרי, זעליג קויפּמאַן, איסר גלעזער, משה לאַנדאַ, טילטשין, לייוויק פישמאַן, (פינסק), משה טורקע־ניטש און אַ סך אַנדערע.

אַ גאַנצע נאַכט האָט מען די באַנדע פאַרפאָלגט אין וואַלד, וווהין אייניקע זענען אַנטלאָפן. ווען ס׳איז געוואָרן ליכטיק, האָבן מיר געפונען די יידישע הרוגים. זייערע קערפּערס זענען צעשטיקלט געווען. און באַ־זונדערע אָפּגעהאַקטע הענט און פיס זענען געווען פונאַנדערגעוואָרפן צווישן די קוסטעס. ביי אייניקע פון זיי זענען שוין געווען די אויגן אויסגעפּיקט פון קראָען און די קערפּערס אָרומגעגריזשעטע פון ווילדע חזירים, וואָס געפינען זיך נישט ווייניק אין וואַלד. מיר האָבן צווישן די מעזשעס און בייטן געפונען די צעהאַקטע קערפּערס פון מאָיסייען און זיין טאָכטער.

נאָך דער דאָזיקער שחיטה האָט יעדערער פון די יידישע פּאַרטיזאַנער זיך געפילט שטאַרק דערשלאָגן און צעבראָכן. עס האָט אונדז געמאַטערט דאָס געוויסן וואָס מען האָט נישט מיטגענומען דעם יידישן פאַמיליע־לאַ־גער אין דער ריכטונג פון פּערעקאַליע. שווער איז אונדז אָנגעקומען יע־דעס מאָל צו פועלן ביי דעם שטאָב, אַז דער פאַמיליע־לאַגער זאָל נאָכ־גיין נאָכן אָטריאַד. געוויס וואָלט אונדז אויסגעפאַלן זייער שווער צו פועלן בעת מיר זענען געגאַנגען דירעקט צו שלאָגן זיך מיט די דייטשן אין פּע־רעקאַליע.

פון די „ווערבעס״ זענען מיר אַוועק אויף די כוטאָרעס פון וויטשעוו־קע — צו לויערן אויף די וועגן די דייטשן, וועלכע פלעגן פאָרן הין און צוריק: פון סערניק קיין האָראָדנאָיע און פון האָראָדנאָיע קיין סערניק. טאָג־איין און טאָג־אויס איז מען זיי באַפאַלן, פאַרשאַפנדיק אַ סך פאַר־לוסטן. גרופּעס פּאַרטיזאַנער פלעגן אַריינדרינגען אין סערניק און וואַרפן

גראַנאַטן אין די דייטשישע בונקערס און ד א ט ן. די אַלע מאָסנאַמען האָבן געבראַכט דערצו, אַז די דייטשן האָבן פאַרלאָזט סערניק.

אין דעם זעלבן טאָג ווען די דייטשן האָבן פאַרלאָזט סערניק האָבן מ'יר זיך באַזעצט אין וויטשעווקע. מיר האָבן בעסער און זיכערער זיך גע־פילט, ווען מען איז געשטאַנען אין דערפער און נישט אין וועלדער. די באַנדעראָווצעס האָבן מייגסטן געלויערט אויף אונדז ביי ראַנדן פון וועל־דער איידער ביי דערפער. אין די בעסטע הייזער האָט מען זיך איינגע־קוואַרטירט. די אַמבולאַטאָריע און דער שפּיטאָל זענען איינגעריכטעט גע־וואָרן אין צוויי באַקוועמע הייזער. מען האָט געלאָזט די מיל אין גאַנג און פויערים פון דאָרף און פון דער סביבה זענען געקומען מאָלן קאָרן, צאָלנדיק דערפאַר מיט מעסטלעך תבואה. ביים מיל איז געווען אַ פאַר־טיזאַן, וואָס האָט איינגעקאַסירט דעם דאָזיקן אָפּצאָל.

אַ פּאָר וואָכן זענען מיר געשטאַנען אין דאָזיקן דאָרף. איך האָב צו־געגרייט אַ ספּעציעלע אויסגאַבע מיט אילוסטראַציעס פון די לאַנגע היי־דאַמאַקישע העק. עטלעכע מאָל זענען צוזאַמענגערופן געוואָרן גרויסע סכאָדן, ווו מען האָט פאַר זיי אויפגעקלערט די פּאָקטישע לאַגע אויפן פראָנט און די זאָאָלאָגישע צילן פון די דייטשן מיט אַלע פאַשיסטן. עס האָט זיך געדוכט, אַז מ'ען קאָן אַזוי שטיין אין דאָרף אַ געוויסע צייט, לכל הפּחות ביז אונדזער סאָיעדיניעניע וועט זיך צוריקקערן פון אַעראָ־דראָם, ברענגענדיק אונדז אַמוניציע מיט וואָפן.

די דייטשן האָבן זיך באַפעסטיקט אין האָראָדנאָיע. דאָס איז געווען אַ קליין יידיש שטעטעלע. באַלד ווי די דייטשן האָבן אָקופּירט די געגנט האָבן זיי אויסגעהרגעט אַלע מענער. אין אויגוסט, 1942, האָבן זיי ליק־ווידירט די איבערגעבליבענע הייפלעך יידן. עס איז געווען אַ חסידיש שטעטל. אַ העלפט יידן זענען געווען ליבאַשייער חסידים און אַ העלפט — סטאָלינער חסידים. דאָס שטעטל איז געשטאַנען אויף אַ ליימיק באָדן און פויערים האָבן געמאַכט פון דעם ליים טעפּלעך. אין ווייטע מקומות האָט מען געוווסט פון די האָראָדנאָיער ליימענע און פאַליווענע טעפּ.

אין אָט דעם שטעטעלע האָבן די דייטשן געמאַכט פייער־פּונקטן און בונקערס. דורך דעם דאָזיקן שטעטל איז געווען פאַר די דייטשן אַ טראַקט צו פאָרן פון סטאָלין קיין פּינסק. צוליב די אָפטע דיווערסיעס אויף די באַן־

ליניעס זענען די אָקופּאַנטן געווען געצוווּנגען אויפצוהאַלטן דעם דאָזיקן טראַקט.

ביי אונדז איז געווען טעטיק אַן אַקטיווע גרופּע דיווערסאַנטן. ווען מיר זענען געשטאַנען אין וויטשעווקע זענען די דיווערסאַנטן געגאַנגען לויערן אויף דייטשישע אויטאָמאַשינען און פורן, וואָס זענען אָפּט גע־פאָרן הין און צוריק איבער דעם טראַקט סטאָלין־פּינסק.

איינער פון די געלונגענסטע איבערפאַלן אויף דעם אויבן דערמאָנטן שליאַך האָט געמאַכט לייוויק פּישמאַן. ביים דאָרף לאָפּאַטין, אין אַ וועלדל, האָט ער מיט נאָך אַ פּאָר פּאַרטיזאַנער געמאַכט אַ זאַסאַדקע. אַ פּאָר טעג זענען זיי געזעסן פאַרשטעקט אין וועלדל. בייטאָג זענען זיי גע־זעסן פאַרמאַסקירט אויף ביימער. לייוויק פּישמאַן האָט דערהערט אַ גע־רויש פון אַן אויטאָ־מאַשין, וואָס איז געפאָרן אַלץ נעענטער. ער האָט געהאַלטן אין האַנט אָנגעגרייט אַ באָמבע. די מאַשין האָט זיך דערנענ־טערט און ער האָט טרעפלעך געוואָרפן די באָמבע, וועלכע האָט אויפגע־ריסן די מאַשין מיט די דייטשן. פון זיי אַלעמען איז קיין סליאַד נישט געבליבן. מער נישט ווי דאָס היטל פון געביטס־קאָמיסאַרס קאָפּ איז פאַר־פלויגן אויף אַ שפּיץ בוים און דאָס האָט ער געבראַכט אין וויטשעווקע. דאָס איז געווען אַ היטל פון סטאָלינער געביט־קאָמיסאַר. פאַר די פויערים איז עס אויך געווען אַ סענסאַציע.

אייניקע פאַרטיזאַנער זענען אַוועק טשאַטעווען אויף דייטשן ביי די ברעגעס פון פּריפּיעט. די דייטשן האָבן אויסגענוצט דעם וואַסער־שליאַך פאַר זייער קאָמוניקאַציע, הויפּטזעכלעך ביים אַריבערפירן תבואה און עסנ־וואַרג פון דער פעטער אוקראַינע קיין דייטשלאַנד. די ברעגעס פון פּרי־פּיעט זענען פרילינג און זומער באַוואַקסן מיט הויכן טשערעט, מיט לאָ־זע און ווערבעס. דאָרט האָבן פאַרטיזאַנער אונטער דער אָנפירונג פון קאָליאַ דיקאָוויצקי געלויערט אויף די דורכפאָרנדיקע דייטשישע באַר־קעס און שיפן מיט תבואה.

ביים פּלאַץ, ווו די פּינא (פּינסקער טייך) גיסט זיך צונויף מיטן פּרי־פּיעט, זענען פאַרבייגעשווומען דריי גרויסע באַרקעס. אויף יעדער באַרקע זענען געווען אַ פּאָר צענדליק זעלנער. די פאַרטיזאַנער האָבן אָנגעהויבן באַשיסן און וואַרפן גראַנאַטן אויף די באַרקעס. עס זענען געוואָרן לעכער

אין זיי און האָבן אָנגעהויבן זינקען. די דייטשן האָבן זיך געלאָזט שווי־מען צו די ברעגעס, אָבער די שיסעריי פון די פּאַרטיזאַנער איז געווען געצילט אין זיי. כמעט אַלע זענען דערטרונקען געוואָרן אין די וואַסערן. דאָרט איז דאָס וואַסער געווען טיף. נאָר צוויי דייטשן זענען צוגעשווו־מען צום ברעג און האָבן אויפגעהויבן די הענט אין דער הויך. איינער פון די צוויי איז געווען פאַרווונדעט אין פוס. זיי האָבן זיך אונטערגעגעבן צו די פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן באַשלאָסן זיי אָוועקפירן צום שטאָב אין וויטשעווקע. מען האָט זיי גלייך געבונדן און אַרויפגעלייגט אויף פורן.

מיר איז אויסגעקומען צו פירן מיט זיי די ערשטע געשפּרעכן. ווען כ׳בין צוגעגאַנגען צום וואָגן זענען זיי געלעגן געבונדן ווי קעלבער, בעת מען פירט זיי צו דער שחיטה. מען האָט זיי פון וואָגן אַרויסגענומען און אַריינגעפירט אין אַ שטוב. די הענט האָט מען זיי אָפּגעבונדן און אַ וואַך איז געשטאַנען און זיי געהיט טאָג און נאַכט. אַרום שטוב, ווו זיי זענען געווען, איז פול געוואָרן מיט פויערים און פויערטעס, וואָס זענען גע־ווען טשיקאַווע זיי אָנקוקן, ווי אַ בייזן ווונדער. דער שטאָב האָט באַ־שלאָסן זיי האַלטן ביז דער שטאָב פון סאָיעדניעניע וועט זיך צוריקקערן. עס וואָלט געווען אַ מין געשאַנק פאַר דער אָנפירונג פון אונדזער פּאַר־טיזאַנער־מחנה. איך האָב זיי באַפוילן אָנצושרייבן זייערע ביאָגראַפיעס און זיי האָבן גלייך גענומען שרייבן. הגם כ׳האָב געוווסט אַז זיי וועלן נישט שרייבן ריכטיק, אָבער עס איז געווען טשיקאַווע צו וויסן וואָס זיי וועלן שרייבן. זיי האָבן אויף גיך אָנגעשריבן. איינער האָט געשריבן, אַז ער איז אַלע יאָרן געווען אַ הייסער קאָמוניסט און האָט אין בערלין, באַלד נאָכן ערשטן וועלט־קריג, זיך אָנגעשלאָסן צו דער פּאַרטיי פון ראָזאַ לוק־סעמבורג און קאַרל ליבקנעכט. אויך אונטערן היטלער־רעזשים האָט ער זיך באַטייליקט אין אַלע אונטערנעמונגען פון דער אומלעגאַלער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי. דער צווייטער האָט געשריבן, אַז ער איז אַלע יאָרן גע־ווען אַ פּאַציפיסט און זיך געחברט מיט יידישע קאַמעראַדן, און זיין באַ־בע איז געווען אַ יידישע.

עס זענען דורכגעגאַנגען אַ פּאָר טעג. די גאַנצע סביבה האָט זיך דער־ווּסט פון די דייטשן. אַלע פויערים פון די דערפער זענען אָנגעקומען מיט ווייבער און קינדער אין וויטשעווקע. אין רייען זענען זיי צוגעלאָזט גע־

וואָרן זען די דייטשן. ביי זיי איז געווען אַ חידוש וואָס דייטשן האָבן זיך געלאָזט פאַנגען דורך פּאַרטיזאַנער. געהרגעטע דייטשן האָבן זיי געזען, אָבער געפאַנגענע גערמאַנצעס דאָס האָבן זיי נאָך נישט געזען.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז פאָרגעקומען דער איבערפאַל אויפן דאָרף. דאָס איז געווען פאַר אונדז אומגעריכט. מיר האָבן זיך געפילט שטאַנדהאַפטיק. כ׳געדענק, ס׳איז געווען אַ פּרעכטיקער מאַי־אָוונט און פון די פעלדער האָבן זיך פונאַנדערגעטראָגן די דופטיקע פרילינג־ריחות און אַראָמאַט פון צוויט און פעלד־בלימלעך. געשמאַקע מאַי־ווינטלעך האָבן אַזוי מילד געשוועבט איבערן דאָרף. ביז צוויי אַזייגער ביינאַכט האָב איך שפּאַצירט איבער דער לאַנגער גאַס. עטלעכע מאָל בין איך פאַרבייגעגאַנגען דעם ברונעם, וווּ מיר האָבן אין נאָוועמבער 1942 זיך אָנבאַגעגנט מיט פּאָליציי. איך האָב אַפילו זיך צוגעזעצט אויף דער קאָריטע און גע־ווען זיכער, אַז אַזוינע סורפּריזן וועלן שוין נישט פּאָרקומען. פון 2־3 אַזייגער האָב איך אויסגעהערט פון ראַדיאָ די לעצטע ידיעות. איך בין אַריין אין הויז און געזען די דייטשן שלאָפנדיקע. די וואַך איז געשטאַנען און געהיט. זי האָט געהאַט אַ פאַראָרדענונג, אַז אויב עפּעס פּאַסירט אַן איבערפאַל דאַן זאָל מען זיי דערשיסן. פון דאָרט בין איך אַוועק זיך לייגן שלאָפן. נישט ווייט איז געשטאַנען אַ קליינע הייזקע, אַרומ׳געריינגלט מיט קאַרשן־ביימער און עטלעכע יונגיטשקע סאָסנעס. דאָרט בין איך געשלאָפן מיט מתות באַבראָוון; אויך פלעגן דאָרט שלאָפן דיביידע גאַר יונ־גינקע פּאַרטיזאַנער, וואָס ביידן האָט מען גערופן נ ת ן. דעם 10־יאָ־ריקן האָבן מיר גערופן נ ת ן, און דעם קלענערן — נ ת נ ק ע. איך הייזקע האָט געלעבט אַן אַלטע פויערטע מיט אַ צעדרייטן זון אַן אידיאָט.

עס איז געווען בלויז אייניקע מינוט ווי איך האָב זיך געלייגט, ערשט איך דערהער אַ שיסעריי. בעת מעשה האָב איך געקלערט, אַז מסתמא שיסן דאָס אונדזערע פּאַרטיזאַנער. אָבער די שיסעריי איז געוואָרן שטאַרקער. עס הערן זיך גאַנץ נאָענט אויפרייסן פון גראַנאַטן. מיר כאַפּן זיך אויף אַלע. אויף גיך כאַפּן מיר די ביקסן. איך וויל צולויפן צום טיר, אָבער מתות גיט מיך אַ האַסטיקן צי פאַרן אַרבל אין דער ריכטונג צום פענצ־טער. ער עפנט דאָס פענצטער. צוערשט שפּרינגט אַרויס נתנקע און נתן, דערנאָך איך און נאָך מיר מתות. אַ שיסעריי איבער אונדז. דאָס הויז. ווו־

דער שטאַב איז געווען, שטייט אין פלאַמען. מיר צעלויפן זיך אין פּאַר־שיידענע ריכטונגען. נעבן מיר דערזע איך דעם 14־יאָריקן וואַנקאַ, אַ יונ־גינקער פּאַרטיזאַן פון כינאַטשע. ער זאָגט מיר, אַז מען דאַרף אַריבער־לויפן וואָס שנעלער די גאַס פון דאָרף. אין דער רגע פאַלט ער פון אַ קויל. איך נעם זיך אין דער ריכטונג צו די שטאַלן און לויף אַרויס אין אַ קאָרן־פעלד. דאָרט דערזע איך אונדזערע 10־12 פּאַרטיזאַנער. מיר לויפן צו צו אַ גראָבן און נעמען שיסן אין דער ריכטונג צום דאָרף. דאָס פייער ווערט זייער שטאַרק אין אונדזער ריכטונג, און מיר זענען געצוווּנגען אָפּ־צוטרעטן. אָבער מיר גייען ווידער צו דער זייט פון דאָרף. די שיסעריי איז שוין נישט אַזוי גרויס. מיר דערנעענטערן זיך צום דאָרף. עס פּאַר־קניפּט זיך אַ קאַמף מיט דעם שונא. גלייכצייטיק באַשיסט מען די פיינד־לעכע כוחות פון אַנדערע עקן דאָרף. די פּאַרטיזאַנער, וואָס פריער זענען זיי געווען אַרומגעכאַפּט פון אַ פּאַניק, קריגן די איניציאַטיוו. נאָך אַ קאַמף ווערט דער שונא אַרויסגעשטויסן. מיר גייען אַריין אין דאָרף. דערשאָסענע פּאַרטיזאַנער און באַנדעראָווצעס ליגן אין גערטנער, אין הויפן און אויף דער לאַנגער גאַס. איך דערקען די דערשאָסענע פּאַרטיזאַנער. זיי ליגן ווי לעבעדיקע. מיר גייען צו צו די סאָסנע־ביימער, ווו עס האָבן זיך אויפגע־האַלטן יידן פון פאַמיליע־לאַגער, אויך דאָרט ציילן מיר איבער 17 דער־שאָסענע. אויפן הויף, ווו ס׳איז געשטאַנען דאָס הויז פון שפּיטאַל, ליגן אַ פּאָר פּאַרטיזאַנער און מאַטילדע. מאַטילדע איז דערשאָסן געוואָרן און צעהאַקט. מיט אַ מעסער איז אויף איר האַרץ געווען אויסגעשניטן אַ מגן־דוד.

די פויערים פון פאַשיסטישן דאָרף האָבן אַריינגעפירט באַנדעראָוו־צעס דורך די גערטנער און הויפן. די וואָך איז דאָך געשטאַנען בלויז ביים אַריינפאָר אין דאָרף, פון אַלע זייטן. עס קאָן זיין אַז די וויטשעווקער פויערים האָבן זיי אַריינגעפירט בייטאָג אויך. די באַנדעראָווצעס זענען דאָך געווען אויך פויערים און נישט געהאַט קיין אַנדערע אוניפאָרמען.

מיר האָבן די קערפּערס צוזאַמענגענומען. אַלעמען האָט מען מקבר געווען. אַ גאַנצן טאָג זענען מיר געווען אין דאָרף. די באַנדעראָווצעס זע־נען מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער נאָך דעם ווען מיר זענען אַרויסגעלאָפן פון דער פויערטעס הייזקע, אַריינגעלאָפן. זיי האָבן דערהרגעט דעם אי־

דיאַט — דער פֿויערטעס אייניקל. ווען כ׳וואָלט אַרויסגעלאָפֿן דורך דער טיר, וואָלטן זיי מיך דערשאָסן אָדער געכאַפּט אפשר אַ לעבעדיקן. סך־הכל זענען זיי געווען בלויז אייניקע טריט פֿון דער הייזקע.

די דאָזיקע ביידע שחיטות זענען געווען פֿאַר אונדז אַ שרעקלעכער און טראַגישער קאַפּיטל. דער אַטריאַד האָט זיך ביינאַכט געלאָזט אין גע־יעג נאָך די באַנדעראָווצעס. די באַנדעראָווצעס זענען געזעסן ביי פֿייערן אין אַ וועלדל אויף רובליער וועג, אויף יענער זייט האָראָדנאַיע. זיי זענען געזעסן ביי די פֿייערן און געכראָפּעט. די פּאַרטיזאַנער זענען זיי באַפֿאַלן ראַפּטום, אַרומרינגלענדיק דעם וואַלד פֿון אַלע פֿיר זייטן. עס זענען דער־שאָסן געוואָרן צענדליקער באַנדעראָווצעס. אָבער צו גרויס זענען געווען אונדזערע פֿאַרלוסטן.

סיי אויף די ווערבעס און סיי אין וויטשעווקע איז געווען שווער צו דערקענען די הרוגים, ווייל זיי זענען געווען צעפּאַסעוועט און צעשטיקלט. דאָך האָט מען דערקענט די פֿאָלגנדיקע קדושים:

לייזער גד פֿרידמאַן מיט זיין פֿרוי דושל; אברהמל וואָראָנאַ מיט זיין פֿרוי העניע און אַ זונעלע פֿון צוויי יאָר; שרה, מלכה און רבקה — דריי טעכטער פֿון משה אהרן קריניוק; נח און מאיר, צוויי יינגלעך פֿון שלום באָטוויניק; מאָטל קאָניק מיט אַ טאָכטער; שימל, ראָזע און סימקע (די מוטער) ראָזענצווייג, קוזינס פֿון פּראָפֿ׳ חיים ווייצמאַן ז״ל; פֿעלד־מאַן נחמה, אַ טאָכטער פֿון שמואל דעם שוחט; יאַנקל פּיאַלקאָוו מיט אַ קליינעם זונעלע. די אַלע זענען געווען פֿון סערניק.

חוץ די דאָזיקע יידן האָט מען דערקענט: צוויי מיידלעך כאַשע און רחל פֿון וויסאָצק; אַ מיידל פֿון קאָרעץ; אַ יינגל פֿון האָראָדנאַיע; דער פּינסקער ייד ליבערמאַן מיט זיין פֿרוי און טאָכטער; פֿרוי פּאַסטערנאַק פֿון פּינסק; פֿרוי אבעריאַנט מיט איר טאָכטער מאַשע פֿון דאָמבראָוויץ; זיידל גראַווער און חיה שיינמאַן פֿון דאָמבראָוויץ.

מיר האָבן דערקענט די געפֿאַלענע פּאַרטיזאַנער. צווישן זיי איז גע־ווען פּסח קויפֿמאַן פֿון וויטשעווקע און די אויבן דערמאָנטע פּאַרטיזאַנקע מאַטילדע כאַינע; אויך איז געפֿאַלן אין יענער שלאַכט אונדזער באַליב־טער טרובאַדור און פֿאָלקס־זינגער נ אָ ז אַ ר .

שווערע אומפּאַרגעסלעכע טעג. הגם פון יענער צייט זענען שוין דורכ־געלאָפן 12 יאָר, זענען די שוידערלעכע מאַסאַקרעס פון די באַנדעראָוו־צעס אויף אַ קווינט נישט פאַרגעסן געוואָרן אין מיין זכרון.

דער פּראָפּאַגאַנדע־טור

יוני, 1943. נאָך די בלוטיקע מאַי־טעג זענען מיר געווען היפּש דער־דריקט, אָבער מיר האָבן פאַרשטאַרקט אונדזער וואַכזאַמקייט צו די פאַר־שיידנמיניקע שונאים, וואָס האָבן אונדז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. טעג און נעכט האָבן מיר זיך געוועקסלט אין לויערונגען און אין פּנים אל פּנימדיקע קאַמפן. טאָג־איין און טאָג־אויס האָבן מיר געהאַט אַן אַנדער זיצאָרט, ציענדיק זיך מיט אונדזער פּאַרטיזאַנער־קאַראַוואַנען, ווי אין אַל־טערטום. מיר האָבן געוואַנדערט פון אָרט צו אָרט, פון דאָרף צו דאָרף, פון וואַלד צו וואַלד און פון כוטער צו כוטער. ווי אויף ספּיראַלע שווינדל־שטיגן האָבן מיר געשטעלט אונדזערע טריט סיי אויף וועגן און סיי אויף אומוועגן.

דער צענטראַלער שטאַב מיט זיינע אַפּיליאירטע אָפּטיילונגען האָט זיך נאָך נישט צוריקגעקערט פון יענער זייט ה א ר י ן. און אונדזער אָטריאַד האָט געדאַרפט זיין אין גרויסער קאַמפּגרייטקייט און שטאַרק וואַכזאַם. מיר האָבן דעריבער געמוזט זיין שטרענג לגבי אַלע שונאים און אויך אין באַצוג צו די וואָס האָבן ביי אונדז אַרויסגערופן פאַרדאַכט, אַז זיי האָבן פאַרבינדונגען מיט די באַנדעראָווצעס אָדער מיט די דייטשן. עס האָט מיט אונדז דיריגירט דער „אל קנא ונוקם", און אין יענער איראַציאָ־נעלער צייט איז דער מינדסטער חשד נישט געוואָרן פאַרטושט.

צווישן די האַרבע מאַסנאַמען לגבי פאַרשיידענע פּערזאָנען איז מיינסטן געווען אָנגעווענדט די שטראָף צו דערשיסן. די טויט־שטראָף איז געווען אַמאָל אָנגעווענדט, נישט אַריינטראַכטנדיק זיך אין מאָמענטן, וואָס האָבן דעם באַשולדיקטן געקאָנט מילדערן אָדער ריינוואַשן פון חשדים. עס איז געטאָן געוואָרן זייער שנעל, און אייניקע פאַלן פון טויט־שטראָף לגבי פאַרדעכטיקטע פּערזאָנען, זענען געווען שטאַרק באַדויערנדיקע, ווי דער פאָלגנדיקער פאַל:

אין דאָרף אוסטרעווע, נאָענט צום טייך „סטיר״, האָבן איינציקע פּאַרטיזאַנער פון אונדזער אָטריאַד אָנבאַגעגנט אַ סאָוויעטישן פּאַלקאָווניק, וואָס איז אַנטלאָפן פון געפאַנגענשאַפט. ער האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי אַן אלמנה, העלפנדיק איר אין דער ווירטשאַפט. די דייטשן, בעת זיי פלעגן קומען אין דאָרף, האָבן נישט געלייגט קיין אַכט אויף אים, און ס׳קאָן זיין, אַז דאָס דאָרף האָט זיי נישט דערציילט וועגן דעם. אַזוינע פאַלן זענען געווען אַ סך, און סאָוויעטישע זעלנער אָדער אָפיצירן, אַנטלויפנדיק פון געפאַנגענשאַפט, האָבן זיך איינגעאָרדנט אין דערפער און האָבן געקלערט אין שטילקייט איבערלעבן דעם קריג. אַזוי האָט אויך געטראַכט דער דאָזיקער פּאַלקאָווניק אין פאַלעסיער דאָרף, אוסטראַווע. די פּאַרטיזאַנער האָבן אים פאַרגעלייגט, ער זאָל פאַרלאָזן דאָס דאָרף און מ׳טגיין מיט זיי אין וואַלד, אָבער ער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז „ס׳איז נאָך נישט רייף די צייט פאַר פּאַרטיזאַנישער טעטיקייט״, און דעריבער וויל ער נישט פאַרלאָזן זיין איצטיקן וווינאָרט. זיי האָבן אים באַלד אַרעסטירט און איז אונטערן פּאַרטיזאַנישן קאָנוואָי געבראַכט געוואָרן אין וואַלד. דער שטאַב איז זיך צוזאַמענגעקומען און האָט אַרויסגעטראָגן אַ אורטייל, אַז מען דאַרף אים פאַר אַזוינע רייד דערשיסן. אין אַזוינע פאַלן האָבן דעצידירט די מיינונגען פון קאָמאַנדיר מיסיורא, פון נאַטשאַלניק פון שטאַב יערמאָלענקאָ און פון קאָמיסאַר פלוזשניקאָוו. ווען כ׳האָב זיך דערוווסט פון אַזאַ גרויזאַמען אורטייל, האָב איך זיך באַמיט צו איבערצייגן זיי, אַז עס פּאַסירט אָפט, אַז אַ מענטש באַגרייזט זיך מיט רייד, און דערפאַר האָט דער פּאַלקאָווניק נישט פאַרדינט דעם טויט־אורטייל. איך האָב גערעדט מיטן פּאַלקאָווניק און ער האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט אַזוי נישט געדאַרפט זיך אויסדריקן און איז גרייט זיך שטעלן אין קאַמף מיט די דייטשן און דינען דער פּאַרטיזאַנער־זאַך. אַלע זיינע רייד האָב איך איבערגעגעבן דעם שטאַב, אָבער זיי זענען געווען שטאַרק איינגעעקשנט און האָבן נישט געוואָלט אָפּשאַפן דעם טויט־אורטייל. אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט מען אים אַרויסגעפירט אין די קוסטעס און מען האָט אים דערשאָסן. כ׳געדענק, ווען ער איז געזעסן מיט מיר ביים ראַדיאָ, האָט ער ביי מיר געבעטן, כ׳זאָל אים אָנשטעלן מאָסקווע, זאָגנדיק, אַז ער וויל נאָך פאַר זיין טויט כאָטש הערן די שטים פון מאָסקווער ראַדיאָ־סטאַנציע.

עד היום דערמאָן איך די שרעקלעכע האַנדלונג פון שטאַב, דערשיסנ־דיק אַ מענטשן פאַר אַ פּאָר ווערטער. דער דאָזיקער פּאַלקאָווניק פון דער רויטער אַרמיי האָט געקאָנט ברענגען אַ סך נוצן אונדזער באַוועגונג, וועל־כע האָט זיך געניטיקט אין געשולטע מיליטערישע כוחות.

אויפן סאָוויעטיש־דייטשישן פראָנט איז געווען אַן שום ענדערונגען. די דייטשן האָבן פאַרשפּרייט פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַלן, ווי אויפרופן, פלוגבלעטער און ציַיטונגען, וווּ זיי האָבן געמאָלדן, אַז גאָר גיך גייען זיי אַריבער אין אַן אָנגריף קעגן די סאָוויעטן און וועלן גענצלעך צעשמע־טערן די רויטע אַרמיי, ווי זיי האָבן צעקלאַפּט די סאָוויעטישע דיוויזיעס אין 1942, אויף די פעריפעריעס פון כאַרקאָוו, וואָס זענען געווען אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל ט י מ אָ ש ע נ ק אָ. די דאָזיקע דייטשישע פּראָפּאַגאַנדע האָט אַריינגעבראַכט אַ דעפּרעסיע אין די דערפער און די באַנדעראָווצעס האָבן געהאַט מאַטעריאַל צו פּראָפּאַגאַנדירן און אָנרייצן די פויערים קעגן אונדז. עס איז געוואַקסן באַדייטנדיק די צאָל פון באַנ־דעראָווצעס, און אונדזער לאַגע איז מיט דעם געוואָרן קריטישער.

מיר האָבן דעריבער אויך אָנגעהויבן צו פירן שטאַרקער און רעגולע־רער אונדזער פּראָפּאַגאַנדע און אויפקלערונג. האַנט אין האַנט מיט די קאַמפן קעגן די שונאים האָבן מיר אויך געקעמפט מיטן וואָרט, סיי מינד־לעך און סיי שריפטלעך. אין יעדן דאָרף, ווו מיר זענען אַריינגעקומען, איז צונויפגערופן געוואָרן די באַפעלקערונג, פאַר וועלכער ס'איז גערעדט געוואָרן וועגן אונדזער אַנטיפאַשיסטישן קאַמף, אינפאָרמירנדיק זיי די פאַקטישע לאַגע אויף די פראָנטן. מיר האָבן אויך אונטערגעשטראָכן, אַז אויב די דייטשן וואָלטן געזיגט אין דאָזיקן קריג, וואָלט געווען דער אונ־טערגאַנג פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע און זייער אויסראָטונגס־פּאָליטיק וואָלטן זיי אויך אָנגעווענדט צו אַנדערע פעלקער, ווי זיי האָבן עס געטאָן לגבי די יידן. מיר האָבן אויך פאַרשפּרייט אויפרופן און די ראַדיאָ־קאָמוניקאַטן, און היות קיין דרוקעריי האָבן מיר נישט געהאַט, האָט מען אַלע פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַלן געשריבן אויף דער שרייבמאַשין.

די פּראָפּאַגאַנדע־טעטיקייט איז מיר איבערגעגעבן געוואָרן. חוץ דעם וואָס כ'האָב געדאַרפט צוגרייטן די פאַרשיידענע פלוגבלעטער און קאָמו־ניקאַטן פון סאָווינפאָרמביוראָ און פון די ראַדיאָ־סטאַנציעס פון די אַלי־

אירטע, האָב איך געדאַרפט רעפּערירן פאַר די פויערים און פאַר די פּאַר־טיזאַנער. מיט גרויס שפּאַנונג און אינטערעס האָט מען זיך צוגעהערט צו די אַלע רעפּעראַטן. סיי די פּאַרטיזאַנער און סיי די דאָרפישע באַפעל־קערונג זענען געווען שטאַרק להוט צו הערן אַ ידיעה און אַ פרישׁ וואָרט וועגן קריג און וועגן דער אַלגעמיינער לאַגע אין דער וועלט.

דער איינציקער מקור פון וואַנען כ׳האָב געקאָנט קריגן ידיעות איז געווען דאָס ראַדיאָ־קעסטל. די ראַדיאָ־סטאַנציע פון מאָסקווע האָט אינ־פאָרמירט די לעצטע נייעס ערשט ביינאַכט, און דעריבער איז דער גאַנ־צער אָטריאַד געווען פאַראינטערעסירט צו געבן מיר די נייטיקע באַדינ־גונגען צו קאָנען אויפנעמען דעם קאָמוניקאַט פון מאָסקווע, וואָס פלעגט אין אַ באַשטימטער שעה איבערגעגעבן ווערן פאַר דער פּרעסע. כדי קאָנען עס פאַרשרייבן האָט מען גאַנץ אָפט פונאַנדערגעלייגט נעבן ראַדיאָ אַ גרויסן קאָסטיאָר און פאַר דער שיין פון דאָזיקן פייער האָב איך געשריבן.

די פּראָפּאַגאַנדע און אויפקלערונג־טעטיקייט איז געוואָרן רעגולער אָפּגעהיט, אַפילו אונטער דער קאַנאָנאַדע פון שונא. ווי אַ ביישפּיל קאָן דינען די פאָלגנדיקע פּאַסירונג:

מיר האָבן באַשלאָסן דורכצופירן דיווערסיע־טעטיקייטן אין שטח פון פּינסקער אומגעגנט. אַ וויכטיקע פּאָזיציע האָבן די דייטשן געהאַט אין שטעטל לעמישעוויטש, ס״ה געציילטע ק״מ פון פּינסק. דאָרט האָבן די דייטשן אויפגעבויט דאַטן און פאַרבאַריקאַדירטע שוץ־פּונקטן. די פּאָלי־ציי איז אויך געווען פילצאָליק און זייער אָמט איז געווען גוט באַוואַכט. דער גאַנצער אָטריאַד איז אַוועק איבערצופאַלן דאָס דאָזיקע שטעטל. נאָך אַ שווערן קאַמף איז דער פּאָליציי־אָמט פאַרכאַפּט געוואָרן דורך די פּאַר־טיזאַנער. אייניקע פון זיי זענען אַריינגעפאַלן לעבעדיקע אין די הענט פון די פּאַרטיזאַנער. אַ באַזונדערן העראָיזם האָט אַרויסגעוויזן דער יידי־שער פּאַרטיזאַן ש פ י ן, וואָס האָט געוואַגט צוצופויזן אַזש צו די דאַטן און אַריינגעוואָרפן אַ באָמבע, וועלכע האָט אויפגעריסן אַ גרויסע צאָל פּאָ־ליציסטן.

די דייטשן זענען געזעסן אין די דאַטן און זענען פון זיי נישט אַרויס, נאָר זיי האָבן אַרויסגערופן הילף — דורך אַ ראַדיאָגראַם — פון פּינסק. אַ גרויסער דייטשישער רעגימענט, באַוואָפנט מיט אַלע כלי־זיין, איז

אַרויס אַקעגן דעם אָטריאַד פּאַרטיזאַנער, אָבער די פּאַרטיזאַנער האָבן באַוויזן מיט אַ שנעלקייט אָוועקגיין און אַריבערגיין די בריק איבער דעם טייך „פינא", וואָס איז דורך זיי באַלד אויפגעריסן געוואָרן. די שיסערייַ אויף דעם אָטריאַד איז געווען אַ שטאַרקע, אָבער קיינער פון אונדז האָט נישט געליטן.

אַ גאַנצן טאָג האָט אַנגעהאַלטן די דייטשישע שיסערייַ, צילנדיק אויפן דאָרף ק אָ נ י ו כ י. דאָך האָבן מיר אין דער נאָענטקייט פון שונא צונויפגערופן אַ סכאָד, אויף וועלכן עס זענען בייגעווען וועלכע 200 פּויערים. מיט גרויסער אויפמערקזאַמקייט האָבן זיי אויסגעהערט מיין רעפעראַט וועגן נאַצי־פאַשיזם און דער פּאַרטיזאַנישער אידעע, וועלכע צילט צו פאַרניכטן דעם דייטשישן מיליטאַריזם.

פון דאָזיקן דאָרף האָבן זיך גלייך אויפן אָרט פאַרשריבן יונגטלעכע פּויערים אַנצוקומען אין אָטריאַד און דאָס דאָרף איז געוואָרן נאָענט צו דער פּאַרטיזאַנער באַוועגונג.

אַזוי האָבן מיר געטאָן אין יעדן דאָרף. די סכאָדן פלעגן ווערן צוזאַמענגערופן זייער גיך, כהרף עין, און זיי האָבן אַ סך בייגעהאָלפן אין אונדזער קאַמף.

עס האָט פּאַסירט, אַז אין איין זונטיק־טאָג זענען אָרגאַניזירט געוואָרן פיר גרויסע סכאָדן אין פיר פאַרשיידענע דערפער. אין דאָרף „זשאַלקין" איז פאַרגעקומען אַ סכאָד 10 אַזייגער אין דער פרי. עס זענען זיך צוזאַמענגעקומען 600 פּויערים מיטן דאָרפישן לערער און מיטן גלח בראש. דער מיטינג איז פאַרגעקומען אונטערן פרייען הימל, אויפן הויף פון קלויסטער. גאַנצע 2 שעה האָט געדויערט מיין רעפעראַט, וואָס איז דורך די פאַרזאַמלטע אויסגעהערט געוואָרן מיט דער גרעסטער פאַראינטערעסירונג. דעם אַריינפיר־וואָרט האָט געהאַט דער נאַטשאַלניק פון שטאַב, יערמאַלענקאָ.

מיט אַ גרופּע פון צוועלף פּאַרטיזאַנער בין איך אין זעלבן טאָג אַוועקגעפאָרן אין די נאָענטע דערפער פון זשאַלקין. אין די אַלע דערפער זענען נאָך קיין פּאַרטיזאַנער נישט געווען, חוץ איינצלנע. די דייטשן זענען אָפט אין די דאָזיקע דערפער געקומען נעמען פּאָסטאָוועס און האָבן געהיט, אַז קיין פּאַרטיזאַנער זאָלן נישט אַריינדרינגען אין זייער סטרעפּע.

אַרום 1 אַזייגער בייטאָג זענען מיר געקומען אין דאָרף ניעטשאַטאַוו. קיין דייטשן זענען גראָד אין דאָרף נישט געווען. ס'איז דאָך געווען זונטיק און זיי האָבן ליבערשט געוואָלט זיין אין פינסק צוזאַמען מיט זייער „קאַמעראַדשאַפט". עס איז גיך צוזאַמענגערופן געוואָרן דער סכאָד, אויף וועלכן עס זענען בייגעווען 400 פויערים.

פון ניעטשאַטאַוו זענען מיר געפאָרן אין אַ צווייטן דאָרף אוסטראַוועִ. אויך דאָרט איז פאָרגעקומען אַ מיטינג.

ביים סאַמע „סטיר" איז געלעגן דאָס גרויסע דאָרף „פאַרע". די פויערים אין דאָזיקן דאָרף זענען געווען באַוווסט פאַר אַ שלעכטן עלעמענט. ס'איז געווען שוין מיטנטאָג, ווען מיר זענען צוגעפאָרן צו די ערשטע הייזער פון דאָרף. ערשט מיר זעען ווי אין גרויסע מענגעס לויפט די באַפעלקערונג אין די פעלדער און אין די אַלעשניקעס. מיר האָבן אויפן ערשטן אויגנבליק געטראַכט, אַז זיי לויפן צוליב דעם וואָס דייטשן זענען דאָ אין דאָרף און ווילן ביי זיי נעמען די יוגנט צו שיקן קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט. מיר האָבן אַ פּאָר מאָל אויסגעשאָסן אין דער הויך און פון שרעק זענען זיי געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערט. נאָך אונדזער ערשטער פראַגע פאַרוואָס זיי לויפן אַרויס פון דאָרף, האָבן זיי געענטפערט, אַז זיי שרעקן זיך פאַר אונדז. און ווען זיי האָבן דערזען פון ווייטן ווי מיר פאָרן צו צום דאָרף, האָבן זיי גענומען לויפן. אויף דער צווייטער פראַגע פאַרוואָס זיי שרעקן זיך פאַר די פאַרטיזאַנער, האָבן זיי געענטפערט, אַז די דייטשן אין פינסק האָבן פונאַנדערגעקלעפּט פּלאַקאַטן און זיי האָבן געשריבן אין די צייטונגען, אַז „פאַרטיזאַנער מאָרדן אויס די באַפעלקערונג אין די דערפער". מיר האָבן זיי באַרואיקט, אַז זיי קאָנען גיין צוריק אין דאָרף און אַז מיר טוען נישט קיין שלעכטס דער באַפעלקערונג, אויב זי איז נישט קעגן אונדז.

די פויערים פון דאָרף האָבן זיך צוריקגעקערט און מיר האָבן פאַררופן אַ מיטינג, אויף וועלכן עס איז בייגעווען דאָס גאַנצע דאָרף פון קליין ביז גרויס. די צאָל נפשות אויפן סכאָד איז געווען ביז 700.

דער טאָג איז געווען אַן אויסגעשטראַלטער און אַלץ אַרום איז געווען אַזוי שלווהדיק. הימלען קלאָרע און דורכזיכטיקע האָבן זיך אויסגעשפרייט איבער אונדז.

דער סכאַד איז פאַרגעקומען אונטערן אָפענעם הימל, האַרט ביים טייך. דאָרט איז געווען דער פּריסטאַן פאַר די קורסירנדיקע פאַרעכאַדן קיין סערניק און אַזש קיין לוצק. די אייגנטימער פון די פאַרעכאַדן זענען כמעט געווען יידן. באַוווסט זענען געווען אין געגנט די דאַמפּערס „סאָקאָל״, „ניעשאַווא״, „סעקונדא״ פון די ברידער פעלדמאַן און פון די קאַזשעס. אין די לעצטע יאָרן האָט אַ פּוילישער פּריץ טערלעצקי, אויסגעבויט דעם פאַרעכאַד „יאַגעלאָ״.

דעם אַריינפיר־וואָרט האָט געגעבן דער יידישער פּאַרטיזאַן אַלעקסאַנדער ק ו ק. איך האָב אין מיין רעפעראַט באַזונדער זיך אָפּגעשטעלט וועגן דער אויסראָטונג פון די יידן דורך די דייטשן און דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, אונטערשטרייכנדיק, אַז דאָס דאָרף פאַרע האָט זיך באַטייליקט אין די שחיטות אויף יידן.

אין סאַמע מיטן פון מיין רעפעראַט האָב איך, שטייענדיק אויף אַ פּראָוויזאָרישער בינע, דערזען ווי צוויי דייטשישע מאָטאָר־שיפלעך שווימען אַרויס פון אַ בוכטע פון דער זייט פון האָרעוואַכער וואַסערן. כ׳האָב אָפּגעמערקט דאָס האַקנקרייץ־פענדל און די אוניפאָרמען. בעת־מעשה האָב איך נישט געוווסט וואָס צו טאָן, אָדער פאַרזעצן דעם רעפעראַט אָדער איבעררייסן. איך האָב אָבער מיטן געדאַנק לאָגיש באַגריפן, אַז כ׳טאָר נישט איבעררייסן, ווייל עס וואָלט אַנטשטאַנען אַ פּאַניק און ווער ווייסט ווי די זעלביקע פּויערים וואָלטן געהאַנדלט. זיי האָבן דאָך אונדז געקאָנט באַפאַלן און צוזאַמען מיט די אָנקומענדיקע דייטשן וואָלטן זיי אונדז צעמורשט.

איינער פון אונדזער וואַך האָט אויך באַמערקט די דייטשישע מאָטאָר־שיפלעך און האָט אויסגעשאָסן אין יענער ריכטונג. כ׳האָב פאַרגעזעצט מיין רעפעראַט.

די דייטשישע שיפלעך האָבן, דערהערנדיק דעם שאָס און זעענדיק גרויסע מענגעס מענטשן, האָבן זיי זיכער געקאָנט טראַכטן, אַז עס שטייען אַ סך פּאַרטיזאַנער, און דעריבער זענען זיי צוריק פאַרשוווּנדן אין דער בוכטע, וועלכע איז געווען אַריינגעשניטן אין לאָזע און לעפעך־הויכע גראָזן.

כ׳האָב פאַרענדיקט מיין רעפעראַט און אין די אויגן פון דאָרף זע־

נען די פּאַרטיזאַנער געווען פאַררעכנט ווי מוטיקע און אומדערשראָקענע קעמפער. זיי, די פויערים, האָבן אונדז דערנאָך געבראַכט הינער, אייער און וועש און פאַרשיידענע זאַכן פון זייער ווירטשאַפט.

עס איז שוין געוואָרן פאַרנאַכט. מיר האָבן נאָך באַוויזן צו קומען אין אַ דאָרף, וואָס האָט געהייסן „לאַדאראַזש״, און אויך דאָרט אָפּגע־האַלטן אַ גרויסן מיטינג.

מיט אייניקע טעג שפּעטער איז מיר פאָרגעקומען מיט אונדזער גאַנצן אָטריאַד אויף זיין אין סערניק, די דייטשן זענען געווען נאָר־וואָס אַרויס פון שטעטל און מיר זענען אין אייניקע שעה אַרום אַריינגעקומען.

אויפן קלויסטער־גאָרטן איז צוזאַמענגערופן געוואָרן דער סכאָד. מיין רעפעראַט האָט געדויערט פולע צוויי שעה. און מיינע רייד זענען געווען פול מיט פלוכט און גאַליקייט אויפן אַדרעס פון די פאַרזאַמלטע פויערים, וועלכע האָבן אָנגעהויבן שעכטן די יידן נאָך איידער די דייטשן זענען גע־קומען. ווען די דייטשן זענען אין אָנהייב פון דייטש־סאָוויעטישן קריג גע־ווען נאָך אין פינסק, האָבן די שטעטלשע פויערים געמאַכט אַ פּאָגראָם און האָבן געשיקט שליחים צו די דייטשן, זיי זאָלן וואָס גיכער קומען און פאַרענדיקן אויסצושעכטן די יידן.

נאָכן מיטינג איז מיר געווען שווער אַליין צו באַטרעטן דאָס חרובע היימשטעטל, וווּ מיין קינדהייט איז פאַרבייגעלאָפן און עס האָבן געלעבט די מיר טייערסטע און נאָענטסטע אויף דער וועלט. אָבער כ׳האָב גע־פילט, אַז מער וועל איך אין סערניק נישט זיין, און כ׳האָב דעריבער גע־וואָלט אָנקוקן דאָס שטעטל דאָס לעצטע מאָל, כדי איינקריצן אין זיך די חרוב ומוחרבדיקע הייזער און די גרויזאַמע טראַגעדיע, וועלכע האָט גע־שוועבט אויף יעדן שפּאַן ערד, אין יעדער חורבה און געסל.

מיט מיר איז מיטגעגאַנגען דער ד״ר ע ר ל י ך. יידישע הייזער זענען אומגעוואַנדלט געוואָרן אין בערגלעך אַש. אָפּגעריסענע שוועלן, אויסגעפּלאַצטע פענצטער האָבן געשטאַרצט ווי מאָנענדיקע מצבות, און מ׳יט בלוט פאַרגאָסן. כ׳האָב דעם ד״ר ערליך אָנגעוויזן די געסלעך ווו עס האָט געווימלט מיט יידיש לעבן, אויף דעם שול־פּלאַץ, וואָס איז שוין גע־ווען פאַראַקערט און מ׳האָט געמאַכט אַ גאָרטן. פון מיין טאַטע־מאַמעס שטוב האָב איך בלויז געפונען אַ קליין בערגעלע ציגל פון דער צעוואָר־

פענער הרובע און אויוון. פון דעם פּריסעק האָב איך אַרויסגעשאַרט שערב־לעך פון פּסחדיקע טעלער און טעפּ, וואָס מיין מאַמע, די גרויסע צנועה און גאָטפאַרכטיקע, האָט זיי מיט רעליגיעזער הייליקייט אָפּגעהיט.

נישט געווען קיין גאַסן און געסלעך. זיי זענען געוואָרן פאַראַקערט און איין קרקע האָט זיך אויסגעשפּרייט. עס האָט דאָך אַזוי קליין אויס־געזען דאָס פּלאַץ אויף וועלכן עס האָבן געלעבט דורות, דורות יידן.

עס האָט זיך דערהערט די קאַנאָנאַדע פון די דייטשן, וואָס האָבן זיך ווידער געריסן אין שטעטל. מיט אַ פולער גאַמע פאַרשטיקטע טרערן אין קעל און מיט וווּנדיקע ריסן אין האַרץ האָב איך זיך צעשיידט פון די אַלע בערגלעך אַש, מיטנעמענדיק מיט זיך איין קליין הייפעלע אַש פון טאַטע־מאַמעס הויז.

ראַפּטום איז אָנגעלאָפן אַ כמאַרע פון סולאָמירער זייט, ווו עס האָבן זיך געפונען די „גריבער" — די ברידער־קברים — און זי האָט איינגע־וויקלט דאָס פּלאַץ פון שטעטל מיט נעפּל און כמאַריקן חושך. די אַ כמאַ־רע האָט מיך דערמאָנט ווי מיין מאַמע פלעגט אַזוי שרעקן זיך און צי־טערן פאַר דונערן און בליצן, און זי פלעגט אַריינרופן צו זיך די נאָענטע האַרציקע שכנות, וועלכע האָבן נישט ווייניקער געציטערט ווי זי. אָבער מיט די שכנות צוזאַמען איז זי געווען מער רואיקער און צוזאַמען מיט זיי האָט זי געשעפּטשעט די ברכה אויף אַ דונער, אַקצענטירנדיק די ווער־טער „שכוחו וגבורתו מלא עולם".

עס פלעגט מיין מאַמען באַזונדער שרעקן, ווען די כמאַרע איז אָנגע־שוווּמען פון דער סולאָמירער ריכטונג, ווייל זי האָט געהאַלטן אַז פון אַט דער דאָזיקער זייט איז זי אַ האָגל־שוועבנדיקע און די „דונערן" קאָנען חלילה וחס איבערקערן דאָס שטעטל.

דאָס דאָזיקע אָבערגלויבן האָט זיך געשטיצט אויף אַ פאַרשפּרייטער מימרא, אַז „באַלד נאָכן נאַפּאָלעאָנישן קריג האָט זיך דורכגעטראָגן אַ ב ו ר ע, אָנקומענדיק פון דער סולאָמירער זייט, וואָס האָט געריסן דעכער און האָט צעשטערט דריי חלקים פון סערניק". יאָרן זענען אַוועק אין דער אייביקייט און דורות האָבן זיך געוועקסלט, און אַ פאַרטייעטע מורא האָט געריזלט פון עלטערן צו קינדער, טאָמער וועט זיך דער דאָ־

זיקער „נאַטור־ספּעקטאַקל״ איבערהזרן. מען האָט טאַקע צוגעאייגנט צו סערניק דעם צונאָמען „סערניקער בורע״.

די־אַ מורא פּאַר אַ צווייטער בורע איז ווייזט אויס — אין זין פון פּאַרפּילן אַ געשעעניש — געווען אַ באַרעכטיקטע. די היטלעריסטיש־פּאַשיסטישע בורע איז געקומען און זי איז געווען שטאַרקער, ווילדער, גרויזאַמער, אומברענגענדיק מטף ועד נשים, איבערלאָזנדיק אַ פּוסטן און חרובן פּלאַץ אַן יידן. נאָר געציילטע סערניקער יידן זענען אַרויסגעלאָפן אין די וועלדער ווען דער שטורעם האָט זיך צעוויטערט, באַווייזנדיק ביישפּילן און מוסטערן פון יידיש־פּאַרטיזאַנישער גבורה.

אַ פּאַרטיזאַניש לאַנד

ביז דעם צוריקקער פון דער „סאָיעדיניעניע״ פון אַעראַדראָם, איז אונדזער לאַגע געווען זייער אַ קריטישע. דער אָטריאַד האָט געדאַרפט קעמפן מיט אַלע שונאים אויף אַ ברייטן שטח. שטענדיק האָבן מיר געדאַרפט זיין אויף דער וואַך און גרייט צום קאַמף. הגם די דייטשן זענען פון סערניק אַרויסגעשטויסן געוואָרן, דאָך האָט זייער אַוויאַציע נאָכבאַגלייט אַלע אונדזערע וואַנדערונגען. מיר זענען געצוונגען געווען ווידער זיך צו באַוועגן איבער וועלדער, כאָטש מיר זענען געווען אויסגעשטעלט אויף זאַסאַדקעס פון „באַנדעראָווצעס״.

סוף יוני, 1943, האָבן מיר זיך געפונען אויף די אַלעקסאַנדראָווער כוטאָרעס, וועלכע האָבן זיך געפונען אין וואַלד. עס זענען דאַן געפאַלן שטאַרקע רעגנס און געוויטערן. מוטנע ריטשקעס זענען געפלאָסן אָז אַן אויפהער. האַסטיק האָבן זיי געשטראָמט, פאַרגיסנדיק די לאָנקעס און פעלדער מיט זריעה. די לאַנגווייליקייט איז געשטיגן פון שעה צו שעה, און פלעגמאַטיש האָבן זיך געצויגן די טעג.

אין אַזוינע נודנע רעגנדיקע טעג זענען צום שטאַב צוגעפאָרן פּאַרטיזאַנישע רייטערס. דאָס זענען געווען שליחים פון דער „סאָיעדיניעניע״. זיי האָבן אינפאָרמירט, אַז אַלע אָטריאַדן פון אונדזער פּאַרטיזאַנער־מחנה געפינען זיך אין א ז י ע ר י און גייען מיטן אַבאָז אין דער ריכטונג

צום האָרין. און מיר דאַרפן מאָביליזירן 150 פורן, זיי זאָלן אונ־טער דער באַגלייטונג פון פּאַרטיזאַנער קומען אויך צום האָרין. די פורן וועלן צונעמען דעם וואפן פון די אָזיערער פויערישע פורן. די פּאַרטיזאַ־נער דאַרפן אויך מאַכן אַ בריק איבערן טייך, כדי דער אַבאַז זאָל קאָנען אַריבערפּראַוון זיך. אין פאַל ווען עס וועט פּאַרקומען אַ קאַמף מיט די דייטשן ביים אַריבערגיין די מאַגיסטראַלן פון דער באַן־ליניע „ביאַלאַ נאַד האָריניעם", דאַן זאָלן אונדזערע פּאַרטיזאַנער זיך מיטבאַטייליקן אין קאַמף, באַשיסנדיק דעם שונא פון דעם מערבדיקן ברעג פון האָרין.

די ידיעה האָט אונדז שטאַרק אויפגעמונטערט, ווייל מיטן צוריקקער פון די אַטריאַדן וועלן מיר נישט זיין אַליין אויף אַזאַ ברייטן פיינדלעכן שטח.

תחילת אָוונט זענען פּאַרטיזאַנער אַוועקגעפאָרן אין די דערפער צו מאָביליזירן פויערים מיט פורן אין פולן געשפּאַן. באַונס האָבן זיי גע־שפּאַנט די פערד און וועגענער. די שרעק איז ביי זיי געווען גרויס, טאָמער וועט מען אָנטרעפן אויפן וועג באַנדעראָווצעס און דייטשן, און דאַן וועט מען זיך געפינען צווישן די קאַמפן. די פויערים האָבן זיך צעשיידט מיט ווייב און קינד, ווי זיי וואָלטן געגאַנגען אין קריג.

אַ גרופּע פון 60 פּאַרטיזאַנער האָט ביינאַכט זיך געלאָזט אין וועג צוזאַמען מיט די 150 פורן. גאַנץ פרי איז מען אָנגעקומען אין די דער־פער אַרום האָרין. די פורן זענען געשטאַנען אַ פּאָר טעג, ביז די פּאַרטי־זאַנער האָבן באַוויזן צו מאַכן אַ פּראָוויזאָרישע בריק איבערן טייך.

אויף יענער זייט האָרין איז געווען אַ דאָרף וויעלון. דאָס איז גע־ווען אַ פּאַרטיזאַניש דאָרף. נאָך אין יולי 1942, איז דאָרט אָרגאַניזירט געוואָרן אַ געהיימע גרופּע, בראש פון וועלכער עס זענען געשטאַנען נעס־טערטשוק יאָן, אַ געוועזענער פּאָליטישער טוער בשעת דער פּוילי־שער הערשאַפט, וועלכער איז דערפאַר געזעסן אין תפיסה. מען האָט אים און דעם פויער כאָמיטש פּאָמאַ געכאַפּט ביים פאַרשפּרייטן קאָמוניסטישע רופן און פּובליקאַציעס איבער די דערפער אויף וואָלין. חוץ נעסטער־טשוקן זענען געווען אַקטיווע מיטגלידער אין דער וויעלונער געהיימער גרופּע: דער פויער קוכאַרעץ און זיין זון ווי אויך דער פּוילישער ייד סאָ־טאָנאָווסקי, וועלכער האָט געלעבט אויף אַרישע פּאַפּירן צוזאַמען מיט זיין

פרוי. ער האָט דערנאָך אָרגאַניזירט פוילישע אָטריאַדן, וועלכע זענען גע־וועזן אַפיליאירט צו אונדזער „סאָיעדיניעניע". דאָס פּאַרטיזאַנישע דאָרף האָט געהאָלפן אונדזערע פּאַרטיזאַנער צו מאַכן די בריק.

נישט ווייט פון דאָרף וויעלון, 2־3 ק"מ, איז געווען די באַן־סטאַנ־ציע ביאַלאַ נאַד האָריניעם. דאָרט זענען די דייטשן געווען שטאַרק באַ־פעסטיקט. מען האָט זיך געריכט, אַז זיי וועלן געוויס אָנגרייפן די פּאַר־טיזאַנער־אָטריאַדן, ווען זיי וועלן פּאַרבייגיין. קיין אַנדער וועג אָדער אומ־וועג איז נישט געווען אויסצומיידן די דאָזיקע סטאַנציע. דעריבער איז געווען אַ חידוש וואָס די דייטשן האָבן נישט אַטאַקירט די אָטריאַדן בעת זיי זענען פּאַרבייגעגאַנגען. פון זייערע דאַטן האָט מען בלויז געקוקט מיט לאָרנעטקעס ווי פּאַרטיזאַנער גייען. זיי האָבן אויך נישט רעאַגירט ווען די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך אַריבערגעפּראַוועט דעם טייך. אַפילו קיין איינ־ציקן שאָס נישט געגעבן.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער שטאָב פון דער „סאָיעדיניעניע" האָט פון וועלדל נעבן דער באַן־סטאַנציע אַריינגעשיקט אַ שריפטלעכע התראה, אַ גראַמאָטע בזה הלשון: „היות מיר פּאַרטיזאַנער גייען אין אַ גרויסער מחנה און דאַרפן פּאַרבייגיין נעבן דער באַן־סטאַנציע, טאָ זייט וויסן אַז מיר וועלן אייך נישט אָנגרייפן, אויב איר וועט זיין בלויז פּאַ־סיווע צושויער בשעת אונדזער דורכמאַרש". די דאָזיקע גראַמאָטע איז דורך אַ פּאַרבינדלער געוואָרן אָוועקגעלייגט אויפן וואָקזאַלכל, נעבן דער בילעטן־קאַסע. די דייטשן האָבן דעם פּאַרזיגלטן בריוו מיט טריוואָקס גע־עפנט און גענומען צו קענטעניש דעם באַדינג.

אַלע אָטריאַדן פון דער „סאָיעדיניעניע", מיטן שטאָב בראש, זענען געקומען אין סוואַריטשעוויטשער וואַלד. אויך אונדזער אָטריאַד איז אַרי־בערגעפאָרן אין אונדזער באַליבטן פּאַרטיזאַנער־וואַלד. די זעמליאַנקעס זענען צעשטערט געווען און מיר האָבן זיך אין זיי נישט געניייטיקט. עס איז דאָך געווען זומער. ווען ס'איז צוגעפאַלן דער אָוונט, איז דער וואַלד געווען פול מיט קאָסטיאָרן, ביי וועלכע עס זענען געזעסן געדיכטע גע־זעמלען פּאַרטיזאַנער. דער וואַלד האָט געהאַט גענוג פּלאַץ פּאַר אַלע אָטריאַדן. ער האָט אַלעמען מכניס אורח געווען און פּאַר אַלעמען זענען געווען נאַכטלעגערס. מען האָט זיך פונאַנדערגעלייגט אויף דער הוילער

ערד און כ׳ווייס נישט אויב אין די באַקוועמסטע שלאָף־צימערן, איז מען אַזוי געשמאַק איינגעשלאָפן, ווי אין וואַלד.

דער צוריקקער פון דער „סאָיעדיניעניע״ האָט אונדז שטאַרק אויפ־געמונטערט. עס איז פּאַרטיילט געוואָרן וואָפן און קוילן צווישן אַלע אָט־ריאַדן. עס זענען באַוואָפנט געוואָרן אויך יידן פון פאַמיליע־לאַגער. יידי־שע מיידלעך זענען אָנגעקומען פאַר קעכינס און פאַר קראַנקנשוועסטער. עס זענען בלויז געבליבן אין פאַמיליע־לאַגער עלטערע מענטשן און קינ־דער. דער שטאַב פון דער „סאָיעדיניעניע״ האָט איינגעשטימט צו געבן שפּייז און שוץ דעם יידישן פאַמיליע־לאַגער. עס איז פון מאָסקווער שטאַב געגעבן געוואָרן אַ פאַראָרדענונג, אַז די פּאַרטיזאַנער־שטאַבן זאָלן זאָרגן פאַר די פאַרפאָלגטע יידן און געליטענע פון אַנדערע נאַציאָנאַלי־טעטן, וואָס געפינען זיך אין די וועלדער.

אויף אַ פייערלעכן אופן זענען פאַרטיילט געוואָרן די פּאַרטיזאַנער־מעדאַלן צו די פאַרדינסטפולע פּאַרטיזאַנער פון אונדזער אָטריאַד. ווען די „סאָיעדיניעניע״ איז געווען אויפן דובניצקער אַעראָדראָם, האָט דאַן דע־סאַנטירט דער נאַטשאַלניק פון אוקראַינישן פּאַרטיזאַנער־שטאַב, ט. סטראָ־קאַטש, און האָט געבראַכט מעדאַלן. מען האָט גערעדט, אַז סטראָקאַטש איז אַ ייד. (נאָך דעם ווען מען האָט באַזייטיקט בעריאַן, איז ער געוואָרן דער אינערן־מיניסטער פון דער אוקראַינער רעפּובליק).

אויף אַ גרויסער פּאַליאַנקע האָט זיך אויסגעשטעלט אונדזער אָט־ריאַד בכדי צו באַקומען די אויסצייכענונגען. דער גענעראַל ביעגמאַ האָט פּאַרטיילט די מעדאַלן. צו יעדן מעדאַל איז געווען בייגעלייגט אַ באַשטע־טיקונג פון מאָסקווער שטאַב. פון אָטריאַד „וואָראָשילאָוו״ האָבן באַקומען 14 פּאַרטיזאַנער און איך אויך בתוכם. אין נאָמען פון אָטריאַד האָב איך באַגריסט דעם צוריקקער פון דער „סאָיעדיניעניע״ און באַריכטעט פון אונדזערע לעצטע אויפטוען. אַ גרויסע צאָל מעדאַלן האָבן באַקומען יידי־שע פּאַרטיזאַנער און אויך די קראַנקנשוועסטער גאָלדע קאַגאַן הגם קיינעם פון אונדז האָט געקאָנט לאָקן די נאַגראַדע, אָבער דאָך איז עס געווען אַ באַפרידיקונג מיט דעם גופא, וואָס עס איז דאָ אַ האַנט, וועלכע האָט פאַר־צייכנט דיינע אויפטוען און זיי אָפּגעשאַצט. איך האָב געפילט, אַז דער פּאַטום האָט מיך אין דעם זין געשוינט, וואָס איך בין נישט אומגעקומען

ווי אַ שפּעלע אין די ציין פון די נאַצי־וועלף און כ'האָב באַוויזן צו קעמפן קעגן זיי.

עס איז פאָרגעקומען אַ באַראַטונג פון שטאַב פון דער „סאָיעדיניע־ניע" מיט די שטאַבן פון די אָטריאַדן. מיר זענען געווען שטענדיק אויסגעשטעלט אויף אַן אָנפאַל פון די האָראָדנאָיער דייטשן, וועלכע זענען געווען נאָענט פון אונדז און האָבן טאָרמאָזירט די אַרבעט. אויך איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ ציקל מיטלען ווי צו באַקעמפן די פּלאָג פון די „באַנדעראָווצעס".

אַלע אָטריאַדן זענען אַרויס אין דער ריכטונג צו האָראָדנאָיע. עס איז פאָרגעקומען אַ פאַרביטערטע שלאַכט. די קאַמפן האָבן געדויערט דריי טעג. סוף־סוף זענען זיי אַרויסגעשטויסן געוואָרן. די יידישע פּאַרטיזאַנער פון וואָראָשילאָוו־אָטריאַד האָבן זיך אויסגעצייכנט אין די האָראָדנאָיער קאַמפן. די יידישע פּאַרטיזאַנער — ברידער שפּין, פּערטשיק, ברידער מאַנקאָווסקי, נחמן זילבערפאַרב, לייזער בראַמבערג, שואל גאַלעצקי און קאַזש — האָבן אַריינגעוואָרפן גראַנאַטן אין די דייטשישע בונקערס. די פּאַניק ביי די דייטשן איז געווען זייער גרויס, זיי האָבן אַרויסגערופן עראָפּלאַנען פון פּינסק און דורך אַ הייל זענען זיי אַרויסגעגאַנגען פון אונדזער אַרומרינגלונג.

דער נצחון איבער די דייטשן אין האָראָדנאָיע איז געווען פאַר אונדז באַדייטונגספול. אויך די „באַנדעראָווצעס" זענען געפּלעפט געוואָרן און אויף אַ געוויסער צייט האָט מען פון זייערע אַקטיוויטעטן קעגן אונדז נישט געהערט.

גראַד אין יענער צייט איז געקומען אין די ראַפאַלאָווקער וועלדער פּיאָדראָוו טשערניגאָווסקי, וועלכער איז געווען דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער געגנט־קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין טשערניגאָוו. נאָך איידער די רויטע אַרמיי איז אָפּגעטראָטן פון טשערניגאָוו איז א. פּיאָדראָוו אַוועק אין די וועלדער פון אַרום טשערניגאָוו צוזאַמען מיט די איבעריקע פּאַרטיי־מיטגלידער פון געגנט־קאָמיטעט. זיי האָבן צוגעגרייט עסן אויף אַ געוויסער צייט, געווער און אַמוניציע.

פון די טשערניגאָווער וועלדער איז ער געקומען אין די פּאָלעסיער וועלדער. זיין אויפגאַבע איז געווען צו באַפרייען ק אָ וו ע ל מיט דער

דער אומגעגנט. מיינסטן האָט ער אָרגאַניזירט פּאַרטיזאַנישע טעטיקייטן אויף דער קאָוולער טעריטאָריע.

עס איז אַזוי אַרום געשאַפן געוואָרן אַ פּאַרטיזאַניש לאַנד. די דייטשן האָבן זיך נישט באַוויזן און זענען געזעסן אין די שטעט און שטעטלעך, וווּ זיי האָבן געהאַט גאַרניזאָנען. זיי זענען געזעסן אין די בונקערס און געציטערט פאַר פּאַרטיזאַנישע קוילן. הגם די באַנדעראָווצעס זענען באַפאַלן איינצלנע פּאַרטיזאַנער און קליינע גרופּעס פון פּאַרטיזאַנער, אָבער פאַר אַ גרעסערער גרופּע האָבן זיי זיך געשראָקן אַריינצוטרעטן אין קאַמף.

מיטן אָנקום פון פיאָדאָראָווס „סאָיעדיניעניע" און מיטן צוריקקער פון אונדזער פּאַרטיזאַנער מחנה איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ דיסציפּלין און אָרדענונג. עס איז שוין נישט געווען קיין כאַאָס ווי פריער. דער יידישער פאַמיליע־לאַגער האָט זיך געפילט זיכערער און שטאַנדהאַפטיקער. עס זענען געווען פאַלן, ווען אין וואָראָשילאָוו־אָטריאַד האָט דער קאָמיסאַר פּלוזשניקאָוו זיך אויסגעדריקט מיט באַליידיקנדיקע רייד און איז גלייך איבערגעגעבן געוואָרן דעם גענעראַל ביעגמאַ, וועלכער איז געקומען צופאָרן אין דער וואַלד־דיליאַנקע, וווּ עס איז געשטאַנען דער וואָראָשילאָוו־אָטריאַד און האָט דעם קאָמיסאַר געדראָט מיט טויט־שטראָף. די דאָזיקע דראָונג האָט דעם קאָמיסאַר איינגעשטילט.

אַ באַזונדערע פריינטשאַפט צו יידן האָט אַרויסגעוויזן פיאָדאָראָוו טשערניגאָווסקי. אומעטום ווו ער האָט דערזען בלאָנקענדיקע יידן, האָט ער אָנגענומען אין זיין „סאָיעדיניעניע" אָן שום שוועריקייטן. אייניקע יידן פון אונדזער פאַמיליע־לאַגער זענען אַוועק אין די ראַפּאַלאָווקער וועלדער און אַריינגעטראָטן אין די רייען פון דער „סאָיעדיניעניע" פון פיאָדאָראָוו טשערניגאָווסקי. ער האָט געזאָרגט פערזענלעך פאַר די יידישע פאַמיליע־לאַגערן. אין זיין בוך וועגן די פּאַרטיזאַנער־יאָרן באַטאָנט ער אין אייניקע ערטער וועגן די יידישע לייסטונגען פאַר דער פּאַרטיזאַנער באַוועגונג. ער דערמאָנט צווישן אַנדערע עפּיזאָדן אויך די פאַקטן פון אַ יידישן דאָקטער יאַסעלאָוויטש און פון אַן עלטערן יידן סעמיאָן אַראָנאָוויטש לעווין.

„דער ווינטער, יאָר 1941־1942, איז געווען אַ שווערער. די דערפער אַרום די יעלינסקער וועלדער האָבן זיך געפונען אין אַ שווערער לאַגע, ווייל די דייטשן האָבן ביי זיי אַוועקגערויבט אַלע תבואות. די אַפּראָווי־

זאַציע פון אונדזער אַטריאַד איז געווען זייער אַ שלעכטע. מיר האָבן גע־ציילט 900 מענטשן און מען האָט פּשוט געהונגערט. עס איז נישט געווען קיין האָבער פאַר די פערד און פאַרטיזאַנער האָבן געמוזט זיך שפּייזן מיט פערדן־פלייש. אין יענע טעג האָט אונדזער אַטריאַד־דאָקטער, זעליג אַב־ראַמאָוויטש יאָסעלאָוויטש, געמאַכט אַ געטראַנק פון די גראָזן פון וואַלד. לויט מיין באַפעל זענען אַלע פאַרטיזאַנער געווען געצוווּנגען צו טרינקען דאָס דאָזיקע געטראַנק, און אויף אַזאַ אופן זענען זיי נישט קראַנק גע־וואָרן אויף צ י נ ג אַ. ווי עס פלעגט צעגיין דער שניי האָט דער דאָקטער יאָסעלאָוויטש געקליבן די גראָזן און צוגעגרייט פלעשער פון דעם גע־טראַנק און פאַרהיט די פאַרטיזאַנער פון פאַרשיידענע קראַנקהייטן.

„עס איז געקומען צו אונדז סעמיאָן אַראָנאָוויטש לעווין, אַ דאָרפס־לערער, אין עלטער פון 65 יאָר. אַ פּאָר וואָכן האָט ער געבלאָנקעט ביז ער האָט געפונען דעם וועג צו די פאַרטיזאַנער. ווען ער איז געקומען צו דער וואַך פון אַטריאַד, איז ער געווען שטאַרק אויסגעמאַטערט און מיד. ער האָט געוואָלט עסן און רוען. אויפן צווייטן טאָג האָט ער געבעטן אַן אַר־בעט, האָט מען אים געשיקט אין קיך, ער זאָל דאָרט העלפן. אייניקע טעג בלויז איז ער געווען אין קיך און דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צום קאָ־מאַנדיר פון זיין אָפּטיילונג מיט די ווערטער: „נעמט מיך אויף אַ פּאָר־געבּ און לאָזט מיך גיין אין קאַמף מיט די דייטשן און פאַשיסטן. אמת, איך בין אַלט, אָבער עס איז גאָרנישט. איר פּרובירט, וועט איר זען". דער זקן האָט זיך באַטייליקט אין אייניקע שלאַכטן. איך געדענק ווי איך בין מיט אים געגאַנגען אויף אַ פאַרגעב קיין סעמיאָנאָווקע, עטלעכע און דריי־סיק ק"מ, האָט לעווין נישט געוואָלט אַפילו זיך צוזעצן אויפן וואָגן. ער איז געגאַנגען די גאַנצע צייט צופוס, זאָגנדיק: „איך בין נישט ערגער פון אייך. אויב איר האָט מיך צוגענומען אין די פאַרטיזאַנער־רייען, טאָ לאָזט מיך זיין מיט אייך אַלעמען גלייך, סיי אין רעכטן און סיי אין פליכטן"... ערשט ווען ער האָט דערמאָרדעט זעקס דייטשן, האָט ער איינגעשטימט אַריבערצוגיין אין דער ווירטשאַפטלעכער אָפּטיילונג פון אַטריאַד".

בלי ספק האָט דאָס אָנקומען אין די נאָענטע וועלדער פון אַזאַ פאַר־טיזאַנישן גענעראַל ווי ס'איז געווען פיאָדאָראָוו, באַווירקט אויף דעם, אַז

ס׳איז געוואָרן אַ בעסערע אַטמאָספער אין אונדזערע אָטריאַדן און אַז אויך די נישט־באַוואָפנטע יידן פון פאַמיליע־לאַגער האָבן זיך געפילט ווי פרייע בירגער פון אַ פּאַרטיזאַניש לאַנד.

די רעדאַקציע פון „טשערוואָני פּראַפּאַר״

ביים שטאָב פון אונדזער „סאָיעדיניעניע״ האָט זיך געשאַפן אַ רע־דאַקציע, וואָס האָט פון צייט צו צייט אַרויסגעגעבן די פּעריאָדישע שריפט „טשערוואָני פּראַפּאָר״. דער נאָמען איז אַן אוקראַאינישער און עס באַטייט „די רויטע פאָן״. נישט געקוקט וואָס דער נאָמען פון דער שריפט איז געווען אין אוקראַאיניש, זענען מיינסטן אַרטיקלען אין 75 פּראָצענט, גע־ווען געשריבן אין רוסיש. די קאַנצעלאַריע פון שטאָב, אַלע באַפעלן און ראַדיאָגראַמען זענען געפירט געוואָרן אין רוסיש. די שטאָב־מיטגלידער, אַפילו דער קאָמיסאַר ק י ז י אַ און דער פּאָלקאָווניק ק ו ד ר י אַ ר, וועלכע זענען געווען דירעקטאָרן פון מיטלשולן, האָבן גערעדט זעלטן אוק־ראַאיניש און געשריבן די אַרטיקלען זייערע — אין רוסיש.

די שריפט „טשערוואָני פּראַפּאָר״, איז דערשינען פאַרן דייטש־סאָ־וועטישן קריג אין ראָוונע, אַלס אויסגאַבע פון דער קאָמוניסטישער פּאַר־טיי אין ראָוונער אָבלאַסט (געגנט). אויך אין די וועלדער פלעגט זיין די צושריפט „אָרגאַן פון דער אונטערערדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין ראָוונער אָבלאַסט״, אַלס אונטערקעפּל צו „טשערוואָני פּראַפּאָר״. דער שטאָב פון דער „פּאַראַייניקונג״ האָט זיך אָנגערופן „אונטערערדישער קאָ־מיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין ראָוונער אָבלאַסט״.

דער פאָרמאַט פון דער צייטונג איז געווען אַ קליינער. עס האָט גע־הערשט די מורא פאַר מאַנגל אין פּאַפּיר, און אויך שריפט איז געווען גאַנץ ווייניק, וואָס עס האָט געקלעקט נאָר אויף איין זייטל און הבחור הזעצער אָדער די זעצערין האָט געדאַרפט, נאָכן אָפּדרוקן, פונאַנדערנעמען די בלייענע אותיות און אָנהייבן אויסזעצן אַ צווייטן זייטל טעקסט. חוץ דעם האָט מען יעדע טאָג געדאַרפט צעוואַרפן די שריפט און אַלע רעדאַק־ציע־מטלטלין צונויפלייגנדיק עס אין אַ הילצערנעם טשעמאָדאַן, וואָס איז

געוואָרן אַוועקגעשטעלט אויפן רעדאַקציע־וואָגן. מען האָט אויסגערעכנט, אַז אַ ליאַדע שעה קאָן ווערן אַ פּאַניק און אַ בהלה צוליב אַן אָנפאַל פון שונא. די שריפט איז אָפּגעהיט געוואָרן דורך אַלע פּאַרטיזאַנער אַ סך טייערער ווי איידלשטיינער.

צוליב דעם אַלעם האָט נישט געקאָנט דערשיינען רעגולער די דאָזיקע צייטונג. עס איז געווען אַ שטאַרק קאָמפּליצירטע אַרבעט און עס האָט זיך געפאָדערט מיזאַמע אַרבעט, אָנשטרענגונג און געדולד. אָבער כמעט טאָג־טעגלעך זענען ביי דער רעדאַקציע פון „טשערוואָני פּראַפּאָר" דערשינען קאָמוניקאַטן פון „סאָוואינפאָרם־ביוראָ" און פון די פראָנטן ביי די אַליאירטע. נישט געקוקט אויף פאַרשיידענע אומשטאַנדן און פאַסירונגען, האָט מען זיך באַמיט יעדן טאָג עפּעס וואָס אָפּצודרוקן. אַזוי אַרום האָט די אַזוי גערופענע פּאַרטיזאַנישע „פּרעסע" נישט אָפּגעשטעלט זיך אויף קיין איין טאָג.

צוזאַמען מיט די כלי־זיין וואָס מען האָט באַקומען אויפן אַעראָדראָם אין די דובניצקער וועלדער, האָט מען אויך דערהאַלטן שריפט און פּאַפּיר, און אויך פּוילישן זאַץ. דער שטאַב פון דער „פּאַראייניקונג" האָט געוואָלט אַז עס זאָל דערשיינען רעגולערער דער „טשערוואָני פּראַפּאָר" און עס זאָל אויך פון צייט צו צייט אַרויסגעגעבן ווערן אַ פּוילישע אויסגאַבע. עס האָט זיך אין מאָסקווע קאָנסטיטואירט דער פּוילישער באַפרייאונג־קאָמיטעט, מיטן פּאָלקאָווניק בערלינג בראש, וואָס ס'איז פּאַקטיש געווען די צייט־ווייליקע רעגירונג פון פּוילן און האָט געדאַרפט איבערנעמען די מאַכט, באַלד ווען די רויטע אַרמיי וועט אַריינגיין אויף דער פּוילישער טעריטאָריע. לויט די פאַראָרדענונגען פון מאָסקווער שטאַב, האָט אונדזער „פּאַר־אייניקונג" געדאַרפט אויסבילדן פּאַרטיזאַנישע פּוילישע אָטריאַדן. דערי־בער איז געוואָרן אַקטועל די פראַגע פון אַן אויסגאַבע אין פּויליש, און פון צו גרינדן אַ פּוילישן אָטריאַד א. נ. פון „טאַדעאוש קאָשציושקאָ".

נאָך איידער די „פּאַראייניקונג" איז געגאַנגען אין איר מאַרש אויף מזרח צום אַעראָדראָם, האָט דער שטאַב באַפוילן, אַז כ'זאָל אַריבערגיין אַרבעטן אין דער רעדאַקציע פון „טשערוואָני פּראַפּאָר", אָבער סיי איך און סיי דער שטאַב פון וואָראָשילאָוו־אָטריאַד זענען נישט איינשטימיק געווען מיטן באַפעל פון צענטראַלן שטאַב. יעדער פּאַרטיזאַנער אָטריאַד האָט

געפירט קולטור־אַרבעט און האָט פּובליקירט אויף אַ פּרימיטיוון אופן די ראַדיאָ־קאָמוניקאַטן און פאַרשיידענע פּראָקלאַמאַציעס, און אויך צוזאַמענ־געשטעלט וואַנט־צייטונגען. די דאָזיקע אַרבעט איז דורך מיר געפירט גע־וואָרן רעגולער אין וואָראָשילאָוו־אָטריאַד. כ׳בין שוין געווען אָריענטירט אין אַלע פאַרהעלטענישן און געפירט אַ פּערמאַנענטע אויפקלערונג צווישן די פּאַרטיזאַנער און אויך אין די דערפער, ביי וועלכע איך בין געוואָרן פּאָפּולער מיט מיינע לעקציעס. חוץ דעם אַלעם האָב איך נישט געוואָלט פאַרלאָזן די יידן, מיט וועלכע מען איז אַרויסגעלאָפן פון די געטאָס און מען האָט צוזאַמען אויפגעבויט דעם דאָזיקן וואָראָשילאָוו־אָטריאַד.

איצט, נאָכן צוריקקער פון אַעראָדראָם, האָט דער שטאַב פון דער „סאַיעדיניעניע״ דורכאויס געפאָדערט, אַז כ׳זאָל אַריבערגיין אין דער רע־דאַקציע. גראָד איז דאָן צו אונדז געקומען אין די וועלדער דער ראַדיאָ־אינזשינער, האָפמאַן, וועלכער האָט געקאַנט איבערנעמען מיין אַרבעט אין וואָראָשילאָוו־אָטריאַד, ביים הערן און פאַרשרייבן די ראַדיאָ־קאָמוניקאַטן. אויך איז אין וואָראָשילאָוו־אָטריאַד אָנגעקומען דער פּאַרטיזאַן איוואַנאָוו, אַ בירגער פון ראַטנפאַרבאַנד, און איז געווען אַ לעקטאָר און אַ זשורנאַ־ליסט. ער האָט געקאַנט טאָן קולטור־אַרבעט און פירן אָן אויפקלערונג־טעטיקייט. דיביידע פּאַרטיזאַנער האָבן איבערגענומען מיין אַרבעט, און איך בין אַריבער אין דער רעדאַקציע פון שטאַב פון דער „פּאַראייניקונג״.

די רעדאַקציע מיטן שטאַב זענען דאַן געווען אין סוואַריטשעוויטשער וואַלד. עס איז געווען אַ גאַנץ פאַרצווייגטע אָרגאַניזאַציע, אַ רעגירונג בזעיר אנפּין. חוץ דער רעדאַקציע, האָט דער שטאַב געהאַט אַ פּאָליטישע אָפּטיילונג, וואָס איר לייטער איז געווען טימאָפּייעוו; אַ מעדיציניש פּער־סאָנאַל פון 4 דאָקטוירים: ד״ר פּאָזנאַנסקי, פון לאָדזש; ציין־דאָקטער פּרוי גלייבערזאָן, פון פּוילן; ד״ר פּרוי פּאָפּאָוו, דעסאַנטירט פון מאָסקווע; ד״ר כירורג סטורקיי, אויך דעסאַנטירט פון מאָסקווע; אַ ראַדיסטן־גרופּע פון 12 פּערזאָן, וואָס האָבן אָנגעגעבן פונקען־דעפּעשעס קיין מאָסקווע און צו פאַרשיידענע פּאַרטיזאַנער־גרופּעס, אָטריאַדן און „פּאַראייניקונגען״, און האָבן אויך דעשיפרירט די באַקומענע ראַדיאָגראַמעס; אַ רייטער־אָפּטייל; אַ דיווערסאַנטן־גרופּע; אַ ווירטשאַפט־אָפּטיילונג.

דער צוזאַמענשטעל פון דער רעדאַקציע איז געווען פון די פאָלגנדיקע

פּערזאָנען: איגנאַצי בעסקראַמני, אַפּיציעלער פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַק־טאָר, מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס איז דעלעגירט גע־וואָרן פון מאָסקווער פּאַרטיזאַנער־שטאַב און האָט דעסאַנטירט אין יוני, 1943, אויפן דובניצקער אַעראָדראָם; וויערא יעווסעיעוואַ, אַ טאָכטער פון אַ יידישער מאַמע און פון אַ רוסישן פאָטער, וועלכע האָט אויך דעסאַנ־טירט אין דובניצק צוזאַמען מיט בעסקראַמנין, און איז געווען אַ זעצערין פון באַרוף; וואַנקאַ, רעדאַקציע־סעקרעטאַר, געווען אין דער דייטשישער געפאַנגענשאַפט; אריה דאַלינקאַ, פון באַרוף אַ זעצער. ער איז אַנטלאָפן פון פּינסקער געטאָ צוזאַמען מיט זיין פרוי, צילע, וועלכע האָט מיט מיר אַ געוויסע צייט געאַרבעט אין „מדרשה תרבות״, אַלס לערערין. אַריה דאַלינקא מיט זיין פרוי זענען געקומען אין סוואַריטשעוויטשער וואַלד אין מערץ 1943, און כ׳האָב געדאַרפט פאַר זיי ממליץ זיין, אַז מען זאָל זיי אַריינעמען אין אָטריאַד. ס׳איז געווען שווער אַנצוקומען אין אָטריאַד, ווען מען האָט נישט געהאַט קיין ביקס, און דערצו מיט אַ פרוי. די פרוי זיינע, צילע, איז געווען די קעכין פון רעדאַקציע־פּערסאָנאַל, און האָט אויך געהאָלפן ביים אַרויסגעבן די פּוילישע פּובליקאַציעס. דער זעלביקער אריה דאַלינקא האָט, קומענדיק אין ישראל, אין יאָר 1947 אַרויסגעגעבן אַ בוך פון זיינע איבערלעבונגען אין פּינסקער געטאָ און זכרונות פון וואַלד א.נ. „כך נחרבו קהילות פינסק וקארלין״, איבערגעזעצט פון וועלוול לערמאַן.

מיט מיין אָנקום אין רעדאַקציע, איז מיר איבערגעגעבן געוואָרן די פליכט אויפצוזוכן מאַטעריאַלן און צו רעדאַקטירן. דער הויפּט־מקור פון מאַטעריאַל איז געווען דאָס ראַדיאָ־קעסטל. אויך האָב איך געדאַרפט אי־בערזעצן פאַר טימאָפּייעוון אַריינגעפאַלענע דאָקומענטן און אַרטיקלען פון דער דייטשישער פרעסע, אין רוסיש. טימאָפּייעוו פלעגט אָפּש שיקן פּאַר־טיזאַנער אויף דער דייטשישער זייט; אין פאַרשיידענע ראַיאָן־צענטערס און שטעט. זיי האָבן געזאַמלט אינפאָרמאַציעס און דאָקומענטן פון די דייטשישע שיקאַנעס און דעפּרעסיעס אויף דער ציווילער באַפעלקערונג. אייניקע פון די־אַ מאַטעריאַלן זענען געווען פאַרעפנטלעכט אין אונדזער „טשערוואָני פּראַפּאַר״. צווישן די פּאַרטיזאַנער, וואָס פלעגן גיין אויף דער דייטשיער זייט איז געווען אַ וואָלדאַווער ייד, מילער. ער האָט גערעדט גוט פּויליש, האָט אויסגעזען ווי אַ פּאָליאַק.

מיר איז אויך איבערגעגעבן געוואָרן אַרויסצוגעבן די פּוילישע אויס־גאַבע, וועלכע האָט געטראָגן דעם נאָמען „טשערוואָני שטאַנדאַר". לשם זה בין איך דעלעגירט געוואָרן צו די פּוילישע פאַמיליע־לאַגערן, וואָס האָבן זיך געפונען אין די וועלדער אַרום וואָלדימרעץ און כינאטשע, נאָענט צו די דערפער סטעפּאַן־גאַראַד (דובע); דיביידלעך, הוטע און בילע. די דאָזיקע פּאַליאַקן אין די פאַמיליע־לאַגערן זענען אין די וועלדער אַנטלאָפן צוליב די שחיטות פון די באַנדעראָווצעס. דאָרט, אין יענע וועלדער, זענען געשטאַנען די אָטריאַדן א"נ פון באַגדאַן כמעלניצקי, א"נ פון אוקראַינישן פּאָעט טאַראַס שעווטשענקאָ, דער מחבר פון „קאָבזאַר" און אויך דער אָטריאַד פון די „שיטאווצעס". עס קומט אויס שטאַרק פּאַראַדאָקסאַל, וואָס די פּאָליאַקן האָבן געזוכט שוץ ביי עכט־אוקראַינישע אָטריאַדן, וועלכע האָבן געטראָגן נעמען פון פאַרביסענע אוקראַינישע פּאַטריאָטן, באַזונדערס דעם נאָמען פון „באָגדאַן כמעלניצקי".

דער וועג צו די פּוילישע פאַמיליע־לאַגערן, איז געווען שטאַרק ריזיקאַליש, ווייל אויף די וועגן, וואָס האָבן געפירט צו די דאָזיקע אָטריאַדן, האָבן גראַסירט באַנדעס „באַנדעראָווצעס". מיר איז צוגעטיילט געוואָרן נאָר איין באַגלייטער, שואל גאַלעצקי, וועלכער איז פאַר דער מלחמה געווען אַ וואַלד־בראַקאַר און האָט גוט געקענט סיי די וועגן און סיי די אומוועגן.

אין דער פרי זענען מיר אַרויסגעפאָרן און אָנגעקומען בשלום אין דאָרף דובע, ווו מיר האָבן איבערגענעכטיקט. דאָרט זענען געשטאַנען די „ראַזוויעדקעס" פון די אויבנדערמאָנטע אָטריאַדן. פאַרטאָג זענען מיר אַוועקגעפאָרן צו איין פּוילישן לאַגער. מיר האָבן זיי געפונען אויף אַ באַרגיקן געלענד אין דער טיף פון וואַלד. זיי זענען נאָך געשלאָפן צווישן די קוסטעס.

דאָרט, איז דאָזיקן פאַמיליע־לאַגער, זענען געווען וועלכע 300 משפּחות, וואָס זענען אַנטלאָפן נאָך די מאַסאַקרעס פון די „באַנדעראָווצעס" אויף די פּוילישע דערפער און קאָלאָניעס. אַנדערע האָבן באַוויזן מיטצוּבעמען מ'יט זיך קיך־געשיר, קופערטס מיט קליידונג, ציגן און בהמות. יעדע פאַמיליע איז געזעסן אָפּגעזונדערט פון דער צווייטער און האָט גע־

האט איינגעשטעלט איר וווינונג צווישן אייניקעביימער, ווו ס׳איז אויך געווען זייער ווירטשאַפט.

מיר האָבן זיך פאַר זיי פאַרגעשטעלט, אַז מיר זענען פּאַרטיזאַנער פון שטאָב און מיר האָבן זיי אינפאָרמירט וועגן דעם, אַז ביי אונדזער „פאַר־אייניקונג" ווערט געשאַפן אַ פּוילישער פּאַרטיזאַנער־אָפּטייל א. נ. פון „טאַדעאוש קאָשציושקאָ".

עס איז פאַררופן געוואָרן דורך זייער לאַגער־קאָמיטעט אַ מיטינג. באַלד נאָך פרישטיק איז מען זיך צוזאַמענגעקומען אויף אַ פּאָליאַנקע און כ׳האָב פאַר זיי דערציילט וועגן אונדזער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג און וועגן דער פליכט, אַז אַלע דאַרפן העלפן באַקעמפן דעם פאַשיזם, באַטאָנענדיק זייער נישט זיכערע און די געפערלעכע לאַגע, וואָס יעדע שעה קאָנען זיי באַפאַלן ווערן פון די „באַנדעראָווצעס".

נאָך מיין רעפעראַט האָט זיך אַנטוויקלט אַ דיסקוסיע, פון וועלכער כ׳האָב געקאָנט מערקן, אַז אַ סך פון זיי זענען נישט איינשטימיק אַריינ־צוטרעטן אין די פּאַרטיזאַנער. פון אַזאַ גרויסן פאַמיליע־לאַגער האָבן זיך פאַרשריבן בלויז נאָר 25 יוגנטלעכע. די איבעריקע זענען פאַרבליבן זיצן אויפן אָרט, פאַרלאָזנדיק זיך אויף נסים. זיי האָבן זיך נישט געוואָלט שיידן מיט זייערע קופערטס און קלומעקלעך, און מיט די בהמות און ציגן, וואָס האָבן זיך געפיטערט אין וואַלד.

נאָך דעם בין איך אַוועקגעפאָרן מיט גאַלעצקין אין די אַנדערע פּוי־לישע לאַגערן, און כמעט די זעלביקע אַפּאַטיע און נישט־גרייטקייט אַריינ־צוטרעטן אין די פּאַרטיזאַנער־רייען. נאָר געציילטע האָבן זיך פאַרשריבן. כ׳האָב אויך געדאַרפט באַזוכן די אָטריאַדן. די קולטור־לייטערס האָב איך געגעבן אינסטרוקציעס ווי אַרויסצוגעבן די וואַנט־צייטונגען.

סוף־סוף האָבן די פּאָליאַקן זיך דערוואַרט. אין אייניקע טעג אַרום נאָך מיין באַזוך, זענען זיי באַפאַלן די באַנדעס „בולבאָווצעס" און „באַנ־דעראָווצעס" און געציילטע משפחות זענען אַנטלאָפן קוים מיטן לעבן, אי־בערלאָזנדיק, פאַרשטייט זיך, די גאַנצע ווירטשאַפט מיט די בהמות.

כ׳האָב דאַן תופס געווען ווי פאַלש איז דער פאַרוואורף און די רייד פון די כלומרשטע יידנפריינט, אַז די יידן אין די געטאָס און אין די קאָנ־צענטראַציע־לאַגערן זענען געווען אַפּאַטיש און פאַרנאַכלעסיקט. אָט־די

אויבנדערמאָנטע האַלטונג פון די פּאָליאַקן אין זייערע פאַמיליע־לאַגערן, וואָס בעיני ראיתי, אילוסטרירט בולט זייער דעזאָריענטירטקייט און זייער אינדיפערענץ צום באַוואָפנטן פּאַרטיזאַנער־קאַמף. די אַפּאַטיע ביי די יידן אין די געטאָס און אין די לאַגערן איז דאָך געווען אַ פאַרשטענדלעכע, ווייל זיי האָבן פון קיינעם נישט באַקומען די מינדסטע שטיצע און מאָראַלישע הילף. די יידן וואָלטן זיכער אויפגענומען דעם קאַמף מיט זייערע הענקער, ווען זיי וואָלטן געהאַט די מינדסטע הילף. נישט געקוקט אויף דער אָרו־מיקער פיינטלעכער און בלוט־גיריקער אומגעבונג, דאָך איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ווידערשטאַנד־באַוועגונג און אויפשטאַנדן, מיטן וואַרשעווער גע־טאָ־אויפשטאַנד בראש.

ווען כ׳האָב געזען די פּאָליאַקן אין וואַלד, זענען מיר אַרויפגעקומען אויפן רעיון פראַגמענטן פון סלאָוואַצקיס ווערק און פון מיצקעוויטשעס „ד ז י אַ ד י״, מיט די ווערטער „ציעמנאָ וושענדזיע, גלוכאָ ווշענדזיע, צאָ טאָ בענדזיע, צאָ טאָ בענדזיע?!״

אויף הוילער ערד און צווישן קוסטעס האָב איך געזען ווי באַיאָרטע פּאָליאַקן, אַנגעלענט אויף אָפּגעהאַקטע פּעניעס און סוקעוואַטע פּאַליענעס, האָבן אַריינגעקוקט אין מיצקעוויטשעס „דזיאַדי״, אפשר האָבן זיי דאַן אויך געטרוימט פון מיצקעוויטשעס מעסיאַניזם און נעאָ־ראָמאַנטישקייט, אידענטיפיצירנדיק דאָס וואַלד־געלענד פון פּאָלעסיע מיט דער סיבירער לאַנדשאַפט, וווּ מיצקעוויטש איז געווען פאַרשיקט אַלס קעמפער און גרוי־סער פּוילישער פּאַטריאָט.

מיר זענען געווען אין די לאַגערן 3־4 טעג און צוריקגעפאָרן מיטן זעלביקן וועג. אונדזער צוריקפאָר האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט, דורכ־פאָרנדיק די געפערלעכסטע ערטער, וווּ די באַנדעראָווצעס האָבן גראַסירט. נאָר פון איין ברעג וואַלד האָבן מיר געהערט אַ שיסעריי איבער אונדז, אָבער מיר האָבן באַלד פאַרקירעוועט די פערד אין אַן אַנדער ריכטונג און זענען אַרויס פון געפאַר.

פאַרטאָג זענען מיר צוריקגעקומען אין וואַלד צו אונדזערע באַזעס. געפינענדיק אַלעמען ביי געשפּאַנטע פערד און וועגענער. אויך דער שטאַב

מיט אַלע זיינע סעקציעס איז געווען גרייט צום אָפּפאָר, צוזאַמען מיטן פּערסאָנאַל פון דער רעדאַקציע „טשערוואָני פּראַפּאָר“, בין איך אויך מיט־געפאָרן צו די וועלדער און דערפער ביים טייך „סטיר“.

אונדזערע פּובליקאַציעס אין לאַסיצקאַ

די קאַראַוואַנען פון דער „סאָיעדיניעניע“ זענען אַריינגעפאָרן קיין לאַסיצקאַ, וואָס איז געווען אַ פּריצישער מאַיאָנטעק. דער פּריץ, אַ פּאָ־ליאַק, האָט אין האַרץ פון פּאָלעסיער זומפּן און דזשונגלס באַוויזן צו פאַרוואַנדלען אַ באַדן פון בלאָטעס אין אַ פרוכטבאַרן פלאַץ, באַווייזנדיק אויסטריקענען די זומפּן און מאַכן קאַנאַלן, וואָס האָבן אָפּגעצויגן דאָס וואַסער. לאַסיצקאַ איז געוואָרן אויף פּאָלעסיער ערד אַן אָאַזיס־ווינקל. עס זענען לענגאויס די קאַנאַלן פאַרפלאַנצט געוואָרןביימער, און שיין־מאָלע־רישע אַלייען האָבן אַריינגעפירט אין דאָזיקן מאַיאָנטעק. אויף אַ באַרגי־קער דערהייכונג איז געשטאַנען אַ ווייס־געקאַלכט צוויי־שטאָקיק הויז, אויסזעענדיק ווי אַ פּאַלאַץ אין אַ לעגענדאַרן לאַנד. אין אַ שיינעם סטיל איז דאָס הויז געווען געבויט, מיט נישעס אין די ווענט און מיט פיגורן, וואָס האָבן דערמאָנט אין אַלטע ריטערלעכע צייטן, ווען ריטערס זענען געפאָרן זוכן די קעניגין פון אמת, געפינענדיק איר אין אַ ווייסן שיינעם פּאַלאַץ, און, לויט דראַשעוויטשעס מזרח־מעשהלע, האָט אַ ריטער איר געזען און זי איז געווען העסלעך אין איר אויסזען, נישט ווי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט אין זיינע ריטערלעכע טרוימען.

אַרום דעם הויז האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ קליינער נאָדל־וועלדל און אַרום דעם האָבן זיך געשלענגלט שיין־געשניטענע קאַנאַלן, וווּ עס האָבן זיך געפרוכפּערט פיש לרוב, פון פאַרשיידענע סאָרטן. נישט ווייט פון די קאַנאַלן זענען געווען סטאַוון און אייניקע אָזיערעס.

דער שטאַב און די רעדאַקציע האָבן זיך באַזעצט אין אָט דעם פּרעכ־טיקן הויז. דער רעדאַקציע־פּערסאָנאַל האָט זיך איינגעקוואַרטירט אויפן אונטערשטן שטאָק, אויסטיילנדיק צוויי געראַמע צימערן פאַר רעדאַקציע־אַרבעט. גרויסע ווענעציאַנישע פענצטער האָבן אַרויסגעקוקט אין דער זו־

ביקער זייט צו די אַלייען. די ווענט זענען געווען באַהאַנגען מיט טעפּי־כער און בילדער, מיט געמעלן פון חיות און יעגערס. דער פּריץ איז, מחמת מורא פאַר פּאַרטיזאַנער, אַנטלאָפן זוכן שוץ ביי די דייטשן, איבערלאָזנדיק אַ טייל פון זיין דינערשאַפט.

עס איז געווען אָנהייב יולי 1943, און נאָך די אַלע וואַנדערונגען און וואָלגענישן איז פאַר יעדערן פון אונדז געווען אַן אויסטערלישע לעגענ־דאַרע ווירקלעכקייט. עס איז אויסגעקומען ווי מיר וואָלטן זיך געפונען אויף אַ זומער־וווינונג.

מיר האָבן זיך דערלויבט צו פאָרן אויף שיפלעך און צו באָדן זיך וויפל דאָס האַרץ גלוסט. ווי עס זעט אויס, איז דער זאָג — „צו גוטס קאָן מען זיך שנעל צוגעוווינען, גיכער ווי צו שלעכטס" — האָט זיך אין אונדזערע געענדערטע באַדינגונגען שטאַרק געלאָזט מערקן. מיר האָבן, זייענדיק אין לאַסיצקאַ, געוואָלט פאַרגעסן, אַז מיר זענען בירגער פון „וואַלדלאַנד", ווו אונדזער סופיט איז געווען דער אָפענער הימל, און דאָס געלעגער איז געווען אויף מאַכיקע קוסטעס אָדער אויף הוילער ערד. מיר האָבן געוואָלט דערשטיקן אין זיך די ווירקלעכקייט, אַז דער שונא שטייט פון אונדז, ס"ה 28־30 ק"מ, מיט אַ גרויסן גאַרניזאָן אין פּינסק.

אין דעם דאָזיקן מיסטעריעזן שלאָס האָבן מיר געפונען עסן לרוב, און די דינערשאַפט האָט מחמת מורא פאַר אונדז, ווי מיר וואָלטן טאַקע געווען אַ ריטערלעכער אָרדן, געעפנט די שייערן און שטאַלן, ווו עס איז געווען פון כל טוב. זיי האָבן פאַר אונדז געכאַפּט פיש אין די קאַנאַלן און סטאַוון.

אין די אָוונטן פלעגן איינגעאָרדנט ווערן פאַרוויילונגען מיט טענץ און געזאַנג. די קעכין אוןווירטשאַפט־לייטערין, אַלעקסאַנדראַ מיכאַילאָוונאַ, איז געווען אַן אַרטיסטין פון מאָסקווער מלוכה־טעאַטער, און האָט איני־צירט די דאָזיקע אָוונטן.

מיר האָבן געהאַט אַלע באַדינגונגען צו שעפערישער אַרבעט אויפן געביט פון פּרעסע־וועזן, און האָבן זיך גלייך גענומען צו דער דאָזיקער אַרבעט.

דער נאָמען „פּרעסע" פאַר אונדזערע פּובליקאַציעס אין די וועלדער, איז אפשר אַ הויכגעבנדיק וואָרט, ווייל סוף־סוף איז די פּאַרטיזאַנישע

פּרעסע געווען איינגעשרומפּן אין איר פאַרנעם און האָט נישט געהאַט די קאָנצייכנס און אייגנשאַפטן פון אַ פּילזייטיקן צייטונג־מאַטעריאַל. דער פאַרעפנטלעכטער מאַטעריאַל האָט אַפילו נישט אָפּגעשפּיגלט דעם לעבנ־שטייגער אין אונדזערע באַדינגונגען און ס׳איז אויך נישט געווען קיין פּלאַץ פאַר יחידישע איבערלעבונגען, זייערע פּיינלעכע עמאָציעס און גע־פילן, שווערע שטימונגען און מחשבות.

די פּאַרטיזאַנער־פּרעסע האָט זיך נישט געקאָנט אָפּגעבן מיט קיין שיינער ליטעראַטור און האָט נישט געהאַט די מיסיע צו פאַרשפּרייטן סתם ליטעראַטור און קולטור. נאָר צייטנווייז איז געדרוקט געוואָרן אַ ליד, אַ סקיצע, מיט אַ קאַמף־מאָטיוו. עס פלעגט אויך ווען נישט ווען געדרוקט ווערן אַ הומאָרעסקע פון אַן אַנטי־דייטשן פאַשיסטישן זשאַנער, אָנגע־פּראָפּט מיט שטאַרק סאַטירישע פיילן.

אַלע אַרטיקלען זענען געשריבן געווען קורץ, אין אַ פּאָפּולערער שפּראַך. דער אינהאַלט איז געווען אַ קולטור־פּראָפּאַגאַנדיסטישער — אין איינקלאַנג מיט די צילן און אויפגאַבן פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. אַלע אויסגאַבעס האָבן געצילט צו אינפאָרמירן און צו באַלויכטן די קאָ־מוניקאַטן אויף די פראָנטן, פאַרעפנטלעכן אַרטיקלען און פאַקטן, ווי אויך דאָקומענטן פון די דייטשישע רציחות און טאָרטורן, און דער ענדגילטי־קער ציל איז געווען צו באַרעכטיקן אונדזער קאַמף מיטן נאַצי־פאַשיזם אין די אויגן פון דער באַפעלקערונג, און אַריינטראָגן באַוווסטזיין און אידעאַליזם אין די אייגענע פּאַרטיזאַנישע רייען. אין אַלע אויסגאַבעס איז, אין פאָדערגרונט, אַרויסגערוקט געווען די טעזע, אַז דער קריג קעגן פאַשיזם וועט ברענגען פרידן פאַר אַלע פרייהייט־ליבנדיקע פעלקער. עס איז אויך געווען פּלאַץ פאַר עפּיזאָדן פון פּאַרטיזאַנישער גבורה און העראָיזם.

אין דער צווייטער העלפט פון חודש יולי איז אין לאָסיצקאָ דער־שינען אונדזער ערשטער נומער „טשערוואָני פּראָפּאָר". עס איז פאַרעפנט־לעכט געוואָרן סטאַלינס פּריקאַז (באַפעל) וועגן דעם זיג פון דער רויטער אַרמיי ביי „אָריאָל־ביעלגאָראָד", און אַ פולער בפּרטיותדיקער קאָמוניקאַט פון דאָזיקן נצחון. דער גענעראַל א. וו. ביעגמאַ, האָט אָנגעשריבן אַ לייט־

אַרטיקל אויף דער זעלביקער טעמע, רופנדיק צו מער אַקטיווע אויפטועז אויפן פּאַרטיזאַנישן פראָנט.

דער נצחון ביי אָריאָל־ביעלגאָראָד האָט אונדז באמת שטאַרק אויפגעמונטערט, ווייל נאָך סטאַלינגראַד איז נישט געווען אַזאַ גרויסער זיג איבער די דייטשן ווי דער אָריאָל־ביעלגאָראָדער.

אין זעלביקן נומער איז פאַרעפּענטלעכט געוואָרן אַ גבית־עדות פון צוויי אַנטלאָפענע סאָוועטישע פרויען פון פינסקער תפיסה, און אַ גבית־עדות פון צוויי אוקראַינישע יוגנטלעכע, וואָס זענען אַנטלאָפן פון די דייטשישע אַרבעט־לאַגערן אין טיף דייטשלאַנד. זיי האָבן אין זייער גבית־עדות אינפאָרמירט פּרטים פון די גאַז־קאַמערן און פון די טויט־לאַגערן, ווו עס זענען אומגעבראַכט געוואָרן יידן.

אַ געניועם באַריכט פון שלאַכט אין האָראָדנאַיע, צווישן די דייטשן און די פּאַרטיזאַנער, האָב איך צוזאַמענגעשטעלט פאַרן דאָזיקן נומער. עס איז אויך געדרוקט געווען אַ סקיצע, אַ פּאָעמע און אַ הומאָריסטישן טאָן, געוויסע אינפאָרמאַציעס וועגן דער קולטור־טעטיקייט אין די פּאַרטיידענע אָטריאַדן און אַן איבערבליק איבער די וואַנט־צייטונגען, וואָס פלעגן זיין אין אַלע אָפּיליאירטע אָפּטיילן.

כמעט דער זעלביקער אינהאַלט איז געווען אין דער פּוילישער אויסגאַבע „טשערוואָני שטאַנדאַר" און עס זענען אויך פאַרעפּענטלעכט געוואָרן מיינע איינדרוקן פון די פּוילישע פאַמיליע־לאַגערן און מיין אַרטיקל וועגן טאַדעאוש קאָשציושקאָ.

אין דעם גוט לאָסיצקאָ האָבן מיר זיך פאַרהאַלטן אַ חודש צייט. מיר האָבן באַוויזן צו פאַרעפּנטלעכן 3 נומערן „טשערוואָני פּראַפּאָר", 1 נומער „טשערוואָני שטאַנדאַר", סטאַלינס פּריקאַז וועגן „אָריאָל־ביעלגאָראָד" אין דייטש, און חוץ דעם זענען טאָג־טעגלעך דערשינען ראַדיאָ־קאָמוניקאַטן פון „סאָוואינפאָרם"־ביוראָ, אויך די פראָנט־נייעס ביי די אַליאירטע. דאָס איז געווען אַ גרויסע דערגרייכונג אין אונדזערע באַדינגונגען. צוליב דעם אָפּפאָר פון וויעראָ יעוואָסיעיעוואָ אין די אַזיעריער וועלדער, אויף יענער זייט „האריין", ווו ס'איז געווען אונדזער אַפּיליאירטע בריגאַדע, אונטער דער אָנפירונג פון מאַיאָר פּאָווטאָרענקאָ, איז אריה (ליאָוואַ) דאָלינקאָ געווען בלויז איין זעצער, און נאָר אַדאַנק זיין מיפּולער אַרבעט און אי־

דעאַליזם, האָט מען באַוויזן אַרויסצוגעבן אַזאַ גרויסע צאָל פּובליקאַציעס.

די אַלע אויבנדערמאָנטע אויסגאַבעס זענען דערשינען אין אַ פּאָר הונדערט עקזעמפּליאַרן, אָבער די ראַדיאָ־קאָמוניקאַטן זענען געדרוקט געוואָרן אין עטלעכע הונדערט קאָפּיעס. צוערשט זענען זיי פאַרטיילט געוואָרן צווישן די פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן, וועלכע פלעגן אַריינשיקן ספּעציעלע רייטערס נאָך דעם, אַפילו פון אַ ווייטער דיסטאַנץ. דערנאָך זענען זיי דורך פּאַרטיזאַנער פאַרשפּרייט געוואָרן אין די דערפער. אַפילו ווען פּאַרטיזאַנער פלעגן זיך לאָזן גיין אויף דיווערסיעס אויף צענדליקער ק"מ, האָבן זיי מיטגענומען צו פאַרשפּרייטן אונדזערע פּובליקאַציעס. סטאַלינס „פּריקאַז" אין דייטש איז באַזאָרגט געוואָרן, אַז עס זאָל אַריינפאַלן אין די דייטשישע הענט. דאָס האָבן געטאָן איינציקע קריסטן, וואָס זענען שוין געווען געאיבטע אין דערפאַרענע פאַרבינדלער.

לויט אונדזערע פעסטשטעלונגען, זענען אונדזערע פּובליקאַציעס אַריינגעדרונגען אין די דייטשישע סטרעפּעס. ביי די פויערים איז עס געוואָרן אַ מסחר־ענין, זיי פלעגן אין די שטעט פאַרקויפן אונדזערע אַ צייטונג פאַר 10.000 דייטשישע מאַרקן. די פּרייז פאַר אַ ראַדיאָ־קאָמוניקאַט איז געווען 5.000 מאַרקן. די באַפעלקערונג איז געווען להוט צו וויסן וועלכע ס'איז ידיעה נישט פון די דייטשישע ראַדיאָ־אַגענטורן און נישט פון דער דייטשישער פּרעסע. קיין ראַדיאָ־אַפּאַראַטן האָט דאָך די באַפעלקערונג נישט געטאָרט האַלטן, אונטער דער דראָאונג פון טויט־שטראָף.

די פּרעסע־טעטיקייט אין לאַסיצקאָ איז געווען דערפאָלגרייך. אויך דער צענטראַלער פּאַרטיזאַנער־שטאַב אין מאָסקווע האָט דורך ראַדיאָגראַמען אָנערקענט אונדזער וויכטיקע אַרבעט. נאָך יעדער דערשינענער אויסגאַבע, האָט זיך באַקומען אַ באַגריסונג און אַ דאַנק־אויסדרוק פאַר דעם שטאַב און דעם רעדאַקציע־פּערסאָנאַל. ווען ס'איז דערשינען דער ערשטער נומער „טשערוואָני שטאַנדאַר", האָט אויך דער פּוילישער באַפרייאונג־קאָמיטעט אַריינגעשיקט אין שטאַב זיין באַגריסונג.

מער ווי אַ חודש האָבן די דייטשן נישט געדולדעט אונדזער זיין אין לאַסיצקאָ. צווישן דער דינערשאַפט פון מאַיאָנטעק זענען געווען דייטשישע קאָלאַבאָראַטאָרן. ביים עקאָנאָם פון גוט, האָבן פּאַרטיזאַנער געפונען קאָרעספּאָנדענץ מיט דער דייטשישער זשאַנדאַרמעריע. אַזוי אַרום זענען

די דייטשן אין פּינסק אינפאָרמירט געווען פון אונדזער אויפהאַלט, און מיר האָבן אין די לעצטע טעג פון חודש יולי געהאַט יעדן טאָג „געסט" — דייטשישע עראָפּלאַנען. דאָך האָבן מיר דאָס דאָזיקע פּלאַץ נישט פאַרלאָזן, ביז האַלב אויגוסט. פריער פלעגן די דייטשישע עראָפּלאַנען נאָר דורכ־פליען און זיי האָבן נישט באָמבאַרדירט. אָבער ווען זיי האָבן אָנגעהויבן באָמבאַרדירן לאַסיצקאָ, זענען מיר געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן דאָס שיינע פּלאַץ אויף פּאָלעסיער ערד, ווו ס'איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פון אַן אינטערעסאַנטער פּאַרטיזאַנער־פּרעסע.

אין לאַסיצקאָער וואַלד

אין דער צווייטער העלפט פון אויגוסט 1943, האָבן מיר פאַרלאָזט לאַסיצקאָ. עס האָט זיך נאָרוואָס געשטעלט דער טאָג, און אונדזער אָבאָז האָט זיך גערירט אין וועג. די פעלדער זענען נאָך נישט געווען אָפּגע־שניטן און די לאָנקעס נישט אָרומגעקאָסיעט. די שניטערס האָבן זיך נישט געאיילט אַראָפּצונעמען פון די רייפע פעלדער די תבואה. מען איז געווען גלייכגילטיק צו דעם. דער פּאַרטיזאַניש־דייטשישער קריג האָט יעדע אייגנ־טום און יעדע נחלה געמאַכט אומ'ווערטיק און ס'איז נישט געווען קיין פאַראינטערעסירונג ביי די פּויערים צו אַקערן, צו זייען און צו שניידן.

לאַנגזאַם האָט זיך געצויגן אונדזער אָבאָז, צווישן די ביימער אין וואַלד און אויף די אָפענע פּאָליאַנעס. אין שטומקייט האָבן מיר זיך גע־שלייכט און נאָכגעגאַנגען די פורן, מיט די ביקסן אויף די אַקסלען און מיט די רעוואָלווערן אויף די רימענע פּאַסן, וואַרפנדיק בליקן אין אַלע זייטן.

מיר זענען אַריינגעפאָרן אין די טיפן פון לאַסיצקאָער וואַלד. אויף אַ דערהייכונג־פּלאַץ האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט, באַטראַכטנדיק דעם אַרום, אויב דאָס איז אַן אַנטשפּרעכיק אָרט אויפצושטעלן אונדזערע געצעלטן. נישט ווייט, צווישן שורות ביימער, וואָס האָבן זיך געצויגן אויף אַ פּאָר רוסישע וויאָרסטן, האָבן מיר אָנגעהויבן אויסלאָדן אונדזער משא פון די פּאַרטיזאַנישע פורן, און אויך פון אונדזער רעדאַקציע־וואָגן האָבן מיר

אַראָפּגענומען אונדזערע טשעמאָדאַנען שריפט, פּאַפּיר, אַלע רעדאַקציע־מלטלטלין און אויך דאָס ראַדיאָ־קעסטל.

אין דעם זעלביקן טאָג האָבן מיר אַלץ איינגעריכטעט און געמאַכט סכך־ביידלעך און אויפגעשטעלט די פּאַלאַטקעס, וואָס זענען געווען פון פּאַראַשוטן־זיידענעם מאַטעריאַל.

שייטערס זענען באַלד אָנגעצונדן געוואָרן, און די קיכן פון יעדער סעקציע האָבן אָנגעהויבן צוגרייטן די פּאַרטיזאַנישע מאַלצייטן, וואָס אין אַנבליק פון דער שווערער צייט, זענען זיי געווען גוטע און אַפילו זייער צופרידנשטעלנדיקע. קיין ברויט האָט נישט געפעלט און קיין אָקסן און בהמות צו קוילענען האָבן אויך נישט אויסגעפעלט. די ווירטשאַפט־קאָמי־סיע ביים שטאַב האָט געזאָרגט וועגן אַפּראָוויזאַציע און גאַנצע גרופּעס פּאַרטיזאַנער פלעגן אָפט אַרויספאָרן אויף ווירטשאַפטלעכע אָפּעראַציעס אין די דערפער. אין דער אמתן זענען מיר דאָך געווען באַרעכטיקט, אַז די דערפער זאָלן אונדז אַפּראָוויזירן; אַלנפאַלס מערער ווי די דייטשן, וועמען זיי פלעגן פירן די פּאַסטאַווקעס מיילן־ווייט.

אין זין פון אַפּראָוויזאַציע האָט אונדז פּאַרטיזאַנער קיין עסן נישט געפעלט. ס'איז נישט געווען קיין גרינסן, מילך און פוטער גענוג, אָבער פלייש, קאַרטאָפל און ברויט איז געווען גענוג.

דער וואַלד פון לאַסיצקאָ איז געווען גרויס און געדיכט און האָט זיך געאָרעמט מיט נאָך וועלדער, ווו עס זענען געשטאַנען די איבעריקע אָט־ריאַדן פון דער „פּאַראַייניקונג". אויף אַ שטח פון עטלעכע צענדליק ק"מ איז געווען אויסגעשפּרייט די ממשלה פון אונדזערע אָטריאַדן. חוץ איינצל־נע אָטריאַדן זענען צום שטאַב פון „פּאַראַייניקונג" געווען אַפּיליאירט צוויי בריגאַדעס. מיט איין בריגאַדע האָט אָנגעפירט דער פּאָלקאָווניק פּיאָ־דאַראָוו און מיט דער צווייטער בריגאַדע, אין אָזיערי, האָט אָנגעפירט דער מאַיאָר פּאָווטאָרענקאָ. אויך דער ניי־געגרינדעטער פּוילישער אָטריאַד א. נ. פון טאַדעאוש קאָשציושקאָ, איז געווען אָנגעשלאָסן אָן דעם שטאַב פון „פּאַראַייניקונג".

יעדער אָטריאַד איז געווען אַ באַזונדערער פּאַרטיזאַנישער „איינס", וואָס האָט געהאַט זיין שטאַב, דיווערסיע־גרופּע, פּראָפּאַגאַנדע־קאָמיסיע און רעדאַקציע, אַמבולאַטאָריע און גרופּע ראַזוועדטשיקעס, ווי אויך אַ

ווירטשאַפט־בריגאַדע. ס׳איז אַפילו ביי יעדן אָטריאַד געווען אַ קאָמוניס־טיש קעמערל און אַ „קאָמיוג״. דערביי וויל איך אונטערשטרייכן, אַז קיין פּאַרטיזאַן איז נישט געווען געצוווּנגען אַריינצוטרעטן אין „קאָמיוג״ אָדער ווערן אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דאָס איז געווען אַ פרייוויליקער ענין. דאָס רוב מיטגלידער אין די קאָמוניסטישע קעמערלעך אין די אָטריאַדן זענען געווען פון ראַטנפאַרבאַנד און פון די קאָמוניסטישע און פּראָ־קאָמוניסטישע עלעמענטן אין געוועזענעם פוילן.

אָבער דער שטאַב פון דער „פּאַראיינִיקונג״ איז געווען דער צענט־ראַלער כוח, וואָס האָט צענטראַליזירט די אַרבעט אויף אַלע געביטן, און דער אָטריאַד האָט געדאַרפט שיקן רעגולערע באַריכטן פון אַלע טעטיקייט־געביטן. אויפן סמך פון די באַקומענע באַריכטן האָט דער שטאַב געדאַרפט טאָג־טעגלעך אינפאָרמירן דורך ראַדיאָגראַמען דעם צענטראַלן פּאַרטיזאַ־נער־שטאַב אין מאָסקווע, וועמען ער איז געווען אונטערגעאָרדנט.

עס האָבן פּאַסירט פאַלן, אַז דער צענטראַלער שטאַב פון אונדזער „פּאַראיינִיקונג״ האָט אָנגעגעבן אין מאָסקווע, אַז דאָ און דאָרט זענען אָראָפּגעריסן געוואָרן עשאַלאָנען מיט דייטשן און אַמוניציע, אָנגעבנדיק די צאָל וואַגאָנעס און די צאָל געהרגעטע דייטשן, און דער מאָסקווער שטאַב האָט אויפמערקזאַם געמאַכט דעם גענעראַל ביעגמאַ, אַז זיינע ציי־פערן זענען נישט אָנגעגעבן ריכטיק. עס ווייזט אויס, אַז דער מאָסקווער פּאַרטיזאַנער־שטאַב האָט געהאַט געהיימע קאַנאַלן, דורך וועלכע ער האָט געקאָנט קאָנטראָלירן די גענויקייט פון די אָנגעגעבענע באַריכטן פון די פּאַרטיזאַנער־שטאַבן.

אונדזער „סאָיעדיניעניע״ האָט אין לאָסיצקאָער וואַלד אָרגאַניזירט אַ פּאַרצווייגטע דיווערסיע־אַרבעט. טימאָפייעוו, וועלכער איז דעלעגירט גע־ווען צו אונדזער שטאַב פון מאָסקווע, אויף אָנצופירן מיט דער אונטער־ערדישער אַרבעט פון צו שפּיאָנירן אין די דייטשישע אַמטן, האָט געזאַמלט וויכטיקע אינפאָרמאַציע. ער האָט געהאַט פאַרבינדלער אין אַ סך שטעט, וואָס האָבן שפּיאָנירט דעם שונאס כוחות און זיינע מעשים. זיי פלעגן אַריינדרינגען אין דער דייטשישער זשאַנדאַרמעריע און אין מיליטערישע אַמטן. אויפן סמך פון די געהיימע אינפאָרמאַציעס זענען דערנאָך דורכ־געפירט געוואָרן וויכטיקע דיווערסיע־אַקטן. עס איז ביי אונדז געווען אַ

יידישער פּאַרטיזאַן, מילער, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פּאָליאַק און גע־רעדט אַ גוטן פּויליש, ער פלעגט אויך גיין אין שליחות פון טימאָפּייעוון. אַ סך אינפאָרמאַציעס האָט ער געבראַכט פון פּינסק, וווּ ער איז געווען געהיים מער ווי אַ חודש, אַרבעטנדיק אין אַ דייטשישן אַמט.

עס זענען געווען צוויי הויפּט־ריכטונגען אין דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. איין מיינונג איז געווען, אַז די סאַמע וויכטיקסטע אַרבעט איז ד י וו ע ר ס י ע און אויב די דייטשן גרייפן די פּאַרטיזאַנער נישט אָן, דאַרף מען קיין ספּעציעלע קאַמפן מיט זיי נישט פירן און נאָר דאָרט, וווּ מען דאַרף זיך נישט אַנגאַזשירן אין גרויסן פאַרלוסטן, קאָן מען זיי אָנגרייפן. עס איז אָבער אויך געווען אַזאַ מיינונג, אַז ס'איז געקומען די צייט אָנצוגרייפן די דייטשן אין די שטעט. די דאָזיקע ליניע פון אָנגרייפן די שטעט האָט דורכגעפירט קאָווּפּאַק. ווען מיר זענען געווען אין די לאַסיצקאָער וועלדער, האָט קאָווּפּאַק שוין זיך צוריקגעקערט פון זיין מאַרש אין די קאַרפּאַטן. הגם זיין „סאָיעדיניעניע" האָט באַוויזן גרויסע העראָיש־קייטן און איז צוגעקומען צו דער אונגאַרישער גרענעץ, דאָך האָט זי געמוזט אָפּטרעטן, פאַרלירנדיק אַ סך פּאַרטיזאַנער. עס איז דאָן אויך אומגעקומען אין אַ שווערער שלאַכט מיט דייטשן דער העראָישער קאָמיסאַר רודניעוו.

דער מאָסקווער פּאַרטיזאַנער־שטאַב האָט, נאָכן דורכפאַל פון קאָווּפּאַקס פּאַרטיזאַנער־מחנה אין די קאַרפּאַטן, פאַרטיידיקט דורכאויס דעם שטאַנדפּונקט, אַז די פּאַרטיזאַנער דאַרפן פירן מייגסטן דיווערסיע־אַרבעט און זען אויסמיידן פּנים־אל־פּנימדיקע קאַמפן מיטן שונא, ווייל אויף צו פירן שלאַכטן מיט די דייטשישע באַוואָפנטע כוחות איז בלויז באַרופן די רויטע אַרמיי.

זייער אָפט זענען פאָרגעקומען באַראַטונגען צווישן די פּאַרטיזאַנישע שטאַבן, וואָס מען האָט צוזאַמען באַטראַכט פאַרשיידענע סיטואַציעס און קאַמף־מעטאָדן. בעת מיר זענען געווען אין לאָסיצקאָער וואַלד, פלעגט צו אונדז קומען מיט אַ וויזיט פיאָדאָראָוו טשערניגאָווסקי. ער איז געווען אַ זייער פריינטלעכער מענטש און זיך באַצויגן מיט רעספּעקט און אַכטונג צו יעדן פּאַרטיזאַן. ער האָט ליב געהאַט אַריינצוגיין אין געשפּרעכן, זייענדיק אָפּנהאַרציק און פּשוט. ער איז געווען אַ מענטש וווּיט נישט קיין

יונגער, הויך און פעסט געבויט. ווען עס פלעגן אויף די באַראַטונגען באַהאַנדלט ווערן פראַגן פון פּראָפּאַגאַנדע־ און פרעסע־טעטיקייט, פלעג איך אויך גערופן ווערן בייצוזיין. ער האָט אויף מיר געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק הן מיט זיין טאַקטישער באַנעמונג און הן אין זין פון קאָנען לאָגיש באַטראַכטן און אָפּשאַצן יעדע געשעעניש און סיטואַציע.

אויך אין לאַסיצקאָער וואַלד איז געפירט געוואָרן אַ וויכטיקע אַרבעט אויפן געביט פון פּראָפּאַגאַנדע. עס זענען דערשינען רעגולער דער „טשערוואָני פּראָפּאַר" און די פראָנט־קאָמוניקאַטן. אָפט זענען פאָרגעקומען מיטינגען. די דייטשן האָבן זיך נישט באַוויזן אין אונדזער פּאַרטיזאַנישן לאַנד. מען האָט געהאַט בלויז געסט די דייטשישע בלייענע פייגל. אַלע אונדזערע צעלטן און שוצגריבער זענען געווען גוט פאַרמאַסקירט, און ווי עס פלעגט זיך דערהערן זייער געוווישעריי האָט איין פּאַרטיזאַן צום אַנדערן זיך איבערגערופן מיטן אויסגעשריי: „וואָזדוך!" „וואָזדוך!" גיך און שנעל זענען מיר נעלם געוואָרן פון דער אויבערפלאַך און אַריין אין די שוצגריבער. עס זענען אָבער געווען פאַלן, ווען זיי זענען געפלויגן גאַנץ נידריק און האָבן דאָ און דאָרט געוואָרפן באָמבעס, דאַן האָבן מיר באַשאָסן די עראָפּלאַנען מיט אַרטילערישן וואָפן.

עס האָבן זיך ווידער באַוויזן אויף די וועגן „באַנדעראָווצעס". ס'איז זיי שווער געווען צו באַקעמפן, ווייל ווען מען איז אַריינגעקומען אין אַ דאָרף, האָט מען נישט געקאָנט וויסן צי די פויערים זענען באַנדעראָווצעס. זיי זענען געגאַנגען אין די פעלדער, געטאָן ווירטשאַפטלעכע אַרבעט אין שטוב, און ביינאַכט איז מען געגאַנגען לויערן אויף פּאַרטיזאַנער. עס איז דאָך דאַן געווען אַזאַ צייט, אַז נייטראַל איז מען נישט געווען, אָדער מען איז אַוועק אין די פּאַרטיזאַנער־רייען, אָדער מען איז געווען אין די רייען פון די „באַנדעראָווצעס".

נישט געקוקט אויף די גרויסע נצחונות פון דער רויטער אַרמיי, האָט זיך די פאַשיסטיש־נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונג נישט פאַרקלענערט. אַ סך פּאַרטיזאַנער זענען אויך דאַן אומגעקומען פון די „באַנדעראָווצעס". דערהויפּט פלעגן האָבן פאַרלוסטן דיווערסיע־גרופּעס, וועלכע פלעגן זיך לאָזן צו די באַן־ליניעס אויף ווייטע דיסטאַנצן, די דיווערסיע־אַרבעט האָט דאָך נישט געפאָדערט קיין גרויסצאָליקע גרופּע, נאָר 2־3 מענטשן האָבן גע־

קאָנט אויספירן דעם גרעסטן דיווערסיע־אַקט. פּאַרקערט, וואָס די גרופּע איז געווען קלענער איז אַלץ געווען לייכטער צו דערשלאָגן זיך צו די באַן־רעלסן אויף צו פאַרלייגן טאָל און פאַרמאַסקירן דעם שנור און דערנאָך זיך פאַרשטעקן אין וואַלד, נאָך דעם אויפרייס.

אין די סאַניטאַרע אַפּטיילונגען פון די אָטריאַדן זענען דאַן געלעגן אַ סך פאַרוואונדעטע דיווערסאַנטן. צווישן זיי איז דאַן געווען דער פאַרוווּנ־דעטער טאַראַס, וואָס האָט ביי אַ דיווערסיע־אַקט אויף דער באַן־ליניע לובינעץ־ווידיבאָר פאַרלוירןביידע הענט, ביידע פיס און דערצו בלינד געוואָרן אויף ביידע אויגן. די חברים פאַרטיזאַנער, וואָס זענען געגאַנגען מיט אים אויף דער דאָזיקער דיווערסיע, האָבן אים געפרעגט, אויב פאַר אים איז נישט גלייכער מען זאָל אים דערשיסן, פונדעסטוועגן האָט ער געענטפערט, אַז ער וויל לעבן. מען האָט אים געבראַכט אין וואַלד איינ־געוויקלט אין אַ קאַלדרע.

אין לאַסיצקאָער וואַלד זענען מיר געווען באַדראָט בלויז פון דייטשי־שע עראָפּלאַנען און מען האָט געדאַרפט פירן קאַמפן מיט די „באַנדע־ראָווצעס".

די זעקס־יאָריקע פאַרטיזאַנקע

סעפּטעמבער 1943. עס זענען געשטאַנען אין דרויסן שיינע זוניקע טעג און קלאָרע ליכטיקע נעכט. די דייטשישע „בלייענע פייגל" האָבן אויף אונדזער וואַלד רק געטשאַטעוועט און אָפּט געקומען צו אונדז אויף אַ באַזוך.

די טעריטאָריע פון לאַסיצקאָער וואַלד איז געווען שטאַרק באַוואַכט און אָן אַ דערלויבעניש האָט מען נישט געקאָנט אַריינקומען. מיר זענען דאָך געווען אַ מיליטערישער „איינס" און אַרומגערינגלט פון פאַרשיידנ־מיניקע שונאים. אַפילו פאַרטיזאַנער פון אַפיליאירטע אָטריאַדן. צו אונ־דזער שטאַב האָט מען געדאַרפט וויסן דעם פאַראָל ביים אַריינקומען. פאַר־טיזאַנער זענען געשטאַנען אויף פּאָסט ביי אַלע קרייץ־וועגן און שטעגן, אויפאָדערנדיק אַ דערלויבעניש אָדער דעם פאַראָל.

אין יענע טעג איז פאָרגעקומען אַ פיינלעכער פּאַרפּאַל. דער יידישער פּאַרטיזאַן, קראָנענבערג, אַן אָפּשטאַמיקער פון וואַרשע, איז געשטאַנען אויף פּאָסט און ס׳איז אָנגעפּאַרן רייטנדיק אַ פּאַרטיזאַן, אַן אוקראַינער. קראָנענבערג האָט אויסגעשריגן — דאַוואַי פּאַראָל! — און דער דאָזיקער פּאַרטיזאַנישער רייטער האָט דעם פּאַראָל נישט געזאָגט. קראָנענבערג האָט אין אים אויסגעשאָסן. עס איז געוואָרן אַ מורמלעריי צווישן די פּאַרטיזאַנער וועגן דער האַנדלונג פון קראָנענבערג. מען האָט אָנגעהויבן אויסטייטשן, אַז קראָנענבערג האָט עס אומ׳יסטן געטאָן און האָט דערשאָסן דעם פּאַרטיזאַן, ווייל ער איז געווען אַן אוקראַינער, אַ קריסט.

גראָד נאָך דעם דאָזיקן פּאַרפּאַל איז מיר געווען שטאַרק איבעראַשנדיק, ווען כ׳האָב אין פריאיקן באַגינען דערזען אַ זעקס־יאָריקע מיידעלע זיצנדיק אויף אַ סוקעוואַטן קלאָץ. די ערשטע זון־שטראַלן האָבן זיך שוין באַוויזן אין וואַלד און זי האָט געהאַלטן אירע אויגן פאַרזשמורעט פון די דאָזיקע בליאַסקן, וואָס האָבן טיילווייז באַשימערט איר געזיכט.

כ׳בין צו איר צוגעגאַנגען און זי האָט מיך אַזוי טשיקאַווע באַקוקט. באַזונדערס האָט זי געוואָרפן איר בליק אויף מיין פּאַרטיזאַנישן מעדאַל, וואָס איז געווען צוגעשפּיליעט אויף מיין לאַץ און געבלישטשעט מיט שפּאָגל־נייקייט. עס איז מיר געווען שווער פעסטצושטעלן איר נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקייט. זי האָט נישט געהאַט קיין עכט־יידישע שטריכן און האָט מיט איר הילוך אויסגעקוקט ווי אַן אוקראַינישע שיקסעלע, זייענדיק אָנגעטאָן אין פּאַסטעלעס און אין אַ רויט קליידל, געבלומט מיט בונטע קאָלירן. איר פּנימ׳ל איז געווען פול מיט זומער־שפּרינקעלעך און די האָר געלבלעך־העל. אין אוקראַיניש האָב איך איר געפרעגט: „ווידקיל טי דיווטשינאָטשקאַ סיודאַ פּאָפּאַלאַסיאַ?״ (פון וואַנען ביסטו, מיידעלע, אַהערצו אַריינגעקומען?). זי האָט מיר געענטפערט, אויך אויף אוקראַיניש, אַז זי איז אַ יידיש קינד און איז ביינאַכט געקומען אַהערצו אין וואַלד צוזאַמען מיט אירע עלטערן.

גראָד איז אַרויס פון אַ ביידל איר מוטער און זי האָט מיר אָנגעוויזן, אַז דאָס איז איר מוטער. איך בין צוגעגאַנגען צום ביידל און דאָס מיידעלע איז געבליבן זיצן אויפן קלאָץ און געפירט איר הענטל איבער דער זשיווויצע, אויב עס קלעפּט זיך צו, ווי צו טריפנדיקן האָניק.

עס איז נישט קיין שאָוויניזם, אויב איך וועל זיך אויסדריקן, אַז אין וואַלד איז אַ יידישער פּאַרטיזאַן, דער גרעסטער קאָסמאָפּאָליט, האָט זיך דאָך געפּרייט זייער שטאַרק, ווען ער האָט באַגעגנט אַ יידיש פּנים. מען איז געווען צופרידן וואָס נאָך אַ יידישער נפש האָט באַוויזן אַרויסצולויפן פון די דייטשישע תּלינים. דאָס ערשטע געשפּרעך האָט זיך פאַרקניפּט אַרום דער פראַגע ווי מען איז אַנטלאָפן פון געטאָ און ווו האָט מען זיך אויפגעהאַלטן דעם שווערן ווינטער און די גאַנצע צייט.

די מוטער פון דער מיידעלע, וואָס האָט געהייסן פאַליע, האָט מיר דערציילט אין קורצע ווערטער די געשעענישן, זינט זי האָט פאַרלאָזן די היים אין פּאָדגורזשע, אַ פאָרשטאָט פון קראָקע. זי און איר מאַן, יעקב, האָבן מיטגענומען זייער קינד אויף די הענט און זיך געלאָזט גיין אויף מזרח, באַלד ווי די דייטשן האָבן איבערגעשריטן די גרענעץ נעבן קאַטאָוויץ. זיי האָבן זיך געלאָזט אין וועג, ווי מען שטייט און גייט, אָן אַ רעכטן מלבוש און אָן אַן איבעריק פּאָר וועש אויף איבערבייטן. זיי האָבן זיך געשלעפּט אייניקע טעג. דייטשישע עראָפּלאַנען האָבן די שאָסייען באָמבאַרדירט און יעדער טראָט איז געווען בחזקת סכנה. עס האָט לאַנג געדויערט ביז זיי האָבן דערגרייכט אין אַ קליין שטעטל אויף וואָלין, ראַפּאַלאָווקע. די סאָוועטן זענען געקומען אויף וואָלין און זיי האָבן שוין פון שטעטל ווייטער נישט געוואַנדערט. צוזאַמען מיט דעם גאַנצן שטעטל זענען זיי דערנאָך, ווען די דייטשן זענען באַפאַלן דעם ראַטנפאַרבאַנד, אַרונטערגעפאַלן אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע. ערב דער שחיטה אין ראַפּאַלאָווקע זענען זיי אַרויסגעלאָפן פון געטאָ צוזאַמען מיט זייער טעכטערל, חנהלע. מען האָט געבלאָנקעט פון וואַלד אין פעלד און פון פעלד אין וואַלד. עס איז דאַן דאָך געווען האַרבסט, 1942, און מיט אַ קינד זיך וואַלגערן אין ווילדן וואַלד איז נישט געווען מעגלעך. אַ שטיק צייט האָבן זיי געבלאָנקעט אין די ראַפּאַלאָווקער וועלדער און דערנאָך האָט מען זיך געלאָזט צו די כוטאָרעס און וועלדער ביי הוטאַ־סאָפּאָטשעוו־סקאָ און מולטשיץ־ישובים, ביים טייך „סטיר". נישט ווייט פון מולטשיץ זענען געווען האַרט נעבן וואַלד כאַטקעס. אין איינער פון די־אַ הייזקעס האָבן זיי ביינאַכט אַנגעקלאַפּט, אין די פּיטשינקע שייבלעך, און ס'איז צו זיי אַרויס אַ פּויערטע מיט אַ גוט געזיכט. זי האָט געהייסן טאַטיאַנאַ

און איז געווען אַן אלמנה, וווינענדיק גאַנץ אַליין. זיי זענען אַריין אינע־ווייניק און די פּויערטע האָט זיי געגעבן וואָס צו עסן. גאַנץ אָפּט פלעגן זיי אָנקלאַפּן ביינאַכט אין די פענצטערלעך פון דער דאָזיקער הייזקע, און האָבן געפונען דאָרט אַ ווינקל ווו אָפּצורוען אַ פּאָר שעה און אונטערלענען דאָס האַרץ, כדי נישט צו שטאַרבן פון הונגער. אַ באַזונדערע מיטלייד האָט די גוטע טאַטיאַנאַ געהאַט צו חנהלען, וועלכע האָט ביי איר געהייסן אַ נ ק אַ. די רעגנס האָבן זיך אָנגעהויבן, רעגנס מיט שנייען און רעגנס, וואָס האָבן געגאָסן אָן אויפהער ווי מיט פולע צעבערס. טאַטיאַנאַ האָט אַנקען נישט געלאָזט גיין אין וואַלד און האָט איר געמאַכט אַ געלעגער אויף אַ קופּערט, וואָס איז געשטאַנען אין קאַמער, צודעקנדיק איר מיט אַ צעדריבלטן קאָזשוך און מיט אַ וואַרעמער סוקמאַנע. גאַנץ פאַרטאָג פלעגט דער טאַטע קומען צוגיין און איר אַרויסנעמען אין וואַלד. ווען דער שניי האָט צוגעדעקט די ערד האָט טאַטיאַנאַ געוואַגט צו האַלטן אַנקען אין שטוב אויך בייטאָג. פּויערים פלעגן פאָרן אין וואַלד צו האַקן האָלץ און זענען אָפּט אַריינגעקומען אין טאַטיאַנאַס כאַטקע זיך אָנוואַרעמען. זי האָט זיי אַלעמען געזאָגט, אַז ס׳איז איר שוועסטערס אַ מיידעלע, וועלכע איז גע־קומען פון קלעוואַן, אויף וואַלין. היות די שוועסטער אירע איז אָפּגע־שטאָרבן, האָט מען איר געבראַכט אַהערצו, צו איר. אַנקעס עלטערן האָבן ווינטער געמאַכט אַ זעמליאַנקע אין וואַלד און אין די נעכט פלעגן זיי אַריינקומען זען וואָס עס מאַכט זייער טעכטערל. זיי זענען געווען העכסט צופרידן וואָס זייער קינד האָט געקריגן אַ דאַך איבערן קאָפּ און הונגערט נישט. דער פרילינג איז געקומען, און אַן אוקראַאינישער פּויער, הויך און שלאַנק ווי אַ טאָפּאָל און אַ סאָסנע־בוים, ק א נ ט ש ע ו ו, האָט אָרגאַ־ניזירט אַ פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד, אין וועלכן עס זענען אַריינגעטראָטן אַנ־קעס עלטערן. אַנקאַ איז געבליבן ביי דער גוטהאַרציקער פּויערטע, וועלכע האָט איר שטאַרק ליב געקראָגן. די עלטערן פלעגן אָפּט זיך אַריינכאַפּן אין בערעזן־שטיבל צו זען אַנקען. איר איז דאָרט געווען גוט און גאַנץ זיכער דאָס אָרט. די פּויערים אין מולטשיץ האָבן אויך געוווּסט, אַז צו טאַטיאַנאַן אַקעגן צווינטער, אין אלעשניק, איז געקומען אַ יתומהלע, איר שוועסטערס אַ קינד. קאַנטשעווס אָטריאַד האָט זיך אַנגעשלאָסן אין אונ־דזער פּאַרטיזאַנער־שטאַב, וואָס בראש איז געשטאַנען דער גענעראַל וואַ־

סילי אַנדרייעוויטש ביעגמאַ. דער דאָזיקער גענעראַל פלעגט אינספּעק־טירן די אַלע אָטריאַדן, וואָס זענען געווען אַפּיליאירט צו זיין „סאָיעדי־ניעניע" (פאַראייניקונג) און האָט איינגעלאַדן די עלטערן פון אַנקען אַרי־בערצוגיין צו די פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן באַוואַכט דעם שטאַב. היות ער, יעקב, איז פון באַרוף אַ פאַבריקמאַכער, וועט ער שטאַרק צוניץ קומען און די פּאַרטיזאַנער וועלן אַרומגיין נישט אַזוי באַוואָקסן. זיין מיינונג איז געווען, אַז פּאַרטיזאַנער דאַרפן אויסזען קולטורעל און ראַזירט אַפילו אין די באַדינגונגען פון וואַלד־לעבן. די עלטערן האָבן אָבער נישט געוואָלט איבערלאָזן זייער קינד אין אויסשליסלעכן רשות פון דער פויערטע און האָבן אים געבעטן, ער זאָל דערלויבן מיטנעמען זייער זעקס־יאָריקע טעכ־טערל. דער גענעראַל האָט איינגעשטימט אויפן דאָזיקן באַדינג. די על־טערן זענען גלייך אַוועק צו טאַטיאַנאַן און איר געזאָגט, אַז זיי גייען אַוועק פון דעם מולטשיצער וואַלד און דעריבער נעמען זיי צו זייער אַנקאַ מיט זיך. טאַטיאַנאַ, מיט איר אָרעמען און פּראָסטן לעבנשטייגער, האָט געהאַט אַ האַרץ פון גאָלד און שווער איז איר אָנגעקומען צו איבערלעבן די רגעס פון צעשיידונג. זי האָט זיך מיט אַנקען געזעגנט מיט הייסע און זודיקע טרערן און זי באַגלייט אַ שטיק וועג, טרעטנדיק מ'טן ראַנד פון ווילדגראָז און העט ווייט איבער די פּאַשעס און פעלדער.

עד כאן די ביאָגראַפיע פון דער קליינער אַנקאַ, ביז זי איז געקומען מיט אירע עלטערן אין לאַסיצקאָער פּאַרטיזאַנער־וואַלד.

אַנקאַ האָט זיך גוט געפילט אין וואַלד. עס איז נאָך געווען וואַרעם אין דרויסן און גרין און שיין. סוף־סוף, אין דער כאַטע ביי טאַטיאַנאַן איז זי געווען גאַנץ אַליין. דאָ, אין וואַלד, זענען געווען אַ סך מענטשן, פּאַר־טיזאַנער זענען געקומען צו רייטן הין און צוריק און פריילעך איז געווען אין וואַלד ביי די קאָסטיאָרן, ווען מען האָט זיך צעזונגען. בייטאָג פלעג איך איר זען זיך גיין באָדן צום טייכל, וואָס האָט מיט אַ זיסער מורמ־לעריי דורכגעשניטן און געשוואַנקט די ברעגעס פון וואַלד און אַוועקגע־שיקט זיינע וואַסערן צו די קאַנאַלן און סטאַוון פון נאָענטן פּריצישן גוט. זי פלעגט אויף גאַנצן שעהן אַוועקגיין אין וואַלד מיט אַ קערבעלע קלייבן יאַגעדעס, רויטע זשוראווינעס, וואָס האָבן אַרויסגעבלינצלט פון די מאָ־

כיקע קוסטעס, און האָט אויך געריסן בלימלעך אויף די פּאָליאַנעס, אויס־פלעכטנדיק פאַרשיידענע קרענצלעך.

אויסערגעוויינלעך גיך האָבן קינדער זיך צוגעפּאַסט צום לעבן אין וואַלד. זיי זענען געווען נישט דערשראָקן און אַפילו שטאַרק געוואַגט. אין וואָראָשילאָוו־אָטריאַד, וואָס זיינע ערשטע גרינדער זענען געווען סערבי־קער יידן, זענען געווען צוויי צוועלף־יאָריקע יינגלעך פון די יידישע פּאַר־טיזאַנער, די ברידער באַבראָוו, וואָס האָבן דורכגעפירט ראַזוויעדקעס אין דערפער, ווו דייטשן זענען געשטאַנען. זיי פלעגן זיך איבערטאָן אין פויע־רישע מלבושימלעך, אויסזעענדיק ווי טיפּישע שקצימלעך און פלעגן אַוועקגיין אין דערפער, ברענגענדיק די גענויסטע אינפאָרמאַציעס. אין דער פּאַרטיזאַנער־מחנה פון לעגענדאַרן פּאַרטיזאַנער־גענעראַל קאָוופּאַק, איז געווען אַ גרויסע צאָל קינדער אין עלטער פון 12־14 יאָר, וואָס האָבן געפירט אַ וויכטיקע טעטיקייט אין דער פיינטלעכער זאָנע און זיך באַ־טייליקט אין קאַמפן.

אויך אַ נ ק אַ האָט זיך אַקלימאַטיזירט און זיך גוט צוגעפּאַסט צום לעבן אין אַ פּאַרטיזאַנער־מחנה. זי פלעגט העלפן דער מוטער אירער אין דער קיך־אַרבעט פאַר אַ גרופּע דיווערסאַנטן. זי האָט צונויפגעקליבן דינע טרוקענע צווייגן און קאָרע כדי פונאַנדערצינדן אַ פייער און עס געהיט, צולייגנדיק איטלעכס מאָל נייע שפּענדלעך און שייטלעך האָלץ צום קאָסטיאָר.

אָבער עס האָט זיך געענדערט די לאַגע אויף אונדזער שטח. דייט־טשישע עראָפּלאַנען האָבן אָנגעהויבן באַשיסן די וועלדער און מיר, פּאַר־טיזאַנער, האָבן אויך געשאָסן אין זיי, ווען זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריקער איבערן וואַלד. אויך די באַנדעס „באַנדעראָווצעס" האָבן גע־פירט מיט אונדז פאַרביטערטע שלאַכטן. עס האָט אָנגעהויבן אויספעלן אַמוניציע. זייער קאַרג און איינגעשרומפּן איז געוואָרן די צאָל קוילן. די גרויסע דריי האַרמאַטן האָבן געהאַט בלויז צו 5 סנאַריאַדן. די צאָל פאַר־וווּנדעטע איז אויך געוואָרן מיט יעדן טאָג גרעסער אין אונדזערע רייען און איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג. עס זענען געווען שווער־פאַרוווּנדעטע, וואָס מ'האָט זיי געדאַרפט טראַנספּאָרטירן מיט עראָפּלאַנען קיין מאָס־קווע. עס איז געווען ביי אונדז דער שווער־פאַרוווּנדעטער טאַראַס, וואָס

איז געלעגן ווי אַ שטיק לעבעדיק פלייש, אָן הענט און אָן פיס, ווי אויך בלינד.

לויט אַ פאַרשטענדיקונג מיט מאָסקווער פאַרטיזאַנער־שטאַב האָט מען אָנגעהויבן צוצוגרייטן אַן אַעראָדראָם אין שכנישן דוקראַיסקער וואַלד, כדי סאָוועטישע עראָפּלאַנען זאָלן קאָנען לאַנדן אויף צו ליפערן געווער און מען זאָל קאָנען צונעמען די פאַרוווּנדעטע קיין מאָסקווע. אינטענסיוו איז געטאָן געוואָרן די אַרבעט פאַר צוגרייטן אַ פלאַץ פאַר אַן אַעראָדראָם. אַ סך פאַרטיזאַנער זענען געווען באַשעפטיקט ביים זעגן און אויסקאָר־טשעווען די שטאַמען און מאַכן אַ ברייטן און גרויסן פלאַץ. דער אַעראָ־דראָם איז געמאַכט געוואָרן אין משך פון אַ קורצער צייט און מיט מאָס־קווע האָט מען שוין דורך ראַדיאָגראַמען זיך פאַרשטענדיקט וועגן די סיג־נאַלן און קאָלירן פון פאַקלען וואָס וועלן געגעבן ווערן בעת די סאָווע־טישע עראָפּלאַנען וועלן קרייזן אַרום דעם שטח פון אַעראָדראָם. אָבער באַלד ווי די סאָוועטישע עראָפּלאַנען זענען אַריבערגעפלויגן די פראָנט־ זאָנע, זענען נאָך זיי נאָכגעפלויגן דייטשישע „מעסערשמידס״ און זיי האָבן זיך געמוזט צוריקקערן צו זייערע באַזעס אין רוסלאַנד. זייערט אָפט פלעגן מיר הערן לופט־קאַמפן צווישן דייטשישע און סאָוועטישע עראָ־פלאַנען אין דעם הימלישן רוים, וואָס שפרייט זיך אויס איבער אונדזערע וועלדער.

דאַן האָט מען פון מאָסקווע אונדז געגעבן אַ באַפעל, אַז מיר זאָלן זיך לאָזן אין די דובניצקער וועלדער, נישט ווייט פון מאַזיר, טוראָוו, לעלטשיץ און גאַנץ נאָענט פון אָלעווסק און קאָראָסטען, באַן־סטאַנציעס אויף דער באַן־ליניע קיין קיעוו. דער מרחק אַהינצו איז געווען לערך 300 קילאָמעטער.

עס איז דאַן אַנטשטאַנען די פּראָבלעם ביי אונדז, יידן, וואָס טוט מען מיטן יידישן פאַמיליע־לאַגער, וואָס האָט געציילט העכער 100 פער־זאָן, וואָס די מערהייט פון זיי זענען געווען עלטערע מענער און פרויען, אויך אייניקע קינדער. די מיטגלידער פון פאַמיליע־לאַגער זענען נישט געווען באַוואָפנט און מיטגיין מיט אונדז אין דאָזיקן רעיד קיין דובניצק האָבן זיי נישט געקאָנט און בלייבן אַליין אויפן אָרט, אָן פאַרטיזאַנישער שוץ, איז געווען פאַר זיי אַ טויט־אורטייל, ווייל די באַנדעראָווצעס וואָלטן זיי

באַפאַלן תיכף ומיד, ווי מיר גייען נאָר אַוועק. הגם עס זענען אויך דאָן געווען פאַמיליע־לאַגערן פון אוקראַינער און פּאָליאַקן, וואָס וואָלטן אויך אומגעבראַכט געוואָרן פון די באַנדעראָווצעס. אין אוקראַינישן פאַמיליע־לאַגער זענען אויך געווען עלטערע מענער און פרויען און קינדער, וואָס זייערע זין, עלטערן און ברידער זענען געווען אין די פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן און די באַנדעראָווצעס פלעגן אַזוינע פערזאָנען און קינדער דערשיסן. דער פוילישער פאַמיליע־לאַגער איז אויך געווען אונטער דער זעלביקער גע־פאַר. דער לאָזונג פון די אוקראַיינישע פאַשיסטן איז דאַך געווען — „פּראָ־טי פּאָליאַקיוו, טאַ פּראָטי זשידיוו" (קעגן די פּאָליאַקן און יידן).

דער שטאַב האָט אַוועקגעשיקט רייטערס צו די פּאַרטיזאַנער פון דער „מאָלאָטאָוו־בריגאַדע" דערוויסן זיך, אויב זי וועט געבן שפּייז און באַ־שיצונג די פאַמיליען־לאַגערן, ווייל אונדזערע אָטריאַדן גייען אַוועק אין אַ וויטן רעיד. די רייטער האָבן זיך אומגעקערט מיט אַ פּאָזיטיוון ענטפער.

די „מאָלאָטאָוו"־בריגאַדע האָט זיך געפונען אין די בלאָטעס און וועלדער אַרום פּינסק. אַ שטאַרקע פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג מיט אויטאָמאַ־טישן וואָפן האָט באַגלייט די פאַמיליע־לאַגערן צו דער „מאָלאָטאָוו"־ברי־גאַדע, וועלכע האָט אויסגעפילט איר פאַרפליכטונג. די פאַמיליע־לאַגערן זענען געוואָרן באַזאָרגט מיט שפּייז און באַשיצונג און האָבן דערוואַרט ביז די רויטע אַרמיי האָט באַפרייט פּינסק מיט איר גאַנצער אומגעגנט.

עס איז אַנטשטאַנען די פּראָבלעם — וואָס טוט מען מיט אַנקען, ווייל דער שטאַב איז געווען קאַטעגאָריש קעגן מיטנעמען אַ קינד אויף אַזאַ געפערלעכן פאַרגעב. אויפן וועג האָט מען געדאַרפט פירן קאַמפן מיט די באַנדעראָווצעס און מיט דייטשישע רעגימענטן ביים אַריבערגיין די באַן־מאַגיסטראַלן, ווו זיי זענען געווען שטאַרק באַפעסטיקט מיט אַ סך דאָטן און פאַרטיידיקונג־פּונקטן.

דער איינציקער אויסוועג איז געווען, אַז די עלטערן האָבן געדאַרפט מיטגיין מיט זייער טעכטערל צוזאַמען מיטן יידישן פאַמיליע־לאַגער. ס'איז מיר שווער עד־היום צו באַגרייפן, פאַרוואָס האָבן זיי אַזוי נישט גע־האַנדלט. מען האָט אַנגעהויבן זוכן אַ פּלאַץ ווו צו פאַרשטעקן אַנקען. די גוטע פויערטע מאַטיאַנאַ האָט געוווינט ווייט און אין יענע דערפער האָבן גראסירט „באַנדעראָווצעס".

מיט אַנקען האָט זיך אינטערעסירט דער פּוילישער אָטריאַד א. ג. פון „קאַשציושקאָ", וואָס איז געשטאַנען דאַן צוזאַמען מיט אונדז. דער קאָמאַנדיר פון דאָזיקן אָטריאַד איז געווען ד"ר יוזעף פּרנס.

נעבן טייכל איז, אין סאַמע וואַלד, געשטאַנען אַ כאַטע און דאָרט האָט געוווינט אַ פּויער מיט זיין געזינט. איז באַשלאָסן געוואָרן צו ריידן מיטן פּויער, ער זאָל נעמען דאָס קינד צו זיך אין שטוב ביז מען וועט זיך צוריקקערן פון פּאַרטיזאַנער־מאַרש. מען האָט אים נישט געזאָגט, אַז ס'איז אַ יידיש קינד, נאָר אַז ס'איז אַ פּוילישע מיידעלע. סאַמאָראָדנע פּאָליאַקן האָבן געפירט מיט אים דעם דאָזיקן משא ומתן, צוזאָגנדיק אים גוט צו באַצאָלן דערפאַר.

דער פּויער האָט איינגעשטימט. דאָס קינד, אַנקאַ, וואָס האָט אויסגעזען „אַריש", האָט קיין שום חשד נישט געקאָנט אַרויפּברענגען אויפן זינען, אַז ס'איז אַ יידיש קינד. עס האָט גערעדט זייער גוט אוקראַיניש.

איך האָב געזען ווי מען האָט אַנקען אַוועקגעפירט צום פּויער. די עלטערן זענען געשטאַנען פון ווייטן. זי איז געגאַנגען מיט פולן פאַרשטאַנד, דעצידירט איז געווען איר קליינער טראָט, אָבער שטאַרק־אומעטיק און פאַרטראַכט איבער איר גורל.

דעם פּויער האָט מען געגעבן דערפאַר וואָס ער וועט האַלטן אַנקען אַ בהמה און אַ פּאָר זעק קאָרן. מען האָט אים פאַרזיכערט, אַז ווי מען וועט זיך צוריקקערן, וועט מען אים געבן אַ פערד און וואָגן אַ צולאָג. אָבער מען האָט אים פאַרזאָגט, אַז ער מוז איר גוט היטן און איר געבן שוץ ווי אויך אַ גוטע באַהאַנדלונג.

מיר זענען אַוועק צו די דובניצקער וועלדער. אויפן וועג האָט מען געפירט קאַמפן מיט באַנדעראָווצעס און דייטשן. שווערע חדשים פון פאַרטיזאַנער־קאַמפן זענען דורכגעגאַנגען ביז מיר זענען אַרויס פון די וועלדער אין באַפרייטע שטעט. נישט ווייניק פון אונדזערע פּאַרטיזאַנער זענען געפאַלן אין שווערע שלאַכטן און זייערע קערפּערס זענען געשענדט געוואָרן דורך פאַרשיידנמיניקע פאַשיסטן.

די עלטערן פון אַנקען זענען ניצול געוואָרן פון פיינטלעכע קוילן און אַרויס פון די וועלדער אין פעברואַר 1944. איך האָב זיך מיט זיי געטראָפן

גאַנץ אָפּט און יעדעס מאָל געפרעגט וועגן זייער טאָכטער און ווען זיי פאָרן צום פויער איר ברענגען.

דער קריג איז געגאַנגען און אויך די באַנדעראָווצעס האָבן געפירט קאַמפן מיט רעגולערע אָפּטיילונגען פון דער רויטער אַרמיי. זיי, די באַנ־דעראָווצעס, האָבן פאַרכאַפּט די וועלדער און געפירט קאַמפן מיט סאָוועטישע רעגימענטן אויפן זעלביקן נוסח און שטייגער ווי מיר, פּאַרטיזאַנער, האָבן געקעמפט קעגן זיי און קעגן די דייטשן. שווער איז געווען צו מאַכן די נסיעה צום פויער אין לאַסיצקאָער וואַלד.

די עלטערן האָבן געוווינט אין ראָוונע. איך בין אָפּגעפאָרן פון ראָוו־נע אויף אַ געוויסער צייט. בעת איך בין צוריקגעקומען, איז מיין ערשטער וויזיט געווען ביי אַנקעס עלטערן. איבעראַשט בין איך געוואָרן, אַז איך האָב אַנקען געטראָפן אין שטוב. ס'איז געווען אָוונט־צייט. די מוטער האָט איר צוגעגרייט דאָס געלעגער צו גיין שלאָפן. מיין פרייד איז געווען גרויס, וואָס זי האָט זיך צוריקגעקערט בשלום פון ווילדן וואַלד און פון אַ ווילד־פרעמדן פויער.

אַנקע איז שוין געלעגן אויף איר געלעגער און די מוטער האָט מיר דערציילט אַלע פּרטים ווי זי איז געפאָרן איר אויפזוכן און ווו זי האָט אַנקען געפונען:

אַנקע איז געווען ביים פויער געציילטע טעג בלויז. די קינדער פון פויער האָבן זי פיינט געהאַט, זי געשלאָגן און געטריבן פון שטוב, ווען דער פויער און די פויערטע זענען געווען אין פעלד אָדער אין וואַלד. פאַר־נאַכט פלעגט דער פויער זיך צוריקקערן פון זיין פעלד־אַרבעט. איינמאָל איז זי אַרויס אַקעגן אים. עס איז שוין געווען טונקל אין דרויסן. זי האָט אים אָפּגעשטעלט און געזאָגט, אַז איר איז שלעכט ביי אים און זי וויל מער ביי אים נישט זיין, דערציילנדיק ווי זיינע קינדער שלאָגן זי. „איז וווּ־זשע ווילסטו גיין?", האָט געפרעגט דער פויער. „נעם און שפּאַן איין דאָס פערד און פיר מיך אַוועק, ווו מיר וועט זיין גוט". „אָבער וווהין זאָל איך דיך פירן?" „איך וועל דיר שוין ווייזן" — האָט געזאָגט אַנקע. „ווי וועל איך דיך פירן איינע אַליין, די באַנדעראָווצעס זענען איבער אַלע וועגן, און וועלן קלערן, אַז דו ביסט אַ יידיש קינד?" — האָט איר גע־זאָגט דער פויער. „טאָ נעם לייג אָן אין וואָגן געווגוג שטרוי און היי און

כ׳וועל זיך פאַרנורען טיף און קיינער וועט מיך נישט זען״ — האָט דעם פויער געעצהט די קלוגע אַנקע.

אויף מאָרגן פרי האָט דער פויער איינגעשפּאַנט פערד און וואָגן און אין די הויכע סטראָמינעס האָט ער אַנגעלייגט אַ וואָגן מיט שטרוי און היי. אינעווייניק האָט ער פאַרנורעט אַנקען, וועלכע האָט אים אַנגעזאָגט, ער זאָל פאָרן צום דאָרף מולטשיץ, און דאָרט, ביי אַ וועלדל, וועט זי אים ווייזן דעם וועג.

ער איז אַוועקגעפאָרן מיט איר און זי צוגעפירט צום וועלדל. אַנקע האָט אַרויסגעשטעקט איר קעפּל מיט די העל־געלבע האָר און האָט אים אָנגעוויזן אַ קליינעם שטעג, ווו ער זאָל פאָרן. מען האָט זיך געדאַרפט פאַרקירעווען אין אַן אַנדער ריכטונג, און זי האָט אים ווידער געוויזן. מען איז פאַרבייגעפאָרן דעם דאָרפישן צווינטער און אַ וועג, אויף וועלכן עס זענען געשטאַנען אַ פּאָר צעפוילטע צלמים און צוגעפאָרן צו אַ כאַטע. „נישט די כאַטע, אָט יענע כאַטע דאַרף איך האָבן!״ — האָט מיט עקסטאַז אויסגערופן אַנקע. דער פויער האָט איר געבראַכט צו „אָט יענער כאַטע״, וועלכע איז געשטאַנען נעבן עטלעכע אָלשינעס. ווי די פור האָט זיך אָפּ־געשטעלט, איז טאַטיאַנאַ אַרויסגעלאָפן און האָט מיט אַן אויסגעשריי אויסגערופן: אַ נ ק אַ מ אָ י ע ז ל אָ ט ק אָ ! דער פויער האָט אַנקען אַראָפּגענומען פון וואָגן און אַנקע איז אַריינגעלאָפן אין דער הייזקע, ווי צו זיך אַהיים.

דער פויער איז אַוועקגעפאָרן און אַנקע איז געבליבן ביי טאַטיאַנאַן, וועלכע האָט איר געהיט מיט דער גרעסטער איבערגעבנקייט און ליב־שאַפט. די פויערטע האָט אויסגערעכנט, אַז אַנקע וועט שוין ביי איר פאַר־בלייבן אַלס אַן אייגן קינד, טראַכטנדיק אַז די עלטערן וועלן פאַלן אין קאַמף מיט די דייטשן. זי פלעגט איר פירן אין דאָרפישן קלויסטער, אָבער אין אַנקען האָט געגליט דאָס „פינטעלע ייד״ און זי איז קיינמאָל נישט אַריינגעקומען אינעווייניק אין קלויסטער. זי פלעגט פאַרבלייבן אין הויף און זיך געשפּילט מיט די שיקסעלעך פון מולטשיץ. ביי דער פויערטע איז געווען דער געדאַנק צו טויפן אַנקען און זי האָט דעם גאַנצן ענין אַנגע־טרויט דעם גלח, וועלכער האָט איר אָפּגעהאַלטן פון דאַזיקן שריט, טאָ־מער קערן זיך צוריק אום אַנקעס עלטערן.

ווען אַנקעס מאַמע איז געפאָרן זוכן איר קינד, איז זי געפאָרן צום פּויער. ער האָט איר דערציילט ווי זי איז צו אים צוגעשטאַנען אין אַ פּאַרנאַכט און ער האָט איר אַוועקגעפירט אין אַ כאַטע פון אַ ווּעלדל, נעבן דאָרף מולטשיץ.

לויט דעם פּויערס רייד איז זי גלייך געפאָרן צום דאָרף מולטשיץ, באַגרייפנדיק, אַז זי מוז זיין ביי טאַטיאַנאַן. זי איז אַריינגעפאָרן אין דאָרף מולטשיץ, ווו ס׳איז געווען עטאַבלירט די סאָוועטישע מאַכט. זי האָט געהאַט פון ראָוונע גענומען אַ בריוו פון גענעראַל ביעגמאַ, אַז אַלע מאַכט־אָרגאַנען זאָלן העלפן אויפזוכן איר טאָכטער. זי איז אַריין מ׳יטן בריוו צום פּאָרזיצער פון סעלסאָוועט (דאָרף־ראָט) און האָט אים געבעטן, ער זאָל שיקן אַ שליח נאָך אַנקען מיט דער פּויערטע טאַטיאַנאַ, אָנזאָגנ־דיק איר, אַז דער גענעראַל פון די פּאַרטיזאַנער האָט פאַר איר געשיקט אַ געשאַנק פאַר אויסבאַהאַלטן אַ יידיש קינד פון די היטלער־רוצחים. זי דאַרף אָבער קומען צוזאַמען מיט אַנקען. ווען דער מוטערס קומען האָט מען פאַר איר פאַרהוילט.

טאַטיאַנאַ איז געקומען מיט אַנקען צום סעלסאָוועט, ווו ס׳איז געווען די מוטער. די פּויערטע איז געוואָרן אין גאַנצן צוזאַמענגעבראָכן און האָט ספּאַזמאַטיש זיך פונאַנדערגעוויינט. די מוטער האָט איר געגעבן אַ געשאַנק, אָבער דאָס האָט נישט איינגעשטילט טאַטיאַנען.

די פור איז באַלד איינגעשפּאַנט געוואָרן און אַנקע מיט דער מוטער האָבן זיך געזעצט אויף אָפּצופאָרן. ווען די פערד האָבן אָנגעהויבן גיין, האָט טאַטיאַנאַ אַ פאַל געגעבן צו די קאָפּיטעס פון די פערד און נישט געלאָזט פאָרן. עס איז געוואָרן אַ טומל ביים הויז פון סעלסאָוועט און אַ גרויס געזעמל דאָרפלייט איז זיך צוזאַמענגעלאָפן. די פּויערטע האָט געבעטן ביי אַנקעס מוטער, זי זאָל איר כאָטש געבן אַנקען אויף דריי טעג צו זיך אַהיים, כדי זיך אָנקוויקן מיט איר, איידער זי צעשיידט זיך מיט איר אויף אייביק. די מוטער איז געווען גערירט פון טאַטיאַנאַס ליבשאַפט צום קינד און זי האָט געפרעגט ביי אַנקען, אויב זי וויל גיין צו דער מומע טאַטיאַנע אויף דריי טעג. אָן שום וואַקלונג האָט אַנקע געענטפערט — יאָ, מאַמע!

די מוטער איז געבליבן אין דאָרף און אַנקע איז אַוועק צו טאַטיאַנען.

די דאָזיקע דריי טעג זענען פאַר אַנקעס מאַמע געווען מער ווי דריי יאָר. זי האָט שטאַרק חרטה געהאַט פון דעם וואָס זי האָט געלאָזן איר קינד צו־גיין מיט טאַטיאַנען, שרעקנדיק זיך טאָמער וועט זי ווו פאַרשווינדן מיט איר. שטאַרק אומרואיק איז זי געווען. אָבער ס׳איז קיין זאַך נישט געשען מיט אַנקען. פונקט צו די דריי טעג האָט טאַטיאַנע זיך צוריקגע־קערט מיט אַנקען.

טאַטיאַנאַ האָט מיט הייסע און זודיקע טרערן זיך געזעגנט און לאַנג געקושט איר ליבלינג. די פור האָט גערירט פון אָרט און אַרויסגעפאָרן פון דאָרף. לאַנג, לאַנג האָט טאַטיאַנאַ נאָכבאַגלייט מיט אירע בליקן די אָפּפאָרנדיקע.

ווען אַנקע מיט דער מוטער זענען שוין געווען ווייט פון די פעלדער און פאַשעס אַרום מולטשיץ און זענען שוין אַריבערגעפאָרן מיטן פאַראָם דעם „סטיר", האָט פאַליע געפרעגט איר קינד, הלמאַי זי האָט איר פאַר־שאַפט עגמת נפש מיט דעם, וואָס זי האָט איינגעשטימט אַוועקצוגיין מיט טאַטיאַנען אויף דריי טעג און האָט זיך נישט גערעכנט וואָס איר מאַמעס האַרץ איז שיעור נישט אויסגעגאַנגען פון קלערענישן און שרעק איבער איר.

— מאַמע, ווי האָב איך אָט דער גוטער טאַטיאַנען געקאָנט אָפּזאָגן און דאָס נישט טאָן? זי האָט דאָך מיך געהיט ווי אַן אייגן קינד און גע־ראַטעוועט מיין לעבן, און זי וואָלט דאָך מיך קיינמאָל נישט איבערגע־לאָזט אין ווילדן וואַלד ביי אַ פרעמדן גוי אין די הענט, ווו די קינדער זיינע האָבן מיך געשלאָגן... כ׳האָב דער מומע טאַטיאַנע שטאַרק ליב און האָב נישט געהאַט קיין האַרץ נישט צו פאָרן צו איר אויף די דריי טעג...

דאָס איז אין קורצן דער אופן און פאַרלויף ווי אַנקאַ האָט זיך גוט אָריענטירט אין איר אומבאַהאָלפענער לאַגע.

זי, אַנקאַ, האָט אַרויסגעוויזן נישט ווייניקער דרייסטקייט און שנעלע אָריענטאַציע ווי דער בראַווסטער און העלדישסטער פּאַרטיזאַן. זי איז געווען באַשאַנקען מיט קלוגשאַפט און פאַרשטאַנד און האָט דערצו גע־האַט אַ לויטערן געוויסן, אַרויסווייזנדיק דאַנקבאַרקייט, פאַרשטענדעניש און מיטגעפיל צו איר רעטערין.

קאַמפן מיט דייטשן אין ליטינסק

אין סוף סעפּטעמבער 1943, האָבן מיר איבערגעלאָזט די אויפגעשלאָגענע צעלטן אין לאַסיצקאָער וואַלד און אַוועק מיטן שליאַך, וואָס האָט געפירט צו וואָלין. עס זענען געגאַנגען אַלע אָטריאַדן פון דער „פאַראייניקונג". דער אַבאַז איז געווען אַ גרויסער, ווייל יעדער אָטריאַד האָט דאָך מיטגענומען זיין ווירטשאַפט און זיין סטאַדע בהמות. עס האָט אויסגעקוקט ווי מיר וואָלטן זיך געלאָזט מיט קאַראַוואַנען אין אַ מדבר.

אין דרויסן האָט זיך שוין אָפּגעמערקט דער צייכן פון האַרבסט און אַ טיפער מעלאַנכאָלישער שווייגן האָט ווי גערונען פון דער האַרבסטיקער נאַטור, הגם די פרימאָרגנס זענען געווען דורכגעשפּרייט מיט בלענדנדיקע זונען־שיינען. עס האָט טיף אין זיך געגנאַיעט דער צער, וואָס איז געווען איינגעזעסן אין האַרצן.

מיר זענען ווידער געגאַנגען איבער די זעלביקע וועגן, וועלכע מיר האָבן שוין נישט איינמאָל באַטראָטן אין משך פון דעם פּאַרטיזאַנער־יאָר. מיר זענען געגאַנגען איבער באַקאַנטע וועלדער, פעלדער און לאָנקעס, איבער דערפער און ישובים, וואָס איך האָב זיי גוט געוווּסט נאָך פון מיין סערניקער קינדהייט.

צוליב פאַרזיכטיקייט איז פאָרויס געפאָרן די ראַזוויעדקע פון שטאַב אין אַ צאָל פון עטלעכע צענדליק רייטערס, מיט זייער קאָמאַנדיר אַלעק אַ ב ו ג אַ ו. זיי זענען די ערשטע אַריינגעפאָרן אין די דערפער, אַריינגעבליקט אין די קליונעס און אין די הייזער, אויב עס באַהאַלטן זיך נישט אויס קיין באַוואָפנטע באַנדעראָווצעס. זיי האָבן געריטן מיט אַ גרויסער געשווינדקייט, אויפהייבנדיק אַ שטויב איבערן וועג.

נאָך דער ראַזוויעדקע זענען געגאַנגען די פּאַרטיזאַנער פון די אָטריאַדן א. נ. פון „וואָראָשילאָוו", „סוואָראָוו", „טויט דעם פאַשיזם", א. נ. פון „שעווטשענקאָ", „ניעווסקי", „טשאַפּאַיעוו", א. א.

אַ שטאַרקע פּאַרטיזאַנישע שמירה איז געגאַנגען מיטן אַבאַז פון די פאַרוווּנדעטע.

נאָך די פורן מיט די פאַרוווּנדעטע זענען געגאַנגען נאָך אָטריאַדן מיט זייערע שטאַבן.

מיר האָבן מאַרשירט צופוס. אַ סך פון אונדז האָבן געריטן.

אייניקע טעג האָט געדויערט ביז מיר זענען געקומען אין גראַף פּלאַ־טערס וואַלד. אויף פּאַליאַנעס און אין וועלדער האָבן מיר געמאַכט נאַכט־לעגערס. עס האָבן אין די נעכט געברענט גרויסע שייטערס.

ביי אַ קאַסטיאַר, וואָס די פּאַרטיזאַנער האָבן איטלעך מאָל צוגע־לייגט האָלץ, פלעג איך הערן די ראַדיאָ־קאָמוניקאַטן. כמעט דער גאַנצער שטאַב פלעגט אָפּהיטן די צייט פון די אוידיציעס, ווען מאָסקווע האָט אָנ־געגעבן די פראָנט־ידיעות. יעדן טאָג זענען געווען נייע דעראָבערונגען פון דער רויטער אַרמיי, און יעדן איינעם האָט דאָך בלוטיק אינטערע־סירט די לאַגע אויף די פראָנטן.

אייניקע טעג זענען מיר געווען אין פּלאַטערס וואַלד אויף וואָלין. אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער איז אַוועק אין דאָרף וויעלון, כדי צו זען זיך פאַר־שטענדיקן מיט די דאָרטיקע פּויערים, וועלכע זענען געווען פּראָ־פּאַרטי־זאַניש־אָריענטירטע, אַז זיי זאָלן העלפן פאַריכטן די בריק איבער דעם „האָרין“. אויך האָבן זיי געדאַרפט באַזאָרגן אַ פאַרזיגלטן בריוו פאַר די דייטשן, מיט אַ התראה, אַז אויב זיי וועלן אונדז נישט אָנגרייפן ביים דורכגיין די באַן־ליניע, נעבן „ביאַלאַ נאַד האָריניעם“, וועלן די פּאַרטי־זאַנער זיי אויך נישט אָנגרייפן. צוליב דעם גופא האָבן מיר זיך פאַר־האַלטן אין פּלאַטערס וואַלד אייניקע טעג.

ביים ראַנד פון וואַלד איז געווען אַ קליין דאָרף ל י ט י נ ס ק. ביינאַכט פלעגן פּאַרטיזאַנער גיין נעכטיקן אין דאָרף, אַ פּאָר אָטריאַדן האָבן זיך איינגעקוואַרטירט אין דאָרף גופא.

עס איז נאָך געווען פינצטער אין דרויסן. ליאָוואַ דאַלינקא האָט שוין אַרויסגענומען דעם טשעמאָדאַן שריפט אויף צו זעצן די ראַדיאָ־ידיעות פון דער נאַכט, וואָס כ'האָב זיי אויפגענומען און צוגעגרייט צום דרוק. כ'האָב זיך אָנגעלענט אָן אַ סטויג היי, קלערנדיק כאַפּן אַ דרימל אויף אַ פּאָר שעה. נישט ווייט פון מיר איז געלעגן דער גענעראַל, אין זיין אוניפאָרם. פלוצלינג דערהער איך אַ שטאַרקע שיסעריי. דער גענעראַל האָט זיך אַ טרייסל געגעבן און איך האָב זיך אויך גיך אויפגעשטעלט. די שיסעריי ווערט שטאַרקער. סנאַריאַדן פליען איבערן וואַלד מיט אַ שטאַרקער סווישטשעריי. די פּאַרטיזאַנער, וואָס זענען געשטאַנען אָדער

געגנעכטיקט אין דאָרף, זענען אַריינגעלאָפן אין וואַלד מיט הויכע אויס־רופן: „נימצי! נימצי!"

גראָד זענען די פערד פון דעם אַבאַז געווען אויסגעשפּאַנט, און האָבן זיך געפּיטערט אין וואַלד און אויף דער אָפענער פּאָליאַנע נעבן דאָרף. עס איז געוואָרן אַ פּאַניק אין אונדזערע רייען. מען האָט קודם־כל געזען אויפצוזוכן די פערד, כדי גרייט צו מאַכן דעם אַבאַז אַריינצופאָרן טיפער אין וואַלד. ליאָווא האָט באַלד אַוועקגעלייגט דעם טשעמאָדאַן אויפן וואָגן. פעדיאַ, דער רעדאַקציע־פורמאַן, האָט אויך גיך אויפגעזוכט די פערד, און דער רעדאַקציע־וואָגן איז שוין געווען פאַרטיק צום וועג.

נאָך מיטן שלאָף אויף די וויעס האָבן זיך פאַרמירט אויף גיך די אָטריאַדן און זענען אַרויס אין קאַמף מיט די דייטשן, וואָס זענען געווען אויף אַן אָפענער פּאָליאַנע.

עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ פאַרביטערטע שלאַכט, וועלכע האָט גע־דויערט אַ פּאָר שעה. די דייטשן זענען באַזיגט געוואָרן. 60־65 דייטשן האָט מען געפונען ליגן טויט אויף דעם קאַמף־פּלאַץ. אויך אייניקע פּאַר־טיזאַנער זענען געפאַלן אין דאָזיקן קאַמף. עס איז דאַן געפאַלן דער יידי־שער פּאַרטיזאַן קראַנענבערג, וועלכער האָט נאָך באַוויזן מיט מיר זיך זעגענען איידער ער איז אַרויס מיט זיין אָטריאַד אין קאַמף. מען האָט געשמועסט, אַז אַ פּאַרטיזאַן, אויס כעס אויף אים, הלמאַי ער האָט גע־שאָסן דעם קריסטלעכן פּאַרטיזאַן אין לאַסיצקאָער וואַלד, ווען ער איז געשטאַנען אויף פּאָסט, האָט קראַנענבערגן דערשאָסן.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די דייטשן זענען געווען שלעכט אינפאָר־מירט. מען האָט זיי איבערגעגעבן, אַז פּאַרטיזאַנער גייען צום „האַרין", אָבער זיי האָבן נישט געוווסט, אַז מיר זענען אין אַזאַ גרויסער צאָל. דעריבער האָבן זיי זיך געלאָזט אין אַ צאָל פון 200, נישט מער. אַזוי האָבן אונדז דערציילט די פּראָוואָדניקעס, וואָס האָבן זיי געפירט און זענען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די פּאַרטיזאַנער.

מיר האָבן דעראָבערט טראָפייען און געפאַנגען אַ דייטש מיט די צוויי פּראָוואָדניקעס, וואָס איינער פון זיי איז געווען אַ פּאָליאַק און איי־נער אַן אוקראַינער. די דאָזיקע דייטשישע עקספּעדיציע האָט געטראַכט, אַז זי וועט אונדז לייכט באַזיגן. אָבער זי האָט געהאַט אַ טעות. מיר זע־

נען געווען אַ גרויסע קראַפט. חוץ דעם איז זייער קאַמף־פּאָזיציע געווען אַן ערגערע ווי אונדזערע, ווייל זיי זענען געווען אויף אַן אָפן פעלד און מיר האָבן זיי באַשאָסן פון ראַנד וואַלד און פון די קוסטעס.

דער געפאַנגענער דייטש איז געווען דער געביט־קאָמיסאַר פון סטאָלין, און איז מיט 2־3 טעג צוריק געקומען אויפן דאָזיקן אָמט אַזש פון האַמבורג. ער איז געווען אַ הויכוווקסיקער, אַ בלאָנדער, אַן עכטער ראַסאָווער דייטש.

מען האָט אים באַלד אַראָפּגענומען זיינע עסעסישע בגדים מיט אַלע זיינע מעדאַלן, איבערלאָזנדיק אים שטיין אַ באָרוועסן, אין זיין ריין־געוואַשענעם זיידענעם העמד, וואָס ער האָט עס געבראַכט, מסתמא, פון האַמבורג.

איך בין געווען זיין איבערזעצער. אויף מ׳יינע פראַגעס האָט ער קיין וואָרט נישט געענטפערט. ער האָט בלויז געזאָגט, אַז מען זאָל אים נישט טויטן, ווייל ער האָט אַ פרוי און אַ קינד. כ׳האָב אים דאַן געזאָגט, אַז די דייטשן האָבן דאָך דערמאָרדעט מיין פרוי און קינד און איך האָב אים אָנגעוויזן אויף נאָר יידן, וועמענס פרויען און קינדער זענען אומגעקומען פון די דייטשן. ער האָט אויף דעם נישט געענטפערט. ווען כ׳האָב אים געזאָגט, אַז אין אַלץ איז שולדיק דער פאַרפלוכטער היטלער, האָט ער אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, און דערנאָך האָט ער גאַנץ הויך אויסגעשריגן: „איך שימפּע ניכט דען פירער. אַדאָלף היטלער, ניכט!

די צוויי פּראָוואָדניקעס זענען געשטאַנען און זיך געבעטן, מען זאָל זיי לאָזן לעבן, און האָבן געטענהט, אַז זיי זענען גרייט אַריינצוטרעטן אין די פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן.

דער באַפעל פון גענעראַל איז געווען, מען זאָל זיי אַלעמען דערשיסן. דעם יידן אַלעק אַבוגאַוו איז באַפוילן געוואָרן אָפּצופירן זיי אין אַ טאָל, ווו זיי זענען דערשאָסן געוואָרן.

דער גאַנצער טאָג איז געווען אין אונדזערע רייען אַן אומרואיקער, ווייל אַלע האָבן געקלערט, אַז די דייטשן וועלן אַ ליאַדע שעה אָנקומען מיט גרעסערע כוחות. אויך האָבן מיר דאָך געדאַרפט דעם זעלביקן אָוונט אַריבערפּראָווען זיך דעם „האָרין“ און דערנאָך גיין 3־4 ק״מ אַקעגן דער באַן־סטאַנציע, ווו עס איז געשטאַנען אַ דייטשישער גאַרניזאָן. געוויס

וויסן זיי פון דעם קאַמף מיט דייטשן אין ליטינסק, און אויך האָבן זיי געוווּסט, אַז מיר דאַרפן אַריבערגיין די שטרעקע צו דער באַן־סטאַנציע, ווייל זיי האָבן דאָך אויף זיכער געקראָגן דעם פאַרזיגלטן בריוו פון שטאַב.

אונדזערע ראַדיסטן האָבן אָנגעפרעגט מאָסקווע ווי זאָל מען טאָן, אויב מען זאָל גיין פאָרויס אָדער מען זאָל זיך צוריקקערן. ערשט פאַר־נאַכט איז אָנגעקומען דער ענטפער, אַז מען זאָל גיין פאָרויס. מען האָט שוין צוגעגרייט דעם אָבאָז און פורן האָבן זיך גערירט אין וועג. פּלוצלינג זענען ווייטער אָנגעקומען דייטשן און האָבן אָנגעהויבן מוראדיק באַשיסן דעם וואַלד. מען איז ווידער אַרויס אין קאַמף. עס האָט געדויערט אַ האַל־בע שעה און די דייטשן האָבן ווידער פאַרלאָרן 20־30 מענטשן, און אין פּאַניק זענען זיי אַנטלאָפן, נישט באַווייזנדיק מיטנעמען די טויטע קער־פּערס.

ווען ס׳איז געוואָרן פינצטער, האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג. פון וואַלד ביז דעם טייך „האָרין״ איז געווען 10־12 ק״מ. מיר זענען געקו־מען צום טייך, און אין גרויסער שטילקייט אָנגעהויבן אַריבערפּראַוועון די פורן מיט פאַרוווּנדעטע. ווען אַלע פורן האָט מען אַריבערגעפירט, איז די בריק פונדערגעפאַלן געוואָרן. ס׳איז גוט וואָס דער טייך איז דאָ נישט געווען טיף, איז מען אויף פערד, רייטנדיק, אַריבערגעשווומען. אַלע זענען אַריבער אויף דער צווייטער זייט.

מיט שרעק האָבן מיר זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון דער באַן־סטאַנציע. אויף צו להכעיס איז די נאַכט געווען אַ ליכטיקע און די דייטשן האָבן געקאָנט זען פון ווייטן אונדזער אָבאָז. מיר זענען געגאַנגען קאַמפּ־גרייט. דערהויפּט האָבן מיר זיך געשראָקן פאַרן גורל פון די פאַרוווּנדעטע אויף די פורן. יעדער שפּאַן איז געווען פול מיט שרעק און יעדע רגע — אַ יאָר. אָט פאָרן מיר צו אַלץ נענטער צו דער סטאַנציע „ביאַלאַ״. עס איז אויסגעקומען ווי מיר פאָרן צום לייב אין די ציין. מיר קומען אַלץ נענטער און נענטער, און מיר זעען די דייטשן וואַרפן ראַקעטן, וואָס באַלייכטן אונדז.

מיר זענען צוגעקומען גאַנץ נאָענט פון זיי. אָבער זיי שיסן נישט אין אונדז. די פּאַרטיזאַנער האַלטן גרייט דאָס וואָפן און קוקן אין דער ריכ־

טונג פון דער באַן־סטאַנציע. אַט זענען מיר שוין געציילטע מעטער פון די דייטשן און ס׳איז רואיק.

מיט שרעק און מיט גרויסן אומגעדולד זענען מ׳יר פאַרבייגעפאָרן די סטאַנציע און זיך דערווייטערט אַלץ מערער און מערער פון די דייטשישע דאָטן.

נאָענט איז געווען אַ וועלדל און דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן ציען אַ גרויסער וואַלד, אויף 30 ק״מ, ביז דעם דאָרף אָזיערי, אויף וואָלין. דאָרט אין וואַלד זענען מיר געווען אויסער יעדער געפאַר.

מיר זענען איצט געפאָרן מיט זיכערקייט, ווי אויף אַ באַפרייטער טעריטאָריע. כ׳האָב אינסטאַלירט די ראַדיאָ, בעת מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, און צוגעגרייט צום דרוק די ראַדיאָ־קאָמוניקאַטן. מיטן גענעראַל האָבן מיר זיך באַראַטן וועגן דעם אינהאַלט פון קומענדיקן נומער „טשערוואָני פּראַפּאַר״ און מכוח דרוקן אַן אויפרוף צו דער באַפעלקערונג וועגן זיג איבער די דייטשן אין ליטינסק.

די רייטערס אונדזערע פון דער ראַזוויעדקע זענען אָוועקגעפאָרן פאָרויס, קיין „אָזיערי״, ווו ס׳איז געשטאַנען אונדזער בריגאַדע. מיר זענען אָנגעקומען אין דאָרף ערשט פאַרנאַכט. ביים אַריינפאָר, איז פאַר אונדז דעקאָרירט געוואָרן אַ טויער, באַפּוצט מיט רויטע פאָנען און אויף גרויסע פּלאַקאַטע פון לייוונט, זענען געווען אָנגעשריבן די לאָזונגען: „רום די פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן באַזיגט די דייטשן אין ליטינסק און רום די קעמפער מיט די דייטש־פאַשיסטישע הענקערס!״

דער סטאַראָסטע פון דאָרף האָט דערלאַנגט ברויט מיט זאַלץ דעם גענעראַל, לויטן אַלטן סלאַווישן מנהג, און ער האָט געזאָגט עטלעכע ווערטער, באַטאָנענדיק, אַז דאָס גאַנצע דאָרף העלפט און וועט העלפן באַזיגן דעם נאַצי־פאַשיזם.

אָזיערי — אַ גרויסער פּאַרטיזאַנישער צענטער

אָזיערי, איז אַ דאָרף אין וואָלין, איינער פון די גרעסטע דערפער אין יענער געגנט. די לענג פון דאָרף איז 4־5 ק״מ און ביי איין זייט פון דאָרפישע הייזער איז געווען אַ גרויסע און ברייטע אָזיערע, וועלכע האָט

זיך געצויגן אַזש ביז דער לעצטער כאַטע. נאָענט איז געשטאַנען דער וואַלד, וואָס האָט זיך געצויגן פון איין זייט ביז דעם „האָרין" און פון דער צווייטער זייט האָט ער דערגרייכט ביזן סאַמע סוף פון דער געוועזענער פּויליש־סאָוועטישער גרענעץ.

אַזיערי האָט געהערט צו פּוילן, און נישט געקוקט אויף דעם, האָט זי גאַנץ ווייניק אַדאַפּטירט פּוילישקייט. דאָס דאָרף, געפינענדיק זיך נאָענט צו דער גרענעץ, איז די גאַנצע צייט גייסטיק געווען מער אָריענטירט אויף רוסלאַנד. הגם דאָס דאָרף איז געווען אין גאַנצן עטלעכע ק"מ פון די אוקראַיניש־פאַשיסטישע דערפער, דאָך האָט נישט געוואָגט קיין איינציקער באַנדעראָוועץ אַריינצוקומען אין דאָרף און קיין שום נאַציאָנאַל־פאַשיסטישע פּראָפּאַגאַנדע איז אין דאָרף נישט געפירט געוואָרן. אייניקע יידן, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון די געטאָס אין דאָמבראָוויץ און אין סאַרני קיין אַזיערי, האָבן אין דאָרף געקראָגן שוץ, און ווען דייטשן פלעגן זיך יאָווען אין דאָרף, האָבן די פּויערים זיי פאַרשטעקט אויף די נאָענטע כוטאָרעס און אין וואַלד. ס'איז נישט געווען קיין איינציקער פאַל, אַז פּויערים זאָלן אַרויסגעבן אַ יידן, אין די הענט פון די דייטשן אָדער צו אוקראַיינישער פּאָליציי.

דאָרט האָט זיך די פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג אָנגעהויבן פריער ווי אין די דערפער, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער מערבדיקער זייט פון האָרין. ווען מיר זענען געקומען אין דאָרף, איז די גאַנצע באַפעלקערונג געווען פּאַרטיזאַנער. סיי דער סטאַראָסטע און סיי די מיטגלידער פון דאָרף־ראָט זענען געווען פּאַרטיזאַנער און אומגעגאַנגען באַוואָפנט מיט ביקסן. אין דאָרף זענען געשטאַנען פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן און עס זענען געווען, חוץ די אַנטרונענע יידן פון די געטאָס, אויך אַנטלאָפענע קריסטלעכע פאַמיליעס, וואָס זענען געווען פאַרפאָלגט פון די באַנדעראָווצעס, ווייל זייערע קינדער זענען געווען פּאַרטיזאַנער. דאָס דאָרף האָט אַלעמען געגעבן שפּייז און פלעצער ווו צו וווינען.

פאַר אונדזער „פּאַראייניקונג" זענען געווען צוגעגרייט ביידלעך אין וואַלד. מיר האָבן דאָרט געטראָפן אָטריאַדן און פּאַרטיזאַנישע גרופּעס פון אַנדערע שטאַבן. אויך זענען אין וואַלד געווען פּאַראַשוטיסטן־גרופּעס, גרופּעס ראַדיסטן, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט געהאַט זיין פונקען־

אַפּאַראַט, מיט וועלכן ער האָט געגעבן פונקען־דעפּעשעס קיין מאָסקווע. די דאָזיקע ראַדיסטן־גרופּעס האָבן, ווייזט אויס, געהאַט געהיימע אויפ־גאָבן. מיר זענען געשטאַנען אין אָזיערי ביז נאָוועמבער, און איטלעך מאָל האָב איך געזען אַלץ נייע פּנימער. איין ראַדיסטן־גרופּע איז געשטאַנען אין וואַלד אייניקע טעג און באַלד ווי די דאָזיקע גרופּע האָט דעם וואַלד פאַרלאָזן, איז שוין אין זעלבן טאָג געקומען פון דובניצקער אַעראָדראָם אַן אַנדער גרופּע. אויך פלעג איך באַמערקן ווי זיי פלעגן נעלם ווערן פון דיביידלעך אויף אַ פּאָר טעג און דערנאָך פלעגן זיי זיך אַראָפּיאָווען. מען האָט אין וואַלד געהערט, אַז די דאָזיקע גרופּעס, נאָכן זיין אין וואַלד אַ חודש, האָט מען זיי טראַנספּאָרטירט קיין פּוילן, אין טשעכיע און אין אַנדערע מקומות.

אין אָנבליק פון דער פראָנט־סיטואַציע — די רויטע אַרמיי איז שוין געווען נאָענט צום פּריפּעט און נישט ווייט פון קיעוו, האָט מען איינגע־שטעלט די פּאַרטיזאַנישע אַרבעט אין איינקלאַנג מיט די געגעבענע באַ־דינגונגען. קיין דייטשן האָבן זיך נישט באַוויזן און קיין באַנדעראָווצעס זענען אין אָזיעריער שטח נישט געווען. עס איז בלויז געפירט געוואָרן אַן אַקטיווע דיווערסיע־אַרבעט. לויטן באַפעל פון מאָסקווער שטאַב, האָט אונדזער „פאַראייניקונג" געדאַרפט מאַכן אומטעטיק די באַן־ליניע סאַר־ני־ראַקיטנע. דיווערסיע־גרופּעס פון אַלע אַנדערע אָטריאַדן האָבן אויפגע־ריסן די בריקן, דעמאָלירט די באַן־ליניעס און אַראָפּגעריסן דייטשישע צוגן און עשאַלאָנען. די דייטשן האָבן אַזוי אַרום נישט געקאָנט טראַנס־פּאָרטירן קיין מיליטער, אַמוניציע און וואָפן צום פראָנט. ווען די דיי־טשישע סאַפּיאָרן און באַן־מאַשיניסטן האָבן פאַרריכט אַ בריק אָדער די שינעס פון דער באַן־ליניע, איז ער באַלד אויפגעריסן געוואָרן. עס האָט אויך נישט געהאָלפן, וואָס דייטשן פלעגן אָוועקשטעלן וואַך און דייטשי־שע פּאַטרולן זענען אומגעגאַנגען לענגאויס די באַן־רעלסן.

אין אָזיעריער וואַלד איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך סאָוועטישע אינס־טרוקטאָרן אַ ספּעציעלער קורס אויסצושולן דיווערסאַנטן, כדי זיי זאָלן קאָנען גוט די דיווערסיע־אַרבעט, בעת די רויטע אַרמיי וועט זיין נאָענט און מען וועט דאַרפן טאָן דיווערסיעס אויף דער פראָנט־זאָנע.

אויך זענען אָרגאַניזירט געוואָרן קורסן פאַר מיליטערישער אויסשו־

לונג. צווישן די פּאַרטיזאַנער זענען דאָך געווען אַ סך אָפיצירן און גע־שולטע מיליטערלייט פון דער רויטער אַרמיי, וואָס זענען געוואָרן אינס־טרוקטאָרן אויף די דאָזיקע קורסן.

די מיליטערישע אויסשולונג איז געווען פאַרפליכטנדיק פאַר אַלע פּאַרטיזאַנער, וועלכע זענען נישט געווען באַשעפטיקט מיט אַ ספּעציעלער אַרבעט און מיט אָרגאַניזאַציאָנעלע פליכטן. באַפרייט זענען געווען אויך די בעלי־מלאכות. אין יעדן אָטריאַד זענען געווען שניידער און שוסטערס. אין וואָראָשילאָוו־אָטריאַד איז געווען אַפילו אַ גאַרבאַרניע. די יידישע פּאַרטיזאַנער, די דריי ברידער שיינמאַן, זענען געווען גאַרבאַרעס און האָבן פּראָדוצירט האַרטע און ווייכע לעדער. בעת מען איז געפאָרן אין וועג, איז די גאַרבאַרניע — טעלעכע פעסלעך מיט איינגעווייקטן לעדער — אויך מיטגעפאָרן. פעלן פון די געשלאַכטעטע בהמות זענען געווען געענוג, און מ'יינסטן האָט מען נאָכן קוילענען די אָקסן און בהמות, אַוועק־געוואָרפן די פעלן אין וואַלד אָדער אונטערוועגנס. די פראַגע פון שוכ־וואַרג איז געווען איינע פון די דרינגנדיקסטע. אין די וועלדער, ווו עס זענען געווען די באַנדעראָווצעס אין די נאָענטע דערפער, האָט מען גאַנץ ווייניק זיך גערעכנט מיט דער באַפעלקערונג, און מען האָט ביי זיי רעק־ווירירט שטיוול און הלבשה. אָבער אין די פּרא־פּאַרטיזאַנישע דערפער האָט מען נישט געוואָלט באַרויבן די פויערים, און חוץ די קאָנטינגענטן תבואה און פי, וואָס די גאַלאָוואַס האָבן אונדז אַליין געליפערט, האָט מען קיין זאַך נישט געטאָרט נעמען. עס האָט זיך געשטעלט דער האַרבסט מיט די רעגנס און שטיוול זענען געווען איינע פון די ערשטע נייטווענ־דיקייטן.

עס זענען געווען קורסן פאַר אויסשולן אָפיצירן און פאַר זעלנער. די פּאַרטיזאַנער זענען פאַקטיש געוואָרן זעלנער פון אַן אַרמיי. יעדער אָט־ריאַד האָט זיך בהדרגהדיק אומגעוואַנדלט אין אַ מיליטערישן א יי נ ס. די גאַנצע „פאַראייניקונג" איז דערנאָך טאַקע געוואָרן אַ מיליטערישע פאָרמאַציע.

אויך אונדזער רעדאַקציע האָט איר טעטיקייט איינגעשטעלט אויף אַן אַנדערער ליניע און אויף אַנדערע רעלסן, אַנטשפּרעכנדיק צו די נייע באַ־

דינגונגען. די טעמאַטיק האָט זיך געביטן. ס'איז שוין נישט געווען אַקטועל די פריערדיקע אַגיטאַציע פאַר דער פּאַרטיזאַנישער אידעע און ס'איז נישט געווען אַזוי נייטיק אויפצוקלערן די פּויערים וועגן קאַמף מיטן פאַשיזם, ווייל זיי זענען שוין געווען אַריינגעצויגן אין פּאַרטיזאַנישן קאַמף. מיר האָבן פאַרשפּרייט די ראַדיאָ־קאָמוניקאַטן, אין אַ גרויסער צאָל, ווייל עס איז דאָך געווען גרויס די צאָל פּאַרטיזאַנער סיי אין דאָרף, סיי אין וואַלד, און איטלעך טאָג האָבן מיר געהאַט אין וואַלד געסט, ראַזוויעדטשיקעס פון אַנדערע פּאַרטיזאַנישע „פאַראייניקונגען". די רעדאַקציע איז געווען אין וואַלד שטענדיק דער צענטראַלסטער פּונקט און אויך אין אַזיעריער וואַלד. די געשעענישן אויפן סאָוויעטיש־דייטשישן פראָנט זענען דאָך געווען גוואַלדיק־גרויסע און יעדער פּאַרטיזאַן האָט זיך אינטערעסירט צו וויסן וואָס עס געשעט. ער איז געווען אין דעם בלוטיק פאַראינטערעסירט.

חוץ די ראַדיאָ־קאָמוניקאַטן האָבן מיר אַרויסגעגעבן דעם „טשערוואָני פּראַפּאָר". מיר האָבן אין אַרטיקלען אויפגעקלערט די פּאַרטיזאַנער און די באַפעלקערונג, זיי זאָלן זיין גרייט צו באַדינגונגען, ווען דער פראָנט וועט זיין גאַנץ נאָענט פון אונדז און מען זאָל זיין קאַמפגרייט אויף דער פראָנט־זאָנע. אויך האָבן מיר אונטערגעשטראָכן דעם געדאַנק פון מאָביליזאַציע פון דער באַפעלקערונג, דערהויפּט מענער, וועלכע קאָנען טראָגן געווער.

קיין פּוילישע אויסגאַבעס האָבן מיר שוין נישט אַרויסגעגעבן, ווייל ס'איז שוין דאַן אָרגאַניזירט געווען אַ באַזונדערע „פאַראייניקונג" פון פּוילישע אָטריאַדן, אונטער דער אָנפירונג פון סאַטאַנאָווסקין, וועמענס פּרוי האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ פּוילישע אויסגאַבע א"נ „אַדראָדזעניע". הגם די פּוילישע „פאַראייניקונג" איז געווען אונטערגעאָרדנט דעם שטאַב פון אונדזער „פאַראייניקונג", אָבער זי האָט געפירט אַ זעלבסטשטענדיקע אַרבעט, דערהויפּט אויפן קולטור־געזעלשאַפטלעכן געביט. אין פראַגן פון קאַמף זענען זיי געווען אָרגאַניזאַציאָנעל פאַרבונדן מיט אונדז. די אויסגאַבע „אַדראָדזעניע" איז נאָך דאַן נישט געווען קיין אויסגעשפּראָכענע קעגנערין פון דער לאָנדאָנער רעגירונג.

אין אַזיערי האָט יעדער איינער פון אונדז אָפּגעשאַצט די גרויסע

געגעבענע הילף פון די פּאַרטיזאַנער דער רויטער אַרמיי, און אַדאַנק אַזוי־נע גרויסע פּאַרטיזאַנישע צענטערן איז זי גיך און האַסטיק געגאַנגען פּאַרויס...

אויף מזרח־פּאָלעסיע

סוף אָקטאָבער 1943, האָבן מיר פאַרלאָזן אָזיערי און אָנגעהויבן זיך ציען אויף מזרח־פּאָלעסיע, אין דער ריכטונג צום אַעראָדראָם, וואָס איז געווען אויף אַ ברייטער פּאָליאַנע, נישט ווייט פון שטעטל לעלטשיץ. דער דאָזיקער אַעראָדראָם איז געווען טעטיק פון זומער 1942 און די דייטשן האָבן אים נישט אויפגעדעקט. סאָוויעטישע עראָפּלאַנען האָבן אָפט גע־לאַנדט און געליפערט וואָפן און אַמוניציע פאַר די פּאַרטיזאַנער אין די דובניצקער וועלדער. די אויפזיכט אויפן אַעראָדראָם האָט געהאַט די סאָ־יעדיניעניע פון גענעראַל סאַבוראָוו. דער דאָזיקער אַעראָדראָם האָט געדינט אויך פאַר אַנדערע סאָיעדיניעניעס.

דער וועג צום וואַלד, וווּ עס האָט זיך געפונען דער אַעראָדראָם, איז געווען פריי און קיינע סורפּריזן האָבן מיר נישט געקאָנט דערוואַרטן, ווייל דאָס איז געווען אין פולן באַטייט פון וואָרט אַ פּאַרטיזאַנישע טעריטאָריע. די דייטשן האָבן זומער, 1942, זיך פאַרמאָסטן צו ליקווידירן די פּאַרטי־זאַנער אין די וועלדער, אָבער זיי האָבן געהאַט גרויסע פאַרלוסטן און געמוזט זיך צוריקציען. עס האָבן זיך געפירט פאַרביטערטע שלאַכטן און די דייטשן האָבן ג ע ק ע מ ט דעם וואַלד פון קוסט צו קוסט און פון בוים צו בוים. זיי האָבן געברענט די דערפער און דורכגעפירט עקזעקו־ציעס איבער דער ציווילער באַפעלקערונג. אין איין דאָרף „סטאַראָיע סיע־לאָ" האָבן זיי פאַרברענט דאָס דאָרף צוזאַמען מיט דער באַפעלקערונג. פריער האָבן זיי אַרומגערינגלט דאָס דאָזיקע דאָרף און דערנאָך האָבן זיי יונג און אַלט, מענער און פרויען, קינדער און זקנים צוזאַמענגענומען אין קלויסטער און עס אונטערגעצונדן. פאַרן אַוועקגיין פון „סטאַראָיע סיעלאָ" האָבן זיי פאַרסמט די ברונעמער. ווען מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען דאָס דאָזיקע דאָרף האָבן מיר געפונען צושריפטן אויף יעדן ברונעם מיט דעם פאָלגענדיקן טעקסט: „פּאַרטיזאַנער און ציווילע באַפעלקערונג, טרינקט

נישט דאָס וואַסער, ווייל ס׳איז פאַרסמט פון די דייטשישע קאַנאַליעס״.
אַ פּאָר ברונעמער זענען געווען פאַרקלאַפּט מיט ברעטלעך און אויבן איז געווען די אויבן־געבראַכטע צושריפט. די דייטשן האָבן אַראָפּגעבראַכט עטלעכע דיוויזיעס מיליטער און האָבן נישט געקאָנט ליקווידירן די פּאַר־טיזאַנער־באַוועגונג אויף דער דאָזיקער טעריטאָריע.

מיר זענען געפאָרן זיכער אויף אַ באַפרייטער טעריטאָריע. עס האָט געקאָנט פאָרן מיילן־וויז איין איינציקער פּאַרטיזאַן אין דעם דאָזיקן שטח, נישט שרעקנדיק זיך פאַר אַן איבערפאַל. ביי דער ווירטשאַפט־ברי־גאַדע פון שטאַב פון דער סאָיעדיניעניע איז געווען אַ סטאַרשינאַ דער יידישער פּאַרטיזאַן פּנחס נ יי מ אַ ן פון סאַרנע און ער איז געפאָרן צונויפנעמען פּראָדוקטן גאַנץ אַליין איבער פאַרוואָרפענע ישובים און דער־פער אויף מזרח־פּאָלעסיע. פון אַזעלכע האָבן מיר דאָך אָפּגעשיקט עטלע־כע צענדליק פאַרוווּנדעטע צום אַעראָדראָם אונטער דער באַגלייטונג בלויז פון 5־6 פּאַרטיזאַנער און צוויי דאָקטוירים.

עס זענען געווען שיינע וועטערן. דער וועג איז געווען טרוקן. נאָר ערטערווייז האָט מען געדאַרפט פאַרבייפאָרן זומפּיקע שטחים. פּאָלעסיע איז דאָך רייך מיט זומפּן און בלאָטעס. מיט טויזנט יאָר צוריק איז עס געווען אַ ווילדעניש־פלאַץ פון צעשוווּמענע אָזיערעס, פון פלאַכע טייכן אָן ברעגן, פון וויסטע טונדרעס און טאָרף־פליינען. דער פּאָלעסיער באָדן איז געווען געדיכט פאַרוואַקסן מיט פאַרשיידענע קרייטעכצער און פון כל המינים גראָזן, מיט ווערבעס און קוסטאַרניקעס, מיט בלאָטע־בערעזעס און זומפּ־דעמבעס, מיט גרינע אור־וועלדער און מיט ריזיקע נאָדל־ביימער.

עס איז דאַן ביי מיר געווען גרויס דער אינטערעס צו זען די דערפער און ישובים אויף מזרח־פּאָלעסיע. עס האָט זיך געוואָלט זען די באַפעל־קערונג, איר לעבנשטייגער, און ריידן מיט איר, כדי צו קאָנען פעסט־שטעלן דעם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס וואָס זי האָט דורכגעמאַכט אונטער דער סאָוויעטישער מאַכט.

דער פּאָלעשוק אונטער דעם צאַרישן רעזשים איז דאָך געווען שטאַרק אָפּגעשטאַנען אין עקאָנאָמישן און אין קולטורעלן זין. ער איז הונדערטער יאָרן געווען אויף אַ שטאַרק נידעריקער קולטור־מדרגה. ביז די צייטן פון פירשט וולאַדימיר, דער קניאַז פון קיעוו, זענען די פּאָלעשוקעס געווען

געצנדינער. מיט גוואַלד האָט זיי וואָלאָדימיר געטריבן טויפן ביים טייך פּריפּיעט און זיי געגעבן אַ נייעם גאָט, וואָס זיין סימבאָל איז געווען דער צלם. ער האָט פאַרברענט אַלע פּאָלעסיער געצנטעמפּלען, די תיפלות פון פּערון, דעם גרויסן אָפּגאָט פון דונער, האָט ער צעשטערט. דער פּאָלעשוק איז דאָך געווען אַמאָל אַ קריגסמאַן און ער האָט אַרומגעוואַנדערט מיט זיינע טאַבונעס פערד און סטאַדעס פי איבער די סטעפּעס, זוכנדיק פּיטער-פּלעצער. ביסלעכווייז איז ער געוואָרן איינגעזעסן אויף דער דאָזיקער ערד און האָט אָנגעהויבן באַאַרבעטן דעם אָרעמען גרונט פון ליים און זאַמד; געפּלאַנצט גערשטן און קאָרן, געהאָדעוועט כודאָבע און געכאָוועט בינען.

מיר האָבן צוערשט געדאַרפט פריער אַריבערפאָרן דעם גרענעץ-פּאַס פון דער געוועזענער פּוילישער רעפּובליק און דעם ראַטנפאַרבאַנד. אויף היגלען און דערהייכונגען, צווישן קוסטעס און זומפּן זענען נאָך געשטאַנען אָפּגעסמאַליעטע וועגט פון די גרענעץ-הייזקעס, ווו עס האָבן גע-וווינט די וואַך-זעלנער. דאָ און דאָרט האָט מען געזעןביידלעך און וויש-קעס.

מיר זענען אַריבערגעפאָרן אויף דער זייט פון מזרח-פּאָלעסיע. איך האָבן זעלטן-ווו געזען אַ גאַנץ דאָרף. עס איז געווען וויסט און די גרעסטע צאָל הייזער אין די דערפער פאַרברענט. ווי עס ווייזט אויס האָט די גע-שיכטע זיך איבערגעחזרט. גאָר-גאָר אַמאָל האָבן אויף פּאָלעסיע זיך אָפּט אַריינגעכאַפּט די טייך-פּיראַטן פון דניעפּר און פּריפּיעט אויף שיפלעך פון אויסגעהוילטע קלעצער און האָבן געפאַנגען יונגען מיט מוסקולן און גע-זונטע פלאַקס-האָריקע מיידן, וואָס זענען דורך זיי פאַרשלעפּט געוואָרן צום שוואַרצן ים אויף די ביזאַנטישע שקלאַפן-מערק. עס האָט זיך מיר אויך געוואָלט פאַרגלייכן צו יענער לאַנג-פאַרגאַנגענער תקופה, ווען באַנ-דעס נאָמאַדן פון די סטעפּעס, וואָס זענען געווען אויסגעשפּרייט אויף יע-נער זייט פּריפּיעט, זענען באַפאַלן די פּאָלעסיער דערפלעך, זיי אויסגע-רויבט און פאַרברענט. ווייניק יונגע פּויערים האָב איך געזען. ווען עס איז פאָרגעקומען די דייטשישע אָבלאַווע, האָבן זיי דאָך געכאַפּט דאָר-פישע מיידלעך און יונגען און זיי אָפּגעשיקט קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט.

פון יידן איז קיין זכר נישט געבליבן. דער ייד, וואָס איז געקומען אויף פּאָלעסיער ערד מיט הונדערטער יאָרן צוריק ערגעץ פון די פּרייסי-

שע און ביזאַנטישע מקומות אויף מזרח און דרום, איז אינגאַנצן פאַר־שניטן געוואָרן, באַלד ווי די דייטשן האָבן אָקופּירט די רייך־סאָוויעטישע טעריטאָריע.

מיר זענען פאַרבייגעפאָרן קליינע יידישע שטעטלעך, אין וועלכע יידן האָבן געלעבט אין משך פון אַ סך, אַ סך יאָרן. עס איז אַלץ געווען חרוב ומחרב. יעדע פאַלעסיער שטעטל האָט דאָך פאַרמאָגט צוויי רייען הייזער, וואָס זענען געשטאַנען אויף ביידע זייטן טראַקט און דער צענטער איז געווען דאָס מאַרק־פּלאַץ מיט די קרעמלעך. עס איז פון אַלץ קיין זכר נישט געבליבן. די טירן זענען געווען אויפגעבראָכן, אָפן און צעבראָסטעט זענען געשטאַנען די הייזער און די פענצטער — אַרויסגעריסן פון די ראַמען.

בלויז אין יידישן ישוב, בערעזאָוו, האָב איך געזען גאַנצע הייזער. אין איין שטוב זענען געווען די פענצטער צעבראָכן. איך האָב אַריינגעקוקט אינעווייניק. אַ גרויסע הורבע ספרים איז געלעגן נעבן אויוון. איך בין אַריין אין שטוב און אויפן אויוון זענען אויך געלעגן שטויסן מיט ספרים, באַדעקטע מיט שימל און אַרומגעגריזשעט פון מייז, ביי די ברעגעס. צווישן די ביכער זענען אויך געווען די ווערק פון אונדזערע קלאַסיקער און צווישן די ספרים האָב איך געפונען דעם יון מצולה פון נתן נטע האַנאָווער. גאַנץ אָן אַ זייט איז געלעגן ח. נ. ביאַליקס אַ באַנד לידער. עס האָט געגאָסן אַ רעגן אין דרויסן און דער ווינט האָט אַריינגעשמיסן רעגנדיקע טראָפּנס אין הויז דורך די אָפענע פענצטער און האָט געפּאַכעט איבער די אויפגעבלעטערטע ביכער און ספרים. אויך דער באַנד ביאַליקס לידער איז געווען אָפן און גראַד ביים בלעטל פון זיין פּאָעמע „די שחיטה־שטאָט". אין מיין רוקזאַק האָב איך מיט זיך מיטגענומען פּרצעס מגילות, ביאַליקס לידער, ר' אבאס „אגבי" און דעם „יון מצולה".

די פּויערים האָבן מיר דערציילט די פּרטים פון דער שחיטה אין בערעזאָוו. מען האָט צוזאַמענגענומען קיין בערעזאָוו יידן פון די שכנישע ישובים, אונטערן אויסרייד, אַז מען שיקט זיי קיין וויניצע אויף אַרבעט. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען די געבראַכטע יידן מיט דער בערעזאָווער יידישער באַפעלקערונג אַרויסגעפירט הינטער בערעזאָוו און מען האָט זיי דערשאָסן אין צוגעגרייטע גריבער.

איך בין צוגעגאַנגען צו די ברידער־קברים. די דריי גריבער זענען גע־וועז לאַנגע און האָבן זיך געפונען אויף אַ זאַמדיקן אָרט. שיטערעביימער זענען געשטאַנען האַרט ביי די גריבער. דער רעגנדיקער וועטער האָט פּייכט געמאַכט דעם זאַמד און די ביימער, פון וועלכע עס האָבן אַראָפּגע־קאַפּעט טראָפּנס רעגן ווי גרויסע טרערן.

ווייניק ענדערונגען האָב איך אָפּגעמערקט צווישן די פּויערים אויף מזרח־פּאָלעסיע, זינט פּאַר די רעוואָלוציע־יאָרן. כ׳האָב דערזען די אומע־טיקע לאַנדשאַפט, די זעלביקע פּאָלעסיער נידערונגען, די כמורנע וועל־דער, פלעגמאַטיש האָבן אויסגעזען די ריטשקעס, קאַנאַוועס און די פּאַר־שלאָפענע טייכלעך. עלנט האָט אויסגעזען די געגנט מיט אירע זומפּ־פלאַנצן און מיט די געדיכטע קוסטאַרניקעס פון טשערעט און ווערבעס. עס האָבן זיך געצויגן אויף לאַנגע רוסישע מיילן וועלדער פון דעמב און בעריאָזע־ביימער, און ריזיק גרויסע וועלדער פון סאָסנעס און יעלאָווע ביימער. אויך דער אויסזען פון די דערפער און ישובים האָט זיך גאַנץ ווייניק געביטן פּאַר די לעצטע 25 יאָר, זייענדיק אונטער דער סאָוויעטי־שער אָרדענונג. ביי די שטויביקע שליאַכן און ביי ראַנדן פון וועלדער און זומפּן זענען געשטאַנען שיטערע ישובים מיט הילצערנע הייזלעך, וואָס האָבן געהאַט שטרויענע דעכער און פּיטשינקע פענצטערלעך. נאָענט צום כאַטע האָט זיך געטוליעט אַ שטעלכל און אַ שייער, טונקעלע קוימענס האָבן אַרויסגעשטאַרצט און די רויכן זענען געווען די איינציקע צייכנס פון אַ לעבעדיקן ישוב, וואָס האָבן אונדז אָנגעזאָגט, אַז אין דאָרף וווינען פּויערים, ווייל זינט דער גרויסער דייטשישער אָבלאַווע האָבן פּויערים פּאַרלאָזט די דערפער און זענען אַריבער וווינען אין די היילן און אין זעמליאַנקעס, ווי זייערע אור־עלטערן, וואָס האָבן געוווינט אין געצעלטן פון פעלן און שפּעטער אין כאַטעס פון נישט־געטעסעטע ביימער.

אויפן וועג האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין אייניקע דערפער און אין וועלדער, ווו באָענט זענען געווען זעמליאַנקעס פון פּאָלעשוקעס. איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו אָבסערווירן זייער שטייגער לעבן און זייער קולטור־מדרגה. זיי זענען געווען אָנגעטאָן אין טיפּישע פּאָלעסיער סוויט־קעס און געטראָגן אויף די פיס לאַפּטשעס. ביי אַ סך פּויערים און פּויער־טעס האָב איך געזען ווי עס באָמבלען זיך אויפן האַלדז מעשענע צלמלעך

און אין ווינקלען פון כאַטעס זענען געהאַנגען איקאָנעס. די פרומע קריסט־לעכקייט איז נאָך נישט פאַרשווונדן. ווי גאַר אַמאָל האָבן זיי באַנוצט די ווערטער „באָזשעָנקאַ מאַי" און „פאַמאַגאַי באָג". ווייניק האָט זיך געענ־דערט זייער וואָקאַבולאַר זינט די צאַרישע צייטן. די פויערים האָבן נאָך אַלץ פאַרמאָגט דעם אייגנאַרטיקן רויען און כיטרען הומאָר און זייערע אייגנאַרטיקע וויצן, האָבנדיק דעם פריערדיקן חוש פאַר פאָלקס־מעלאָ־דיעס און לידער פון אַלטן אַרכיוו.

אָבער די פויערים אויף מזרח־פּאָלעסיע האָבן זיך געענדערט מיט דעם וואָס זיי האָבן שוין נישט געקאָנט זיין פאַרשקלאַפּט. זיי האָבן זיך אַנגאַזשירט אין קאַמף מיט די דייטשישע אָקופּאַנטן אויף אַן אַקטיוון אופן. דאָס איז שוין געווען אין דער הינזיכט אַן אַנדער מין פויער. אַ גרוי־סער תהום איז געווען צווישן דעם איצטיקן פויער מיטן פויער פון יענער עפּאָכע, ווען ער איז געווען אַ כלאָפּ ביי די ראַדזיווילס, ביי די טשאַר־טאַריסקעס, סאַפּיעהעאַס און די ערד האָט דאָך דאַן געהערט צו די דאָזיקע גרויסע מאַגנאַטן.

אויף דעם געביט פון מרידה און בונטאַרישקייט האָט באַדייטנדיק זיך געענדערט דער פויער פון מזרח־פּאָלעסיע.

אין די דובניצקער וועלדער

דער חודש נאָוועמבער 1943 איז געווען אַ טרוקענער — אָן רעגנס, ווי אין נאָוועמבער 1942, ווען מיר זענען געווען אין סוואַריטשעוויטשער וואַלד. סיי די וועלדער פון דובניצק און סיי דער סוואַריטשעוויטשער וואַלד דאַרפן פיגורירן און ווערן פאַרשריבן מיט צונטער־רויטע אותיות אין די אַנאַלן פון דער פּאַרטיזאַנער־געשיכטע. אין סוואַריטשעוויטשער וואַלד איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פאַר אַ יידישער און שפּעטער אַלגעמיי־נער, פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. אין די דובניצקער וועלדער איז געווען שוין דער קולמינאַציע־פּונקט און די העכסטע מדרגה פון פּאַרטיזאַנישער אַנט־וויקלונג. נישט אומזיסט, באַלד ביים אָנהייב פון דייטש־סאָוויעטישן קריג, האָט די ענגלישע ראַדיאָ־סטאַנציע אָנגעגעבן, אַז ווי שנעל דייטשלאַנד

זאָל גיין פּאַרויס אויף דער סאָוויעטישער טעריטאָריע, וועט די דייטשישע אַרמיי זיך איינברעכן סוף־סוף צוליב דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, וועלכע וועט זיך אַנטוויקלען אין הינטערלאַנד אין אַ קאָלאָסאַלער קראַפט און גרויס.

אין די דובניצקער וועלדער זענען דאַן, אין נאָוועמבער 1943, געווען טויזנטער, טויזנטער פּאַרטיזאַנער, גאַנצע אַרמייען. מיר האָבן דאָרט גע־טראָפן די גרויסע „פּאַראייניקונג" פון קאָוופּאַקן, מעכטיקע אָטריאַדן אונ־טער דער אָנפירונג פון גענעראַל ס אַ ב ו ר אַ וו, די „פּאַראייניקונג" פון מעדוועדיעוו, די אָטריאַדן פון ט אַ ר אַ ט ו ט אַ, פּוילישע אָט־ריאַדן א"נ פון „וואַנדאַ וואַסילעווסקאַ", „עמיליא פּלאַטער", „טאַדעוש קאָשציושקאָ", אונטער דער אָנפירונג פון סאָטאַנאָווסקין, די אָטריאַדן פון גענעראַל שיטאָוו און פון באַזשענקאָן, און נאָך און נאָך „פּאַראייניקונגען" מיט זייערע שטאַבן. חוץ דעם זענען געווען גרויסע פּאַראַשוטיסטן־גרופּעס, ראַדיסטן און אינסטרוקטאָרן. עס זענען געווען אויך אָפּטיילונגען פון נ.ק.וו.ד. און פון נ.ק.ג.ב.

די רויטע אַרמיי איז שוין געווען ביי קיעוו און ביים פּריפּיעט, נישט ווייט פון מאָזיר. צוויי סאָוויעטישע דיוויזיעס זענען שוין אַריבער אויפן מערב־ברעג פון פּריפּיעט, און די דייטשן האָבן זיי אַרומגערינגלט. אין די פריערדיקע מלחמות און אַפילו אין אָנהייב פון דייטש־סאָוויעטישן קריג פלעגט מען אין אַזאַ פאַל אויפהייבן די הענט און זיך איבערגעבן אין גע־פאַנגענשאַפט, ווייל ס'איז נישט געווען הינטער דער פּלייצע קיין פּאַרטי־זאַנער. אָבער דאַן, ווען ס'איז געשטאַנען אַזאַ גרויסער פּאַרטיזאַנישער כוח, האָט מען פון מאָסקווע באַפוילן, אַז סאַבוראָוו זאָל מיט זיינע אָט־ריאַדן, וועלכע זענען געווען גוט געניט אין די וועלדער אַרום פּריפּיעט, זאָלן זיך דורכרייסן צו די אַרומגערינגלטע סאָוויעטישע דיוויזיעס און זיי אַריבערפירן אין דובניצקער וועלדער.

די סאַבוראָווצעס זענען צוגעקומען צו די סאָוויעטישע דיוויזיעס און האָבן צוזאַמען זיך צוריקגעקערט אין דובניצקער וועלדער. מיר האָבן שוין דאַן געזען אוניפאָרמירטע סאָוויעטישע זעלנער, אָפיצירן, פּאָלקאָווניקעס און אויך העכערע מיליטערלייט. ווען די סאָוויעטן זענען אַריבער דעם פּריפּיעט, זענען די דיוויזיעס צוריק אַוועק אין די רויטאַרמייאישע איינ־

הייטן. אַ גאַנץ היפּשע צאָל זעלנער און אָפיצירן זענען פאַרבליבן מיט אונדז אין וואַלד, און געוואָרן אַריינגעגלידערט אין די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן.

דער פּאַרטיזאַנישער אַעראָדראָם האָט זיך געפונען נישט ווייט פון דאָרף ד ו ב נ י צ ק. ווען אונדזער „פאַראייניקונג" איז געקומען, האָט דער וואָראָשילאָוו־אָטריאַד איבערגענומען די וואַך איבער דעם אַעראָדראָם. דורך ספּעציעלע צייכנס און ראַקעטן האָט מען אָנגעוויזן די סאָוויעטישע עראָפּלאַנען דאָס אָרט צו לאַנדן. יעדן אָוונט, ווי עס פלעגט פינצטער ווערן, האָבן מיר געהערט דאָס רוישן און זשומען פון די סאָוויעטישע עראָפּלאַנען. כמעט יעדן אָוונט פלעגן דאָן קומען צו פליען וועלכע 20 עראָפּלאַנען, ברענגענדיק אַלערליי כלי־זין, ביקסן, קוילנוואַרפער, אויטאָמאַטן, רעוואָלווערן, ראַקעטן, אויפרייס־מאַטעריאַלן און גראַנאַטן. ווי אויך שווערע קריג־מאַשינעס, פונאַנדערגענומענע אין טיילן, וואָס מען האָט עס אין וואַלד קאָמפּלעטירט.

מען האָט דעם וואָפן פונאַנדערגעטיילט צווישן אַלע אָטריאַדן. ס׳איז שוין נישט געווען דער מאַנגל אין געווער, ווי פריער. אין אונדזער רעדאַקציע איז געווען כמעט פאַר יעדן איינעם: אַן אויטאָמאַט, אַ קוילנוואַרפער, אַ נאַגאַן.

ק י ע וו איז שוין געוואָרן באַפרייט. מיר האָבן זיך גערירכט, אַז אָט־אָט וועט זיך דערנענטערן די פראָנט־זאָנע. מען האָט אַלע קראַנקע און פאַרוווּנדעטע פּאַרטיזאַנער איבערטראַנספּאָרטירט דורך עראָפּלאַנען קיין מאָסקווע. די מיליטערישע אויסשולונג איז געפירט געוואָרן זייער אינטענסיוו, צילנדיק צו אויסבילדן געשולטע זעלנער, וועלכע זאָלן דערנאָך, נאָכן אָנשלוס אין דער רויטער אַרמיי, קאָנען זיין גוטע רויטאַרמייער. עס זענען דאָן ווערבירט געוואָרן פּאַרטיזאַנער פאַר דעסאַנטירן אין די פּוילישע און טשעכישע וועלדער. אַ געוויסע צאָל יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן זיך פאַרשריבן אַוועקצופליען אויף פאַרצווייגן די פּאַרטיזאַנקע. ס׳איז פּאַקטיש געווען ביי אַ סך יידן דער דראַנג ממשיך צו זיין דעם פּאַרטיזאַנער־קאַמף, טראַכטנדיק אַז סיי ווי האָט מען אַלעמען פאַרלוירן, און היות די רויטע אַרמיי איז שוין נאָענט און מען וועט דאָך דאַרפן זיך צוריקקערן צו אַ מער פרידלעך לעבן, צו וואָס ס׳איז נישט געווען קיין ספּעציעלע פאַראינ־

טערעסירונג בעת מען איז אין וואַלד, איז בעסער פאַרצוזעצן דעם פּאַר־טיזאַנער־קאַמף. זענען אַוועק די טעג און ס׳איז דאָך נישט געווען קיין פרייע צייט צו אַנאַליזירן די גרויזאַמקייט פון דער יחידישער און פאָלק־טראַגעדיע, ווי מען איז געווינט ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען.

דאָס פליען קיין מאָסקווע און פון מאָסקווע איז געוואָרן אַן אָפּטע דערשיינונג. ווי עס פלעגט ווערן פאַרנאַכט, האָט מען געקאָנט אָפּמערקן ווי די פּאַרטיזאַנישע טוערס פון שטאַבן גייען מיט קלומעקלעך צום אַעראָדראָם, אויף צו פליען קיין מאָסקווע. פאַרשטייט זיך, אַז מען איז געפלויגן, ווען מען האָט געדאַרפט דערליידיקן אַ געוויסע שליחות, צוריקקערנדיק זיך אין אייניקע טעג אַרום.

עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ רעגולערע קאָמוניקאַציע, און עס האָט פּאַסירט, אַז עס האָט אויסגעפעלט זאַלץ אין וואַלד, האָט מען געשיקט אַ ראַדיאָגראַם און אין געציילטע צוויי טעג אַרום איז אַריינגעשיקט געוואָרן אַ פּאָר זעק זאַלץ.

מיר פלעגן שוין באַקומען די מאָסקווער פּרעסע גאַנץ רעגולער און אויך ניי־דערשינענע ביכער. אין די דובניצקער וועלדער האָב איך גע־לייענט איליאַ ערענבורגס ניי־דערשינענע ביכער וועגן קריג.

די רעדאַקציע־טעטיקייט האָט זיך מיינסטן קאָנצענטרירט אויף פאַר־עפנטלעכן ראַדיאָ־קאָמוניקאַטן, מיט געוויסע קאָמענטאַרן. כ׳פלעג דאַרפן יעדע מיטנאַכט זיך באַראַטן מיט גענעראַל א. וו. בעגמאַ וועגן אויסוואַל פון די ראַדיאָ־ידיעות. ער האָט געהאַט אין וואַלד זיין באַזונדערן פּאַראַ־שוטן־געצעלט, וואָס איז געווען היפּשע פּאָר ק״מ פון זיצאָרט פון דער רע־דאַקציע. פּאַטרולן זענען געשטאַנען ביי יעדן וועג־אויסבייג, ביי די וואַלד־וועגן און סטעזשקעס, וואָס האָבן דורכגעלאָזט לויט אַ פּאַראָל, ווי: מינסק־מאָסקווע; קיעוו־קאָוועל; סמאָלענסק־סאַראַטאָוו אאַז״וו. עס זענען געווען פאַלן, ווען אַ פּאַטרול האָט נישט אַזוי גענוי דערהערט און האָט געשאָסן אין פּאַראָל־זאָגער.

די רעדאַקציע־אַרבעט איז געווען גאַנץ שווער און שטאַרק קאָמפּלי־צירט, אָבער זי האָט געגעבן אַ גרויסע באַפרידיקונג. וועלכע 18־19 חדשים איז מ׳יר אויסגעקומען צו זיין וואַך אין די נעכט און שרייבן ביי חלב־

ליכטלעך און ביים שיין פון שייטערס, און דאָך האָב איך נישט געפילט קיין מידקייט.

די גרעסטע סאַטיספאַקציע איז געווען ווען דו ווייסט, אַז דיין געדרוקט וואָרט ווערט געלייענט, און לייענער האָבן מיר געהאַט דאָן אין די הונדערטער, הונדערטער. כ׳געדענק ווי קאָווּפּאַק פלעגט גאַנץ פאַרטאָג קומען צו אונדז אין רעדאַקציע־פאַראַשוט און וואַרטן ביז ליאָוואַ דאַלינקא האָט אָפּגעדרוקט דעם קאָמוניקאַט פון ראַדיאָ אָדער די אויסגאַבע. אַ מערקווירדיקער מענטש איז געווען קאָווּפּאַק. נישט געקוקט אויף זיין גרעסטער ראָל אין דער סאָוויעטישער פאַרטיזאַנער־באַוועגונג איז ער געווען ביי זיך באַשיידן און געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ צעדריבלטן שינעל און אין איינפאַכע שטיוול. ער האָט זיך אונטערשיידט פון די איבעריקע פאַרטיזאַנישע גענעראַלן מיט אַ סך פירונגען, און מיט דעם וואָס ער האָט נישט געוווינט אָפּגעזונדערט אין אַ פאַראַשוט און איז געשלאָפן אין וואַלד אויף אַביסל היי אָדער שטרוי אויסגעבעט, ליגנדיק צוזאַמען מיט אַלע פאַרטיזאַנער.

די רעדאַקציע אין דובניצק איז געווען דער צענטראַלסטער פונקט. אַלע פאַראַשוטיסטן זענען, באַלד ביים לאַנדן פון דער „באַלשאַיאַ זעמליאַ״, געקומען אין רעדאַקציע־פאַראַשוט, ברענגענדיק אונדז די לעצטע נייעס און די ניי־דערשינענע ביכער. שטענדיקע געסט זענען געווען די פאַרטיזאַנער, וואָס זייערע ביידלעך און צעלטן זענען געווען נאָענט פון דער רעדאַקציע. דער ד״ר סטוקיי איז געווען אַ סטאַבילער באַזוכער. ער איז געווען אַ זעלטענער מענטש און אַן אויסגעצייכנטער כירורג. אונטער אַ האָגל פון פיינדלעכע קוילן האָט ער אָפּערירט דעם פאַרוווּנדעטן פאַרטיזאַן, ווען ס׳האָט אים געדראָט דאָס לעבן. ער איז געווען אַ רוס פון טיף־רוסלאַנד און לויט זיין אידעאָלאָגיע איז ער געווען אַ טאָלסטאָיאָוועץ.

דער פראָנט איז געוואָרן אַלץ נעענטער און נעענטער און אין דער רעדאַקציע איז געוואָרן אַקטועל אַרויסצוגעבן אַ ליטעראַרישן אַלמאַנאַך. מיר זענען שוין צוגעטראָטן גאַנץ אינטענסיוו דערצו. כ׳האָב שוין באַוויזן אויסצופאַרטיקן מיין אַרבעט וועגן דעם וואָראָשילאָוו־אָטריאַד, זיין געבורט און אַנטוויקלונג. אָבער די אַרבעט איז איבערגעריסן געוואָרן צוליב דער דערנענטערונג פון פראָנט און מחמת דעם וואָס די דייטשן, שוין

זייענדיק נאָענט פון אונדז, האָבן דערשנאַפּט דאָס אָרט פון אַעראָדראָם, וועלכער האָט עקסיסטירט 17 חדשים אַן שום שטער, זינט יוני 1942.

ווי אַלע מאָל פלעגן די סאָוויעטישע עראָפּלאַנען לאַנדן תחילת אָוונט. איין אָוונט, אַנשטאָט צו קומען צו פליען אין אַ צאָל פון אַן ערך 20 עראָפּלאַנען, איז סך־הכל געקומען צו פליען נאָר איין איינציקער עראָפּלאַן. מיטן דאָזיקן עראָפּלאַן איז געקומען דער מיטגליד פון מאָסקווער שטאַב, סאָקאָלאָווסקי, וואָס איז געווען שטאַרק ענלעך צו נחום סאָקאָלאָוו. און מיר, יידן, האָבן טאַקע געקלערט, אַז ער איז נחום סאָקאָלאָווס אַ ברודער, ספּעציעל וואָס ער האָט געהאַט אַן אויסגעקרימטע נאָז.

אין אַ שעה אַרום האָט זיך דערהערט ווידער דאָס רוישן פון אַן עראָפּלאַן איבערן וואַלד. די וואַך ביים אַעראָדראָם האָט באַמערקט די זעלביקע צייכנס ווי פון די סאָוויעטישע עראָפּלאַנען. די פּאַרטיזאַנער האָבן געגעבן ראַקעטן, אָבער אַנשטאָט די אָפּגערעדטע ענטפער־צייכנס האָט דער עראָפּלאַן אָנגעהויבן באָמבאַרדירן דעם אַעראָדראָם און זיך גלייך געלאָזט איבער די וועלדער. די דעטאָנאַציעס פון די באָמבעס זענען געווען זייער שטאַרקע, און דער גאַנצער וואַלד, ווו מיר זענען געשטאַנען, איז געוואָרן אויפגעטרייסלט. אַ גאַנצע נאַכט איז דער וואַלד באָמבאַרדירט געוואָרן.

גאַנץ פרי באַגינען האָבן מיר דעם וואַלד פאַרלאָזט און אַריבער אין אַ וואַלד־דיליאַנקע, וועלכע איז געווען מיט עטלעכע ק״מ ווייטער פון אַעראָדראָם. דאָס איז געווען פאַר אונדז אַ סיגנאַל, אַז מיר דאַרפן זיך ריכטן אויף פאַרביטערטע און שווערע שלאַכטן.

די קאָמוניקאַציע מיטן ראַטנפאַרבאַנד — דורך דעם אַעראָדראָם — האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַלע פּאַראַשוטיסטן און געקומענע געסט ווי אויך סאָקאָלאָווסקי זענען פאַרבליבן מיט אונדז און דורכגעמאַכט די ווייטערדיקע עטאַפּן פון אונדזער פּאַרטיזאַנקע.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן קעלט און פרעסט. קיין זעמליאַנקעס האָט מען נישט געקאָנט מאַכן, ווייל מיר האָבן זיך גערעכנט, אַז אַ ליאַדע טאָג וועלן אָנקומען דייטשן און עס וועלן זיך אָנהייבן די שלאַכטן ווי אויף אַ פראָנט־ליניע.

צוליב די קעלטן און שלעכטע וועטערן פלעג איך פאָרן אין די פרימאָרגנס אין דאָרף דובניצק, כדי צו טאָן רעדאַקציע־אַרבעט אין אַ שטוב.

אויך איז מיר איבערגעגעבן געוואָרן פון שטאַב אָנצוהייבן זאַמלען מאַ־טעריאַלן פאַר דער געשיכטע פון אונדזער „פּאַראַיייניקונג“.

אין איין פרימאָרגן פאַר איך אין דאָרף און דערזע מענגעס פויערים און פויערטעס מיט קינדער לויפן אין וואַלד מיט אַ געשריי: „נימצי! נימצי!“.

אין דאָרף איז שוין נישט געווען קיין לעבעדיקער נפש פון דער ציווילער באַפעלקערונג. נאָר פּאַרטיזאַנער זענען געשטאַנען אויף די וועגן, וואָס פירן אין דובניצק. כ׳האָב זיך דערוווּסט, אַז רייטערס זענען נאָר וואָס געקומען פון אומגעגנט און האָבן איבערגעגעבן, אַז דייטשישע די־וויזיעס גייען אין דער ריכטונג צום דאָרף.

גלייך בין איך אַוועקגעפאָרן צו אונדזער באַזע אין וואַלד. דער אָבאָז איז שוין גרייט געווען אַוועקצופאָרן אויף מערב. די אַלע אָטריאַדן זענען אַרויס אויף די שליאַכן, איבער וועלכע ס׳האָבן געדאַרפט דורכגיין די דייטשן.

עטלעכע ק״מ פון דובניצק האָט זיך פאַרקניפּט אַ שלאַכט מיט די דייטשישע פראָנט־רעגימענטן און מיט די וולאַסאָווצעס. הן די דייטשן און הן די וולאַסאָווצעס זענען אָפּגעטראָטן און זיך פאַרקירעוועט אין אַן אַנדער ריכטונג.

דער שטאַב אין מאָסקווע האָט אונדזער „פּאַראיייניקונג“ געגעבן אַ ראַדיאָגראַם צו גיין אויף מערב. אויך אַנדערע אָטריאַדן און „פּאַראייני־קונגען“ האָבן באַקומען פאַראָרדענונגען צו גיין אויף מערב. עס איז אונדז געווען פאַרשטענדלעך די דאָזיקע אינסטרוקציע, ווייל מאָסקווע איז געווען פאַראינטערעסירט, אַז מיר זאָלן זיין אין דעם שונאס הינטערלאַנד, און היות די רויטע אַרמיי איז שוין געווען נאָענט צו די דובניצקער וועלדער, זענען מיר שוין נישט געווען נייטיק, אַז מיר זאָלן בלייבן אויף דער סאָוויעטישער זייט.

אין הסכם מיט דער פאַראָרדענונג האָבן מיר פאַרלאָזן די דובניצקער וועלדער. אין אייניקע געציילטע טעג נאָך אונדזער אַוועקגיין אויף מערב, איז די רויטע אַרמיי אָנגעקומען אין יענער געגנט, באַפרייענדיק דובניצק מיט אַלע אַרומיקע דערפער און שטעטלעך, ווי טוראָוו, אָלעווסק און אַנדערע מקומות.

אין דער פראָנט־זאָנע

אַלע אונדזערע פּאַרטיזאַנישע „סאָיעדיניעניעס" זענען געגאַנגען אין דער ריכטונג צו מערב־אוקראַינע און מערב־פּאָלעסיע. אָבער די רויטע אַר־מיי האָט כסדר אָנגעגריפן די אָפּטרעטנדיקע דייטשישע רעגימענטן און מיט ראַשע טריט איז זי געגאַנגען פאָרויס, אַזוי אַז מיר האָבן זיך די גאַנ־צע צייט שוין געפונען אין דער פראָנט־זאָנע.

די דייטשישע רעגימענטן און דיוויזיעס זענען אָפּגעטראָטן, מייסנטן לענגאויס די באַן־מאַגיסטראַלן און איבער די שאָסייען און שליאַכן. אין זייערע טריט איז געגאַנגען די אָנגרייפנדיקע רויטע אַרמיי. מיר האָבן זיך באַוועגט איבער וועלדער און סטעפּעס, איבער פּליינען און זייטיקע וועגן.

ווען מיר זענען אַרויס פון די דובניצקער וועלדער, האָט דער מאָסק־ווער שטאַב אונדז מודיע געווען דורך ראַדיאָגראַמען, אַז ס'קאָנען זיין צווישן אונדז מיט די דייטשן צונויפשטויסן ביי דער געוועזענער סאָ־וויעטיש־פּוילישער גרענעץ, ווו זיי וועלן פאַרזוכן צו פאַרהאַלטן אונדזער מאַרש אויף מערב. די דייטשן זענען געווען פאַראינטערעסירט, אַז מיר זאָלן פאַרבלייבן אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע, און זיי וועלן דאַן האָבן די מעגלעכקייט פרייער זיך באַוועגן און מען וועט זיי נישט שטערן די קאָמוניקאַציע־פאַרבינדונגען. אויך וועלן זיי נישט האָבן אַזאַ אַמבי־ציעזן שונא הינטער די פּלייצעס, ווי מיר, פּאַרטיזאַנער, זענען געווען.

דעריבער האָבן מיר פאַרשנעלערט אונדזער פּאַרטיזאַנישן גאַנג, דורכ־מאַכנדיק 40־50 ק"מ אַ טאָג. מיר זענען אַריבער די געוועזענע פּויליש־סאָ־וויעטישע גרענעץ און קיין דייטשן האָבן מיר נישט אָנגעטראָפן. מיר האָבן געמאַכט אונדזער מאַרשרוט דורך ווילדענישן און זומפּן, וואָס זענען שוין געווען צוגעפרוירן.

נאָך דער געוועזענער פּויליש־סאָוויעטישער גרענעץ זענען מ'יר שוין געגאַנגען מיטן ביבלישן סטיל ו י ס ע ו ו י ח נ ו. אין בערעזאָוו זע־נען מיר געשטאַנען אייניקע טעג און אין אָזיערי זענען מיר געווען ביז מיטן דעצעמבער 1943.

די רויטע אַרמיי האָט זיך שוין דערנענטערט צו ראָקיטנע. עס איז אונדז פאַראָרדנט געוואָרן, אַז אַ ספּעציעלע בריגאַדע פון אונדזער „פּאַר־

איינ[יק]ונג" זאָל גיין אין דער ריכטונג פון ראַקיטנע, כדי זי זאָל פאַר־בלייבן דאָרט, ווען דאָס רויטאַרמייאישע מיליטער וועט פאַרסירן ווייטער.

ראַקיטנע איז געווען דער ערשטער ראַיאָניקער צענטער אין ראָוונער אָבלאַסט. לויט די אינסטרוקציעס פון דער אוקראַינישער רעגירונג אין קיעוו, האָבן די פּאַרטיזאַנער געדאַרפט איינשטעלן די מ אַ כ ט אויפן אָרט. עס איז דורך דעם גענעראַל א. וו. בעגמא דעלעגירט געוואָרן פאַר דעם ערשטן סעקרעטאַר פון ראַקיטנער רייצענטער דער אָטריאַד־קאָמאַנ־דיר ש ו ש מ אַ ר אָ וו, אָפּשטאַמיקער פון אַרמעניע. ער האָט געדאַרפט איינשטעלן די אַדמיניסטראַטיווע און פּאָליטישע מאַכט. אין דער אָנפירונג פון דער דאָזיקער בריגאַדע זענען געווען די קאָמאַנדירן: נ י ר ק אָ — אַ רוסישער, און דער אוקראַינער קאָוואַלענקאָ, וועלכער איז געווען פון באַרוף אַ פּעדאַגאָג, ווו ער האָט געדאַרפט באַלד עפענען די שולן איבערן גאַנצן ראַיאָן. אויך אייניקע יידן אין דער דאָזיקער בריגאַדע, מייגסטן די יעניקע יידישע פּאַרטיזאַנער, וואָס זענען אַנטלאָפן פון ראַקיטנער געטאָ אין די וועלדער, זענען אַוועק קיין ראַקיטנע. צווישן זיי איז געווען ברוך שוואַרצבלאַט, וואָס איז געווען אַ לערער פון באַרוף און אין דער פּאַרטיזאַנקע איז ער געווען דער פּאָליטרוק פון קאָוואַלענקאָס אָטריאַד.

אַ צווייטע בריגאַדע איז אַוועק איבערנעמען די מאַכט אין ראַיאָניקן צענטער ר אַ פ אַ ל אָ וו ק ע. דאָס איז געווען אַ קעמפּערישע בריגאַדע, אונטער דער אָנפירונג פון פּאָלקאָווניק פיאָדאָראָוו.

כמעט פאַר יעדן ראַיאָן זענען דורך דעם גענעראַל נאָמינירט געוואָרן ערשטע, צווייטע און דריטע סעקרעטאַרן פון דער קאָמוניסטישער פּאַר־טיי, אויף איבערצונעמען די מאַכט. אויך זענען שוין אָנגעמערקט געוואָרן פּאָסטנס פאַר פאַראַנטוואָרטלעכע פּאַרטיזאַנער און געוועזענע קאָמוניס־טישע און סאָוויעטישע טוערס.

אין אָזיערי האָבן מיר געקלערט, אַז די פּאַרטיזאַנקע ציילט אירע לעצטע טעג, נישט קלערנדיק און נישט פאַרשטעלנדיק זיך, אַז עס וועט אונדז נאָך אויסקומען איבערצולעבן פאַרוויקלטע און שווערע שלאַכטן מיט די דייטשישע פראָנט־רעגימענטן און מיט גרויסע באַנדעס „באַנדע־ראָווצעס".

אין דער צייט וואָס מיר זענען אַוועק פון די וועלדער, וואָס געפינען

זיך צווישן די טייכן סטיר און האָרין, האָבן אונדזערע פלעצער פאַרנומען די באַנדעראָווצעס. זיי האָבן זיך געמערט אין אַ גרויסער צאָל. כמעט אַלע דערפער זענען געוואָרן פאַרכאַפּט מיט דער אידעאָלאָגיע פון אַ „סאַמאָסטינע אוקראַינע״, זייענדיק גרייט צו קעמפן מיט די פּאַרטיזאַנער און אַפילו מיט די רעגולערע טיילן פון דער רויטער אַרמיי. אויב עמעצער פון די פּויערים, וואָס האָט געהאַט די מינדסטע שייכות מיט פּאַרטיזאַנער, איז דורך זיי אכזריותדיק געטויט געוואָרן.

זיי האָבן זיך דערוווּסט פון די אַלע פּויערים, וואָס האָבן געגעבן שוץ אין דער ערשטער צייט די יידן, נאָכן אַנטלויפן פון געטאָ, און מען האָט זיי געטויט. דורך די באַנדעראָווצעס איז אויך דערשאָסן געוואָרן דער אַלטיטשקער פּויער, יעסיפּ, פון בראָדניצע, וואָס האָט אַזוי טיף־מענטשלעך באַהאַנדלט און מיר מיט נאָך יידן געגעבן די ערשטע שוץ, ווען מיר זענען געלאָפן פון איין געטאָ אין אַ צווייטער געטאָ.

מיר האָבן דעריבער באַקומען די פּאַראָרדענונג אַריבערגיין דעם האָרין און באַוועגן זיך אין די אַלע דערפער און ישובים ווו מיר זענען געשטאַנען די גאַנצע צייט, איידער מיר האָבן אָוועקגעמאַרשירט צום אָעראָדראָם.

ס׳זענען שוין געווען שנייען און שטאַרקע פרעסט. די זומפּיקע נידערונגען זענען געוואָרן פאַרצויגן מיט טיפע שניי־דעקעס און עס זענען געוואָרן אָפּגעמעקט די גרענעצן צווישן זומפּ און פעסטן באָדן. די דערפלעך און כוטאָרעס, וואָס זייערע הייזקעס זענען נאָך מיינסטן געווען געבויט פון נישט־געהובלטע קלעצער און באַדעקט מיט סנאָפּעס שטרוי, זענען געווען אינגאַנצן פאַרזונקען אין שניי־מאַסן. נאָר די סטאַרטשענדיקע קוימענס האָבן אויסגעאָטעמט מיט פראָסטיקער פּאַרע, וואָס דאָס איז געווען דער איינציקער דיסאָנאַנס אין דעם ווינטערדיקן אַרום.

מיר האָבן פאַרלאָזט אָזיערי, ווו מיר האָבן געוווינט גאַנץ באַקוועם אין וואַרעמע אָנגעהייצטע כאַטעס. די געפאַר איז געווען איצט גרויס אַריבערצוגיין נעבן דער באַן־סטאַנציע, ב י אַ ל אַ, און דעם טייך האָרין, וואָס איז נאָך נישט געווען גוט איינגעפרוירן. די דייטשן האָבן קאָנצענטרירט גרעסערע כוחות ביי די באַן־סטאַנציעס. מיר האָבן פאַרשטאַנען,

אַז איצט וועט מען מוזן פאַרבייגיין די דאָזיקע באַן־ליניע נאָר דורך אַ פאַרביטערטן קאַמף.

אַזוי איז טאַקע געווען. די דייטשן האָבן אונדז באַגעגנט מיט אוראַ־גאַנען פייער און אַ שטאַרקע שיסעריי האָט זיך פונאַנדערגעקנאַלט איבער אונדזערע קעפּ. דערצו איז נאָך געווען אַ לבנהדיקע נאַכט און דער שניי האָט געבלישטשעט מיט ליכטיקער און זויבערער ווייסקייט.

עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ פאַרביטערטע שלאַכט. די דייטשן זענען געווען אין אַ בעסערער פּאָזיציע ווי מיר. זיי האָבן אויסגעשטעלט פון זייערע דאטן די האַרמאַטן קעגן אונדז און געשפּרייט אויף אונדז פייער אין אַלע ריכטונגען.

נאָך אַ גרויסן קאַמף זענען מיר צוגעקומען צום האַרין. אַ גרופּע פּאַר־טיזאַנער, אונטער דער אַנפירונג פון שואל גאַלעצקי האָט מיט אַ טאָג פריער געמאַכט אַ בריק און מיר זענען אַריבער אויפן מערב־ברעג פון טייך.

אַלס נקמה־אַקטן קעגן די דערפער, וואָס זענען געווען פול מיט פאַ־שיסטיש־נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן און באַנדעראָווצעס, זענען אַנגע־ווענדט געוואָרן האַרבע מאָסנאַמען: מ׳האָט אונטערגעצונדן אייניקע דער־פער פון עק צו עק.

מיר זענען געגאַנגען אין דער ריכטונג צו די וועלדער און דערפער, וואָס ליגן נישט ווייט פון סטיר און נאָענט צו וואָלין. אין אַ דאָרף האָראַ־דישטשע האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן זענען אַוועק צו די אַלע פּלעצער און וועלדער, וווּ עס האָבן זיך קאָנצענטרירט די באַנדעס פון באַנדעראָווצעס. עס זענען געפירט געוואָרן מיט זיי אויפס־ניי שווערע קאַמפן.

די רויטע אַרמיי האָט שוין געהאַט פאַרנומען די דערפער אַזיערי און די באַן־סטאַנציע ביאַלאַ, ווי אויך סאַרני און דאָמבראָוויץ. דאָך האָט דאָס די באַנדעראָווצעס נישט איבערגעשראָקן און האָבן אַפילו געוואַגט צו באַפאַלן גרויסע רויטאַרמייאישע גרופּעס.

ביי אונדז זענען ווידער געווען פאַרווונדעטע פון די אַלע קאַמפן און דערצו איז אויסגעבראָכן די טיפוס־עפּידעמיע. אָבער מיר האָבן דאַן זיך

שוין נישט גענייטיקט אין אַן אַעראָדראָם. אונטער דער באַגלייטונג פון גרויסע פּאַרטיזאַנישע גרופּעס פלעגט מען די פאַרוואונדעטע און טיפוס־קראַנקע אַוועקפירן אין סאַרני און דאָמבראָוויץ, וווּ עס זענען שוין געווען שפּיטאָלן, איינגעאָרדנט פון דער ניי־רעסטאַווירטער מאַכט פון די סאָוויעטן.

ס׳איז אונדז פאַראָרדנט געוואָרן צו מאָביליזירן די דערפער. די מאָביליזירטע פויערים האָבן מיר געדאַרפט איבערשיקן אין די רויטאַרמיי־אישע פאָרמאַציעס, וואָס האָבן סטאַנציאָנירט אין די אויבן דערמאָנטע שטעט.

מיר האָבן שנעל דורכגעפירט די דאָזיקע מאָביליזאַציע פון די דערפער. מיט דעם האָט מען געשאָסן צוויי אָדער דריי האָזן מיטאַמאָל. די באַנדעראָווצעס האָבן פאַרלוירן רעזערוון פאַר זייער באַוועגונג, די רויטע אַרמיי האָט געקראָגן מער מיליטער, און די דייטשן, וועלכע פלעגן קאָמפּלעטירן גאַנצע טראַנספּאָרטן מיט פויערים און זיי שיקן קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט, האָבן פאַרלוירן אַ סך אַרבעט־הענט. ס׳איז דאָך דאַן געווען אָנהייב יאַנואַר 1944 און דער קריג האָט זיך נאָך געצויגן ביז מאַי 1945, אַזוי אַז די דייטשישע קריג־מאַשין האָט זיך דאָך נאָך גענוג גענייטיקט אין מענטשן־שקלאַפן.

מיר זענען דאָך פאַקטיש געווען פאַרבונדן מיט דער רויטער אַרמיי און מיר האָבן דאָך געקאָנט זיך באַזעצן אין באַפרייטע שטעט. עס האָט זיך אַזוי טאַקע געדאַכט, אַז יעדע שעה קאָן אָנקומען אַ באַפעל צו ליקווידירן די פּאַרטיזאַנקע. אָבער די פאַראָרדענונג פון מאָסקווער שטאַב איז אָנגעקומען, אַז מיר דאַרפן העלפן באַפרייען ראָוונע און די אַלע שטעט און שטעטלעך וואָס ליגן לענגאויס די באַן־סטאַנציעס: ראָוונע־קאָוועל און ראָוונע־לוצק.

מיר זענען געשטאַנען אין דאָרף האָראָדישטשע ביז האַלב יאַנואַר 1944, ווען די רויטע אַרמיי האָט פאַרנומען קאָרעץ, אָסטראָג, זהאשטש און שוין געשטאַנען נאָענט צו זדאָלבונאָוו, האָט מען אונדזער „סאָיעדיניעניע" געגעבן אַ באַפעל צו גיין אויף דער פראָנט־ליניע אין די אומגעגנטן פון ראָוונע־לוצק־קאָוועל.

מלך באַקאַלטשוק־פּעלין

אויף דער פראָנט־ליניע

אין יאַנואַר 1943 זענען געשטאַנען אין דרויסן שטאַרקע פרעסט. די דערפלעך אויף פּאָלעסיע און וואָלין זענען געווען פאַרזונקען אינגאַנצן אין מעכטיק־גרויסע שניי־מאַסן. די וועגן און שליאַכן זענען געווען פאַרשאָטן. איבער דער גרויסער פלאַכלאַנד איז געלעגן אַ טיפער שניי, ווי אַ ווייסע וואולקאַנישע לאַווע וואָלט איר איינגעהילט.

מיר האָבן זיך געצויגן מיט אונדזער לאַנגן אָבאָז אין דער ריכטונג צו דעם וואָלינער שטעטל וולאָדימרעץ, וואָס איז שוין געווען באַפרייט דורך דער רויטער אַרמיי. עס איז געגאַנגען אַ מחנה פון עטלעכע טויזנט פּאַרטיזאַנער, און מיט אונדז האָבן מאַרשירט אין גרויסע קאָלאָנעס מאָבילּיזירטע פּויערים פון די דערפער. דאָס האָט געדאַרפט זיין אונדזער געשאַנק דער רויטער אַרמיי, ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט איר. די מאָביליזאַציע פון די פּויערים אין מיליטער־עלטער איז דורכגעפירט געוואָרן זייער אינטענסיוו.

עס איז געווען גראַד אַ זוניקער פראָסטיקער טאָג. די דייטשישע עראָפּלאַנען האָבן אונדז נישט אָפּגעלאָזט פון אויג און רק נאָכבאַגלייט אונדזערע טריט. עס האָט נישט געהאָלפן וואָס מיר האָבן זיך פאַרקירעוועט פון שליאַך און אַריין אין דעם גרויסן וואַלד־מאַסיוו, וואָס האָט זיך געצויגן צו ווייטע מקומות אויף וואָלין. די „מעסערסמיטס" האָבן אונדז אויפגעזוכט און אָנגעהויבן באָמבאַרדירן דעם וואַלד. דאָס איז געווען דער ערשטער סיגנאַל, אַז מיר געפינען זיך שוין נישט אין דער פראָנט־זאָנע, נאָר אויף דער פּאַקטישער פראָנט־ליניע.

פאַרנאַכט זענען מיר אַרויסגעפאָרן פון וואַלד צוריק אויפן שליאַך. די דייטשישע עראָפּלאַנען האָבן זיך שוין נישט באַוויזן. מיר זענען אָבער געווען קאַמפסגרייט, ריכטנדיק זיך אויף באַגעגענישן מיט דייטשישע פראָנט־רעגימענטן.

די אָטריאַדן האָבן פאַרנומען די דערפער, וואָס זענען געווען אַרום וולאָדימרעץ. מיט אונדז האָט שוין דאַן דיריגירט דער שטאַב פון דער רויטער אַרמיי. רייטערס פון אַ רויטאַרמייאישער פאָרמאַציע זענען צו

אונדז געקומען אין די דערפער און האָבן אינפאָרמירט דעם גענעראַל אונ־דזער מאַרשרוט.

אַ פּאָר טעג זענען מיר געשטאַנען אין די דאָזיקע דערפער. לויט אינ־פאָרמאַציעס פון אונדזערע אויסשפּירער זענען די דייטשישע רעגימענטן, אָפּטרעטנדיק פון וואָלאָדימערעץ, נישט געגאַנגען אין דער ריכטונג פון די דערפער, וווּ מיר זענען געשטאַנען, און זיך געלאָזט גיין מיט דעם שאָסיי וואָס ציט זיך פון ראָוונע קיין קאָוועל. אָבער אין די וועלדער אַרום וואָלאָ־דימערעץ האָבן גראַסירט גרופּעס באַנדעראָווצעס, מיט וועלכע מען האָט געפירט קאַמפן. ווען פּאַרטיזאַנער האָבן געפאַנגען פאַרוווּנדעטע באַנדע־ראָווצעס און מען האָט זיי געפרעגט וואָס איז זייער ציל און וואָס פאַר אַ זין האָט זייער איצטיקער קאַמף, ווען די רויטע אַרמיי איז דאָך שוין גע־קומען אויף מערב־אוקראַינע, האָבן זיי געענטפערט, אַז זיי וועלן אַלצ־איינס קעמפן קעגן רוסישן אימפּעריאַליזם, ווי די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער. איינער פון זיי האָט זיך אָפּגערופן: „מיר ווייסן, אַז מיר זענען נישט בכוח צו באַקעמפן די רויטע אַרמיי און וועלן אומקומען אין קאַמף, אָבער דערפאַר וועלן מיר אַריבערגיין אין דער היסטאָריע אַלס אוקראַי־נישע פּאַטריאָטן, וואָס האָבן געבלוטיקט פאַר אַ „סאַמאָסטינע אוקראַינע“ אָן דער „זשידאָ־קאָמונע“.

די רויטע אַרמיי איז געגאַנגען פאָרויס. אונדזער בריגאַדע, אונטער דער אָנפירונג פון קאָמיסאַר ק י ז י א און פּאָלקאָווניק פּיאָדאָראָוו, האָט זעלבסטשטענדיק באַפרייט ראַפאַלאָווקע און אייניקע שכנישע באַ־פעלקערטע פונקטן, אויף דער באַן־ליניע סאַרני־קאָוועל.

צוליב דעם גרויסן בייטראָג און דער קאָנצענטרירונג פון פּאַרטיזאַ־נער־מחנות אויף דער פראָנט־ליניע, אין רוקן פון די דייטשן, איז דער פראָנט געוועזן געקרייצט אין פאַרשיידענע פונקטן און נישט ווי אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. די דייטשן האָבן, כדי אויסמיידן די פּאַרטיזאַני־שע אָטריאַדן, זיך קאָנצענטרירט אין די באַפעלקערטע פונקטן אַרום און לענגאויס די באַן־מאַגיסטראַלן. די רויטע אַרמיי האָט שוין געהאַט פאַר־נומען עטלעכע באַן־סטאַנציעס נאָך סאַרני, וואָס איז שוין געווען ווייט פון ראָוונע, און אין דער זעלבער צייט האָבן זיך געפירט שלאַכטן אויף יענער זייט ראָוונע, אויף מזרח. עס איז נאָך נישט געווען פאַרנומען זדאָל־

בונאָוו און נישט דובנע, ווי אויך נישט קיין באַן־ליניעס אויף די מאַגיס־טראַלן: ראָוונע־לוצק און ראָוונע־קאָוועל.

מיר האָבן דעריבער באַקומען דעם באַפעל פון דעם שטאַב פון גענעראַל וואַטוטין (ער האָט באַפרייט קיעוו און געפירט די שלאַכטן אויף אוקראַינע און איז דערמאָרדעט געוואָרן פון די באַנדעראָווצעס צווישן קאָרעץ און האָשטש), אַז מיר זאָלן אַרויסגיין אין די צומאַנער וועלדער און זען באַפרייען די באַן־סטאַנציעס און באַפעלקערטע פונקטן אַרום קלעוואַן־צומאַן, און דערנאָך זאָלן מיר אַנגרייפן, צוזאַמען מיט די רויטאַרמייאישע פּאָלקן, ראָוונע.

אין אַ פאַרנאַכט, ווען דער פראָסט איז געווען גרויס און אַ גרויסע שניי־זאַווערוכע האָט זיך צעווירבלט, פאַרשיטנדיק די וועגן, האָבן מיר זיך ווידער געצויגן מיט אונדזערע קאַראַוואַנען. געוווסט האָבן מיר, אַז עס שטייט אונדז פאָר אַ שווערער פאַרגעב — צו שטרייטן מיט רעגולערע פראָנט־רעגימענטן און דערצו אויף דער פאָדערשטער ליניע פון פראָנט.

דער מאַרשרוט אונדזערער איז געווען: צורשט קיין וואָלדימרעץ, און פון דאָרט קיין ראַפאַלאָווקע, פון וואַנען מיר האָבן געדאַרפט אַריינגיין אין די צומאַנער וועלדער.

ביינאַכט זענען מיר אָנגעקומען קיין וואָלדימרעץ. אַ דערשיטערנדיקער איינדרוק איז ביז הײַנטיקן טאָג ביי מיר פאַרבליבן און איז נישט אָפּגעמעקט געוואָרן אין לויף פון די לעצטע יאָרן.

אַ לאַנגע גאַס ציט זיך צום מאַרק־פּלאַץ. צוויי ציילן ניי־אויסגעבויטע הייזער, וואָס יידן האָבן אויפגעבויט, מסתמא האַרט פאַרן קריג, שטייען צוגעריגלט און קיין איינע פון זיי איז נישט חרוב. אויך די קראָמען אויפן מאַרק זענען פאַרמאַכט, נישט געשעדיקט אויף אַ האָר.

פאַרטיזאַנער האָבן אָנגעהויבן עפענען די הייזער און מען איז אַריינגעקומען אינעווייניק. אַלע שטוב־מטלטלין, קיך־ווירטשאַפט, די בגדים און די אַלמערס זענען געווען אַזוי גאַנץ, נישט גערירט, פונקט אין זעלבן צושטאַנד, ווי די יידן האָבן עס פאַרלאָזן, בעת מען האָט זיי געטריבן פון געטאָ צו די גריבער. אין איינקע הייזער האָב איך געזען קינדערישע שפּילכלעך, העבראַישע לערנביכער, שיכעלעך און מאַנטעלעך און פאַרשיידענע שטוביקע קלייניקייטן.

דאָס איז באמת געווען אַן אויסטערלישער פאַל, וואָס כ'האָב עס אין ערגעץ אין קיינע חרובע שטעטלעך נישט באַמערקט.

בעת כ'בין אַריין אין די דאָזיקע יידישע הייזער אָבער אויסגעליי־דיקטע פון יידן, האָט זיך מיר געדוכט, אַז אָט הער איך טריט און עס קו־מען אַרויס די יידן פון די גריבער, מיט ווייבער און קינדער. אַלץ איז דאָך געשטאַנען פאַר זיי צוגעגרייט, אַזויווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט, ווי די שחיטות און די טאָטאַלע אַקציעס וואָלטן נישט פאָרגעקומען. אַ סקרוך גייט אויך איצט דורך ביי מיר דורך — דורך אַלע צעלן פון מיין גוף — וואָס עס פאַרפרעסט דאָס האַרץ, ווי מיט רייפן, און עס ליימט די גלידער אויף אַזוי פיל, אַז דאָס אויסגעקעמפטע לעבן איז בלייך און טונקל.

לאַנג האָב איך נישט געקאָנט שטיין אין די וואָלדימרעצער יידישע הייזער. פּאַרטיזאַנער האָבן אָנגעהויבן נישטערן די שאַפעס און מיטגענו־מען אויף די וועגענער קליידונג און קליינקייטן אַפילו. איך האָב עס פון טיפן האַרצן געטאַדלט. די פּאַרטיזאַנער האָבן געדאַרפט זיך אַריינטראַכטן אין די אַלע גרויזאַמע פאַרלויפן. אַפילו בעסקראָמני, דער אָפיציעלער רע־דאַקטאָר, האָט אויך גענומען אייניקע מטלטלין.

מיר זענען דאָך געשטאַנען אויפן שוועל פון פרייהייט און זי האָט זיך מיר אויסגעוויזן שטאַרק בלייך. עס האָבן אין מיר שוין דאַן, זיצנדיק אויף איינעם פון די וועגענער פון אונדזער אָבאָז, זיך אָנגעהויבן אַנט־בלויזן אַלע וווּנדן. עס איז מיר אין יענע רגעס נישט געווען ליב דאָס אויסגעקעמפטע לעבן, און די נאָענטע שלאַכטן מיט די דייטשן האָבן לחלו־טין נישט געשראָקן. עס האָט מיך נישט געאַרט אויב איך וועל אַפילו אומ־קומען.

אַ גאַנצע נאַכט זענען מיר געפאָרן. דער פראָסט האָט אימהדיק גע־סמאַליעט. מיר האָבן אַלע אויסגעזען, מיט אונדזערע פאַרשנייטע פעלצן און קוטשמעס, ווי ווייסע מענטשן־קנוילן וואָלטן זיך געשאָרט צווישן די ביימער, און די רייד פון איינעם צום צווייטן האָבן אַזוי משונהדיק אָפּ־געהילכט, עפּעס אַזוי שפּיציק־מעסערדיק־שאַרף ווי אונדזערע שטיוול־טריט אויפן אייז־פראָסטיקן שניי.

באַגינען־צייט זענען מיר אַריינגעפאָרן אין דאָרף אַלט־זשעלודאָק, אויף דער באַן־ליניע סאַרני־קאָוועל. דאָס גאַנצע דאָרף איז געווען אייג־

געהילט אין הורבעס שניי, נאָר די טונקעלע קוימענס האָבן געסטאַרטשעט ווי אויסטערלישע שנויצן, אַרויסאַטעמענדיק אַ בלויע פּראַסטיקע פּאַרע. זיי, די קוימענס, זענען געווען די איינציקע צייכנס פון אַ ישוב.

מיר זענען געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג אין דאָזיקן דאָרף. דייטשישע עראָפּלאַנען האָבן דערשנאַפּט אונדזער אָבאָז און אָנגעהויבן באַשיטן מיט באָמבעס. לאַנג שטיין האָבן מיר נישט געקאָנט. אויף מאָרגן, גאַנץ פרי, ווען דאָס בלאָלעכע ליכט האָט אָנגעהויבן זיך אויסטיילן, זענען מיר אַוועק פון זשאַלודאָק, וואָס איז שוין געווען פאַרנומען פון אַן אָפּטיילונג פון דער רויטער אַרמיי.

מיר זענען פון דאָזיקן דאָרף אַוועק אין דער ריכטונג צו די צומאַנער וועלדער. דעם גאַנצן וועג, ביז מיר זענען אַריינגעקומען אין די וועלדער, האָבן אונדז נאָכגעפלויגן דייטשישע עראָפּלאַנען און געהוזשעט נאָכאַנאַנד. אין וואַלד האָבן מיר זיך געפילט פרייער. דער וואַלד פאַר פאַרטיזאַנער איז דאָך אַ היים און מען פילט זיך זיכערער דאָרט.

די צומאַנער וועלדער, באַזונדערס אין דער דרומדיקער געגנט, זענען גרויס און געדיכט און האָבן זיך געצויגן פון ראָוונע ביז לוצק. אַריינבקומענדיק וועלכע 15 ק״מ אין וואַלד, האָבן מיר באַמערקט פּאַרטיזאַנישעביידלעך, אין וועלכע עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן די פּאַרטיזאַנער פון מעדוועדיעוו. זיי, די מעדוועדיעווצעס, האָבן פאַרלייגט זייערע געצעלטן אין צומאַנער וואַלד און געווען זייער אַקטיוו אויף אַ ספּעציעלן געביט — צו זאַמלען אינפאָרמאַציעס פון די פיינד און זייערע טעטיקייטן אויף אוקראַינע. מעדוועדיעוו האָט געפירט די דאָזיקע אַרבעט אויף אַ הויכן קולטורעלן אופן. ער פלעגט אַריינשיקן אַגענטן און דיווערסאַנטן אין די שטעט און אַפילו אין די דייטשישע אַמטן האָט ער געהאַט זיינע אויסשפּירער. ער האָט אַלע מאַטעריאַלן איבערגעשיקט קיין מאָסקווע. אין זיינע רייען זענען געווען פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן מיט אַ גוטן דייטשישן אַקצענט גערעדט דייטש און האָבן דעריבער געקאָנט אַריינדרינגען אין די געסטאַפּאָ־קאַנצעלאַריעס. זיי, די דאָזיקע אַגענטן פון מעדוועדיעוון, פלעגן אויפרייסן אָפיצערישע קלובן און קינאָס, ווי אויך אַמטן. זיי האָבן אויך געזאַמלט פאָטאָגראַפיעס פון פאַרשיידענע דייטשישע „ש י ש ק ע ס" ווי אויך געמאַכט פּלענער פון די מיליטערישע אָביעקטן, וואָס דאָס אַלץ

איז שטאַרק צונויץ געקומען דער סאָוויעטישער אַוויאַציע ביים באָמבאַר־דירן זיי.

איינער אַ פּאַרטיזאַן פון מעדוועדיעווס בריגאַדע, האָט דורכגעפירט דעם פאָלגנדיקן פאַרגעב. עס איז דורך מעדוועדיעווס שטאַב אַריינגעשיקט געוואָרן אַ פּאַרטיזאַנקע, אַ פּוילישע פרוי, צו דעם דייטשישן טרויע־ריק־באַרימטן רייכקאָמיסאַר איבער אוקראַינע, עריך קאָך, וואָס האָט געהאַט זיין זיצאָרט אין ראָוונע. זי האָט אויסגעצייכנט גערעדט דייטש און געאַרבעט ביי אים אין ביורא. זי האָט געמאַכט אַ גענויעם פּלאַן פון דעם שטאַב, אַלע אַרומיקע געביידעס, און האָט שוין געהאַלטן ביים פאַר־שווינדן, כדי איבערגעבן מעדוועדיעוון דעם דאָזיקן וויכטיקן פּלאַן. אָבער מען האָט עפּעס באַמערקט, און זי האָט אַרויסגערופן אומצוטרוי צו זיך אין דייטשישן ביורא. מען האָט איר אַרעסטירט, אָבער זי האָט דעם פּלאַן געהאַלטן פאַרדרייט אין אירע האָר, אַזוי אַז מען האָט ביי איר גאָרנישט געפונען. אָבער פון אַרעסט האָט מען איר נישט אַרויסגעלאָזן.

מעדוועדיעווס אַגענטן האָבן אינפאָרמירט אין וואַלד צום פּאַרטיזאַ־נער־שטאַב, און מעדוועדיעוו האָט באַשלאָסן אויפזוכן אַ וועג צו באַפרייען די פּוילישע פרוי. אין די רייען פון די מעדוועדיעווצעס איז געווען אַ פּאַר־טיזאַן, קוזנעצאָוו, וואָס האָט געהאַט אַ וואונדערבאַרן מזרח־פּרייסישן אַק־צענט. מען האָט פאַר אים געקריגן דייטשישע דאָקומענטן און אַן אוני־פאָרם. ער איז אַוועקגעפאָרן קיין ראָוונע, אָנגעטאָן ווי אַן ס״ס־אָפיציר, מיט נאָגראַדעס אָנגעגנייט אויפן מונדיר. איין צ ל ם איז געווען פאַר זיינע קאַמפן אויף ק ר י ם און אַ צווייטער צ ל ם פאַר זיינע קאַמפן אויפן מאָסקווער פראָנט, און נאָך מעדאַלן. אָנגעגעבן האָט ער זיך אין ראָוונע ווי אַ וועטעראַן פון מזרח־פראָנט. ער האָט זיך אין ראָוונע באַ־קענט און באַפרייגדעט מיט אַ גענעראַל פון דער זשאַנדאַרמעריע. ווען ס'איז פאַרגעקומען אַ באַל ביים פּאַרטיי־גענאָסע עריך קאָך, איז קוזנע־צאָוו, לויט דער רעקאָמענדאַציע פון זשאַנדאַרמעריע־גענעראַל, אויך איינ־געלאַדן געוואָרן, און קאָך בכבודו ובעצמו האָט מיט אים גאַנץ פריינדלעך געשמועסט. זיי האָבן גערעדט וועגן קריג און פון די קאַמפן הינטער מאָסקווע. קוזנעצאָוו האָט יעדעס מאָל באַטאָנט: „די זיגרייכע אַרמיי פון אונדזער פ י ר ע ר וועט סוף־סוף באַזיגן די גאַנצע וועלט”. צום סוף

פון געשפּרעך האָט קוזנעצאָוו זיך געווענדט צו קאָכן מיט אַ דעליקאַטער פראַגע, אויב ער קאָן מיט אים ריידן ווי אַ מאַן מ'ט אַ מאַן. ער האָט אים דערציילט, אַז די אַרעסטירטע פּאַלקע איז זיינע אַ קעפּס־ווייב און ער וואָלט אים בעטן, מען זאָל איר באַפרייען. דער רייכקאָמיסאַר קאָך האָט אים געענטפערט בזה הלשון: „אויב אייך, פּאַרטיי־גענאָסע, איז אַזוי נויטווענדיק די פּוילישע פרוי, וועל איך אייך דאָס טאָן, נאָר אויס־שליסלעך צוליב דעם וואָס איר האָט די נאַגראַדעס און צלמער פון פ י־ר ע ר פאַר אייער האָפּפערקייט אין די שלאַכטן ביי מאָסקווע און אויף קרים.” די פּאַלקע איז באַפרייט געוואָרן אוןביידע זענען דערנאָך פאַר־שוונדן פון שטאָט, אַנקומענדיק צו זייער באַזע אין די צומאנער וועלדער.

ביי די דאָזיקע ביידלעך פון דער פּאַרטיזאַנישער באַזע פון די מעד־ווערדיעווצעס האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ קליינעם אָפּרו. מעדווע־דיעוו מיט זיינע פּאַרטיזאַנער זענען שוין נישט געווען. די ביידלעך זענען געשטאַנען ליידיק און זיי זענען געווען סימבאָלן פון גרויסער העראָישער פּאַרטיזאַנישער דרייסטקייט און גבורה. מען האָט גערעדט, אַז מעדווע־דיעוו איז אַ ייִד.

ביי יעדן פּריוואַל (אָפּרו־אָרט) האָב איך אינסטאַלירט די ראַדיאָ כדי אויפצונעמען די קאָמוניקאַטן פון סאָוואינפּאָרמביוראָ און זיי געבן צום דרוק. די רעדאַקציע־אַרבעט האָט זיך דאָך נישט אָפּגעשטעלט אַפילו ביי די קאָמפּליצירטסטע באַדינגונגען. און די ראַדיאָ־קאָמוניקאַטן האָבן דאַן יעדן איינעם שטאַרק אינטערעסירט. מיר זענען דאָך געווען אויף די פאָ־דערשטע ליניעס פון פראָנט. הגם די ר אַ צ י ע ס האָבן געאַרבעט אָן אָן איבעררייס, אָבער די ראַדיאָ־ידיעות האָבן אונדז אינפאָרמירט גענויער. מיר האָבן דאָך געדאַרפט וויסן ווי צו לענקען אונדזער מאַרש. מיר האָבן יעדע רגע געוואַרט, אַז אפשר איז שוין דאָ די ידיעה, אַז ראָוונע איז פאַר־נומען, און דאַן האָבן מיר געדאַרפט אַנדערש אָנווענדן אונדזער מאַרשרוט.

מיר האָבן אין איין טאָג דורכגעמאַכט וועלכע 40 ק"מ און געגאַנגען אַלץ טיפער אין די צומאנער וועלדער, וואָס זענען געווען דאָס אייגנטום פון די ראַדזיווילס. דאָרט אין די וועלדער האָבן די ראַדזיווילס אָפּט איינ־געאָרדנט געיעגן נאָך חיות. דאָרט זענען אומגעגאַנגען ווילדע ציגן, וויל־דע חזירים, וועלף און בערן — אין גאַנצע סטאַדעס.

אין דער צייט פון אונדזער אָפּשטעל האָבן די ראַדיסטקעס אינפאָר־מירט דעם שטאַב פון דער רויטער אַרמיי אויף אונדזער פראָנט־אָפּשניט וווּ מיר געפינען זיך, און ס'איז געגעבן געוואָרן דער באַפעל, מיר זאָלן פאַרשנעלערן אונדזער מאַרש און אויפרייסן די באַן־ליניע, וועלכע גייט דורך — דורך די געדיכטענישן פון וואַלד. דאָס איז די ליניע בריסק־קאָ־וועל־זדאָלבונאָוו.

מיר זענען אַריבער דעם שאָסיי לוצק־ראָוונע און אָנגעקומען אין אַ גרויסן דאָרף, אין וועלכן עס איז מיט אַ פּאָר שעה פאַר אונדזער אָנקום געשטאַנען אַ דייטשישע דיוויזיע. ווען די דאָזיקע דייטשישע דיוויזיע וואָלט זיך פאַרהאַלטן אויף איין שעה, וואָלטן מיר זיך מיט זיי געטראָפן. עס וואָלט דאַן געווען אונדזער ערשטער קאַמף אויף אַ פראָנט־ליניע.

פאַרטאָג האָבן מיר פאַרלאָזן דאָס דאָרף און אַוועק אין דער ריכטונג צו צומאַן. די וועלדער האָבן זיך נאָך אַלץ געצויגן אָן אַן ענד, אָבער דיי־טשישע עראָפּלאַנען האָבן אונדז אין די טיפן פון וואַלד אָפּגעמערקט. זיי האָבן אונדז נאָכגעפאָלגט אַ גאַנצן טאָג פון אונדזער מאַרש איבער די גע־דיכטע וואַלד־מאַסיוון, וואָס האָבן געהאַט דיקע באַיאָרטע דעמבעס, אַל־כע און סאָסנע־ביימער, און זיי זענען געווען אונדזער איינציקע באַשי־צונג פון די דייטשישע „מעסערסמיטס".

לעצטע קאַמפן פון אונדזער פּאַרטיזאַנקע

די שווערסטע צייט אין אונדזער פאַרטיזאַנקע איז געווען אין די טעג פון דער צווייטער העלפט יאַנואַר 1943, ביז דעם 6־7 פעברואַר 1943. מיר האָבן דאַך די גאַנצע צייט געפירט וויניק אָנגרייפערישע קאַמפן מיט דייטשן. הויפּטזעכלעך זענען מיר באַפאַלן קליינע דייטשישע גאַרניזאָנען, אויפגעריסן באַן־ליניעס, בריקן און מיליטערישע אוןווירטשאַפטלעכע אָביעקטן, אָנגעגריפן פּאָליציי־אַמטן און געפירט שלאַכטן מיט דייטשן און באַנדעראָווצעס נישט אין אַזאַ פאַרנעם ווי אין די לעצטע טעג פון אונ־דזער פאַרטיזאַנקע. ביי צומאַן און ביי די טויערן פון ראָוונע, האָבן מיר געדאַרפט אָנגרייפן פראָנט־רעגימענטן פון דייטשן אויף די פאָדערשטע

פּאָזיציעס. אונדזער סיטואַציע איז געווען מער באַשווערט און אַ סך קאָמ־פּליצירטער ווי ביי די פאָרמאַציעס פון דער רויטער אַרמיי אויפן פראָנט. די רויטאַרמייאישע פאָרמאַציעס האָבן דאָך געהאַט פאַר זיך מער געשול־טע אָנפירער און מער מאָדערנעם וואפן, אויך זעניטקעס אויף אַראָפּצו־שיסן פיינדלעכע עראָפּלאַנען. מיר האָבן עס נישט געהאַט און עס איז נישט געווען אין אונדזער דיספּאָזיציע קיין עראָפּלאַנען אויף צו פירן מיט דעם שונאס עראָפּלאַנען, לופט־קאַמפן. אין אונדזערע רייען זענען דאָך לעצטנס, זייענדיק אין די דובניצקער וועלדער, אַריינגעגלידערט געוואָרן זעלנער פון דער רויטער אַרמיי, און זיי האָבן באַשטעטיקט, אַז צו קעמפן אין אַ פּאַרטיזאַנער־מחנה איז אַ סך מער באַשווערט און מסוכנדיקער ווי אין אַ רויטאַרמייאישן פּאָלק אָדער דיוויזיע.

דער שטאַב מיט אַלע זיינע סעקציעס האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דאָרף האָראָדישטשע, 12 ק״מ פון צומאַן. די איבעריקע אָטריאַדן און ברי־גאַדעס האָבן פאַרנומען די שכנישע דערפער און וועלדער. מען האָט גע־דאַרפט אַרומרינגלען די דייטשישע פּאָזיציעס פון אַלע פיר זייטן. אַ גאַנצן טאָג איז געווען רואיק. שוצגריבער זענען געמאַכט געוואָרן און מען האָט זיך געגרייט צו באַפאַלן די דייטשישע דאָטן אין צומאַן ראַפּטום, אין די שפּעטע שעהן פון דער נאַכט.

אַזוי איז געווען. פון אַלע זייטן האָבן פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן אָנגע־גריפן די דייטשישע טראַנשייען. ס׳איז געווען טיף אין דער נאַכט. די דייטשן האָבן אָבער ביטער און אָנגעשטרענגט געקעמפט. זיי האָבן אָנ־געווענדט אַלע תכסיסי־מלחמה. פון ביידע זייטן זענען געפאַלן קרבנות. עס זענען דאַן געפאַלן אין אַ העראָישן קאַמף אַ סך פּאַרטיזאַנער. דער הע־ראָישער פּאַרטיזאַן, אשר מאַנקאָווסקי, איז געוואָרן שווער פאַרוווּנדעט און איז דערנאָך, אין אַ פּאָר טעג אַרום, געשטאָרבן. ער איז געווען איי־נער פון די אויסגעצייכנסטע יידישע פּאַרטיזאַנער. ער האָט אָנטיילגענו־מען אין אַלע פּאַרטיזאַנישע קאַמפן און מיט גרויס אייפער זיך געשלאָגן, אַרויסווייזנדיק די גרעסטע העראָישקייט. אין צומאַנער שלאַכט איז גע־פאַלן אין קאַמף די העראָישע פּאַרטיזאַנקע וואַקסמאַן. זי איז געווען אַ קראַנקן־שוועסטער און האָט געוואָלט דערלאַנגען די ערשטע הילף אַ פאַר־וווּנדעטן פּאַרטיזאַן. אונטער דער פיינדלעכער קאַנאָנאַדע איז זי געלאָפן

צום פאַרוואונדעטן פּאַרטיזאַן און אַ שראַפּנעל האָט איר צעריסן. בכלל איז געווען אַ חרפה פאַר אַ פּאַרטיזאַן נישט געבן קיין הילף אַ פאַרוואונדעטן חבר. די העלדישע פּאַרטיזאַנקע וואַקסמאַן האָט דעריבער נישט געקוקט אויף דער געפאַר וועלכע דראָט איר, געגאַנגען ראַטעווען דעם פּאַרטיזאַן, וואָס איז געווען אַ רויטאַרמייער און איז אַנגעקומען אין אונדזערע פּאַר־טיזאַנער־רייען אין דובניצק.

ביז העלן פּאַרטאָג איז אָנגעגאַנגען דער קאַמף מיט די דייטשן. עס האָט זיך צעפּלאַקערט דער הימל, וואָס מען האָט געקאָנט זען אויף אַ ווייטער דיסטאַנץ, און די קאַנאָנאַדע פון ביידע מחנות האָט אָפּגעהילכט אויף אַ ווייטקייט פון קילאָמעטערס.

די דייטשן זענען נישט אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון זייערע פּאָזי־ציעס און די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך צוריקגעקערט צו זייערע באַזעס אין די שכנישע דערפער פון צומאַן און אין די וועלדער.

די דייטשן האָבן אָבער אויף מאָרגן, אין די באַגינען־שעהן, אָנגע־הויבן באָמבאַרדירן אונדזערע באַזעס. יעדע 15־20 מינוט איז געקומען צופליען אַן אַנדער עסקאַדרע עראָפּלאַנען און האָבן אָנגעהויבן וואַרפן באָמבעס אויף די דערפער און אויף די וועלדער. קיין זעניטקעס האָבן מיר נישט געהאַט און קיין עראָפּלאַנען אויף צו פירן מיט זיי לופט־קאַמפן האָבן מיר אויך נישט געהאַט אין אונדזער רשות. הגם מען האָט דעם אָבאָז פאַרמאַסקירט און מיר האָבן געהאַט צוגעגרייט טיפע שוצגרובנס, האָט עס אָבער נישט געהאָלפן. עס זענען פאַרוואונדעט געוואָרן פּאַרטיזאַ־נער און די דערפער זענען דעמאָלירט געוואָרן. עס איז געווען אַ שווערער קריטישער טאָג. אַן איבעררייס זענען די עראָפּלאַנען געפלויגן איבער אונ־דזערע באַזעס. ערשט פאַרנאַכט איז שטילער געוואָרן.

אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר דאַן צוגעגרייט אונדזער אָבאָז, כדי אַריינ־פאָרן טיפער אין וואַלד, קלערנדיק אַז אפשר וועלן מיר זיך קאָנען געפינען מער באַשיצנדיקער, ווייל די עראָפּלאַנען וועלן אונדז נישט קאָנען אויפ־זוכן.

אַלע אָטריאַדן האָבן אָנגעהויבן פאַרלאָזן די דערפער און זענען אַריינ־געפאָרן אין די וואַלד־מאַסיוון, אויפזוכנדיק געדיכטערע פּלעצער, מער באַבלעטערטעביימער. די דייטשישע עראָפּלאַנען, נאָך אין די פרימאָרגנ־

שעהן, האָבן אונדז אויפגעזוכט אין די וועלדער און אָנגעהויבן זיי באַוואַרפן מיט שווערע באָמבעס. די דעטאָנאַציעס פון די עקספּלאָזיעס זענען ביז גאָר געווען שטאַרקע, אָפּהילכנדיק אויף אַ ווייטער דיסטאַנץ. איין באָמבע איז געפאַלן גאַנץ נאָענט פון רעדאַקציע־וואָגן, ווו כ׳בין גראַד געשטאַנען. דאָס פערד איז געטויט געוואָרן און כ׳האָב אינסטינקטיוו זיך אַ דריי געטאָן אָן אַ זייט, אַזוי אַרום בין איך ניצול געוואָרן.

דער אָבאָז האָט ווייטער זיך געלאָזט אין וועג, אַלץ טיפער אין וואַלד, אָבער די עראָפּלאַנען האָבן אונדז פאַרפאָלגט ביז סאַמע פאַרנאַכט. מיר האָבן אויסגעגראָבן טיפע קאַנאַוועס, גרויסע שוצגראָבנס און געוואַרט אויף הילף פון דער רויטער אַרמיי. באַזונדערס האָבן מיר זיך גענייטיקט אין דער הילף פון דער סאָוויעטישער אַוויאַציע.

קיין הילף פון דער רויטער אַרמיי איז נישט אָנגעקומען. אונדזער ראַזוועדקע האָט פעסטגעשטעלט, אַז נאָך צוויי דיוויזיעס דייטשן זענען אָנגעקומען און מען רינגלט אַרום די צומאַנער וועלדער.

די אַטריאַדן זענען באַלד פאַרמירט געוואָרן און זענען אַרויס אַקעגן די דייטשישע פאַרמאַציעס. עס האָבן זיך צעסווישטשעט אויטאָמאַטן־סעריעס און קוילנוואַרפער. עס האָבן אָנגעהויבן קעגנזייטיק זיך באַשיסן די שווערע געווער־מאַשינען. די קאַמפן זענען געוואָרן אייפערדיקער און גרעסער. די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך געוואָרפן אין אינדיווידועלע קאַמפן. פאַר דאָס האָבן די דייטשן זיך געשראָקן און זיך נישט געקאָנט פאַרמעסטן מיט די פּאַרטיזאַנער.

צוויי טעג האָבן זיך געפירט ביטערע און שווערע שלאַכטן. די דייטשן האָבן באַקומען פאַרשטאַרקונגען און אָנגעהויבן אויפסניי אַרומרינגלען די וועלדער. עס איז דעריבער באַשלאָסן געוואָרן, אַז מען דאַרף וואָס שנעלער זיך דערלאַנגען אויף דער זייט פון די רויטאַרמייאישע פאַרמאַציעס.

אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר געזוכט אַ וועג ווי אַרויסצוגיין פון דער דייטשישער אַרומרינגלונג. גראַד איז געווען אַ לינדע נאַכט און אַ פייכטער שניי האָט אָנגעהויבן שיטן, שניי מיט רעגן צוזאַמען. דער וועג איז קאַליע געוואָרן און גרויסע קאַלוזשעס האָבן זיך אויסגעבילדעט, אַזוי־

אַרום זענען די וועגענער אַלץ געזונקען, און מען האָט געדאַרפט איבער־שפּאַנען פערד אויף אַרויסשלעפּן זיי פון די בלאָטעס און קאַלוזשעס.

דער וואַלד איז געווען שטאַרק פאַרנעפּלט. די דייטשן האָבן אָנגע־ווענדט ראַקעטן צו וואַרפן רונד אַרום אונדז. פון אַלע זייטן זענען געווען ליכט־פּאַסן פון זייערע ראַקעטן, וואָס זענען געוואָרן אַלץ נעענטער און נעענטער צו אונדז. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אָט־אָט נעמען זיי אונדז אַרום פון אַלע זייטן. מיר האָבן אָנגעהויבן זוכן וועגן אין פאַרשיידענע ווינקלען פון וואַלד, כדי אויסמיידן זייערע ראַקעטן, אָבער ווו מיר האָבן זיך געקערט און געווענדט, האָבן זיי געלויכטן אַקעגן אונדז.

יענע נאַכט איז געווען אַ שוידערלעכע, ווי טייוואָלים וואָלטן זיך מיט אונדז פאַרמאָסטן צו פאַנגען אין זייער נעץ. אין אַ פאַרכישופטן גרוי־זאַמען קרייז האָבן מיר זיך געפונען. עס האָט מיר דערמאָנט די נאַכט ווען איך מיט די קינדער פון מיין שוועסטער און מיט ניסן באַבראַווס זונעלע האָבן געבלאָנדזשעט אין די וועלדער פון בראַדניצע און סוואַריטשעוויטש, און האָבן אָנגעטראָפן דעם יונגן שלאַנקן פויער מאַיסייען, וואָס האָט אונדז אַריינגעפירט אין די ווילדענישן און אין דער חושכדיקער געדיכט־קייט פון סוואַריטשעוויטשער וואַלד, זיך אָנטרעפנדיק מיט חיות, ווילדע חזירים און סטאַדעס וועלף. אויך איצט האָבן די ראַקעטן פון די דייטשן אויסגעבליקט ווי וועלפישע פייערדיקע אויגן. איך האָב בעת מעשה גע־קלערט, אַז דעמאָלט איז געווען דער אָנהייב פון מיין וואַלד־מאַרטיראָלאָ־גיע און איצט איז דער פינאַל, דער טויט.

די לבנה האָט זיך אינגאַנצן כמעט נישט באַוויזן און די געציילטע שטערן האָבן זיך געטונקט אין דער חושכדיקייט פון דער נאַכט. עס איז אויסגעקומען, אַז אָט־אָט וועלן מיר אַרומגערינגלט פון די בלוטדורשטיקע חיות, און יעדער איז געווען פאַרמאָסטן שווער און טייער באַצאָלן דעם פיינד, ווען מען וועט זיך אָנבאַגעגענען פּנים אל פּנים. קיין איינציקן לע־בעדיקן פּאַרטיזאַן וועלן זיי נישט פאַנגען.

אין דער לעצטער נאַכט־אשמורה האָט זיך די לבנה אַ ווייז געטאָן און די ראַקעטן זענען ווייטער געוואָרן און שוין נישט געוואָרפן אַזאַ פּרעכן אָפּשיין. מיר האָבן באַוויזן אַריבערגיין אַ שטח פון אייניקע דערפער און נישט אָנגעטראָפן קיין דייטשן. מיר האָבן דאַן גענומען אַן אַנדער ריכ־

טונג, ווי מיר זענען געגאַנגען פריער. עס האָט זיך איינגעגעבן אַריינקו־מען אין אַ וואַלד־מאַסיוו.

עס איז עפּעס ווי ראַפּטום אָנגעקומען דער באַגינען. די ראַזוויעדקע האָט אָנגעהויבן אַרומפּאָרן און זיך אָריענטירן אין דער לאַגע. ס׳איז פעסט־געשטעלט געוואָרן, אַז די דייטשן געפינען זיך אין די אַרומיקע דערפער.

אַ גאַנצן טאָג האָבן די דייטשן נישט געוווּסט וווּ מיר האָבן זיך גע־פונען און ווו זענען מיר נעלם געוואָרן. די עראָפּלאַנען האָבן גענישטערט און געזוכט. מיר זענען געווען גוט פאַרמאַסקירט און מען האָט אונדז נישט געקאָנט אָפּמערקן. דערצו איז דער נעפּל געווען אַ געדיכטער איבערן וואַלד און דער וועטער איז געוואָרן לינד.

מיר זענען אָבער געווען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. אונדזער ראַז־וויעדקע, אונטער דער אָנפירונג פון איר קאָמאַנדיר, אַלעק אבוגאָוו, האָט פאַרנאַכט־צו געבראַכט די ידיעה, אַז עס איז דאָ איין שמאָלער פּאַס ערד, וואָס איז דורך די דייטשן נישט באַזעצט געוואָרן. מיר האָבן זיך ביינאַכט געלאָזט פאָרן מיט אָט דעם וועג, וואָס האָט זיך געשלענגלט איבער וואַלד און ווילדן סטעפּ. דער דאָזיקער מאַרשרוט איז געווען געלונגען און מיר זענען אַרויס פון דער אַרומרינגלונג.

אַ גאַנצע קיילעכדיקע נאַכט האָט געדויערט ביז מיר זענען אָנגעקו־מען אין זשאַלודאָק, ווו ס׳איז געשטאַנען אַ סאָוויעטישע דיוויזיע. דאָס גאַנצע דאָרף איז געווען איבערפולט מיט רויטאַרמייער.

אויף מאָרגן גאַנץ פרי איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ צווישן דעם גענעראַל פון אונדזער „סאָיעדיניעניע" (פאַראייניקונג) מיט דעם גענע־ראַל פון סאָוויעטישן מיליטער און עס איז אונדז געגעבן געוואָרן אַ פאַר־אָרדענונג מיר זאָלן זיך צוריקקערן קיין צומאַן און אַרויסשטויסן די דייטשן, צוזאָגנדיק געבן הילף מצד דער אַוויאַציע.

די פאַרוווּנדעטע פּאַרטיזאַנער זענען אָפּגעשיקט געוואָרן קיין סאַר־ני, אין שפּיטאָל, און אַלע אָטריאַדן זענען אַוועק, אין דעם זעלבן טאָג, אין דער ריכטונג פון צומאַן.

עס האָט זיך ווידער פאַרקניפּט אַ שווערע שלאַכט מיט די דייטשן אין צומאַן. אייפעריק האָבן געקעמפט אַלע אָטריאַדן. באַזונדערס האָט זיך העראָיש געשלאָגן דער אָטריאַד א״נ פון וואָראָשילאָוו, וואָס האָט זיך

גערופן „דער יידישער אָטריאַד", הגם ער האָט געהאַט דאַן אַ מערהייט נישט־יידישע פּאַרטיזאַנער.

פון צוזאַמען זענען די דייטשן פאַרטריבן געוואָרן און מיט דעם איז געוואָרן אָפן דער ווייטערדיקער וועג אַזש ביז די פּעריפעריעס פון ראָוונע.

ביי די טויערן פון ראָוונע האָבן די דייטשן געפירט אַ פאַרביטערטן קאַמף, אָבער זיי האָבן געמוזט אָפּטרעטן. פון מזרח — פון דער זייט פון זדאָלבונאָוו — האָבן אָנגעגריפן די רויטאַרמייאישע פּאָלקן, און פון וואָק־זאַל־גאַס האָבן זיך אַריינגעריסן אונדזערע פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן.

דער ערשטער אָטריאַד, וואָס איז אַריינגעדרונגען אין די פּעריפעריעס פון שטאָט און געקעמפט מיט אַ דייטשישער פאָרמאַציע אויף איינער פון די ראָוונער גאַסן, איז געווען דער וואָראָשילאָוו־אָטריאַד. די יידישע פּאַר־טיזאַנער אַלעק אבוגאָוו, טילטשין, לייוויק פישמאַן, לייזער בראָמבערג, שואל גאַלעצקי, מ. צאַצקעס, פּערטשיק, ברוך מאַנקאָווסקי, מיין שוועס־טערס זון משה לאַנדאַ, זעליג קויפמאַן, איסר גלעזער, האַבערמאַן, דריי ברידער שיינמאַן, משה טורקעניטש, דריי ברידער שיינמאַן, פרידמאַן — האָבן אַרויסגעוויזן גרויסן העראָיזם ביים דעראָבערן ראָוונע, וועלכע איז באַפרייט געוואָרן מיט דער הילף פון וואָראָשילאָוו־אָטריאַד, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך סערניקער יידן. זיי זענען געווען אויך די פּאַ־בענטרעגער פון אָטריאַד און האָבן געצייכנט דעם קאַמף־וועג — קעגן די נאַצישע פּאַרטיליקער און הענקער — מיט מסירת־נפש און יידישער גבורה.

מיר זענען אַרויס פון די פּאַרטיזאַנער־וועלדער...

נאָך דער באַפרייאונג פון ר אָ וו נ ע איז אונדזער פּאַרטיזאַנישע א יי נ ה יי ט אויפגעלייזט געוואָרן. נאָר געצײלטע אָטריאַדן האָבן נאָך נישט אָוועקגעלייגט זייער געווער. זיי האָבן סטאַנציאָנירט אין די שטעט־לעך און דערפער, ווו גרופּעס און פאָרמאַציעס פון באַנדעראָווצעס האָבן נאָך גראַסירט אין די אַרומיקע־לענדיקע וועלדער. די דאָזיקע באַנדעראָוו־צעס האָבן נאָך זייער קאַמף נישט אויפגעגעבן. זיי פּלעגן באַפאַלן אויך רויטאַרמייאישע פאָרמאַציעס און די סאָוויעטישע אינסטרוקטאָרן און באַ־אַמטע, ווען זיי פּלעגן זיך באַווייזן אין די דערפער. אין אייניקע דערפער

און ישובים האָבן, באַלד ווי די רויטע אַרמיי האָט זיי באַפרייט, זיך באַ־זעצט יידן. עס איז דאָך געווען פעברואַר און די פרעסט זענען געשטאַנען אין דרויסן, און גלייך פון די וועלדער איז מען געקומען וווינען אין די דערפער, ווו מען האָט געקאָנט האָבן אַ וואַרעם־אויסגעהייצטע הויז און קריגן שפייז, גרינגער ווי אין די שטעט. קיינער פון אָט־די יידן האָט נישט געטראַכט, אַז די באַנדעראָווצעס וועלן נאָך זיין טעטיק, אין אָנ־בליק פון די ניי־געשאַפענע באַדינגונגען. עס איז אָבער געווען אַ ביטע־רער טעות, וואָס האָט גורם געווען אַ סך קרבנות. אַפילו אין דעם פּאַרטי־זאַנישן דאָרף אָזיערי, וואָס האָט געגעבן שוץ עטלעכע צענדליק יידן און מיט דעם זיי געראַטעוועט פון אומקום דורך די פאַשיסטן און דייטשן, זענען אַריינגעדרונגען באַנדעראָווצעס און האָבן געמאָרדעט דעם פּאַר־דינסטפולן יידישן פּאַרטיזאַן, בעגון פון וויסאָצק, און די יונגע פרוי קלעס מיט איר פינפיאָריק יינגעלע, אָפּשטאַמיקע פון דאָמבראָוויץ. אַזוינע פאַלן זענען געווען נישט וויניק. אין דאָרף סוואַריטשעוויטש האָבן די באַנדע־ראָווצעס, אויף אַן אַכזריותדיקן אופן, געטויט דעם פּאַרטיזאַן גריטשוק מיט אַלע זיינע קינדער. דאָס קליינע קינד פון גריטשוקן איז מיט אַ האַק צעפּיצלט געוואָרן.

אַזוינע איבערפאַלן זענען פאָרגעקומען אין אַ סך ערטער. רויטאַר־מייאישע אָפּטיילונגען האָבן מיט זיי געפירט פאַרביטערטע קאַמפן. אויך די נישט־אויפגעלייזטע אָטריאַדן פון אונדזערע פּאַרטיזאַנער האָבן זיך אַנגאַ־זשירט אין דער אַקציע צו באַקעמפן די אוקראַיניש־פאַשיסטישע באַוועגונג.

פּאַרטיזאַנער פון אונדזער אויפגעלייזטער „סאָיעדיניעניע" האָבן זיך אויך דעצידירט אַוועקצוגיין אין די וועלדער פון פוילן פאָרצוזעצן דעם קאַמף קעגן נאַציזם. אייניקע יידן האָבן זיך פאַרשריבן אין אַ דעסאַנט־גרופּע, וועלכע האָט געדאַרפט לאַנדן אין טשעכיע. אַ סך יונגע יידישע פּאַרטיזאַנער זענען אַריינגעטראָטן אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי.

דער קריג איז נאָך געפירט געוואָרן מיט דער גרעסטער אייפערדי־קייט. עס זענען נאָכאַנאַנד געגאַנגען עשאַלאָנען מיט זעלנער און אַמוני־ציע צום פראָנט. די שלאַכטן זענען פאָרגעקומען גאַנץ נאָענט פון די באַ־פרייטע שטעט און באַפעלקערטע פונקטן, ווו מיר האָבן זיך געפונען. אין קאָוועל זענען נאָך געווען די דייטשן און די רויטע אַרמיי האָט געפירט אַ

פּאַרביסענעם אַנגריף אויף דובנע. צוליב דער נאָענטקייט פון פראָנט איז די פיינדלעכע אַוויאַציע געווען אַ גאַסט סיי אין מיטן טאָג און סיי אין די נעכט. עס זענען באָמבאַרדירט געוואָרן די אַלע באַפרייטע שטעט און שטעטלעך פון וואָלין. עקספּלאָזיעס און דעטאָנאַציעס פון די אַראָפּגעוואָרפענע באָמבעס האָבן רואינירט די שטעט און עס זענען געווען גרויסע פּאַרלוסטן פון מענטשלעכע לעבנס.

יעדער איינער פון אונדז איז אין דער קריג־וואָקכאַנאַליע געווען דערדריקט, נישט בלויז צוליב די לופט־אַנגריפן נאָר צוליב דער שווערקייט פון געמיט. דאָס האַרץ איז געווען צוזאַמענגעפּרעסט און אַ גרויסער קנויל פון ווונדן האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט. אין אַן אַלטן ספר איז דאָ, אַז ווען ס'וועט קומען די גאולה, וועלן זיך דאַן אַנטבלויזן פאַרן אויסגעלייזטן מענטשן אַלע זיינע ווונדן, ווייל ווען די קייט פון פאַרשקלאַפונג איז געווען שטייף אַרום אים, האָט זי זיי פאַרשטעלט, און באַלד ווען זי איז פונאַנדערגעריסן געוואָרן, האָבן דאַן אַ שפּיל געטאָן אימהדיק די ווונדן.

אין פּראָצעס פון דער גרויזאַמער מאַרטיראָלאָגיע, זייענדיק אין די ענגע קלאַמערן פון געטאָ, איז מען געווען פאַרגליווערט און ווי געליימט. די געפילן און אַלע צאַפּלען פון האַרץ האָבן טעמפּ וויברירט, פול מיט יאוש און פאַרצווייפלונג. מען האָט זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון בייזן גורל, פאַרלאָזנדיק זיך אויף אים, ער זאָל דיריגירן. עס איז דאָך, מיינסטן, אָפּגעשטאָרבן געווען יעדע איניציאַטיוו און דער געדאַנק איז געווען פאַרצויגן מיט אַפּאַטיע און גורלדיקער באַשערטקייט. אַפילו יונגע קינדער זענען אין זייער געדאַנקענגאַנג געווען ווי זקנים און נמושות. אויסטייטשנדיק, אַז די דאַזיקע מאָוימדיקע צייט איז אַן אַנשיקעניש פון שיקזאַל. מיין טאָכטער, פעלינקע ז״ל, האָט מיך רק באַרואיקט מיט אירע קלוגע און האַרציקע ווערטער: „טאַטינקע, ווי איז דאָס געזאָגט געוואָרן, אַז איך דאַרף לעבן 70־80 יאָר, און נישט 16־18 יאָר?״ איך האָב געהערט ווי קליינע און יונגע קינדער האָבן גערעדט מיט גלייכגילטיקייט וועגן דעם, אַז מען גראָבט ג ר י ב ע ר. קליינע קינדער האָבן געציילט טעג פאַר דער שחיטה זיך געשפּילט אין די געהעפטן און ליקן פון געטאָ, ווי „דייטשן באַפאַלן יידן״. איין גרופּע קינדער זענען געווען יידן, און אַ צווייטע גרופּע — דייטשן.

די געטאָ־קינדער האָבן גוט געוווסט די ביטערע אמתן פון די „אַק־ציעס“ אויף יידן, און אַרויסגעזאָגט דעם אומקום, וואָס וועט פאַר־לענדן זייערע יונגע יאָרן, און מען האָט זיך געשפּילט כדי זיך צעשטרייען און פאַרגעסן אויף אַ קורצע צייט די גרויזאַמקייט פון טויט.

אין די פּאַרטיזאַנער־רייען האָט דער דראַנג צו נקמה־נעמען אַן דעם שונא, גענומען די אויבערהאַנט און פון איין קאַמף ביז צום צווייטן קאַמף איז דאָך געווען די דיסטאַנץ אַ גאַנץ קליינע. דער קאַמף־גלוסט איז נישט אָפּגעקילט געוואָרן אויף אַ רגע און דעריבער האָט מען נישט געראַצט די אייטעריקע טראַגיק אין דער מאָס, ווי דאַן ווען מען איז אַרויס פון די וועלדער.

די וונדן האָבן זיך ביי יעדן יידישן פּאַרטיזאַן פונאַנדערגעשפּילט אין אַלערליי טענער. מען האָט געמאַכט דעם אונטערצי וואָס איז געווען מיט אַזאַ גרויסן בלוט־דעפיציט. זעלטן ביי וועמען האָט זיך געראַטעוועט אַ קינד, אַ ברודער אָדער אַ שוועסטער, וואָס זאָל זיין מיט וועמען צו שפּרייזן אין לעבן.

שווער איז געווען דער וועג צו אונדזער פרייהייט. נישט ווייניק פאַר־טיזאַנער־בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן אויף וועגן און אומוועגן, אין וואַלד און אין פעלד, אָבער זייער שווער איז געווען צו „מקבל זיין דאָס לעבן“.

ביז גאָר שווער איז געווען צו באַטרעטן דעם באָדן פון די חרובע יידי־שע שטעט און שטעטלעך. די פּיס זענען געוואָרן ווי שטאָלצן און זיך גע־וואַקלט ווי ביי אייניאָריקע קינדער. שוידערדיק און שרעקלעך איז געווען די עלנטע פּאַנאָראַמע פון יעדן יידישן ישוב, יידישע הייזער זענען געווען אומגעוואַלגערט אין בערגלעך אַש, טירן און פענצטער זענען אויפ־געריסן געווען, אָפן און צעבראָסטעט. נישט ווייניקער שוידערלעך האָבן אויסגעקוקט די הייזער, אין וועלכע עס האָבן זיך באַזעצט די יורשים־קריסטן. עס האָט זיך אין די יידישע היימען אַריינגעקליבן אַן אַנדער פאָלק און אַנדערע מענטשן, מיט אַן אַנדער שפּראַך.

מיט אַ שווער־אַנגעלאָדענעם געמיט איז מען געגאַנגען פון גאַס צו גאַס, פון איין צייל הייזער צו אַ צווייטער צייל. עס האָט זיך געדוכט אַז אָט באַלד וועלן זיך עפענען די טירן און עס וועלן אָקעגן דיר אַרויסגיין די גוטהאַרציקע וואַלינער יידן, און פון די הויפן וועלן זיך באַווייזן יידישע

קינדער. עס איז אויסגעקומען ווי מיר, די לעבנגעבליבענע, זענען געוואָרן אַרויסגעוואָרפן פון כף הקלע און אַז מיר זענען ווי בלעטער אַראָפּגעפאַלענע פון איבערגעבראָכענע ביימער. אָט, דוכט זיך, וועלן אַרויסגיין פון די הייזער און פון די הויפן די קדושים, און פון יעדן ריץ און שפּאַלט וועלן אַרויסגיין די הרוגים, און עס וועט אַרויספּראַלן דאָס געזאַנג פון יידישע קינדער, דאָס מעשה־ליד פון „אַ ציגעלע־מיגעלע און פון רויטע פּאָמעראַנצן".

די באַפעלקערונג איז דאָך מיינסטן אין פולע 95 פּראָצענט געבליבן וווינען אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע. זי האָט אין זיך איינגעזאַפּט פולע לאַגלען פון יידנפיינדשאַפט און גאַנץ גערן האָט זי אויפגענומען די פאַרטיליקונג פון די יידן. געוויס זענען געווען חסידי אומות העולם, אָבער בלויז יחידים. דער רוב מנין ובנין פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג איז געווען כלל וכלל נישט איבעריק צופרידן הן מיט די לעבנגעבליבענע יידן און הן מיטן אָנקום פון דער סאָוויעטישער מאַכט. עס קאָן גריילעך זיין, אַז זי האָט געוואָלט זיך באַפרייען פון דער דייטשישער אָקופּאַציע, אָבער עס זאָל אָנקומען אַן אַנדער מאַכט, נישט די סאָוויעטישע. מיט אַ באַזונדערער אומצופרידנקייט האָט זי באַגעגנט יידישע פּאַרטיזאַנער און אויך די געציילטע הייפלעך יידן, וואָס זענען אַרויס פון זייערע פאַרשטעקטע ערטער. זי האָט זיך באַמיט צו פאַרשפּרייטן אַנטי־יידישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די רויטאַרמייער און סאָוויעטישע טוערס. עס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן קלאַנגען, אַז די יידן וועלן נישט צוגעלאָזן ווערן אויף העכערע אַמטן און עס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן השערות, אַז יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן געקעמפט אין די וועלדער נישט צוליב דער געטריישאַפט צו די סאָוויעטן, נאָר ווייל זיי האָבן דאַן נישט געהאַט קיין אַנדער אויסוועג.

עס איז דעריבער געווען פיינלעך ווען סאָוויעטישע טוערס פלעגן „איבערקייען" די זעלביקע רייד. און באַזונדערס האָט אונדז, יידישע פּאַרטיזאַנער, באַליידיקט און פאַרשוועכט אונדזערע נאַציאָנאַלע געפילן, ווען דער פּרעמיער פון אוקראַינע, ניקיטאַ כרושטשאָוו, האָט אין ס אָ ר נ י געהאַלטן אַ רעדע, וועלכע איז דערנאָך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער פּרעסע, וואָס האָט צ״א באַטאָנט, אַז „די דייטשן האָבן אויסגעהרגעט אַ סך אוקראַינער, פּאָליאַקן, דאָ אינשע נאַסיעלענניע (און אַנדערע באַפעל־

קערונג)״, נישט דערמאָנענדיק דעם נאָמען יי ד. די גרויסע פאַרזאַמ־לונג מיט דעם אָנטייל פון כרושטשאָוון, אין סאַרני, איז דאָך פאָרגעקו־מען נישט ווייט פון גרויסן ברידער־קבר, אין וועלכן עס האָבן גערוט די ביינער פון 16.000 אומגעבראַכטע יידן אין פאַרשטאָט „פאָליעסקאָיע״. דאָרט, אויף „פאָליעסקאָיע״, זענען געלעגן אין גרויסע גריבער די קדו־שים פון סאַרני און פון די שכנישע שטעטלעך.

די דאָזיקע האַנדלונג האָט אונדז שטאַרק דערדריקט, און אויפן פאָן פון די אָנגעהויפנטע חורבות און צעזייטע ברידער־קברים, האָבן מיר זיך נישט איבעריק געפרייט מיט דעם וואָס מיר זענען אַרויס פון די פאַרטי־זאַנער־וועלדער. אין די פאַרטיזאַנער־רייען האָבן מיר נישט געפילט אַזאַ רעזיגנירטקייט, ווי עס האָט אונדז באַוועלטיקט דאַן, ווען מיר האָבן אַוועקגעלייגט דעם וואָפן. דער אינעווייניקסטער איינגענעסטיקטער חורבן איז אַרויס אויפן אויבערפלאַך און ער האָט וויברירט אין אַלע צעלן פון האַרץ. עס האָט נישט געזעטיקט דאָס ברויט און עס האָט נישט צופרידנ־געשטעלט די פרייהייט. די רעזיגנאַציע איז געשטיגן מיט יעדער מינוט און די צוקונפט איז אויך געווען אָנגעטרונקען מיט פאַרגאָסענעם יידישן בלוט.

עס האָט אונדז געפייניקט, ווי מיט נאָדלען, דער מאָרגן, וואָס איז געווען פול מיט סליאַדן פון דער גרויזאַמער פאַרגאַנגענהייט.

נאָכן אַרויסגיין פון די וועלדער — נאָך יציאת היטלער — האָט דאָס לעבן נישט געהאַט קיין זין, איז געווען אָן אַ טעם, און שווער איז געווען צו אויסטיגלען אין אייגענעם א י ך דעם באַוווסטזיין פון ג א ו ל ה .

חורבן וואָלין

אין די יאָרן פון דער צאַרישער אָרדענונג האָט וואָלין פאַרנומען אַ גרויסן שטח, מיט זשיטאָמיר אַלס גובערניע־שטאָט. די פוילישע וואָלין איז געווען בלויז אַ העלפט פון דער פריערדיקער זשיטאָמירער גובערניע. דער וואָלינער ראַיאָן האָט זיך, אויפן פאַרשמעלערטן שטח אונטער דער פוילישער רעפובליק, געגרענעצט אין מזרח מיט דער גרויסער אוקראַינע,

אין דרום — מיט דער אַמאָליקער עסטרייך און שפּעטערדיקער פּוילישער גאַליציע, און אין מערב — מיט קאָנגרעס־פּוילן, און אין צפון — מיט דער אומעטיקער פּאָלעסיע.

אויף וואָלין הייבן זיך אָן די אוקראַינישע סטעפּעס. די ברייטע פליי־נצן, פעלדער און וועלדער האָבן געגעבן ברויט צו זאַט. דער וואָלינער ייד איז אויך געווען אַ ברייטהאַרציקער מענטש פון גלויבן, מיט גרויסן בטחון און אַ ברייטער האַנט. אַן אָפענע האַנט און אַן אָפענע טיר — דאָס זענען קעגנצייכנס פון די וואָלינער יידן.

אַן אייגנאַרטיקן חותם האָט וואָלין אַרויפגעלייגט אויף די יידישע ישובים און אויף דער סלאַווישער ערד האָבן זיי אַריינגעטראָגן אַן איי־גענעם ניגון. דורות יידן האָבן אויף וואָלין זיך אויסגעוועבט אין חסידי־שער חדווה און אין יידישע טראַדיציעס, אין נאַציאָנאַלע ווי אויך אין סאָ־ציאַל־עטישע אידייען. אויך אונדזער נאַציאָנאַלער פּאָעט, ח. נ. ביאַליק, און דער באַרימטער העברעישער שרייבער, וואָס איז אַזוי יונג אַוועק פון דער וועלט, מ. ז. פייערבערג, שטאַמען פון וואָלין.

די מעטראָפּאָליע פון פּוילישן וואָלין איז געווען ר אָ וו נ ע. די שטאָט ראָוונע איז געווען, לגבי אַנדערע נאָענטע מקומות וואָס זענען גע־ווען מיט איר בשכנות, אַ יונגע שטאָט, אַלס קענטיקער ישוב איז זי אַלט געווען 150 יאָר. אין אַ פּנקס פון ראָוונער קהילה איז פאַרנאָטירט געווען, אַז ווען מען פלעגט אַדרעסירן אַ בריוו קיין ראָוונע, פלעגט מען צושרייבן „הסמוכה לאלעקסאַנדריע”. די שטאָט האָט זיך שנעל אַנטוויקלט אַדאַנק דער באַן־נעץ. צוויי באַן־ליניעס האָבן די שטאָט דורכגעשניטן: דער דרום־מערב וועג אָדעס־וואַרשע, און דער פּאָלעסיער וועג — אָדעס־פּעטערבורג. לעצטנס האָבן די באַן־מאַגיסטראַלן פון ראָוונע זיך פאַרצווייגט און עס איז געווען אַ באַן־פאַרבינדונג מיט ריגע־ווילנע־לעמבערג־קאָנסטאַנצע — פון באַלטישן צום שוואַרצן ים.

עס איז געווען אַ יידישע שטאָט אָן טראַדיציעס און די באַפעלקערונג איז געווען אַן אָנגעפּאָרענע. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זי באַקומען אַ גרויסן צופלוס פון יידן, וואָס זענען געקומען פון קיעוו, זשי־טאָמיר און פון אַנדערע שטעט, לויפנדיק איבער די גרענעצן פון רוסלאַנד קיין פּוילן. מען פלעגט זאָגן אויף דריי ראָוונער יידן, אַז איינער איז בלויז

אַ געבוירענער אין ראָוונע און צוויי פון זיי זענען אַנגעפּאַרענע. גרויסע טראַנספּאָרטן יידן פון רוסלאַנד זענען נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג דורכ־געפאָרן ראָוונע און די אָפּטיילונגען פון „דזשאָינט" און „האיאַס" האָבן געלייסטעט הילף פאַר די פּליטים.

דאָס יידישע לעבן אין ראָוונע האָט זיך זייער גוט נאָרמאַליזירט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. די הויפּט־קאַנאַלן פאַר חיונה זענען געווען: מסחר, קליינע פאַבריקאַציע און האַנטווערקעריי. עס האָט זיך גוט אַנט־וויקלט דער תבואה־מסחר, וואַלד־האַנדל, זעג־מילן, ביר־ברויערייען, האָפּן־סאָרטירונג. עס זענען געווען פאַרשיידענע מילן, צוקער־פאַבריקן און מען האָט געהאַנדלט מיט צעמענט און זייער גרויס איז געווען דער טעקסטיל־און אייזן־האַנדל. עס האָבן זיך קאָנצענטרירט אין ראָוונע גרויסע פּראָדוק־ציע־לאַגערן פון די גרעסטע צענטערן אין פּוילן. נישט אומזיסט האָט מען געזאָגט, אַז ראָוונע איז „קליין דאַנציג".

לויט דער פאָלק־ציילונג פון 1931 האָט ראָוונע פאַרמאָגט 42 טויזנט איינוווינער, און פון זיי זענען געווען 25 טויזנט יידן. שפּעטער מיט איי־ניקע יאָר האָט מען געשאַצט די ראָוונער באַפעלקערונג אין 80 טויזנט נפשות, דערפון 82 פּראָצענט יידן.

שוין אין די צוואַנציקער יאָרן האָט זיך באַדייטנדיק אַנטוויקלט דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן. אַביסל יחוס האָט ראָוונע געהאַט פון גאָר אַ פריערדיקער צייט: עס האָט דאָרט אַמאָל געוווינט און געלערנט דער מעזריטשער מגיד מיט זיינע תלמידים — דער בעל התניא, ר' אלימלך ליזשאַנסקער און ר' יעקב יוסף. צווישן די פערציק שולן און בתי מדרשים איז אויך געווען איינע, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „דעם מגידס ק ל ו י ז".

שטאַרק איז געווען די ציוניסטישע השפעה און דער נאַציאָנאַלער ווי אויך דער סאָציאַלער באַוווסטזיין זענען אין שטאָט געוואַקסן. איך געדענק ווי שטאַרק עס איז געווען דער דראַנג צו בויען אַ מאָדערנעם נאַ־ציאָנאַלן שולוועזן אויף וואָלין, באַלד נאָך דער רוסישער פעברואַר־רעוואָ־לוציע. אין תלמוד־תורה־לאָקאַל איז פאָרגעקומען אַ לערער־קאָנפערענץ פון די שולן אויף וואָלין. איך האָב דעמאָלט געאַרבעט אין אַ שול, וועלכע איז געווען געשטיצט פון י ע ק א פּ א (קאָמיטעט צו העלפן די געלי־

טענע פון קריג), און פון אונדזער דאָבראָוויצער שול האָבן זיך אין דער קאָנפערענץ באַטייליקט: זלמן מושער — אַ ביז גאַר אידעאַליסטישער לערער און געזעלשאַפטלעכער טוער, וואָס איז אומגעקומען דורך פּעט־ליוראַס משחיתים צוזאַמען מיטן געזעלשאַפטלעכן טוער פישמאַן; בער־קע פּערלשטיין, דאָרע גוויזענבערג און דער מחבר פון בוך. עס זענען דאָן געווען די האַניק־טעג פון דער רעוואָלוציע און מען האָט געגלייבט אין דער נאַציאָנאַלער קולטור־אויטאָנאָמיע, וועלכע וועט אייַנגעשטעלט ווערן יורידיש דורך דער קומענדיקער רוסישער קאָנסטיטוציע. מען האָט אויף דער קאָנפערענץ הייס דעבאַטירט איבער דער פּראָבלעם פון דער שפּראַכן־פּראַגע, וועגן דער פּראָגראַם פון אַ 7־קלאַסיקער פאָלקשול, וועלכע זאָל אויסגעהאַלטן ווערן פון דער מלוכה און זי זאָל זיין אָבליגאַטאָריש. שטאַרק אַקטיוו איז געווען דער אָנטייל פון דער בונד־פראַקציע אויף דער קאָנפע־רענץ. אירע פאָרשטייער פון ראָוונע זענען געווען: מ י ר ע ר, לאה כאַראַל, גילבערט, טשאַפּאָווסקי, מתות שליף, און אסתר סאַפּאָזשניק, די פרוי פון יצחק גיטערמאַן.

אין ראָוונע האָט דאַן עקסיסטירט אַ תלמוד־תורה אין גייסט פון אַ חדר־מתוקן, אַ יידישער קינדער־גאָרטן, אָנגעפירט דורך דער אויסגע־צייכנטער פּרעבליסטן, פרוי בערמאַן.

הגם ראָוונע איז דאָך געווען די שטאָט פון נחום שטיף און משה זילבערפאַרב, האָט העברעיש זיך באַדייטנדיקער אַנטוויקלט, מערער ווי די יידישיסטישע באַוועגונג. אין 1920 איז שוין געמאַכט געוואָרן דער אָנ־הייב פון אַ העברעישער גימנאַזיע, וואָס איר ערשטער דירעקטאָר איז גע־ווען דער מאַטעמאַטיקער קיפּער, און איז פון דאָרט עולה געווען קיין יש־ראל, ווו ער אַרבעט אַלס לערער אין דער גימנאַזיע ה ר צ ל י ה.

אין 1920 איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין ראָוונע און געאַרבעט אויף אַ שפּיל־פּלאַץ, אין די זומער־חדשים. אונדזער פּערסאָנאַל איז גע־ווען: די לערערין סאָניע פּאַליעווסקאַ, דער לערער גיטערמאַן פון קיעוו און מיין ווייניקייט. עס האָט אונדז צוגעהאָלפן אין דער אַרבעט באָריס סמאָליאַר, וואָס איז שוין יאָרלאַנג אין אַמעריקע, אין ייטא. די געלט־מיט־לען פאַר דער אַזוי־גערופענער זומער־קאָלאָניע האָט געגעבן דער קיע־ווער רויטער קרייץ, וואָס האָט אויסגעטיילט אַ ספּעציעלע סומע אויף

דעם כדי צו געבן הילף די יידישע קינדער, וועלכע האָבן געליטן פון די פּעטליורישע פּאָגראָמען. אַ גרויסן אינטערעס אין דער אַרבעט פון אָרגאַניזירן אַזוינע קאָלאָניעס האָט אַרויסגעוויזן אַהרן גאָלדן, דער גוט־באַוווסטער דזשאָינט־טוער אין פּוילן. ער איז דאַן געוועזן אין קיעוו, אַקטיוו אין יעקאָפּא.

אויסער דער העברעישער גימנאַזיע, וועלכע האָט אין 1939 געציילט 500 שילער, זענען געווען אויך דריי גרויסע תרבות־שולן מיט העכער 900 קינדער, צוויי „תרבות" קינדער־גערטנער, אַ תרבות־ביכער־לאַגער און אַ ביאַליק־קלוב מיט אַ ביבליאָטעק. אין ראָוונע זענען אויך געווען צוויי גוטע ישיבות און אַ תלמוד־תורה. עס איז מיר עד היום נישט אויפגעקלערט, וואָס דאָס יידיש־וועלטלעכע שולוועזן האָט נישט געשלאָגן קיין וואָרצלען נישט אין ראָוונע און נישט אויף וואָלין. אין ראָוונע האָט ביז דעם צווייטן וועלט־קריג עקסיסטירט בלויז איין קינדער־גאָרטן, אָנגעפירט דורך דער לערערין גויזענבערג.

די ציוניסטישע יוגנט־באַוועגונגען זענען געווען זייער שטאַרק און גרויס אין צאָל. עס זענען געווען אָרגאַניזאַציעס פון אַלע מינים: פּרייהייט, השומר הצעיר, עקיבא, החלוץ, הנוער הציוני, החלוץ הצעיר, גורדוניה, בית״ר, און צוויי גרויסע קבוצי הכשרה.

עס איז געווען אַ שטאַרק געזעלשאַפטלעך לעבן. עס זענען דערשינען צוויי יידישע צייטונגען — איין טעגלעכע און איין וועכנטלעכע. עס איז געפירט געוואָרן אַ פּאַרצווייגטע קולטור־טעטיקייט אויף אַ סך געביטן.

אַן אינטערעסאַנטע און אַ קולטור־שעפערישע פּראָווינץ האָט ראָוונע געהאַט. כ׳וועל בלויז גיבן אַביסל אינפאָרמאַציעס פון די פאָלגנדיקע שטעטלעך:

דאָס שטעטל קאָרעץ איז אויפן שאָסיי־טראַקט קיעוו־בריסק־וואַרשע. אַן ערך טויזנט יידישע משפחות האָט קאָרעץ געציילט. צוליב דעם וואָס קאָרעץ איז בעת דער פּוילישער הערשאַפט געווען ביי דער סאַמע סאָוויעטישער גרענעץ און קיין האַנדל־ און פּאַסאַזשירן־פאַרקער איז נישט געווען, איז דאָס שטעטל געווען שטאַרק פאַראָרעמט, אָבער עס איז געווען אַ געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג. אינטענסיוו זענען געווען די עקסיסטירנדיקע אָרגאַניזאַציעס. עס איז געווען אַ תרבות־שול מיט 250 תלמידים.

דער לאָקאַל פון בית ספר איז געווען דאָס האַרץ פון שטעטל. דאָרט זענען פאָרגעקומען די זיצונגען פון דער קהילה, באַראַטונגען פון „התאחדות" און פון אַנדערע גרופּירונגען.

אַן ענלעך שטעטל צו קאָרעץ איז געווען אָסטרע, ווו עס האָבן גע־לעבט העכער דריי טויזנט יידישע משפחות. אַ ווונדערבאַרע לאַנדשאַפט האָט דאָס דאָזיקע שטעטל געהאַט: שיינע בערג אַרום, אויף וועלכע עס זענען נאָך געשטאַנען ש ל ע ס ע ר פון די אַמאָליקע פּוילישע מאַג־נאַטן, און אַ שיינער טייך איז געפלאָסן. קאָרעץ איז דאָך געווען די שטאָט פון מהרש"א און די דאָרטיקע יידן האָבן זיך געיחוסט מיט דער באַוווס־טער מהרש"א־שול, אין וועלכער עס זענען שטעקן געבליבן פון כמעל־ניצקיס צייטן צוויי באָמבעס: איינע אין שול־וואַנט און די צווייטע איז געהאָנגען אין מיטן שול אויף אַ קייט. די באָמבעס זענען אין די יאָרן ת"ח ות"ט אַהין אַריינגעפאַלן און נישט אויפגעריסן. אין שול זענען גע־ווען פּרוכתן פון פיר ביז זעקס הונדערט יאָר אַלט. ביי דער מערב־וואַנט זענען אונטער אַ גלאָז געלעגן צוויי שטיינער, אויף וועלכע עס זענען אויסגעקריצט געווען די ווערטער „בחוץ לא ילין". די גאַנצע אויפשריפט האָט זיך געלייענט: „בחוץ לא ילין גר, ולחמך תתן לדל".

אַ יחוסדיק שטעטל איז אָסטרע געווען. זי האָט זיך געיחוסט מיטן בית הקברות אויך, ווו עס זענען געווען די קברים פון מהרש"א און פון נאָך רבנים און אנשי שם. נעבן מהרש"אס קבר איז געווען אַ קבר פון אַ יידישן דאָקטער, וועלכער איז געקומען פון אויסלאַנד היילן איינעם פון די גרויסע צדיקים און אונטער דעם צדיקס השפּעה איז ער געבליבן וווינען אין אָסטרע, געזעסן יומם ולילה על התורה און געהיילט אָרעמע קראַנקע אומזיסט. אויפן בית עולם איז אויך געווען אַ מצבה, וואָס איז אַלט גע־ווען אַכט הונדערט יאָר, און איז אַרומגענומען מיט דעם שטאַם פון אַ זייער אַלטן בוים.

אָרעם איז דאָס שטעטל געווען אונטער דער פּוילישער הערשאַפט. דאָרט האָט דער זלאָטע געהאַט אַ גרויסע ווערט, ווייל מען האָט אים זעלטן פאַרדינט. אָבער נישט געקוקט אויף דער אָרעמקייט, איז דאָרט געווען אַ גוט־איינגעאָרדנטער בית יתומים, אַ ישיבה און אַ גרויסע פאָלק־שול מיט פיר הונדערט תלמידים און תלמידות, אַ פיר־קלאַסיקע מיטל־

שול אין העברעיש, און אָרגאַניזאַציעס פון מזרחי, אַלגעמיינע ציוניסטן, פּועלי־ציון, התאחדות, און אַ גרויסע שטאַרקע רעוויזיאָניסטישע פּאַרטיי.

אַ ציוניסטיש שטעטל מיט 250 יידישע פאַמיליעס איז געווען האָשטש. דאָס דאָזיקע שטעטל האָט אַרויסגעגעבן אינטערעסאַנטע טיפּן. אַ סך פון די יוגנטלעכע זענען עולה געווען קיין ארץ ישראל נאָך פאַר דער גרויסער קאַטאַסטראָפע.

אָן אַ זייט צו צפון ליגט טוטשין, אַ קליין אָרעם שטעטל מיט קליינע הילצערנע הייזלעך. דאָרט האָט געוווינט דער לעגענדאַרער טוטשינער כהן, אַ גרויסער צדיק, אַ נסתר, וועגן וועלכן ס׳איז דאָ אַ לעגענדע: דער טו־טשינער כהן איז נפטר געוואָרן פרייטיק פאַרטאָג. זיינע תלמידים, וואָס האָבן אויסגעפירט זיין פאַרלאַנג נקבר צו ווערן אויפן בית הקברות אין אָסטרע, האָבן אים געטראָגן נאָך זיין פּטירה פון טוטשין קיין אָסטרע, בערך 25 וויאָרסט, און האָבן באַוויזן אים צו ברענגען צו קבורה נאָך פאַר ליכט־בענטשן, דאָס הייסט, אַז זיי האָבן געהאַט קפיצת הדרך.

טוטשין האָט פאַרשריבן אַ הערלעך קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג קעגן נאַציזם.

עס איז געווען אַן אַרבעטער־שטעטל. דאָרט איז געווען אַ טעקסטיל־פאַבריק, גרויסע מילן, עטלעכע גאַרבאַרניעס.

דאָס פרידלעכע לעבן אין טוטשין איז פאַרשווונדן מיטן אָנקום פון די דייטשן. טאָג־טעגלעך זענען דערשאָסן געוואָרן יידן. עס האָט געבושע־וועט רציחהדיק די אוקראַינישע פּאָליציי: געררויבט יידיש פאַרמעגן און געפּייניקט יידישע בחורים און מיידלעך אין די תפיסה־קעלערן.

פריער האָט מען דאָרט אומגעבראַכט די יידישע אינטעליגענץ, דעם פעאיקן אַרבעטער־עלעמענט האָט מען כלומרשט אַרויסגעשיקט אויף אַר־בעט קיין קיעוו און קיין וויניצע.

די באַפעלקערונג אין טוטשין האָט אַרויסגעזאָגט דעם גרויזאַמען סוף און האָט זיך געגרייט צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד דער געסטאַפּאָ, ווען זי וועט וועלן ליקווידירן איר טאָטאַל.

עס האָט זיך דערנענטערט דער טאָג פון דער מאַסן־שחיטה אין שטעטל. די געטאָ איז שוין געווען אַרומגערינגלט פון געסטאַפּאָ און אור־קראַינצעס. צווישן די יידישע אויפשטענדלער איז געווען אָפּגערעדט, אַז

דער סיגנאַל צום אויפשטאַנד זאָל געגעבן ווערן דורך איין מאָל אויסשיסן נעבן דעם יודנראַט, און באַלד זאָל מען נעמען צינדן די הייזער. עס איז געווען צוגעגרייט בענזין, נאַפט און שוועבעלעך... מען האָט באַשלאָסן אַז דאַן ווען ס'וועט אויפפראַלן אַ פייער פון יידישע הייזער, זאָל זיך אָנ־קניפּן דער קאַמף מיטן שונא... אַזוי איז געשען.

נאָכן שאָס נעבן יודנראַט, האָט פון יידישע הייזער אַרויסגעפּראַלט אַ ברענענדיק העליש פייער און ס'האָט אַ זעץ געטאָן רויך און פלאַם... יידן פון טוטשין האָבן זיך דאַן געוואָרפן אויף די דייטשן און דער אוּ־קראַינישער פּאָליציי. פלאַקער מיט פלאַקער, רויך מיט רויך האָבן זיך צו־נויפגעמישט. עס איז געווען אַ כאַאָטיש־פאַרצווייפלט געראַנגל, אַ גע־פעכט אויף לעבן און טויט...

אַלע שטעטלעך אויף וואָלין האָבן געהאַט זייער לעבנסשטייגער און זענען געווען איינציקאַרטיק. יעדע שטעטל האָט געהאַט, פאַרשטייט זיך, איר חן און יחוס־בלאַט, און בייגעטראָגן צו אונדזער קולטור און אַנט־וויקלונג. אַזוינע יידישע אַלטע קהילות ווי דובנע האָבן דאָך פיל בייגע־טראָגן צו אונדזער רעליגיעזער און קולטור־געזעלשאַפטלעכער וועלט.

די היטלעריסטישע שווערד האָט זיי אַלעמען פאַרטיליקט. דער ער־שטער גרויסער דערשיטערנדיקער אומקום איז פאַרגעקומען אין דער מע־טראָפּאָליע פון וואָלין, אין ראָוונע. דעם 5טן נאָוועמבער 1941, זענען פו־נאַנדערגעקלעפּט געוואָרן אַפישן, אַז די אַלע יידן, וואָס האָבן נישט קיין אַרבעט־שיינען, דאַרפן זיך צושטעלן מיטן באַגאַזש, וואָס זיי קאָנען דער־טראָגן, צו מאָרגנס גאַנץ פרי צום גראַבניק, נעבן פאַרק א״נ פון פּרעזי־דענט מאָסציצקי. מען האָט אויך געשריבן אין די אַפישן, אַז זיי וועלן אָפּ־געשיקט ווערן אויף אַרבעט.

אַכצן טויזנט מאַן, זקנים און קינדער, מענער און פרויען האָבן זיך געמאָלדן, מיט האַנט־געפּעק, אויפן גראבניק. ס'איז געווען אַ פוילע קעלט. פון גאַנץ פרי אָן האָט געגאָסן אַ רעגן געמישט מיט שניי. ווען די מחנה יידן איז זיך צוזאַמענגעקומען נאָענט צום פאַרק, האָט די געסטאַפּאָ אַלע־מען אַרומגערינגלט אין אַ הערמעטישן עגול. מען האָט געהייסן די יידן אַריינמאַרשירן אין פאַרק און דאָרט איבערלאָזן די געברענגטע זאַכן. פון פאַרק האָט מען זיי געטריבן אין קאָלאָנעס אין דער ריכטונג פון די ס אָ־

ס ע נ ק ע ס — אַ שיין וועלדל, דריי ק״מ הינטער ראָוונע, אויפן קיעווער טראַקט. דער מאַרש האָט געדויערט אייניקע שעהן. די סצענעס פון פאַר־צווייפלונג און שרעק, וואָס זענען פאָרגעקומען זענען געווען שרעקלעכע. מען האָט זיי געבראַכט צו די סאָסענקעס, וואָס זענען געוואַקסן אויף אַ רונדיקן באַרג, און אין מיטן באַרג איז געווען אַ גרויסער טאָל, וווהין זיי זענען אַלע אַריינגעטריבן געוואָרן. אויף די דערהייכונגען פון דער באַרגי־קער קייט און ביי די ווענט פון באַרג זענען געווען קוילנוואַרפער און מאַ־שינען־געווער. דייטשישע זעלנער זענען נעבן די וואפן־משחיתים געשטאַ־נען גרייט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קנאַלעריי פון ביקסן און וואפן־מאַ־שינען אויף די שוצלאָזע יידן. צווישן די יידן איז אויך געווען דער רב מ ה י פ י ת, וואָס האָט געטרייסט די צום טויט־געפירטע יידן. די דייטשן האָבן געוואָלט דעם רב אַוועקשיקן פון עקזעקוציע־פּלאַץ אין גע־טאָ, אָבער ער האָט געענטפערט, אַז זיין אָרט איז מיטן גאַנצן פאָלק און ער האָט נישט געוואָלט גענֶיסן פון דעם רוצחס גנאָד.

די דאָזיקע שחיטה אין ראָוונע האָט אויפגעשווידערט אַלע יידישע קהילות אויף וואָלין און ווייטער. הגם דאָ און דאָרט זענען פאָרגעקומען שוין „אַקציעס״. אין קאַסטאָפּאָל האָט מען אויף אויטאָמאָבילן אַוועקגע־פירט 450 מענער כלומרשט צו אַרבעט, און זיי זענען דערשאָסן געוואָרן אין וואַלד. דערנאָך האָבן די דייטשן געמאָלדן, אַז זיי ווילן פירן די פרויען און קינדער צו זייערע מענער, און מען האָט צוזאַמענגענומען די פאַמי־ליעס פון די דערמאָרדעטע מענער און זיי אויך דערשאָסן אויפן וועג, עטלעכע ק״מ פון שטעטל. אין דאַווידהאָראַדאָק האָט מען אויף אַזאַ אופן פאַרנאַרט אַלע מענער און זיי דערשאָסן. דערנאָך האָט מען פון שטעטל אַרויסגעטריבן אַלע פרויען און קינדער און מען האָט זיי געהאַלטן אויפן אָפענעם פעלד עטלעכע טעג. מיט גרויסער מסירת נפש האָט די יידישע קהילה אין סטאָלין קוים געפועלט מען זאָל די דאַווידהאָראַדאָקער פרויען דערלויבן אַריינקומען אין סטאָלין, אין דאָמבראָוויץ און אין וויסאָצק. אין סערניק איז פאָרגעקומען תשעה באב 1941 אַ גרויסע שחיטה פון מענער. צווישן די אַרויסגעפירטע יידן אויפן שטעטלשן בית־עולם איז געווען דער סערניקער מלמד, מרדכי־מאיר טורקעניטש, וואָס האָט געטרייסט די יידן. דער שעף פון געסטאַפּאָ האָט אים דערלויבט צו גיין צוריק אין שטעטל,

אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט. ער האָט אויף די רייד פון דעם געסטאַפּאָ־מאַן געענטפערט: „מיין גורל דאַרף זיין דער זעלבער ווי דער גורל פון אַלע יידן, און איך קאָן זיך צוריקקערן אין שטעטל, נאָר דאַן, ווען דו וועסט דערלויבן אַלע אַרומגערינגלטע יידן אויפן בית־עולם צוריקגיין צו זייערע היימען".

אין אַ נאָענטן שטעטל פון סערניק — האָראָדנאָיע — האָט מען כמעט אויסגעשאָכטן אַלע מענער, באַלד מיט דעם אַריינקום פון די דייטשן, און אין קליינינקן שטעטעלע, פּאהאסט־זארעטשני, האָט מען דאָס זעלבע געטאָן, און מען האָט דאָרט צוזאַמענגענומען גרופּעס קליינע קינדער, וואָס מען האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין די טיפע ברונעמער. אייניקע קינדער האָבן זיך פאַרשטעקט און פויערים האָבן געהאָלפן די דייטשן זיי אויפזוכן און מען האָט די דאָזיקע קינדער געפירט אין אַ שורה צום טיפן טייך „סטיר", ווהין מען האָט זיי איינציקווייז אַריינגעוואָרפן.

כמעט אין אַלע שטעטלעך זענען ביז די טאָטאַלע שחיטות פאָרגעקומען „אַקציעס". אין האשטש, דובנע, בערעזנע, קלעוואַן און אין אַנדערע מקומות. די טאָטאַלע שחיטות זענען, מיינסטן, פאָרגעקומען אין די זומער־חדשים. וואָלין איז געבליבן יידן־ריין. נאָר געציילטע יידן זענען אַנטלאָפן אין די וועלדער, אָדער זיך אויסבאַהאַלטן ביי די טשעכישע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן געהאַט קאָלאָניעס אַרום ראָוונע. מען דאַרף ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט אונטערשטרייכן, אַז די טשעכן האָבן אַרויסגעוויזן מער הילפגרייטקייט ווי די פּאָליאַקן און אַ פשיטא פון די אוקראַינער. צווישן די טשעכן, וואָס האָבן אויסבאַהאַלטן יידן, האָט נישט פּאַסירט, אַז זיי זאָלן אַרויסגעבן יידן די דייטשן, ווי ס׳איז געשען ביי אוקראַינער און פּאָליאַקן.

די אַנטלאָפענע יידן אין די וועלדער זענען אַלע אַריין אין די קאַמף־גרופּעס. די פּאַרטיזאַנער־עפּאָפּייע פון פּאָלעסיער און וואָלינער יידן איז אַ גרויסע. די געדיכטע וועלדער אויף פּאָלעסיע און אַרום ראָוונע האָבן גוט געדינט פאַר פּאַרטיזאַנער קאַמפן.

ראָוונע האָט פאַרנומען אַ וויכטיק אָרט אין קאַמף קעגן אָקופּאַנט. דאָרט איז געווען דאָס זיצאָרט פון אַ דייטשישער צענטראַלער אַדמיניס־

טראַציע און עס האָט דאָרט געוווינט אַ לאַנגע צייט דער רייכסקאָמיסאַר פון אוקראַינע, קאָך, וועלכער האָט אָרגאַניזירט אַלע שחיטות אויף די יידן אין אוקראַינע.

טראַגיש און פיינפול האָט אויסגעזען די חרובע יידישע שטאָט ראָוו־נע. די טראָטואַרן זענען געווען געפלאַסטערט מיט מצבות און די בתי־מדרשים און שולן זענען געשטאַנען מיט אויפגעריסענע טירן און פענצ־טער. די ספרי־תורות זענען געלעגן געשענדט און צעריסן אויף שטיק־שטיקלעך. די סידורים, מחזורים און גמרות זענען געלעגן אין הורבעס אַנ־געוואָרפן און איינגעמאַכט אין מענטשלעכער צואה. די תרבות־ביבליאָ־טעק איז אויך דעמאָלירט געווען. אַקעגנדיקע שכנים האָבן געטראָגן אין זעק ביכער פון גימנאַזיע־לאָקאַל איינצוהייצן די אויוונס.

מיר, יידישע פּאַרטיזאַנער, האָבן זיך געבלאָנקעט איבער די ראָוו־נער גאַסן ווי בלודנע שאָף. עס האָט געוויינט די ערד אויף וועלכער מיר זענען געטראָטן. זי, די ערד, האָט דאָך צוגעדעקט אַ שטאָט יידן, אַ גרויסן יידישן דינאַמישן צענטער, מיט אומצאָליקע אינסטיטוציעס, געזעלשאַפטן, אָרגאַניזאַציעס, קלובן און פּאַראייגען.

עס איז פאָרגעקומען אין וווינונג פון ד״ר ערליך אַ באַראַטונג וועגן צוזאַמענגעמען די ספרים און ביכער, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט. מען האָט זיך אויך באַראָטן וועגן געבן אַ תיקון די 18.000 קרבנות אויף די סאָסענקעס. מען האָט דאָך געדאַרפט זיי מקבר זיין, ווייל זייערע קער־פּערס האָבן זיך געוואַלגערט אין טאָל, אויפן אויבערפלאַך פון דער ערד.

ס'איז געווען אַ זונטיק־טאָג. אַ זוניקער ערב־פרילינג טאָג. אַלע יידן, לעבנגעבליבענע, זענען אַוועק מיט גראָב־אייזנס צו די סאָסענקעס. אויך די יידישע זעלנער און אָפיצירן פון דער רויטער אַרמיי זענען מיט אונדז מיטגעגאַנגען.

בוכשטעבלעך האָבן זיך געוואַלגערט די קערפּערס און אברים פון די קדושים אין טאָל. אַ פולער טאָל מיט ביינער ווי אין יחזקאלס נבואה. קעפּלעך פון קינדער זענען געווען צעזייט איבערן גאַנצן טאָל. מען האָט געמאַכט אַן אזכרה און מען האָט רירנד אין ווערטער באַוויינט דעם גרוי־זאַמען גורל פון די טראַגיש־אומגעקומענע. מען האָט זיך דאַן דערמאָנט

ביאַליקס רייד, בעת ער האָט באַזוכט ראָוונע און טויזנטער, טויזנטער ראָוונער קינדער זענען געגאַנגען איבער די גאַסן, פּאַרבייגייענדיק דעם באַלקאָן, ווו ביאַליק איז געשטאַנען. ער האָט דאַן געזאָגט, מיט פליסנדיקע טרערן אין די אויגן: „ווו נעמט מען פּאַר זיי פליגלען, זיי אַריבערצופירן קיין ארץ ישראל? מען וואָלט דאָך זיי געראַטעוועט". דער גרויסער נאַציאָנאַלער דיכטער ח. נ. ביאַליק האָט, ווייזט אויס, אַרויסגעזאָגט די קאַטאַסטראָפע פון פאָלק און אויך דעם חורבן־וואָלין.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) **מאַרק טורקאָוו** — מלכה אָװשיאַני דערציילט... (**אויספאַרקויפט**)
2) **ה. ד. נאָמבערג** — י. ל. פּרץ (**אויספאַרקויפט**)
3) **וו. גראָסמאַן־וויערניק** — טרעבלינקע (**אויספאַרקויפט**)
4) **פּרץ גראַנאַטשטיין** — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (**אויספאַרקויפט**)
5) **ישראל טאַבאַקסבלאַט** — חורבן לאָדזש (**אויספאַרקויפט**)
6) **זרובבל** — באַרג חורבן (**אויספאַרקויפט**)
7) **אלחנן צייטלין** — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (**אויספאַרקויפט**)
8) **ד״ר ח. שאָשקעס** — פּוילן — 1946 (**אויספאַרקויפט**)
9) **ז. סעגאַלאָוויטש** — טלאָמאַצקע 13 (**אויספאַרקויפט**)
10) **מ. נודעלמאַן** — געלעכטער דורך טרערן (**אויספאַרקויפט**)
11) **ד״ר מאיר באַלאַבאַן** — די ייִדן־שטאָט לובלין (**אויספאַרקויפט**)
12) **ישראל אפרת** — היימלאָזע ייִדן (**אויספאַרקויפט**)
13) **ד״ר יעקב שאַצקי** — אין שאָטן פון עבר (**אויספאַרקויפט**)
14) **דוד פלינקער** — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (**אויספאַרקויפט**)
15) **ד״ר הלל זיידמאַן** — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (**אויספאַרקויפט**)
16) **זאַמלונג פון דאָקומענטן** — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (**אויספאַרקויפט**)
17) **חיים גראַדע** — פּליטים (**אויספאַרקויפט**)
18) **ש. קאַטשערגינסקי** — פּאַרטיזאַנער גייען!... (**אויספאַרקויפט**)
19) **פרידע זרובבל** — נע ונד (**אויספאַרקויפט**)
20) **מרדכי שטריגלער** — מאַידאַנעק
21) **יעקב לעשצינסקי** — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (**אויספאַרקויפט**)
22) **ז. סעגאַלאָוויטש** — געברענטע טריט
23) **אברהם טייטלבוים** — וואַרשעווער הייף
24) **טאַניאַ פוקס** — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) **ש. ל. שניידערמאַן** — צווישן שרעק און האָפענונג (**אויספאַרקויפט**)
26) **לעאָ פינקלשטיין** — מגילת פּוילן (**אויספאַרקויפט**)
27) **יאָנאַס טורקאָוו** — אַזוי איז עס געווען... (**חורבן וואַרשע**)
28) **ש. איזבאַן** — „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) **יעקב פּאַט** — הענעך
30) **ד״ר י. קערמיש** — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פּאָליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער — אין די פאַבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי — אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער — מיין היים (אויספאַרקויפט)
35) יוסף וואָלף — לייענענדיק פּרצן...
36) צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו — יצחק קאַצענעלסאָן
37) י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו — פּערזענלעכקייטן
39) רחל קאָרן — היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אלמי — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) מנשה אונגער — פּשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)
42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פּלוינע
43) מ. קיפּניס — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)
44) ז. סעגאַלאָוויטש — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)
45) ד"ר ח. שאָשקעס — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)
46) שלמה וואַגאַ — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק — יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48־49) ש. איזבאַן — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)
50) ד"ר א. מוקדוני — מיינע באַגעגעניש̈ן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאַהאַן — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)
52) י. י. טרונק — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאָנאַס טורקאָוו — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)
54) יצחק פּערלאָוו — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)
55) פּנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) שלום אַש — פּעטערבורג־וואַרשע־מאָסקווע
59) ד"ר פיליפּ פרידמאַן — אָשוויענטשים
60) ב. ראָזען — טלאָמאַצקע 13
61־62) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן)
63) יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64—65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע"
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס איירעס 1951)
66) חיים גראַדע — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ — פון לאַגער אין לאַגער
68) יואל מאַסטבוים — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)
69) אליהו טראָצקי — גלות דייטשלאַנד
70) ד"ר י. שאַצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)
71) נחמן מייזיל — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)
72) י. י. טרונק — סימכע פּלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע, 1951)

73) יהודה עלבערג — אונטער קופערנע הימלען (אויספארקויפט)
(פרעמירט דורכן ליטעראטור־פאנד אין סאן פאולא, בראזיל, 1952)
74) ד"ר א. מוקדוני — אויסלאנד
75) זיגמונט טורקאוו — פראגמענטן פון מיין לעבן
76) יהושע פערלע — יידן פון א גאנץ יאר
(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פוילן און ליטעראטור־־פרעמיע פון „בונד" אין פוילן, ווארשע 1937)
77) יעקב לעשצינסקי — ערב חורבן
78) דניאל טשארני — ווילנע
79) ז. סעגאלאוויטש — דער לעצטער לאדזשער ראמאן (אויספארקויפט)
80) יזכר־בוך — בעלכאטאוו (אויספארקויפט)
81) מ. י. שעליובסקי — אויף א פולער וואך
82—83) יצחק פערלאוו — דער צוריקגעקומענער (ראמאן)
84) יוסף אקרוטני — דאס בוך פון די עלנטע
85—86) מרדכי שטריגלער — גורלות
87) ד"ר יוסף טענענבוים — גאליציע — מיין אלטע היים
88) זלמן שזר — שטערן פארטאג
89) משה דוד גיסער — דאס געזאנג פון א לעבן (אויספארקויפט)
90) ז. י. אנכי — ר' אבא און אנדערע כתבים
91—92) ד"ר עמנואל רינגעלבלום — קאפיטלען געשיכטע
93) שמעון הארנטשיק — אין גערויש פון מאשינען (ראמאן)
94) גרשם באדער — מיינע זכרונות (קראקע)
95—96) יאנאס טורקאוו — פארלאשענע שטערן
(פרעמירט דורכן צבי קעסטל־פאנד, מעקסיקע 1954).
97—98) אלטער קאציזנע — שטארקע און שוואכע (ראמאן)
99) פועה ראקאווסקי — זכרונות פון א יידישער רעוואלוציאנערן
100) מארק טורקאוו — די לעצטע פון א גרויסן דור
101) י. הירשהויט — יידישע נאפט־מאגנאטן
(פרעמירט מיט דער מרדכי סטאליאר־פרעמיע ביי „די אידישע צייטונג", בוענאס־איירעס 1955).
102) משה זאנשיין — יידיש ווארשע
103) פ. מינץ — די געשיכטע פון א פאלשער אילוזיע
104) י. י. טרונק — די וועלט איז פול מיט נסים (ראמאן)
105—106—107) מיכאל בארוויטש — ארישע פאפירן
108—109) מרדכי שטריגלער — געצערעמט מיטן ווינט (היסטארישער ראמאן)
110—111) ד"ר א. מוקדוני — אין ווארשע און אין לאדזש
(פרעמירט מיט דער האפער־לייב־פרעמיע ביים יידישן קולטור־קאנגרעס, ניו־יארק 1956).
112) ברוך האגער — מלכות חסידות
(פרעמירט מיט דער מרדכי סטאליאר־פרעמיע ביי „די אידישע צייטונג", בוענאס־איירעס 1956).

113) ב. שעפנער — נאַוואָליפּיע 7 (זכרונות)
114) פּנחס שטיינוואַקס — ייִדן צום געדענקען
115) ק. צעטניק — דאָס הויז פון די ליאַלקעס
116) מאַקס ווײַנרײַך — פון בײדע זײַטן פּלויט
117) אליעזר וויזל — ...און די וועלט האָט געשוויגן
118) ש. בערלינסקי — ירושה
(פּרעמירט דורך פּראָפ. הערש־פאָנד, בײַם קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1957)
119) ד"ר יוסף טענענבוים — צווישן מלחמה און שלום
120) יוסף אָקרוטני — סוף קאַפּיטל (ראָמאַן)
121) זיגמונט טורקאָוו — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צײַט
122) בער י. ראָזען — פּאָרטרעטן
123) אברהם טענענבוים־ארזי — לאָדזש און אירע ייִדן
124—125) משה קאַגאַנאָוויטש — די מלחמה פון ייִדישע פּאַרטיזאַנער אין מזרח־אײראָפּע
126—127) אברהם זאַק — קנעכט זענען מיר געווען...
(פּרעמירט דורכן ב. אײסוראָוויטש־ליטעראַטור־פאָנד, ניו־יאָרק, 1957)
128) יעקב גלאַטשטיין — ווען יאָש איז געפאָרן
129—130) דוד פלינקער — נײַע צײַטן (ראָמאַן)
131) מ. י. שעליובסקי — אין דער וועלט אַרײַן...
132) ד"ר י. שוואַרצבאַרט — צווישן בײדע וועלט־מלחמות
133) לעאָן לענעמאַן — דער חשבון בלײַבט אָפן
134) שלמה פראַנק — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ
135) מלך באַקאַלטשוק־פעלין — זכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן

עס גרייט זיך צום דרוק:

הירש אַבראַמאָוויטש — פאַרשווונדענע געשטאַלטן
אלימלך ראַק — זכרונות פון אַ ייִדישן האַנטווערקער־טוער

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

פּנחס וועלנער — דערציילונגען
י. ל. וואַלמאַן — פּוילישע ייִדן (ראָמאַן)
יאָנאָס טורקאָוו — נאָך דער באַפרייאונג
דוד דאַווידאָוויטש — קונסט־געשיכטע פון שולן אין פּוילן
שלמה בריאַנסקי — זשעלעכאָווער מענטשן

פּרעסע־שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

וואָלף גלוקסבערג שרייבט וועגן ד״ר פיליפּ פרידמאַנס בוך „אָשוויענטשים״ צוו. אַנד. („פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, 28סטער דעצעמבער 1952):

וו אָ ל ף   ג ל ו ק ס ב ע ר ג שרייבט וועגן ד״ר פיליפּ פרידמאַנס בוך „אָשוויענטשים״ („פרייע אַרבעטער שטימע״, ניו־יאָרק, 28טער דעצעמבער 1952):

דער פאָרזיצער פון טריבונאַל:

„נעמענדיק אין באַטראַכט דעם עדות׳ אָפּיציעלע שטעלע דערמאָן איך נישט, אַז ער איז מחויב צו זאָגן דעם אמת״.

דער עדות יוזעף ציראַנקעוויטש:

„דעם אמת וועגן אָשוויענטשים? עס איז נישט פאַראַן אַזאַ מענטש, וואָס זאָל קאָנען דערציילן דעם גאַנצן אמת וועגן אָשוויענטשים״.

אָט דער דיאַלאָג צווישן דעם פאָרזיצער פון העכסטן מלוכה־טריבונאַל אין וואַרשע און דעם איצטיקן פּוילישן פּרעמיער מיניסטער — אַ לאַנגיאָריקער געפאַנגענער אין לאַגער אָשוויענטשים — איז פאָרגעקומען ביים פּראָצעס פון אָשוויענטשימער לאַגער־קאָמענדאַנט רודאָלף העסס. *)

און יוזעף ציראַנקעוויטש האָט געזאָגט דעם אמת. קיינער, אַפילו דער וואָס איז געווען אין אָשוויענטשים יאָרן, קאָן נישט זאָגן בפה מלא, אַז ער ווייס דעם גאַנצן אמת וועגן אָשוויענטשים. אויבנאויפיק, און בפרט דער וואָס איז אין אָשוויענטשים ניט געווען וועט עס נישט פאַרשטיין און פרעגן היתכן? ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? דער דרויסנדיקער וועט דאָך מיט רעכט פרעגן: וואָס, איר, דער געוועזענער געפאַנגענער אין אָשוויענטשים ווייסט נישט צו דערציילן אַלץ וועגן דעם שרעקלעכן פון אַלע שרעקלעכסטע לאַגערן? דער, וואָס איז הינטער די דראָטן נישט געווען, וועט דאָס קאָנען אָנווייזן און זאָגן צום געוועזענעם אָשוויענטשימער געפאַנגענעם: איר האָט דאָך געזען די טראַנספּאָרטן, קרעמאַטאָריעס, גאַז־קאַמערן, שיסערייען, מאָרדן, דעם 11טן בלאָק, מאַגאַזינען מיט מענטשלעכע קליידער, שיך, וכדומה, און דאָך ווייסט איר נישט צו דערציילן אַלץ וועגן דעם לאַגער?

דער ענטפער איז: אויב עמיצער וועט וועלן זיין ערלעך וועט ער מוזן זאָגן דעם אמת. און דער אמת איז, אַז מען ווייסט נישט אַלץ וועגן אָשוויענטשים.

דער שרייבער פון די שורות איז געווען אין אָשוויענטשים צוויי יאָר און פאַרשריבן אין זיין זכרון אַלץ

---

*) אַרויסגענומען פון פּוילישן וואָכנבלאַט „אָדראָדזעניע״ (ווידערגעבורט), וואַרשע, אויגוסט, 1947.

וואָס איז נאָר געווען מעגלעך, כדי עס שפּעטער אַרויסצוברענגען און צוטראָגן אַ קאַפּיטל צו דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע אין די יאָרן 1939—1945. מיינע דערינערונגען דעקן זיך אין 99 חלקים מיט אַלעם, וואָס ד״ר פרידמאַן האָט באַשריבן אין זיין בוך „אַשוויענטשים“. עס איז אָבער גענוג איין חלק, כדי נישט צו קאָנען זאָגן, אַז איך, דער געוועזענער אַשוויענטשימער „בירגער“, ווייס אַלץ וועגן אַשוויענטשים. און פאַרקערט, ד״ר פרידמאַן האָט נישט אַריינגענומען אין זיין בוך אַ סך איינדרוקן און דערפאַרונגען וואָס דער שרייבער פון די שורות וואָלט געהאַט צוצוגעבן.

דער דוחק אין אָרט דערלויבט נישט זיך אָפּצושטעלן אויף פאַקטן, וואָס וואָלטן געקאָנט אָנווייזן אויף דער מיסטעריעזקייט, .פאַרשלאָסנקייט און ממש רעטענישן פון פאַראָרדענונגען, לאַגער־רעגולאַציעס און סתם דערשיינונגען אין לאַגער־לעבן. מיר ווילן אָבער אָנווייזן אויף איין פאַקט, וואָס האָט געטראָפן מיטן שרייבער פון די שורות, אַ געהיימעניש, וואָס מיר האָבן נישט באַוויזן אויפצוקלערן ביזן היינטיקן טאָג, טראָץ אונדזערע לאַנגע זוכענישן און פאָרשן. ומעשה שהיה כך היה:

לויט פאַראָרדענונגען פון דער לאַגער־פאַרוואַלטונג האָבן יידן נישט געקאָנט קריגן אַריינגעשיקט פון דרויסן קיין שפּייז־פּעקלעך. אַן אַנדער ענין איז, וואָס דער ייד האָט נישט געהאַט קיינעם אין דרויסן, וועלכער זאָל קענען שיקן אַ שפּייז־פּעקל. דעם יידס משפחה איז דאָך געווען אָדער פאַרגאַזט, אָדער אַ טייל מיטגלידער אין אַ לאַגער. נאָר ווען אַפילו אַן „אַריער“ אַ יידס אַ באַקאַנטער אָדער פריינד, וואָלט געוואָלט שיקן אַ שפּייז־פּעקל, האָט מען אַזאַ שיקונג נישט אָנגענומען. מאַכט זיך, אַז ערב פסח, 1944 רופט מען דעם שרייבער פון די שורות צום פּאָסט־אָפּטייל אין לאַגער און מען גיט אים אַ פּעקל. אַ מצה, אַ קוכן, אַ ביסל צוקערקעס און פּאָדעם. וויפיל דער שרייבער האָט זיך נישט געהאַט באַמיט צו דערגיין אויף דער פּאָסט, פון וואַנעט אַזאַ מתנה איז געקומען, איז עס אָבער אים נישט געלונגען. און ווען מיר האָבן נאָך דער באַפרייאונג געפרעגט קרובים דאָ אין לאַנד, באַקאַנטע אין פּוילן, קרובים אין דער שווייץ, צי זיי האָבן נישט אַמאָל באַוויזן צו טאָן אַזאַ זאַך און אונדז שיקן אַזאַ פּעקעלע עסן, האָבן מיר זיך שטענדיק אָנגעטראָפן אויף אַ ניין! דער פאַקט איז אַ נישט־וויכטיקער עפּיזאָד אין לאַגער־לעבן. מ׳דאַרף אָבער פון דעם לערנען, אַז אַזוינע פּעקלעך האָט מען געשיקט פאַר אַשוויענטשימער געפאַנגענע אין די טויזנטער און מער. אַזוינע פּעקלעך וואָלטן געראַטעוועט טויזנטער מענטשן פון אַ זיכערן הונגער־טויט.

דער שרייבער איז אויך געווען 2 וואָכן אויפן טויטן־בלאָק 11 און ער קאָן נישט זאָגן וואָס דאָרטן איז פאָרגעקומען, אַחוץ דאָס, וואָס איז געשען אין זיין צימער און אין זיין נאָענטסטער סביבה. און ווער קאָן זאָגן מיט זיכערקייט, די צאָל מענטשן וואָס זענען פאַרגאַזט געוואָרן אין אַשוויענטשים? און ווער קאָן דערציילן דעם גרויל און ספּעציפישן טראַגישן גורל

פון די אונגאַרישע טראַנספּאָרטן אין פרילינג פון 1944?

די אַלע מיסטעריעס, געהיימענישן און אומקלאָרקייטן מיינען אָבער נישט — בשום אופן נישט — אַז דאָס וואָס איז ביז איצטער געשריבן געוואָרן וועגן אָשוויענטשים איז ניט ריכטיק. ניין, ע ס א י ז ר י כ ט י ק א ו ן א מ ת. עס איז נאָר נישט אויסשעפּנדיק און נעמט נישט אַרום אַלץ, בפּועל ממש אַלץ, וואָס עס איז געשען אין אָשוויענטשים.

אַ פּ ר ו ו אַרומצונעמען אַלץ האָט געמאַכט ד״ר פרידמאַן אין זיין בוך „אָשוויענטשים". ריכטיק זאָגט דער מחבר אין זיין הקדמה: „מיר זענען זיך באַוווסט, אַז קיין שום פעדער איז נישט אומשטאַנד איבערצוגעבן די גרויליקע אַטמאָספערע פון לאַגער־לעבן..."

ד״ר פרידמאַן האָט אָבער געפּרוווט אַרומנעמען אַלץ פון איין זייט, נעמלעך די מאַרטיראָלאָגישע זייט וועגן אָשוויענטשים. אוודאי איז דאָס אַ נאַטירלעכע דערשיינונג. אַז מען רעדט וועגן אָשוויענטשים האָט מען קודם־כל אין זינען, און בפרט דער אַמאָליקער געפאַנגענער, די דייטשישע מערדעריען און זייערע טויט־פאַבריקן, די ענויים און פּיין פון מיליאָנען געפאַנגענע. וואָרים דער ציל פון אָשוויענטשים איז דאָך געווען טויט, פאַרניכטונג און אויסראָטונג. אין אָשוויענטשים האָט אָבער עקזיסטירט אַן אַנדער לעבן, אַ לעבן וואָס איז נישט געווען שטענדיק פאַרבונדן מיט טויט, מאָרד, ענויים, הונגער און קראַנקייטן. אין אָשוויענטשים זענען געווען פּראָבלעמען ווי די קלאַסן־צעטיילונג פון דער לאַגער־באַפעלקערונג לויט אַלע כללים פון סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן; באַציאונג פון חבר צו חבר; פאַרהעלטענישן צווישן גרופּעס יידן פון פאַרשיידענע פעלקער, וואָס זענען באַזיגט געוואָרן פון דייטשלאַנד: ווי אַזוי האָבן זיך נישט־יידן באַצויגן צום ייד; וואָסערע נישט־יידישע גרופּעס האָבן זיך אַמבעסטן באַצויגן צום ייד; אין אָשוויענטשים האָט מען געהאַנדלט מיט כסף וזהב, מיט מלבושים; אין אָשוויענטשים האָט מען געפירט ליבעס און זנות; אין אָשוויענטשים האָט מען געשפּילט אין פוטבאָל, געהערט קאָנצערטן, געזען קינאָמאַטאָגראַפישע בילדער, געפּראַוועט פּאַרטיס, געקושט זיך בסתר מיט מיידלעך, געטרונקען בראָנפן און אַחוץ אַ נאָרמאַלן סעקסועלן לעבן געהאַט כמעט די אילוזיע פון אַ געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אָשוויענטשים האָט געמאַכט פון עם מענטש אַ חיה און אָפּגעטויט אין אים אַלע מענטשלעכע געפילן. אַז דאָס איז געווען אַ פאַרקריפּלטע, אומנאָרמאַלע געזעלשאַפט איז לית מאן דפליג.

טייל אָשוויענטשימער כראָניקער באַמיען זיך אָבער צו באַהאַלטן די דאָזיקע פאַקטן, ווייל לויט זיי וואָלט דאָס פאַרמינערט די דייטשישע אכזריות. להיפּוך, מען דאַרף דאָס אַלץ אַרויסברענגען, מען דאַרף דעם אָשוויענטשימער מאָראַלישן קלימאַט איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויפדעקן. דאָס וועט ערשט רעכט באַשטעטיקן די דייטשישע שלעכטהאַרציקייט און בלוטדאָרשטיקייט. ריכטיק זאָגט דער פּויליש־יידישער פּאָעט סטאַניסלאַוו וויסאָצקי — אַ געוועזנער אָשוויענטשימער געפאַנגענער — „נישט נאָר דער

סיסטעם וואָס דער שונא האָט אָנגעווענדט איז געווען אַן אכזריותדיקער, נאָר אַן אכזר איז דערצויגן געוואָרן אין דעם סיסטעם" *).

פאַרשטייט זיך, אַז דער צווייטער טייל פון אָשוויענטשים איז נאָר געווען פאַר יחידי סגולה. אָבער עס איז געווען און דאָס האָט געהערט צום כללדיקן בילד פון אָשוויענטשים, דאָס האָט געהאט זיין השפעה און אַרויסברענגען דאָס וואָלט בולטער געמאַכט די פראָבלעם געפאַנגענער אין אַ דייטשישן קאָנצענטראַציע־לאַגער. עס זענען טאַקע געווען יחידים — געוועזענע אונטערוועלט־מענטשן, אַלפאָנסן, מערדער, וואָס האָבן גאָרנישט נישט געוואָלט אַרויס פון לאַגער. זיי איז קיינמאָל נישט געווען אַזוי גוט אין „דרויסן" אויף דער פריי ווי אין לאַגער. נאָך איין פראָבלעם וואָלט אויפגעדעקט געוואָרן, נעמלעך, דער פראָבלעם „יידישער קאַפּאָ", וואָס איז ביז איצטער אַזוי שטאַרק פאַרנעפּלט אין דער גאַנצער כראָניק וועגן אָשוויענטשים.

ווי געזאָגט אויבן, האָט ד"ר פרידמאַן געפּרוווט אַרומצונעמען אַלץ בתוכם, הגם מיט בלויז אָנדייטונגען אויף דעם צווייטן טייל פון אָשוויענטשים. דער פּרווו אַליין איז שוין אַ גרויס געווינס. אָבער נישט בלויז אין דעם באַשטייט די וויכטיקייט פון ד"ר פרידמאַנס אַרבעט. דער מחבר האָט דאָ געלייגט דעם יסוד פאַר דער אַרבעט, וואָס דער היסטאָריקער, פאָרשער און געלערנטער דאַרף אָנהייבן אַרום דעם טרויעריקן קאַפּיטל חורבן פונעם יידישן אייראָפּע אין די יאָרן 1939־1945. דער כראָניקער פון דער צייט האָט שוין זיין חלק געטאָן און ס'איז צייט, אַז דער היסטאָריקער זאָל זיך אָנהייבן מטפל זיין צו זיין מיט דעם ענין. אַז מען לייענט „אָשוויענטשים" הייבט מען אָן צו זען די נויטווענדיקייט פון אַ פאָרשערס צוגאַנג. אין בוך איז לגמרי נישט פאַראַן דער רויטער פאָדעם פון סוביעקטיווקייט, וואָס איז אַזוי קענטיק אין גבית־עדותן, רעפּאָרטאַזשן, איבערלעבענישן און סתם דערציילונגען וועגן די גרויליקע מלחמה־יאָרן אונטער נאַצי־דייטשלאַנד. דער היסטאָריקער און פאָרשער האָט זיך, לויט אונדז, געהאַלטן ביי אַלע כללים פון אָביעקטיווקייט און אויסגעהיט זיך פון שוואַכקייטן און עמאָציאָנעלע מאָמענטן. און אין דעם באַשטייט די נוצלעכקייט פון ד"ר פרידמאַנס אַרבעט.

דאָס בוך אַנטהאַלט 29 קאַפּיטלען, וואָס וואָלטן זיך געלאָזט איינטיילן אין פעריאָדן, ווי די אַנטשטייאונג און אָרגאַניזאַציע פונעם לאַגער; אָשוויענטשים גופא אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן; אָשוויענטשים אַלס אַ געהילף־מיטל צו דער דייטשישער קריג־אינדוסטריע; אָשוויענטשים — צום סוף פון זיין עקזיסטענץ און די געהיימע ווידערשטאַנד אָרגאַניזאַציעס; דער סאַמע סוף פון לאַגער.

עס איז אוממעגלעך איבערצוגעבן דעם אינהאַלט פונעם בוך. יעדעס וואָרט, יעדער אות איז אַן אינהאַלט פאַר זיך און ס'איז נישטאָ קיין צענטראַלער פאָדעם, וואָס בינדט דעם בוך צו געבן אים אַן איינהייטלעכן תוכן,

*) דצ"ו. (איבערזעצט פון שרייבער).

אַחוץ דעם מאָמענט פון טויט און פאַרניכטונג וואָס דאָמינירט דאָרט.

ס'איז אָבער כדאַי איבערצוגעבן געוויסע מאָמענטן, אגב, וואָס דער שרייבער אַליין האָט מיטגעמאַכט און געווען אַן עד ראיה:

אין קאַפּיטל 26 (זייט 195): דער פאַל מיט פיר יידישע מיידלעך, וואָס האָבן געגנבעט אויפרייס־מאַטעריאַל אין דער פאַבריק „אוניאָן" *) און וואָס זענען שפּעטער אויפגעהאנגען געוואָרן אין בירקענוי.

אין קאַפּיטל 28, זייט 206 — די סעלעקציע יום־כיפּור פון יאָר 1944. אגב, איז די דאָזיקע סעלעקציע פאָרגעקומ'ען נישט ערב יום־כיפּור, נאָר מוצאי יום־טוב **).

אין קאַפּיטל 24, זייט 183 — דער פּרווו פון אויפשטאַנד אין דער זאָנדער קאָמאַנדע.

אין קאַפּיטל 15, זייט 125 — דער פאַל מיטן יידישן דאָקטאָר סאַמועל פון קעלן, וואָס האָט געמאַכט גינעקאָלאָגישע עקספּערימענטן אויף יידישע פרויען און איז שפּעטער דערהרגעט געוואָרן פון די דייטשן, ווייל ער האָט צופיל געוווּסט.

אין קאַפּיטל 8, זייטן 58 און 49 — נעמען ווי זאממער. קלאַוזען, גראַבער, אומייער און אַנדערע דערציילן אונדז, אַז דער אויסרייד פון יעדן דייטש, אַז ער האָט נאָר אויסגעפירט באַפעלן פון דער העכערער מאַכט זענען לגמרי פאַלש, נידערטרעכטיק. זאממער האָט געהאַט אַ הנאה צו קומען צום „אַפּעל" מיט אַן אָפענער רעוואָלווער־טאַש. דאָ האָט מען שוין געוווּסט, אַז עס וועט זיין נייעס. קאדוק האָט יעדן טאָג געמוז האָבן זיין קרבן און דעם ריח פון מענטשלעך בלוט. אומייער האָט סתם ליב געהאַט צו שלאָגן און בפרט מיט זיין קאַנטשיק.

אַז מען נעמט אין באַטראַכט די טעמאַטיק פון דער אַרבעט, אַ זאַך וואָס מיר פילן אַליין אויף זיך, זעט מען ערשט די אומדאַנקבאַרקייט פון ד"ר פרידמאַנס אַרבעט.

די יידישע אַמעריקע איז מחויב צו טאָן אַלץ, כדי צו העלפן דעם היסטאָריקער און וויסנשאַפטלער אין זיין אַרבעט. מיר, געוועזענע „אָשוויענטשימיאַנער" דאַרפן דאַנקבאַר זיין ד"ר פרידמאַנען פאַר אַרויסברענגען „אָשוויענטשים" אויף דער ליכטיקער שיין און אים העלפן מיט אונדזערע אייגענע דערפאַרונגען, איבערלעבענישן און איינדרוקן.

*) דער שרייבער האָט געאַרבעט אין דער „אוניאָן" און פערזענלעך געקאַנט איינע פון די 4 פרויען.

**) דעם ערב יום־כיפּור האָט דער שרייבער פון די שורות פאַרעפנטלעכט אין „גיוּיאָרקער וואָכנבלאַט", נומ. 348, פונעם 1טן אָקטאָבער 1948.

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"

DIRECTOR:
MARC TURKOW

DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG

Volumen 135

Copyright by
M. Bakalczuk-Felin, Johannesburg

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewish Material Claims Against Germany.

Hecho el depósito que marca la Ley

Este libro se terminó de imprimir el 20 de mayo de 1958, en los Tall. Gráf. Julio Kaufman, S.R.L., Av. Corrientes 1976, Bs. Aires

M. BAKALCZUK

Memorias de un Guerrillero Judío

●

Editado por la
Unión Central Israelita Polaca en la Argentina
Buenos Aires, 1958